STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03929

# REDES FUN A BUNTAR

Petr Alekseevich Kropotkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַטשקאָווסקיס
„פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

פּ. קראָפּאָטקין

# רעדעס פון א בונטאר

יידיש: י. ראַפּאָפּאָרט

וואַרשע—ניו־יאָרק 1930

Mowy buntownika
P. Kropotkina

Popularna Bibljoteka Naukowa
Wyd. Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8

PRINTED IN POLAND

Drukarnia
„B-ci Lewin-Epstein i S-ka"
Warszawa, Pawia 38.

# די היינטיקע לאַגע

געוויס, מיר דערנענטערן זיך מיט גרויסע טריט צו אַ רעוואָלוציע. אויסגעבראָכן אין איין לאַנד, וועט זי, ווי אין 1848־סטן יאָר, אַריבערגיין אין די שכנותדיקע לענדער, אין אַרומכאַפּנדיק די גאַנצע וועלט, וועט זי איבערבויען די היינטיקע געזעלשאַפט און איר געבן נייע קוואַלן פון לעבן.

כדי צו באַשטעטיקן דעמדאָזיקן געדאַנק, איז נישט נייטיק צו פאַררופן זיך אויף דער גבית־עדות פון באַרימטן דייטשן היסטאָריקער גערווינוס, אָדער פון באַקאַנטן איטאַליענישן פילאָזאָף פעררארי, וועלכע זענען געקומען צו דער איבערצייגונג — נאָך אַ גרינטלעכן שטודיום פון דער היינטיקער געשיכטע, — אַז צום סוף פון היינטיקן יאָרהונדערט איז אומפאַרמיידלעך אַ גרויסע רעוואָלוציע. עס איז גענוג זיך צוצוקוקן צום בילד, וועלכעס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט פאַר אונז פאַר די לעצטע צוואָנציק יאָר, זיך צוקוקן צו דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אַרום אונז.

מיר זעען, אַז אויפן גרויען פאָן פון דעם אַרום טרעטן בולט אַרויס צוויי הערשנדיקע דערשיינונגען: די דערוואַכונג פון פאָלק גלייכצייטיק מיטן פולן זיטלעכן, גייסטיקן און עקאָנאָמישן באַנקראָט פון די הערשנדיקע קלאַסן און די גסיסה־קאָנוווּליעס, די הילפלאָזע אָנשטרענגונגען פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, וועלכע שטרעבן צו שטערן דידאָזיקע דערוואַכונג.

* *

*

יאָ, די דערוואַכונג פון פאָלק!

אין דער שטיקנדיקער, דערדריקנדיקער אַטמאָספער פון די באַ־

טריבן און פאַבריקן, אין די שמוציקע שענקען, אונטער די בוידעם-דעכער, אין די אונטערערדישע פייכטע גאַלעריעס פון די קוילנשאַכטעס ווערט איצט געבוירן אַ נייע וועלט. אין דערדאָזיקער פינצטערער מאַסע, וועלכע די בורזשואַזיע פאַראַכטעט און פאַר וועלכער זי שרעקט זיך, — אָבער פון וועמענס טיפענישן עס שעפּן זייער באַגייסטערונג די גרויסע רעפאָרמאַטאָרן, — אין דערדאָזיקער אַטמאָספער ווערן היינט געשטעלט איינע נאָך דער צווייטער די עיקרדיקע פראַגעס פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיק און פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע; זיי ווערן מיט היץ באַהאַנדלט און באַקומען נייע לייזונגען, וועלכע ווערן אונטערגעזאָגט דורכן געפיל פון גערעכטיקייט. דידאָזיקע נייע מענטשן שניידן זיך איין אָן רחמנות אין די ווונדן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, עס ווערן געבוירן נייע געדאַנקען, נייע שטרעבונגען, עס ווערן אָנגעצייכנט נייע קאָנצעפּציעס.

עס ווערן אַרויסגעזאָגט די פאַרשידנסטע מיינונגען, די פאַרשידנסטע קוקן, אָבער אינמיטן פון אַלגעמיינעם כאַאָס טיילן זיך אויס אַלץ שאַרפער און שאַרפער צוויי הויפּט-געדאַנקען: דאָס פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום, קאָמוניזם פון איין זייט, און דאָס פאַרניכטן די מלוכה, אַ פרייע קאָמונע, אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון אַרבעטנדיקן פאָלק פון דער צווייטער זייט. צוויי וועגן, וואָס פירן צו איין ציל: גלייכקייט. דאָס איז אָבער נישט די צביעותדיקע פאָרמול פון גלייכקייט, וועלכע די בורזשואַזיע האָט אָנגעצייכנט אויף אירע פענער, איינגעשריבן אין אירע קאָדעקסן און וועלכע האָט איין ציל, — פאַרקנעכטן דעם פּראָדוצענט,

דאָס איז די אמתע גלייכקייט: ערד, קאַפּיטאַל און אַרבעט פאַר אַלעמען.

אומזיסט באַמיען זיך די הערשנדיקע קלאַסן צוד ערדריקן דידאָזיקע שטרעבונגען פונם אויפוואַכנדיקן פאָלק, אומזיסט פאַרשפּאַרן זיי אין תפיסות, פאַרניכטן זיי אַלץ, וואָס איז קעגן זיי אָנגעשריבן. די נייע אידעען דרינגען אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין באַוווסטזיין און באַהערשן די הערצער, ווי די טרוימען וועגן אַ פריי און רייך לאַנד אויפן מזרח האָבן אַמאָל באַהערשט די הערצער פון די קנעכט, וועלכע זענען געגאַנגען אין די רייען פון די קרייצטרעגער. דער געדאַנק קאָן דרימלען, אָבער נישט לאַנג, און אויב מען גיט אים נישט קיין אויסגאַנג, מען שטערט זיין פריי שאַפן, פאַרגראָבט ער זיך, אמת, אויף אַ צייט אין דער ערד, אָבער דערנאָך שלאָגט ער זיך ווידער דורך אויף דער אויבער-

פלאַך, נאָך לעבעדיקער און ברוויזקער. גיט אַ קוק אויף דער דערוואַכונג פון סאָציאַליזם אין פראַנקרייך, אויף דערדאָזיקער צווייטער דערוואַכונג אין משך פון פופצן יאָר.

די כוואַליע, וואָס איז אָפּגעפאַלן, הייבט זיך אויף מיט אַ נייער קראַפט. און ווי נאָר עס וועט געמאַכט ווערן דער ערשטער פרווו פּראַקטיש אָנצווענדן די נייע אידעען, וועלן זיי דערשיינען אין זייער גאַנצער פּשוטקייט, אין זייער גאַנצער צוציִענדיקייט. איין איינגעגעבענער פרווו — און דאָס באַוווסטזיין פון זיין קראַפט וועט באַגייסטערן דאָס פאָלק אויף אַ העראָישן טאַט.

דער מאָמענט איז געקומען. אַלץ האָט צוגעהאָלפן זיין דערנענטערונג: אָרימקייט, הונגער און, דער עיקר, אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע רייסט אַרויס דעם דענקנדיקן מענטש פון דעם ענגן קרייז פון זיין וואַרשטאַט און וואַרפט אים אַרויס אויף דער גאַס, ווו ער דערקענט תיכף די פאַרדאָרבנקייט און הילפלאָזיקייט פון די הערשנדיקע קלאַסן.

* *

*

און דערווייל, וואָס טוען זיי, דידאָזיקע הערשנדיקע קלאַסן?

אין דער זעלבער צייט, וואָס די נאַטורוויסנשאַפטן אַנטוויקלען זיך מיט אַן אומגלייבלעכער שנעלקייט און מיט די אומאויפהערלעכע אַנטדעקונגען דערמאָנען זיי דאָס פאַרגאַנגענע יאָרהונדערט פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע *); אין דער זעלבער צייט ווען טאָג-טעגלעך עפענען זיך אויף פאַרן מענטש נייע האָריזאָנטן אין זיין קאַמף מיט די פיינטלעכע נאַטור-כוחות, — איז די בורזשואַזע סאָציאַלע וויסנשאַפט שטום: זי מעלה-גרהט אירע אַלטע טעאָריעס.

אָבער אפשר פּראָגרעסירן דידאָזיקע הערשנדיקע קלאַסן אין פּראַקטישן לעבן?

אָ, ניין! זיי טרייסלען איבער מיט ווילדער התמדה די שמאַטעס פון וייערע אַלטע פענער. פאַרטיידיקן דעם עגאָיסטישן אינדיווידואַליזם, די קאָנקורענץ צווישן איין מענטש מיט דעם צווייטן, פון איין נאַציע מיט דער צווייטער, די אַלמעכטיקייט פון דער צענטראַליזירנדיקער מלוכה.

---

*) די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789. (דער איב.)

זיי גייען איבער פון פראטעקציאניזם צום פרייען האנדל און פון פרייען האנדל צום פראטעקציאניזם, פון רעאקציע צו ליבעראליזם און פון ליבעראליזם צו רעאקציע, פון אטעיזם צו צביעות און פון צביעות צו אטעיזם. תמיד אנגעשראקענע, מיט א קוק געווענדט צום עבר, האבן זיי לחלוטין קיין פעיקייטן נישט צו שאפן עפעס מער אדער ווייניקער פעסטס.

זייער גאנצע טעטיקייט איז א פולע סתירה צו זייערע אלע צוזאגן. זיי האבן אונז צוגעזאגט, דידאזיקע הערשנדיקע קלאסן, צו זיכערן די פרייהייט פון דער ארבעט — און האבן אונז פארקנעכטעט בא דער פאבריק און דעם באלעבאס. זיי האבן זיך גענומען ארגאניזירן די אינדוסטריע, אונז צוגעזאגט ווילשטאנד — און האבן געגעבן אומאויפהערלעכע קריזיסן און ארימקייט. מען האט צוגעזאגט צו בילדן אונז — און צוגענומען די מעגלעכקייט צו באקומען בילדונג; צוגעזאגט פאליטישע פרייהייט — און געשלעפט פון רעאקציע צו רעאקציעס; צוגעזאגט שלום — און געבראכט צו מלחמה, צו מלחמות אן א שיעור!

אט דאס איז אלץ, וואס זיי האבן פאר אונז געטון.

* *

*

דאס פאלק איז מיד; עס פאלט אונטערן יאך, עס פרעגט זיך, צו וואס האט אים דערפירט די הערשאפט פון דער בורזשואזיע, וואס חוזקט תמיד אפ פון אים.

דער ענטפער גיט אים די היינטיקע עקאנאמישע לאגע פון אייראפע.

דער קריזיס איז געווארן א כראנישע צרה. א בוימוואל-קריזיס, א מעטאלורגישער קריזיס, אלע קריזיסן ברעכן אויס פלוצלינג, בייטן אפ איינער דעם צווייטן אן אויפהער.

מען ציילט איצט אין די מיליאנען די צאל ארבעטער, וועלכע זענען געבליבן אן ארבעט; צענדליקער טויזנטער גייען פון שטאט צו שטאט, בעטנדיק א נדבה אדער פאדערנדיק מיט דראונגען ארבעט אדער ברויט, פונקט ווי אין 1787 האבן די פויערים געוואנדערט איבער פראנקרייכס וועגן, נישט געפינענדיק אין דאזיקן פרוכטבארן לאנד קיין פלעקערד אויף צו באארבעטן, אזוי בלייבן איצט די ארבעטער מיט פוסטע

הענט, נישט געפינענדיק קיין מאַטעריאַלן און געצייג, וועלכע זענען נייטיק פאַר דער פּראָדוקציע און וועלכע אַ הייפל פּוסט-און-פּאַסטניקעס האָבן פאַרכאַפּט. רייכע אינדוסטריע-צווייגן גייען פּלוצלינג אונטער; גרויסע שטעט, ווי שעפילד, בלייבן אָן מענטשן. עס הערשט אָרימקייט אין ענגלאַנד, ווו די „עקאָנאָמיסטן" האָבן מיט אַזאַ התמדה אָנגעווענדט זייערע פּרינציפּן, עס הערשט אָרימקייט אין עלזאַס; עס הערשט אַ הונגער אין איטאַליע, אַ הונגער אין שפּאַניע; אומעטום הערשט אַרבעטסלאָזיקייט, און מיט דער אַרבעטסלאָזיקייטס-נויט, ריכטיקער — אָרימקייט: בלוי-געוואָרענע קינדער, פרויען, וואָס ווערן עלטער צום סוף ווינטער אויף פינף יאָר, קראַנקהייטן, וואָס קאָשען געדיכט צווישן די אַרבעטער. אָט צו וואָס עס האָט אונז דערפירט זייער רעזשים.

און זיי רעדן צו אונז וועגן איבערפּראָדוקציע! איבערפּראָדוקציע? ווען דער קוילנגרעבער, וואָס זאַמלט צונויף הויפנס שטיינקוילן, האָט נישט קיין באַהייצונגס-מאַטעריאַל אין שווערסטן ווינטער? ווען דער וועבער, וועלכער אַרבעט אויס קילאָמעטערס צייג, קאָן נישט געבן זיינע אָפּגעריסענע קינדער קיין העמד? ווען דער מויערער, וועלכער בויט אויף פּאַלאַצן, לעבט אין אַ קאָנורע, און די מאָדיסטקע, וועלכע מאַכט פּרעכטיקע פּוצן פאַר ליאַלקעס, גייט אַרום האַלב נאַקעט אין קעלט?

אָט דאָס רופן זיי אָן „אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע?" דאָס איז גיכער אַ געהיימער בונד פון די קאַפּיטאַליסטן אויף צו פאַרקנעכטן די אַרבעטער.

* *

*

דער קאַפּיטאַל, דערדאָזיקער פּראָדוקט פון מענטשלעכער אַרבעט, דאַרף נישט פאַרווענדט ווערן, — זאָגן זיי, — אויף לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטרי, ווייל דאָס זענען אונטערנעמונגען זייער ריזיקאַלישע.

ווו אָבער געפינט ער פאַר זיך אַ מער ריווחדיקע פאַרווענדונג? וווהין גייט ער, פאַרלאָזנדיק די פייערזיכערע קאַכעס? וווהין? ער גייט אויף מעבלירן די סולטאַנישע האַרעמס, אויף פירן מלחמות, אויף אונטערצואַלטן די רוסישע קעגן די טערקן און גלייכצייטיק — די טערקן קעגן די רוסישע. ער ווערט פאַרווענדט אויף איינצואָרדנען אַקציאָנערע געזעלשאַפטן, וואָס ווערן געגרינדעט נישט אויף צו פּראָדוצירן עפּעס,

נאָר וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרענדיקן אין אַ צוויי־דריי יאָר אַרום מיט אַ גראַנדיעזן קראַך, פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם, ווי די רייכע גרינ־דער האָבן זיך דערהייטערט, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך מיליאָנען — דעם שכר פאַר איניציאַטיוו.

ער וועט אויך פאַרווענדט ווערן אויף בויען פאַר קיינעם נישט נייטיקע אייזנבאַנען אין סען־גאָטאַרד, אין יאַפּאָניע אָדער אפילו אין סאַהאַרע־מדבר — אַבי די ראָטשילדס, דער אינזשיניער און דער אונ־טערנעמער זאָלן פאַרדינען דערביי צו פאַר מיליאָן.

אָבער דער עיקר גייט דער קאַפּיטאַל אויף אַזשיאָטאַזש: אויף דער בערזע־שפּיל. דער קאַפּיטאַליסט וועט שפּעקולירן אויף דער קינסטלעכער פּרייז־העכערונג פון תבואה און בוימוואָל; ער וועט שפּעקולירן אויף דער פּאָליטיק, אויף דער העכערונג פון די מלוכה־פּאַפּירן, אַ דאַנק אַ פאַלש־פאַרשפּרייטן קלאַנג וועגן פאַרשידענע רעפאָרמעס אָדער דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען; און מערסטנטייל וועלן געניסן פון דידאָזיקע שפּע־קולאַציעס די אַגענטן פון דער רעגירונג גופא. דער אַזשיאָטאַזש, וואָס טויט די אינדוסטריע, אָט איז די אמתע לאַגע, אָט וואָס עס הייסט באַזיי־פירן פאַרשטענדיק די געשעפטן. אָט צוליב וואָס מיר דאַרפן זיי אויס־האַלטן, ווי זיי זאָגן!

* *

*

דער עקאָנאָמישער כאַאָס האָט דערגרייכט זיין אַפּאָגיי.

אָבער אינגיכן וועט נעמען אַ סוף צו אים.

דאָס פאָלק איז מיד פון די אומאויפהערלעכע קריזיסן, וועלכע ווערן אַרויסגערופן דורך דער גיריקייט און רויבערישקייט פון די הערשנ־דיקע קלאַסן. עס וויל לעבן און אַרבעטן, און נישט שלעפן די לאַסט פון רופלאַזע יאָרן פון אומגליק און נויט, באַקומענדיק דערנידעריקע נדבות און האָבנדיק אין אויסזיכט אַ צוויי־דריי יאָר פון מער אָדער ווייניקער געזיכערטער, אויסשעפנדיקער אַרבעט, וועלכע צאָלט זיך תמיד אָפּ בעטלעריש.

דער אַרבעטער האָט זיך איבערצייגט אין באַנקראָט פון די הערשנ־דיקע קלאַסן; ער ווייסט, אַז דידאָזיקע צעשאָטענע אַלטע זענען נישט בכוח צו באַגרייפן זיינע שטרעבונגען צו אַ נייַ לעבן, זיי זענען נישט

פעיק אליין צו אָרגאַניזירן די אינדוסטרי, די פּראָדוקציע און דעם סחורות-טויש. דאָס פאָלק וועט אינגיכן אַרויסטראָגן זיין אורטייל איבער דער בורזשואַזיע און וועט צונעמען בײַ איר אירע רעכט. עס וועט זיך אַליין פאַרנעמען מיט זיינע ענינים, ווי נאָר עס וועט קומען אַ גינסטיקער מאָמענט. דערדאָזיקער מאָמענט וועט לאַנג נישט לאָזן וואַרטן אויף זיך. פאַר זיין דערנענטערונג זאָרגן סיי די בויטן, וואָס גראָבן אונטער די אינדוסטרי, ווי אויך די פולע צעפאַלונג פון די מלוכות, וועלכע קומט פאַר אויף אונזערע אויגן מיט קאַפּשוינדלדיקער שנעלקייט.

---

# די צעפאַלונג פון די מלוכות

אויב די עקאָנאָמישע לאַגע פון אייראָפּע קאָן פאָרמולירט ווערן דורך די ווערטער: אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער כאַאָס און באַנקראָט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, — דאַרף די פּאָליטישע לאַגע כאַראַקטעריזירט ווערן אַזוי: אַ שנעלע צעפאַלונג און אַ נאָענטער אונטערגאַנג פון אַלע מלוכות.

באמת, זיי אַלע, פון דער זשאַנדאַרמישער זעלבסט-הערשאַפט פון רוסלאַנד ביז דער בורזשואַזער אָליגאַרכיע פון דער שווייץ, גייען מיט שנעלע טריט צו צעפאַלונג און, במילא, צו רעוואָלוציע.

חרובע אַלטע מיט קנייטשן אויף די שטערנס, מיט אַ ציטערדיקן גאַנג, צעפרעסענע דורך קאָנסטיטוציאָנעלע קראַנקהייטן, אומפעיקע צו באַהעפטן זיך צו די נייע לעבנס-שטראָמען, פאַרשווענדן זיי אומזיסט דעם נישטיקן רעשט פון זייערע כוחות אויף קעגנזייטיקער שנאה, אויף פאַרטיידיקן די אָפּגעלעבטע אַבערגלויבנס, און דורכדעם דערנענטערן זיי זייער אונטערגאַנג.

* *

*

אַן אומאויסהיילבאַרע קרענק — די קראַנקהייט פון עלטער און צעפאַלונג — פרעסט זיי.

דערגרייכנדיק אין XVIII-טן יאָרהונדערט דעם קולמינאַציע-פּונקט פון זייער אַנטוויקלונג, זענען די אַלטע מלוכות פון אייראָפּע איצט אַריינגעטרעטן אין דער פאַזע פון ירידה. די מלוכה — אַן אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עטלעכע מענטשן פירן אָן מיט אַלע מיטגלידער און אַלע

ענינים, האָט אָפּגעלעבט איר צייט. די מענטשהייט אַרבעט שוין אויס נייע
פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס פאָלק שטרעבט צו צעשטערן
די מאַכט, וואָס שטערט זיין פרייע אַנטוויקלונג. עס פאָדערט די אויטאָ-
נאָמיע פון פראָווינצן, געמיינדעס, אַרבעטער-פאַראיינען, וואָס זענען גע-
גרינדעט אויף אַ קעגנזייטיקער פרייוויליקער פאַרשטענדיקונג, און נישט
אויף געזעצן, וועלכע די מאַכט וואַרפט אָן.

אָט דאָס איז די היסטאָרישע פאַזע, אין וועלכער מיר זענען שוין
אַריינגעטרעטן.

ווען די הערשנדיקע וואָלטן פעיק געווען צו באַגרייפן די הייַנטיקע
לאַגע פון דער געזעלשאַפט, וואָלטן זיי, פאַרשטייט זיך, געאיילט זיך
שטעלן אין דער שפּיץ פון אַלע נייע שטרעבונגען. אָבער דורכגעלעבט
דאָס גאַנצע לעבן לויט די אַלטע טראַדיציעס, נישט קענענדיק קיין אַנ-
דערן קולט, אַ חוץ דעם קולט פון עגל הזהב, שטעלן זיי זיך אַקעגן מיט
אַלע כוחות דעם אָנקום פון נייע אידעען און דורכדעם פירן זיי אונז
אומפאַרמיידלעך צו אַ שטורמישער אויפטרייסלונג. דאָס פאָלק וועט שטעלן
זיינע פאָדערונגען אונטערן דונער פון האַרמאַטן, אונטערן טראַסק פון
גראַנאַטן, בײַ דער שיין פון שריפות.

* *

*

ווען אין אייראָפּע זענען אויפגעקומען די נייע מלוכות, נאָכן אונ-
טערגאַנג פון די מיטלאַלטערלעכע אינסטיטוציעס, האָבן זיי געהאַט צו
פאַרוואַלטן בלויז מיט אַ קליינעם קרייז פון געזעלשאַפטלעכע ענינים.
איצט אָבער מישט זיך די מלוכה לחלוטין אין אַלע דערשיינונגען פון
אונזער לעבן. פון וויג ביזן קבר געפינען מיר זיך אין אירע צוואַנגען.
צי דאָס איז אַ צענטראַלע מלוכה, צי אויטאָנאָמע פראָווינצן אָדער קאַנ-
טאָנען, אַ געמיינדע-מלוכה, פאַרפאָלגט זי אונז אומעטום, זי לייגט אַרויף
אויף אונז אירע קייטן, זי שרייבט אונז פאָר אירע געזעצן.

זי שאַפט גאַנצע הויפנס געזעצן און פאָרשריפטן, אין וועלכע עס
קאָן זיך נישט פונאַנדערקלייבן דער געשיקסטער אַדוואָקאַט. יעדן טאָג
איז זי מוסיף עפּעס נייעס צו דער אַלטער מאַשין און שאַפט אַזאַ קאָמ-
פּליצירטן, ווילדן און זינלאָזן מעכאַניזם, אַז זיינע אָנפירער אַליין הייבט
ער אָן אַרויסצוברענגען פון געדולד. זי האַלט אויס אַ גאַנצע אַרמיי באַאַמטע,

שוחד־שפינען, וועלכע קוקן אויף דער וועלט דורך די שמוציקע שויבן פון זייערע קאַנצעלאַריעס, וועלכע פאַרלירן דעם געזונטן פאַרשטאַנד אין דעם אומענדלעכן פלאָנטער פון די קאַנצעלאַרישע פּאַפּירן.

דאָס איז אַ באַנדע, וואָס האָט איין רעליגיע — די רעליגיע פון קופּפערנעם גראָשן, איין זאָרג — וואָס גיכער צוצושטיין צו יענער פּאַרטיי, — זאָל זי זיין שוואַרץ, לילע אָדער ווייס, — וועלכע גאַראַנטירט דעם מאַקסימום געהאַלט בײַ אַ מינימום אַרבעט.

די רעזולטאַטן זענען אונז גאַר גוט באַקאַנט.

צי איז דען דאָ כאָטש איין צווייג פון מלוכהשער טעטיקייט, וועלכע זאָל נישט עמפּערן אַלע, וועלכע קומען מיט איר אין באַרירונג, כאָטש איין צווייג, אין וועלכער די מלוכה זאָל נישט האָבן אַרויסגעוויזן איר פולשטענדיקן באַנקראָט, נאָך אַזוי פיל יאָרהונדערטן עקזיסטענץ און אַרבעט ?

* *

*

די גרויסע, אַלץ וואַקסנדיקע סומעס, וועלכע די מלוכה מאָנט אויף פון פאָלק, גענוגט נישט אויף צו באַפרידיקן אירע נויטן, זי לעבט תמיד אויפן חשבון פון די קומענדיקע דורות.

אייראָפּעס מלוכה־חובות האָבן איצט דערגרייכט די אומגלויבלעכע ציפער פון העכער הונדערט מיליאַרד, — הונדערט טויזנט מיליאָן פראַנק. ווען די הכנסות פון אַלע מלוכות וואָלטן פאַרוועדט געוואָרן אויף צו דעקן דעמדאָזיקן חוב, וואָלטן אויף דעם נישט געסטייעט קיין פופצן יאָר. די מלוכות אָבער פאַרגרעסערן מיט יעדן טאָג זייערע הוצאות ; יעדע פּאַרטיי, וועלכע שטייט בײַ דער מאַכט, שאַפט נייע אַמטן פאַר אירע קליענטן — דאָס איז אומפאַרמיידלעך.

אַזוי איז די לאַגע אין דער צייט פון שלום. ווען עס ברעכט אָבער אויס אַ מלחמה, וואַקסן די מלוכהשע חובות און דעפיציטן אין הימל אַריין, און מען זעט קיין סוף נישט דערצו ; נישטאָ קיין אויסוועג פון דאָזיקן לאַבירינט. די מלוכות גייען מיטן גאַנצן דאַמף צום באַנקראָט, און ס׳איז נאָענט דער טאָג, ווען דאָס פאַראָרימטע פאָלק וועט זיך אָפּזאָגן צו צאָלן יאָר־יערלעך די באַנקירן פיר מיליאַרד פראַנצענט, עס וועט

ערקלערן דעם פוילן באַנקראָט פון די מלוכות און עס וועט שיקן דידאָזיקע באַנקירן אַקערן די ערד, אויב זיי ווילן לעבן.

* *

*

מיט דער עקזיסטענץ פון דער מלוכה איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן די נויטווענדיקייט פון מלחמה. די מלוכה מוז זיין שטאַרק, שטאַרקער פון די שכנים, אַנדערש וועט זי זיין אַ שפּילעכל אין זייערע הענט. זי דאַרף זעען רוינירן די אַנדערע מלוכות, כדי זיי אונטערצוואַרפן אונטער אירע געזעצן, איינפירן אירע האַנדלס־אַפּמאַכן און רייך ווערן אויף זייער חשבון. דער קאַמף פאַר העגעמאָניע, דער יסוד פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, איז גלייכצייטיק אויך דער יסוד פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. אָט דעריבער איז די מלחמה געוואָרן אייראָפּעס נאָרמאַלער צושטאַנד. די פּרייסיש־דענישע מלחמה, די פּרייסיש־עסטרייכישע, די פראַנצויזיש־פּרייסישע, די מלחמה אויפן מזרח, אין אַפגאַניסטאַן — דידאָזיקע אַלע מלחמות קומען איינע נאָך דער צווייטער. עס זעען זיך פאָרויס נאָך נייע מלחמות: רוסלאַנד, ענגלאַנד, פּרייסן, דאַניע זענען איצט גרייט צו וואַרפן זייער מיליטער איינער קעגן צווייטן. סיבות פאַר מלחמות וועלן נאָך קלעקן אויף אַ יאָר דרייסיק.

און מלחמה ברענגט מיט זיך אַרבעטסלאָזיקייט, קריזיסן, פאַרגרעסערטע שטייערן, וווקס פון די חובות. חוצדעם איז מלחמה אַ מאָראַלישער קלאַפּ פאַר דער מלוכה. נאָך יעדער מלחמה איבערצייגט זיך דאָס פאָלק אין דעם באַנקראָט פון דער מלוכה אפילו אין זיין דירעקטער באַשטימונג: זי פאַרטיידיקט קוים איר טעריטאָריע; אפילו אַלס זיגערין ליידט זי גרויסע פאַרלוסטן. דערמאַנט זיך נאָר די יוירונג, וועלכע די מלחמה פון 1871 האָט אַרויסגערופן סיי אין פראַנקרייך, סיי אין דייטשלאַנד; דערמאַנט זיך נאָר די אומצופרידנקייט, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אין רוסלאַנד צוליב דער מלחמה אויפן מזרח.

די מלחמות און באַוואָפנונגען פירן די מלוכות צום אונטערגאַנג; זיי דערנענטערן זייער מאָראַלישן און עקאָנאָמישן באַנקראָט. נאָך איינע, צוויי גרויסע מלחמות, און ס׳וועט קומען אַ סוף צו דידאָזיקע צעפּאָרענע מאַשינען.

*  *

*

צוגלייך מיט דער אויסערלעכער מלחמה קומט פאַר אַן אינערלעכע אָנערקענט דורכן פאָלק מיטן תּנאי, זי זאָל זיין אַ באַשיצערין פון די שוואַכע קעגן די שטאַרקע, איז די מלוכה איצט געוואָרן אַ שול פאַר די רייכע קעגן די עקספּלואַטירטע, פאַר די באַלעבאַטים קעגן די אַרבעטער.

צוואָס דאַרף מען זי האָבן דידאָזיקע גרויסע מאַשין, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מלוכה?“ צי שטערט זי דעם קאַפּיטאַליסט צו עקספּלואַטירן דעם אַרבעטער, דעם פּריץ — דעם פּויער? צי פאַרזיכערט זי אונז פרייהייט פון אַרבעט? צי שיצט זי אונז פאַר וווכערער? צי גיט זי ברויט אַ פרוי, ווען זי באַמיט זיך צו שטילן מיט וואַסער דעם הונגער פון איר קינד, וועלכעס וויינט בא איר אויסגעצערטער ברוסט?

ניין, טויזנט מאָל ניין! די מלוכה נעמט אונטער איר שוץ עקספּלואַטאַציע, שפּעקולאַציע, פּריוואַט-אייגנטום — דעמדאָזיקן פּראָדוקט פון גזלה. דער פּראָלעטאַריער אָבער האָט נישט וואָס צו דערוואַרטן פון דער מלוכה; זי באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות צו שטערן זיין עמאַנסיפּאַציע.

אַלץ — פאַרן באַלעבאָס — דעם פּאַראַזיט; אַלץ — קעגן דעם אַרבעטער-פּראָלעטאַריער: אַ בורזשואַזע דערציונג, וואָס פאַרדאַרבט דאָס קינד, איינפּלאַנצנדיק אין אים פאַראורטיילן קעגן גלייכקייט; די קירכע, וואָס פאַרטונקלט דעם פאַרשטאַנד פון דער פרוי; געזעצן, וואָס שטערן דעם געדאַנקן-טויש וועגן גלייכקייט און סאָלידאַרישקייט; געלט אויף צו דעמאָראַליזירן און אונטערקויפן די אַפּאָסטאָלן פון פּראָלעטאַריאַט; ענדלעך, תּפיסה און קאַטאָרגע פאַר די, וועמען מען קאָן נישט אונטערקויפן, אָט וואָס אַזוינס עס איז די „מלוכה“...

*  *

*

קאָן דאָס אַזוי ווייטער גיין?

געוויס נישט. אַ גאַנצער קלאַס פון דער געזעלשאַפט, דער צאָלרייכסטער און איינציק-פּראָדוצירנדיקער, קאָן נישט תּמיד אונטערהאַלטן

אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז איינגאַנצן געווענדט קעגן אים. אומעטום, — סיי אונטערן דעספּאָטישן יאָך פון רוסלאַנד, סיי אונטער דער צביעות־דיקער הערשאַפט פון די קאַמבעטיסטן, — איז דאָס אומצופרידענע פאָלק מורד. די געשיכטע פון אונזער צייט איז די געשיכטע פון קאַמף צווישן די פּריווילעגירטע הערשער מיטן אונטערדריקטן פאָלק, וועלכעס פאָדערט גלייכהייט פון די רעכט. דערדאָזיקער קאַמף בילדעט מיט זיך די הויפּט־זאָרג פון די הערשער און ער פירט אָן מיט זייערע האַנדלונגען. נישט קיין באַשטימטע פּרינציפּן, נישט קיין זאָרג וועגן וויל פון פאָלק ליגט אין יסוד פון די נייע געזעצן און פאַראָרדנונגען, נאָר אויסשליסלעך די שטרעבונג איינצוהיטן זייערע פּריווילעגיעס.

דערדאָזיקער קאַמף אַליין וואָלט געקאָנט צעשטערן די פעסטסטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. ווען ער קומט נאָך אָבער פאָר אין מלוכות, וועלכע גייען צום אונטערגאַנג, געטריבן דורך היסטאָרישער נויטווענדי־קייט, ווען דידאָזיקע מלוכות פאַרשנעלערן אַליין זייער אונטערגאַנג, צעשטערנדיק איינע די צווייטע, ווען זיי ווערן עקלדיק אפילו פאַר די, וועמען זיי באַשיצן, — דאַן קאָן שוין קיין ספק נישט זיין וועגן אויסגאַנג פון קאַמף. דאָס פאָלק וועט געפינען כוחות, כדי זיך צו באַפרייען פון זיינע באַדריקער. דער אונטערגאַנג פון די מלוכות איז נאָענט און אומ־פאַרמיידלעך. דער רויקסטער פילאָזאָף מוז זעען דעם שריפה־אָפשיין פון דער גראַנדיעזער רעוואָלוציע.

# די נויטווענדיקייט פון דער רעוואָלוציע

עס זענען דאָ עפּאָכעס אין לעבן פון דער מענטשהייט, ווען עס פילט זיך די נויטווענדיקייט פון אַ גראַנדיעזער אויפטרייסלונג, פון אַ קאַטאַקליזם, וועלכער זאָל אויפוועקן די געזעלשאַפט פון איר יאָרהונדערטלאַנגן שלאָף. אין דידאָזיקע עפּאָכעס הייבט יעדער לעבעדיקער, דענקענדיקער מענטש אָן צו פאַרשטיין, אַז ווייטער לעבן אַזוי איז אוממעגלעך, אַז עס מוזן פאָרקומען געשעענישן, וועלכע זאָלן איבעררייסן דעם פאָדעם פון דער געשיכטע, וואָס זאָלן אַראָפּשטויסן די מענטשהייט פון אירע רעלסן, אויף וועלכע זי האָט זיך איינגעפאָרן, און מען זאָל זי פירן אויף נייע וועגן, צו עפּעס אומבאַקאַנטס, אין זוכעניש נאָך אַן אידעאַל. עס פילט זיך די נויטווענדיקייט פון אַ גראַנדיעזער, ברויזנדיקער רעוואָלוציע, וועלכע זאָל צעשטערן דעם עקאָנאָמישן רעזשים, וואָס באַזירט אויף עקספּלואַטאַציע, שפּעקולאַציע און אָפּנאַרעריי, און די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס באַזירט אויף אַ קליין הייפל, וועלכעס האָט דעראָבערט די מאַכט דורך כיטרעקייט און אינטריגעס.

דידאָזיקע רעוואָלוציע וועט באַנייען די געזעלשאַפט אין איר גייסטיקן און זיטלעכן לעבן און זי וועט אַריינגיסן אין איר קליינלעכן, טאָג-טעגלעכן, אויסגעלאַסענעם לעבן אַ נייעם שטראָם מסירות-נפשדיקע איידעלע שטרעבונגען.

אין אַזעלכע עפּאָכעס, ווען די זעלבסטצופרידענע מיטלמעסיקייט טויט דעם געדאַנק און פאַרפאָלגט יעדן איינעם, ווער עס פאַלט נישט קיין קורבן פאַר אויטאָריטעטן, ווען די אָרימע זיטלעכקייט און די מאַגערע טוגנט פון מענטשן פון גאָלדענעם מיטן ווערט אַ געזעץ, ווען אומעטום הערשט נידעריקייט און באַנאַלקייט — איז די רעוואָלוציע אַ נויטווענדיקייט.

די בעסטע מענטשן פון אלע געזעלשאפטלעכע קרייזן רופן דעם שטורעם, ער זאל מיט זיין פייערדיקן אָטעם רייניקן די וועלט פון דער פּעסט, וואס האָט אים פארפעסטעט, ער זאל פארניכטן דעם זשאַווער, וואס פרעסט אונז אויף, ער זאל מיטרייסן אין זיין ווירבלדיקן דראנג, די נישטיקע רעשטלעך פון עבר, וועלכע נעמען צו בא אונז די לופט און דאָס ליכט, און ער זאל ברענגען דער גאנצער מענטשהייט א נייעם קוואל יוגנט, ערלעכקייט און אדלקייט.

אין אזעלכע עפּאָכעס פארגעסט מען וועגן טעגלעכן ברויט, און מענטשן, וועלכע זענען מיד פון דער אומבאַוועגלעכקייט און טעמפּקייט פון דעם אַרומיקן, וועלכע שטיקן זיך אין שטינקענדיקן זומפּ פון לעבן, רייסן זיך מיט אלע כּוחות צום ליכט, צו פּראָגרעס, צו באַנייטן פולן געדאנק און קראפט, צום לעבן. אין איר עבר גיט אונז די געשיכטע א גרעלן ביישפּיל פון אזא עפּאָכע: דאָס פאלן פון דער רוימישער אימפּעריע. די מענטשהייט לעבט איצט איבער אן ענלעכע פאזע פון טיפער ענדערונג.

*

אויב די רעוואָלוציע איז אומפארמיידלעך בא דער איצטיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרדנונג, איז זי אָבער ממש א נויטווענדיקער פאר דער פולער איבערשאצונג פון אונזערע אלע מאָראַלישע יסודות.

קיין שום פאָרם פון צוזאמענלעבן איז נישט מעגלעך אָן עטישע פארבינדונגען און געוויסע פליכטן, וועלכע די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט לייגן אַרויף איינע אויף די צווייטע און וועלכע ווערן בהדרגהדיק פארוואַנדלט אין געוווינהייט. אין אלע אָרגאַניזאַציעס טרעפן מיר דידאָזיקע עטישע פארבינדונגען, דידאָזיקע סאָציאַלע געוווינהייטן. באַזונדערס שטאַרק זענען זיי אַנטוויקלט בא די פרימיטיווע פעלקער, דידאָזיקע לעבעדיקע דענקמעלער פון דעם, וואס די מענטשהייט איז געווען אין אָנהייב פון איר לעבן.

אָבער די נישט גלייכמעסיקע פארטיילונג פון די רייכטימער, די נישט גלייכע באַדינגונגען, די עקספּלואַטאַציע פון איין מענטש דורכן צווייטן, די הערשאַפט פון אייניקע אויסדערוויילטע איבער די מאַסן, האָבן

זאינטערגעגראָבן און צעשטערט אין משך פון דער צייט די יסודות פון פּרימיטיוון לעבן פון די פעלקער. די אינדוסטרי, וואָס באַזירט אויף עקספּלואַטאַציע, דער האַנדל, וואָס דערנערט זיך פון שווינדל, די הערשאַפט פון פּריווילעגירטע, וועלכע רופן זיך אָן „רעגירונג", קאָנען נישט עקזיסטירן זייט באַ זייט מיט די פּרינציפּן פון אַלגעמיינער גלייכהייט און איינִיקייט, וועלכע עס אָנערקענען נאָך די שבטים, וועלכע זענען אָפּגעוואָרפן אויף די הינטערהויפן פון די אַזוי גערופענע ציוויליזירטע מלוכות. וואָסער רייד קאָן זיין וועגן סאָלידאַרישקייט צווישן קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבעטער, וועלכן ער עקספּלואַטירט? צווישן דעם אַרמיי-קאָמאַנדיר און דעם זעלנער? צווישן הערשער און דעם אונטערטעניקן אונטערטאַן?

די פּרימיטיווע עטיק, וואָס באַזירט אויף דער גלייכקייט פון יעדן אינדיווידום מיט אַלע זיינע מיטמענטשן, האָט אָפּגעטרעטן איר אָרט פאַר דער צביעותדיקער מאָראַל פון דער רעליגיע, וועלכע באַמיט זיך צו באַרעכטיקן עקספּלואַטאַציע און קנעכטשאַפט דורך סאָפיזמען און לפנים וועגן פאַראורטיילט זי נאָר די ווילדסטע און אכזריותדיקסטע דערשיינונגען פון דער הערשנדיקער מאַכט. די רעליגיע האָט באַפרייט דעם מענטש פון זיינע עטישע פליכטן לגבי זיין חבר און אָנשטאָט דעם האָט זי אין אים איינגעפלאַנצט אַ פאַרערונג פאַר אַן אומזעבאַרער אַבסטראַקציע — פאַר דעם העכסטן וועזן, וועמעס לייטזעליקייט מען קאָן קויפן דורך גוט באַפרידיקן זיינע אַזוי-גערופענע דינער.

אָבער די באַציונגען, וועלכע האָבן זיך אין אונזער צייט איינגעשטעלט צווישן איינצלנע פּערזאָנען, גרופּעס, נאַציעס, קאָנטינענטן, לייגן אַרויף אויף דער מענטשהייט נייע עטישע פליכטן. אין דער מאָס, אויף וויפל עס פאַרשווינדן די רעליגיעזע גלייבונגען, הייבט אָן דער מענטש צו באַגרייפן די נייטיקייט פון געוויסע פליכטן לגבי די-יעניקע, מיט וועלכע אים קומט אויס צו האָבן באַציונגען. ער האָט באַגריפן, אַז זיין פּערזענלעך גליק הענגט אינגאַנצן אָפּ פונם גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט. די נעגאַטיווע פּרינציפּן פון דער רעליגיעזער עטיק: „זאָלסט נישט גנבענען, זאָלסט נישט טויטן", לאָזן איבער זייער אָרט פאַר מער פּאָזיטיווע פּרינציפּן פון דער מענטשלעכער מאָראַל. די געבאָטן, אויף וועלכע מען קאָן תמיד עובר זיין, אַרויסרופנדיק פריער זיין חסד דורך קרבנות, ווערן איצט פאַרביטן דורך פאָדערונגען פון גלייכקייט און סאָלידאַרישקייט, וועלכע זאָגן: „אויב דו ווילסט זיין גליקלעך, טו אַלעמען און יעדן איינעם בלויז דאָס, וואָס דו וואָלסט וועלן, מען זאָל דיר טון". און

דערדאָזיקער פשוטער פּאָזיטיווער פּרינציפּ, וואָס האָט נישט קיין שום געמיינזאַמס מיט די פאַרשריפטן פון דער רעליגיע, עפנט תיכף אויף פאַר דער מענטשהייט אַ ברייטן געביט פאַר זעלבסט-פאַרפולקאָמונג.

די נויטווענדיקייט צו ענדערן אונזערע קעגנזייטיקע באַציונגען אין הסכם מיטן דאָזיקן פּרינציפּ, לאָזט זיך פילן מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער. אָבער קיין שום זאַך קאָן נישט און וועט נישט דערגרייכט ווערן אין דערדאָזיקער ריכטונג, כּל-זמן עקספּלואַטאַציע, הערשאַפט, צביעות און סאָפיזמען וועלן ווייטער בלייבן די יסודות פון אונזער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע.

*     *

*

טויזנט ביישפּילן קאָנען געבראַכט ווערן אויף צו באַשטעטיקן דאָס. מיר וועלן זיך אָבער באַשרענקען מיט איינעם, — מיטן שרעקלעכסטן, — מיטן ביישפּיל פון אונזערע קינדער. וואָס מאַכן מיר פון זיי אין דער היינטיקער געזעלשאַפט?

די אַכטונג צו דער קינדהייט, די ליבע צום קינד — די בעסטע איינגשאַפטן, וועלכע די מענטשהייט האָט אויסגעאַרבעט אויף איר גאַנצן שווערן וועג פון פּרימיטיוון צושטאַנד צום היינטיקן. וויפיל מאָל איז אויסגעקומען צו זעען פאַרגרעבסטע פאַרברעכערס, וועלכע זענען אַנטוואָפנט געוואָרן דורך אַ קינדערישן שמייכל! אין אונזער צייט פאַרשווינדט דידאָזיקע אַכטונג; דאָס קינד איז געוואָרן בײַ אונז אַן אַרבעטס-בהמה אָדער, אין בעסטן פאַל, אַ שפּילצייג אויף צו באַפרידיקן די תאוות.

*     *

*

מיר האָבן נישט לאַנג צוריק געזעען, ווי די בורזשואַזיע פאַרניכטעט אונזערע קינדער, צווינגענדיק זיי צו אַרבעטן אין די באַטריבן און פאַבריקן*). דאָרט טויט מען זיי פיזיש. און די ביזן גרונט פאַרדאָרבענע געזעלשאַפט טויט זיי אויך מאָראַליש.

---

*) דידאָזיקע שורות זענען געשריבן געוואָרן אין שייכות מיט עמאַ בראַונס באַ-

זי האט די בילדונג דערפירט צו דער נידעריקער מדרגה פון זינלאזן איינחזרן, וועלכעס קאן, פארשטייט זיך, נישט געבן קיין נארונג פאר דערהויבענע שטרעבונגען און אידעאלן, וועלכע זענען אייגן בא דער גרעסטער טייל פון אונזערע קינדער אין א געוויסן עלטער. פארקערט, זי באמיט זיך מיט אלע כוחות צו דערדריקן יעדע טאלאנטירטע, אומאפהענגיקע און שטאלצע נאטור. מער אדער וויניקער באוווסטזיניקע קינדער הייבן אן פיינט האבן די אלע, ווערן פארביטערט און פארשליסן זיך אין זיך אויפן גאנצן לעבן אדער זיי ווארפן זיך מיט יאוש זוכן א וועלכן נישט איז אויסגאנג פאר זייערע ליידנשאפטן און שטרעבונגען. זיי ווארפן זיך דורשטיק אויף ראמאנען, באמיענדיק זיך צו געפינען אין זיי די דיכטונג, וועלכע דאס לעבן האט זיי נישט געגעבן; זיי פארזינקען אין דערדאזיקער שמוציקער מארק-ליטעראטור, וועלכע ווערט פאבריצירט פאר דער בורזשואזיע, צו צענערל פאר א שורה, און אנלייענדיק זיך, ווי דער יונגער לעמעטר, שטעקן זיי אריין א מעסער אין האלז פון עפעס א קינד, כדי צו ווערן א בארימטער מערדער. אנדערע גיבן זיך ליידנשאפטלעך איבער צו אויסגעלאסנקייטן און נאר די קינדער, וועלכע פארמאגן נישט נישט קיין ליידנשאפטן, נישט קיין שטרעבונגען צו אומאפהענגיקייט און זעלבשטענדיקייט, דערגרייכן בשלום דעם סוף. זיי וועלן פארזעען די געזעלשאפט מיט א גענוגנדיקן קאנטינגענט גוטע בורזשויען, מיט זייער נישטיקער זיטלעכקייט און ארימער טוגנט. דאס

---

ריכט וועגן קינדערשער ארבעט אין די פאבריקן פון מאסאטשוזעט. איר איז אויסגעקומען צו באזוכן א גרויסע טייל פאבריקן פון דער מלוכה און זי האט קאנסטאטירט, אז אין קיין ארט ווערן נישט אפגעהיטן די געזעצן, וועלכע נארמירן די קינדער-ארבעט. אין יעדער פאבריק האט זי געזען א סך קינדער, אומגליקלעכע, אויסגעשעפטע באשעפענישן, מיט נייגונגען צו אלערליי קראנקהייטן: בלוטארימקייט, פיזישע פארקריפלטקייט, שווינדזוכט און א. וו. כמעט א העלפט (פיר און פערציק אויף הונדערט) ארבעטער אין מאסאטשוזעט מאכן אויס קינדער יינגער פון פופצן יאר. און ס'איז פארשטענדלעך. ארבעטנדיק צוועלף שעה א מעת-לעת, באקומען זיי בלויז 24 פראצ. פונם דערוואקסענעם ארבעטערס לוין.

מיר ווייסן, אז נישט געקוקט אויף די אזוי גערופענע שוץ-געזעצן פאר קינדער, זענען אלע פאבריקן און באטריבן, ביז די קוילנגרובן אין אייראפע, פול מיט קינדער, וועלכע ארבעטן צו צוועלף שעה א מעת-לעת.

וענען מענטשן, וועלכע וועלן, פאַרשטייט זיך, נישט אַרויסציען קיין נאָוטיכלעך פון די קעשענעס פון די פאַרבייגייערס, אָבער פונדעסטוועגן וועלן זיי מיט אַ רויק געוויסן „ערלעך" באַגנבענען זייערע קונדן. זיי וועלן זיך נישט אָפּגעבן קיין שטאַרקער, נישט באַרעכנטער לײַדנשאַפט, זיי וועלן אָבער שטילערהייט לויפן צו זייערע געליבטע, כדי זיך צו צעשטרייען און אָפּרוען פון דער היימישער איינטאָניקייט. זיי וועלן אינגאַנצן אַרייננעצויגן ווערן אין פאַרשלינגענדיקן זומפּ פון באַנאַלקייט און וועלן מאַכן געהאַלטן, ווי נאָר עמעץ וועט זיך וועלן צורירן צום שימל, וואָס פאַרדעקט זיי.

אָט וואָס די בורזשואַזיע גיט אירע זון. וואָס שייך די טעכטער, צעלאָזט זי זיי פון דער פריסטער קינדהייט. אומזיניקע ביכער, אויסגע־פוצטע ליאַלקעס, טייערע פוצן, דער בײַשפּיל פון דער מוטער, שמועסן אין בודוואַרן, — אַלץ העלפט מיט, כדי צו מאַכן פון קינד אַ פרוי, וועלכע וועט זיך פאַרקויפן דעם יעניקן, ווער ס'וועט געבן פאַר איר אַ גרעסערן פרייז. שוין אַלס קינד פאַרשפּרייט זי אַרום זיך אַ פעסט: די אַרבעטער־קינדער קוקן מיט קנאה אויפן דאָזיקן מיידעלע אין פּרעכטיקן קלייד, מיטן פיינעם גאַנג, מיט מאַניערן פון אַ קורטיזאַנע צו צוועלף יאָר. אָבער די מוטער איז טוגנטהאַפט — אויף וויפיל עס קאָנען זיין טוגנטהאַפט בורזשוען — דאַן איז נאָך ערגער. דאָס מיידעלע וועט גאָר פרי באַגרייפן דעם ווערט פון דער צווייזייטיקער מאָראַל, וואָס פּרעדיקט: „האָב ליב דיין מיטמענטש, אָבער באַרויב אים, ווען דו קאָנסט! זיי טוגנטהאַפט, אָבער ביז אַ געוויסער מאָס, און אַז. וו."; זי וועט דער־שטיקט ווערן אין דערדאָזיקער אַטמאָספער — פון זיטלעכקייט אַ לאַ טאַרטיוף, און נישט געפינענדיק אין לעבן קיין שום שיינס, פאַרכאַפּנ־דיקס און ווערטפולס, וועט זי זיך וואַרפן אין די אָרעמס פון ערשטן בעסטן אַנגעטראָפענעם, אַבי ער זאָל נאָר קאָנען באַפרידיקן אירע לוקסוס־באַדערפעניש.

* * *

קוקט זיך גוט צו צו דידאָזיקע דערשיינונגען, טראַכט זיך אַריין טיפער אין זייערע סיבות, און איר וועט זיך איבערצייגן אין דער נויט־ווענדיקייט פון אַ שטורמישער רעוואָלוציע, וועלכע וועט רייניקן די היינ־

טיקע געזעלשאַפט און וועט אַרויסרייסן מיטן וואָרצל דאָס בייז, וועלכעס פרעסט אויף די מענטשהייט און דינט אַלס מקור פון דער מגפה.

כל זמן עס זענען דאָ צווישן אונז פּאַראַזיטן, וועלכע לעבן פון אונזער אַרבעט אונטערן אויסרייד אָנצופירן מיט אונז, וועלן דיזאַזיקע פּאַראַזיטן זיין אַ מקור פון מגפה און דעמאָראַליזאַציע פאַר דער געזעל־שאַפטלעכער זיטלעכקייט. לײדיקגייערס זוכן אַרום אַ גאַנצן לעבן זינלאָזע פאַרוויילונגען; דאָס געפיל פון סאָלידאַרישקייט איז אין זיי אָפּגעטויט דורך די יסודות גופא פון זייער עקזיסטענץ; דער פאַרברעכערישער עגאָיזם אַנטוויקלט זיך דורך זייער לעבן גופא; אַזעלכע מענטשן זענען תמיד גענייגט צו דער גרעבסטער זינלעכקייט: זיי דערנידעריקן און פאַרשוועכן אַלץ, צו װאָס זיי רירן זיך צו, דורך זייער געלט און חיהשע אינסטינקטן פאַרדאַרבן זיי די פרוי מיט די קינדער; זיי פאַרדאַרבן די קונסט, דאָס טעאַטער, די פרעסע; זיי זענען גרייט צו פאַרקויפן זייער היימלאַנד, פאַרקויפן זיינע פאַרטיידיקער, און צו גרויסע פחדנים, כדי אַליין צו טויטן, וועלן זיי, אַן וואַקלעניש, צווינגען צו טויטן די בעסטע פאַרשטייער פון אייגענעם לאַנד, אויב עפּעס וועט נאָר שטעלן אין סכנה זייער עשירות — דעם איינציקן מקור פון זייער פרייד.

די פעסט איז אין אונזערע היימען; מען דאַרף פאַרניכטן דעם מקור פון דער פעסט, און אויב מען וועט אפילו מוזן אָנווענדן פייער און שווערד, — טאָרן מיר זיך נישט אָפּשטעלן: עס האַנדלט זיך וועגן ראַטעווען די גאַנצע מענטשהייט.

# די קומענדיקע רעוואָלוציע

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז איראָפּע קייקלט זיך אויף אַ שיפּן שטח צו רעוואָלוציע.

אויספאָרשנדיק די אופנים פון דער פּראָדוקציע און דעם סחורות־טויש, וועלכע די בורזשואזיע האָט איינגעשטעלט, באַמערקן מיר, אַז די גאַנגרענע האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן היינטיקן לעבנס־סדר.

מיר זעען, אַז עס פעלן לחלוטין וועלכע נישט איז וויסנשאַפטלעכע און הומאַניטאַרע פּרינציפּן, אַז עס ווערט משוגענערווייז פאַרשווענדט דער געזעלשאַפטלעכער קאַפּיטאַל, איז עס הערשט אַ יאָגעניש נאָך רווח, וואָס גייט אַזוי ווייט, אַז זי רעכנט זיך לגמרי נישט מיט וועלכע נישט איז געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, מיר זענען עדות פון אומאויפהערלעכע אינדוסטריעלע מלחמות און אַן אומגלייבלעכן כאַאָס. מיר באַגריסן מיט באַגייסטערונג די דערנענטערונג פון יענעם טאָג, ווען דער געשריי: נידער מיט דער בורזשואזיע! וועט זיך אַרויסרייסן פון אַלע מיילער מיט יענער איינשטימיקייט, מיט וועלכער מען האָט בשעתו פּראָקלאַמירט דאָס פאַלן פון די דינאַסטיעס.

שטודירנדיק די אַנטוויקלונג פון די מלוכות, זייער ראָל אין דער געשיכטע און די צעפאַלונג, וואָס נעמט זיי אַרום, זעען מיר, אַז דער היינטצייטיקער אופן פון גרופירן זיך פאַרענדיקט זיין עקזיסטענץ; ער האָט געטון אַלץ, אויף וואָס ער איז פעיק געווען, און איצט ווערט ער דערדריקט אונטער זיין אייגענער שווערקייט, כדי פריי צו מאַכן דעם פּלאַץ פאַר נייע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַזירן זיך אויף נייע פּרינציפּן, וואָס אַנטשפּרעכן די היינטיקע שטרעבונגען פון דער מענטשהייט.

ס'איז געבוג נאָכצופאָלגן די אַנטשטייונג פון די אידעען אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, כדי צו פאַרשטיין, מיט וואָסער התמדה דער

מענטשלעכער געדאַנק ארבעט איצט באַ דער פולער איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן, וועלכע עס האָבן אונז געלאָזט בירושה די פריערדיקע יאָרהונדערטן, און באַם אויסאַרבעטן נייע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען, וועלכע זענען באַשטימט צו בילדן די יסודות פאַר די קומענדיקע מענטשלעכע אָרגאַניזאַציעס. נישט נאָר די רעפאָרמאַטאָרן פון פאָלק, אויסגעשעפטע פון אוממענטשלעכער פראַצע און אומגעהייערער נויט, וועלכע טרוימען וועגן אַ בעסערער צוקונפט, שטייען איצט אויף קעגן די היינטיקע אינסטיטוציעס. געלערנטע, וועלכע זענען דערצויגן אויף די אַלטע פאָראורטיילן, באַמיען זיך אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם שטויב פון אַלטקייט, הערן זיך צו צו דער יוירונג פון געדאַנק אין פאָלק און ווערן די אויסדריקער און מבשרים פון די נייע אידעען. „דער אַלץ־צעפרעסנדיקער גיפט פון קריטיק רייסט אונטער די אונז פאַרזאָגטע אומבאַדינגטע אמתן; די פילאָזאָפיע, די נאַטור־וויסנשאַפטן, די עטיק, די געשיכטע, די קונסט, אַלץ קומט אום אין דערדאָזיקער צעשטערערישער אַרבעט, קיין שום זאַך ווערט נישט געשוינט!" — רופן אויס די אויפגעבראַכטע קאָנסערוואַטאָרן. און אמת, קיין שום זאַך וועט מאָקע נישט געשוינט ווערן, אפילו די יסודות גופא פון אייער סאָציאַלער אָרדנונג — פּריוואַט־אייגנטום און מאַכט. אַלע אַרבעטן איצט אויף זייער חורבן, — אַלע, אָנהייבנדיק פונם נעגער פון וואַרשטאַט ביז דעם אַרבעטער פון געדאַנק, פון די פאַראינטערעסירטע אין רעאָרגאַניזירן די היינטיקע אָרדנונג ביז די־יעניקע, וועלכע וועלן דערציטערט ווערן באַם בליק אויף זייערע אייגענע געדאַנקען, פאַרווירקלעכטע אין דער פּראַקטיק, באַפרייטע פון ביבליאָטעקןשטויב, פאַרקערפּערטע דורכן לעבן גופא.

* *
*

אַ פולע צעפוילטקייט און צעפאַלונג פון היינטיקן לעבנס־סדר און אַן אַלגעמיינע אומצופרידנקייט; די אויסאַרבעטונג פון נייע פאָרמען פון לעבן און אַ דראַנג צו אַ וועלכער נישט איז ענדערונג, אַ יוגנטלעכער שוווּנג פון דער קריטיק אין געביט פון וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, עטיק און די יוירונג פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק; די סקאַנדאַליעזע גלייכגילטיקייט אָדער דער פאַרברעכערישער ווידערשטאַנד לגבי די נייע שטרע-

מונגען מצד די יעניקע, אין ווען מענס העגט עס איז קאָנצענטרירט די מאַכט...

אָט אַזוי האָט שטענדיק אויסגעזעען די לאַגע פון דער געזעלשאַפט ערב גרויסע רעוואָלוציעס. אַזוי זעט זי אויס אויך איצט. און דאָס איז נישט קיין ווילדע פאַנטאַזיע פון אויפגערעגטן כּוח־הדמיון בּאַ אַ גרופּע אומצופרידענע; די רויקסטע וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונג איבערצייגט אונז אין דעם. אפילו די, וועלכע ווילן באַרעכטיקן זייער פאַרברעכערישע גלייכגילטיקייט מיט די ווערטער: „זייט רויק, די סכנה האָט נאָך נישט דערגרייכט אונזערע היימען", אפילו זיי זענען מודה, אַז די לאַגע ווערט אַלץ ערגער און אַז זיי ווייסן נישט, וווהין מיר גייען, אָבער פאַרלייכטערנדיק זייער געמיט דורכן דאָזיקן מודה זיין, פאַלן זיי ווידער אַריין אין זייער געוויינלעכן צושטאַנד — געדאַנקענלאָז וועגעטירן.

„מען האָט אונז שוין אַזוי פיל מאָל פאָרויסגעזאָגט דידאָזיקע רעוואָלוציע", זיפצט אָפּ דער פעסימיסט; „ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען איך האָב שוין אַליין געגלייבט אין איר קומען, און דאָך איז זי נאָך אַלץ נישטאָ!"

זי וועט קומען און וואָס שפּעטער, אַלץ פרוכטבּאַרער וועט זי זיין. „צוויי מאָל, אין 1754 און 1771־סטן יאָר האָט די רעוואָלוציע געהאַלטן באַם אויסבּרעכן", זאָגט פעליקס ראָקען*), באַשרייבּנדיק די געשעענישן פון XVIII־טן יאָרהונדערט (כ'האָב שיער־שיער נישט אָנגעשריבּן — אין 1848 און 1871 יאָר). נישט אויסבּרעכנדיק דאַן, איז זי געוואָרן אַ סך מעכטיקער און פריכטבּאַרער צום סוף פון יאָרהונדערטס.

* * *

לאָמיר אָבער נישט שטערן דעם שלאָף פון די אינדיפערענטע און די וואָרטשעריי פון די פעסימיסטן, לאָמיר בּעסער אַ טראַכט טון וועגן דעם, וועלכן כאַראַקטער עס וועט טראָגן דידאָזיקע רעוואָלוציע, וועלכע עס פילן פאָרויס און עס גרייטן צו אַזוי פיל מענטשן און וואָסער בּאַציונג דאַרפן מיר האָבּן צו איר.

---

*) „דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פאַר דער רעוואָלוציע". (פראַנצויזיש)

מיר וועלן זיך נישט פאַרנעמען מיט היסטאָרישע נביאות: נישט דער עמבריאָנאַלער צושטאַנד פון דער סאָציאָלאָגיע, נישט דער היינטיקער צושטאַנד פון דער געשיכטע, וועלכע דערדריקט דעם אמת דורך קאָנווענציאָנעלע פאָרמולעס — לויטן אויסדרוק פון אָגיוסט טיערי, — גיבן אונז נישט קיין באַרעכטיקונג דערצו. לאָמיר זיך באַגרענעצן מיט דעם, וואָס מיר וועלן זיך שטעלן עטלעכע פשוטע פראַגן.

צי קאָן מען דען דערלאָזן אפילו אויף איין מאָמענט דעם געדאַנק, אַז דער בלויזער שנוי פון פאַרוואַלטונגס-אופן וועט באַרויקן די יוירונג פון די גייסטער און וועט אָפּשטעלן די אַרבעט אויף איבערצואַנדערשן אַלדאָס עקזיסטירנדיקע, אַן אַרבעט, וואָס קומט פאָר אין אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט? אַז די אומצופרידנקייט מיט דער עקאָנאָמישער אָרדנונג, וואַקסנדיק מיט יעדן טאָג, וועט נישט וועלן קומען צום אויסדרוק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי נאָר עס וועלן אַנטשטיין גינסטיקע באַדינגונגען — די דעזאָרגאַניזאַציע פון דער מאַכט?

געוויס נישט!

צי איז דען מעגלעך, אַז די אירלענדישע און ענגלישע פויערים זאָלן נישט אויסנוצן די ערשטע בעסטע געלעגנהייט, כדי אַרויסצוטרייבן די פאַרהאַסטע פריצים און פאַרכאַפּן די ערד, וועגן וועלכער זיי טרוימען שוין אַזוי פיל יאָרהונדערטער?

* * *

איז דען מעגלעך, אַז אויב עס זאָל אַנטשטיין אַ ניי 1848 יאָר, זאָל פראַנקרייך זיך באַנוגענען מיט פאַרבייטן איר נייעם גאַמבעטאַ אויף אַ קלעמאַנסאָ און זי זאָל נישט פּרובירן, וואָס עס קאָן געבן די קאָמונע אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער? אַז די פראַנצויזישע פויערים, זעענדיק די דערנידעריקונג פון דער צענטראַלער מאַכט, זאָלן נישט פּרוּוון פאַרכאַפּן די סאַמעטענע לאַנקעס פון זייערע שכנות — די הייליקע שוועסטערס און די פרוכטבאַרע פעלדער פון די דיקע בורזשויען, וועלכע האָבן זיך איינגעצאַרדנט לעבן זיי און וועלכע פאַרקיילעכן כסדר זייערע נחלאות? איז דען מעגלעך, זיי זאָלן נישט צושטיין צו די רייען פון די קעמפער, וועלכע לייגן זיי פאָר הילף אויף צו פאַרווירקלעכן

דעם טרוים פון גאַנצן אַרבעטס־פאָלק: אַ געזיכערטע, גוט־באַצאָלטע אַרבעט?

איז דען מעגלעך, אַז די פּויערים — זאָלן זיי זיין איטאַליענער, שפּאַניער אָדער סלאַוויאַנער — זאָלן נישט צושטיין צו דערדאָזיקער באַוועגונג?

איז דען מעגלעך, אַז די קוילן־גרעבער, וועלכע זענען אויסגעשעפּטע דורך נויט און ליידן, וועלכע אַרבעטן אונטער דער אייביקער מורא פון טויט, זאָלן נישט פּרוון צו פּאַרטרייבן די באַלעבאַטים פון די שאַכטעס, ווי נאָר זיי וועלן באַמערקן דעם קלענסטן סימן פון דעזאָרגאַניזאַציע בײַ זייער מאַכט?

און דער קליינער באַלמעלאָכע, וועלכער ווינט אין אַ פינצטערן פייכטן קעלער, וועלכער אַרבעט טאָג חי נאַכט מיט אָפּגעשלעפטע פינגער און אַ פוסטן מאָגן, וועלכער שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות, כדי צו דערגרעכן פינף קליינע מיילער, וועלכע ער האָט אַלץ מער ליב, וואָס בלייכער און דורכזיכטיקער זיי ווערן פון הונגער און קוועלערייען? און דערדאָזיקער אומגליקלעכער, וועלכער פאַרברענגט די נעכט אונטערן פרייען הימל, ווייל ער קאָן זיך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס איבערצונעכטיקן פאַר אַ צענערל אין נאַכט־היים? צי דען מיינט איר טאַקע, אַז זיי וועלן זיך נישט באַמיען צו געפינען אין די פּרעכטיקע פּאַלאַצן אַ וואַרעם ווינקל פאַר זייערע פאַמיליעס, וואָס זענען יעדנפאַלס ווירדיקער און ערלעכער פאַר די פאַמיליעס פון די גראָבע בורזשויעס? אַז זיי טרוימען נישט וועגן דעם, דאָס אין די שפייכלערס פון דער געמיינדע זאָל זיין גענוג ברויט פאַר די אַלע, וועלכע זענען נישט געוווינט צו ליידיקגיין, גענוג זאַכן, כדי צו פאַרדעקן די אַקסלען סיי פון די אומגליקלעכע אַרבעטער־קינדער, סיי פון די אויסגעצאַליעטע קערפּערס פון די בורזשואזע קינדער? צי דען מיינט איר, אַז די־יעניקע, וועלכע גייען אַרום אין טראַנטעס, ווייסן נישט, אַז אין די קראָמען פון די גרויסע שטעט זענען דאָ גענוג זאַפּאַסן אויף צו באַפרידיקן די פּרימיטיווסטע נויטן פון אַלע זייערע איינוווינער און אַז ווען אַלע אַרבעטער האָלטן געווען באַשעפטיקט בײַם פּראָדוצירן נייטיקע פּראָדוקטן, אָנשטאָט צו דאַרבן בײַ אויסאַרבעטן לוקסוס־אַרטיקלען, וואָלט דאָס אויסגעאַרבעטע דורך זיי געסטייעט נישט נאָר פאַר זייער געמיינדע, נאָר אויך פאַר די שכנושע?

לסוף, איז דען מעגלעך, אַז אין יענעם טאָג, ווען דאָס פאָלק

וועט דערפילן אין זיך קראַפט, זאָל עס נישט פּרוּוון פאַרוויקלעכן דאָס אַלץ, וועגן וואָס עס טרוימט שוין אַזוי פיל יאָרן און וואָס וועט זיך אַרויסרייסן אויף דער פריי פון זיך אַליין אין קריטישן מאָמענט (דער־מאָנט זיך נאָר די באַלאַגערונג פון פּאַריז!)?

* *

*

דער שכל־הישר פון דער מענטשהייט האָט שוין געענטפערט אויף דידאָזיקע פראַגן; און אָט איז זיין ענטפער:

עס וועט קומען אַן אַלגעמיינע רעוואָלוציע, וועלכע וועט ברענגען מיט זיך טייכן בלוט אין אַלע אייראָפּעישע לענדער. באַ די באַדינגונ־גען, וועלכע האָבן זיך איצט איינגעשטעלט צווישן די איינצלנע מלוכות און באַ דעם איצטיקן וואַקלדיקן פּאָליטישן גלייכגעוויכט, איז אַ לאָקאַלע רעוואָלוציע אוממעגלעך. אויב זי וועט נאָר זיין אַ ביסל דויערהאַפטיק, אויסברעכנדיק אין איין לאַנד, וועט זי פּונקט ווי אין 1848, אומבאַדינגט אַרויסרופן אויסברוכן אין אַלע אַנדערע, און דער רעוואָלוציאָנערער פלאַם וועט תיכף אַרומכאַפּן גאַנץ אייראָפּע.

אויב אָבער אין 1848־סטן יאָר האָבן די מורדישע שטעט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דעם שנוי פון פאַרוואַלטונגס־אופן און אויף די קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמעס, איז דאָס שוין איצט, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך. דער פּאַריזער אַרבעטער וועט נישט וואַרטן, ביז די רעגי־רונג — זאָל דאָס זיין אפילו די פרייע קאָמונע — וועט פאַרווירקלעכן זיינע הייסע פאַרלאַנגען. ער אַליין וועט זיך נעמען פאַר דער אַרבעט און זאָגן: „אַזוי וועט, לכל הפחות, עפּעס געטון ווערן!“

דאָס רוסישע פאָלק וועט נישט וואַרטן, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג זאָל אים שענקען ערד, וועלכע עס האָט אַזוי פיל יאָר באַאַרבעט פאַר אַנדערע; ווי ווינציק האָפנונגען עס וועט נישט האָבן אויף דערפאָלג, וועט עס זיך באַמיען זי אַליין צו פאַרכאַפּן; עס שטרעבט שוין דערצו: אַלס באַווייז דערצו קאָנען דינען די כסדרדיקע בונטן. דאָס זעלבע קומט פאָר אין איטאַליע און שפּאַניע; און אויב אין דייטשלאַנד דערלאָזט נאָר דער אַרבעטער, אַז מיט אים זאָלן אָנפירן די־יעניקע, וועלכע וואָלטן געוואָלט, אַז אַלץ אין דער וועלט זאָל פאָרקומען לויט די פאָרשריפטן

שון בערלין, וועלן אים אָבער דער ביישפיל פון די שכנים און די אומ־
פעיקייט פון די הערשער וויזן דעם ריכטיקן וועג.

די קומענדיקע רעוואָלוציע וועט טראָגן אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער. אַלע פעלקער וועלן גלייכצייטיק מאַכן פרווון איבערצובויען די גאַנצע עקאָנאָמישע אָרדנונגען; זיי וועלן מער נישט וואַרטן, דער ווילשטאַנד זאָל זיי אַראָפפאַלן פון הימל, ווי דער מן.

אָבער... מיר זעען שוין דעם פעסימיסט מיט אַ ביטערע שמייכעלע אויף די ליפן, וועלכער זאָגט: „עטלעכע דערווידערונגען, בלויז עטלעכע דערווידערונגען". מילא, מיר וועלן אים אויסהערן און אָפענטפערן.

---

# פּאָליטישע רעכט

די בורזשואַזע פּרעסע פּויקט טאָג-טעגלעך אויף אַלערליי אופנים וועגן דער באַדייטונג פון דער פּאָליטישער פרייהייט און „דעם מענטשנס פּאָליטישע רעכט”: אַלגעמיינע וואַל-רעכט, פרייע וואַלן, פרייהייט פון פּרעסע, פאַריינען, פאַרזאַמלונגען און אַזוי ו., און אַזוי ו.

— „צוואָס מאַכן אויפשטאַנדן, צוואָס זיך נעמען צום געווער, — זאָגט זי, — בעת איר האָט דידאָזיקע אַלע רעכט, און, במילא, אויך די מעגלעכקייט דורכצופירן אַלע נייטיקע רעפאָרמען ?” טאָ, לאָמיר-זשע אָפּשאַצן דידאָזיקע באַרימטע פּאָליטישע רעכט פון א ו נ ז ע ר שטאַנדפּונקט, ד. ה. פון שטאַנדפּונקט פון יענעם קלאַס, וועלכער פאַרמאָגט גאָרנישט, הערשט נישט איבער קיינעם און וועלכער האָט זייער ווינציק רעכט און צופיל פליכטן.

מיר וועלן נישט זאָגן, ווי מען פלעגט דאָס טון פריער, אַז פּאָליטישע רעכט האָבן נישט אין אונזערע אויגן ק י י ן ש ו ם ווערט נישט. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז פון די צייטן פון פּאַנשטשיזנע און אפילו זינט דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז עפּעס אויפגעטון געוואָרן אין דערדאָזיקער הינזיכט. דער פראַנצויזישער אַרבעטער איז שוין נישט יענץ וועזן, אָן יעדער מענטשלעכער רעכט, ווי ער איז געווען פריער, ווען די אַריסטאָקראַטיע האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַן אַרבעטס-בהמה ; מחוץ פון זיין מאַרשטאַט פילט ער זיך גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער. דעם פראַנצויזישן פויער קאָן מען נישט שמייסן אויף די גאַסן, ווי דאָס געשעט נאָך אין רוסלאַנד. דורך שטורמישע רעוואָלוציעס און פאַרגאָסענעם בלוט האָט דאָס פאָלק אויסגעקעמפט פאַר זיך געוויסע פּערזענלעכע רעכט, און מיר ווילן גאָרנישט פאַרקלענערן דעם ווערט זייערן.

עס זענען אָבער דאָ רעכט און רעכט, און מען דאַרף זיי קאָנען

אונטערשיידן; אייניקע פון זיי האָבן אַ רעאַלע באַדייטונג, די אַנדערע פאַרמאָגן זי נישט; דער, וואָס מישט זיי צונויף, נאַרט אָפּ דאָס פאָלק. עס זענען דאָ רעכט, ווי, למשל, די גלייכקייט פאַרן געריכט פון אריסטאָקראַט און פויער, די קערפּערלעכע אומבאַרירלעכקייט פון יעדן בירגער און אַז. וו., וועלכע דאָס פאָלק האָט דערגרייכט נאָך אַ האַרטנעקיקן קאַמף און זיי זענען אים אַזוי טייער, אַז דער קלענסטער פּרווו עובר צו זיין אויף זיי וועט אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד. און עס זענען דאָ אַזעלכע רעכט, ווי די אַלגעמיינע וואַל-רעכט, פרייהייט פון פּרעסע און אַז. וו., צו וועלכע דאָס פאָלק איז תמיד געווען גלייכגילטיק, ווייל עס פילט, אַז די־דאָזיקע רעכט, וועלכע באַשיצן די בורזשואַזיע פון דער זעלבסטהערשאַפט פון דער רעגירונג און דער אַריסטאָקראַטיע, דינען אַלס געווער אין די הענט פון די הערשנדיקע קלאַסן אויף צו פאַרקנעכטן דאָס פאָלק. מען קאָן זיי אפילו נישט אָנרופן „פּאָליטישע רעכט”, ווייל זיי היטן נישט אָפּ דעם פאָלקס אינטערעסן; נאָר אונזער פּאָליטישע שפּראַך — אַ זשאַרגאָן, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די הערשנדיקע קלאַסן אויסשליסלעך פאַר זייער אייגענעם נוצן, — רופט זיי אָן מיטן דאָזיקן קלינגענדיקן נאָמען.

* * *

אינדערעמתן, וואָס איז דען אַ פּאָליטישע רעכט, אויב נישט קיין געווער אויף צו שיצן די אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט פון די, וועלכע קאָנען אַליין נישט אַרויסרופן קיין אַכטונג צו זייערע דאָזיקע רעכט? וואָס איז זיין באַשטימונג, אויב עס קאָן נישט געבן קיין פרייהייט די־אַלע, וועלכע דאַרפן עס באַזיצן? מענטשן ווי גאַמבעטאַ, ביסמאַרק און גלאַדסטאָן נייטיקן זיך נישט אין פרייהייט פון דער פּרעסע, נישט אין דער פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען; זיי שרייבן סיי־ווי אַלץ, וואָס זיי ווילן, זיי אָרדנען איין וואָסערע פאַרזאַמלונגען איר ווילט נאָר, האַלטן זיך באַ די לערעס, וועלכע זענען זיי אַמנאָענטסטן צום האַרץ; זיי זענען סיי־ווי פריי. אַז אויב מען דאַרף עמעצן געבן פרייהייט פון וואָרט, פּרעסע און פאַרזאַמלונגען, איז דאָס נאָר די יעניקע, וועלכע קאָנען זיך אַליין נישט זיכערן די־דאָזיקע רעכט און דורכפירן אין לעבן זייערע

אידעען, זייערע פרינציפּן. דאָס איז דער אָפּשטאַם פון אַלע פּאָליטישע רעכט.

אָבער צי גיט מען אין אונזערע צייטן דידאַזיקע רעכט די יעניקע, וועלכע נייטיקן זיך אין זיי?

געוויס נישט. די אַלגעמיינע וואַל־רעכט קאָן אין אַ געוויסער מאָס באַשיצן די בורזשואַזיע פון די מיסברויכן פון דער צענטראַלער מאַכט, נישט צווינגענדיק זי צו כאַפּן זיך פאַרן געווער. זי קאָן דינען מילדער צו מאַכן די קעגנער, וועלכע פּרעטענדירן ביידע אויף דער מאַכט און זיי אָפּהאַלטן פון בלוט־פאַרגיסונג. דידאָזיקע רעכט איז אָבער הילפלאָז דאָרט, וו מען דאַרף אַראָפּוואַרפן אָדער באַגרענעצן די מאַכט און פאַרניכטן די הערשאַפט פון די פּריווילעגירטע. אַ גוט מיטל פאַר אַ פרידלעכער ליי־זונג פון סכסוכים צווישן די הערשער, וואָסער נוצן קאָן עס ברענגען די אונטערטאַנען?

די געשיכטע ענטפערט אויף דערדאָזיקער פראַגע. — כל־זמן די בורזשואַזיע האָט געטראַכט, אַז די אַלגעמיינע וואַל־רעכט וועט דינען אין די הענט פון פאָלק אַלס געווער אין קאַמף מיט די פּריווילעגירטע קלאַסן, איז זי מיט אַלע כּוחות אַרויסגעטרעטן קעגן דעם. ווען זי האָט אָבער אין יאָר 1848 באַ־ריפן, אַז נישט נאָר וואָס דידאָזיקע רעכט באַדראָט נישט אירע פּריווילעגיעס, נאָר עס שטערט איר אפילו נישט צו הערשן איבערן פאָלק, האָט זי זיך תּיכּף געכאַפּט פאַר דעם. איצט איז די בורזשואַזיע געוואָרן זיין הייסע פּאַרטיידיקערין, ווייל זי ווייסט, אַז דאָס איז דאָס בעסטע מיטל, כּדי איינצוהאַלטן אין די אייגענע הענט די הערשאַפט איבער די מאַסן.

* *

*

דאָס זעלבע איז בנוגע דער פרייהייט פון דער פּרעסע. — וואָס איז געווען דער איבערצייגנדיקסטער מאָטיוו אין די אויגן פון דער בורזשואַזיע לטובת דער פרייהייט פון דער פּרעסע? — איר הילפ־לאָזיקייט! איר באַנקראָט! „אמאל“, — זאָגט זשיראַרדען, — „פלעגט מען פאַרברענען די מכשפים, ווייל מען איז געווען אַזוי נאַריש צו האַלטן זיי פאַר אַלמעכטיקע; איצט באַגייט מען די זעלבע נאַריש־קייט בנוגע דער פּרעסע. די פּרעסע אָבער איז פּונקט אַזוי אָנמעכ־

טיק, ווי די מיטלאַלטערלעכע מכשפים, און דעריבער — נידער מיט די פּאַרפּאַלגונגען אויף דער פּרעסע!" אַט וואָס עס האָט אַמאָל געזאָגט זשיראַרדען. און וואָסער אַרגומענט שטעלט איצט אַרויס די בורזשואַזיע באַם באַשיצן די פרייהייט פון דער פּרעסע? — „גיט נאָר אַ קוק", — זאָגט זי, — „אויף ענגלאַנד, דער שווייץ, די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָרט הערשט פולע פּרעסע-פרייהייט, און פונדעסטוועגן איז אין ערגעץ אַזוי נישט אַנטוויקלט די עקספּלואַטאַציע, אין ערגעץ הערשט נישט אַזוי מעכטיק דער קאַפּיטאַל. זאָלן זיך אַנוואַקסן שעדלעכע שטרעמונגען, מיר וועלן תמיד זיין ביכולת צו דערשטיקן די שטים פון זייערע אָרגאַנען, נישט אָנהענגנדיק אפילו קיין געוואַלט. און אויב די רעוואָלוציאָנערע פּרעסע וועט ווען נישט איז, אין אַן אויפגעהעצטן מאָמענט, ווערן שעדלעך, וועלן מיר תמיד באַווייזן זי צו פאַרניכטן אונטער אַ וועלכן נישט איז אויסרייד".

בנוגע דער פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען — די זעלבע באַטראַכטונגען.

— „לאָמיר געבן אַלע פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען", — זאָגט די בורזשואַזיע; — „דאָס פאָלק דערוועגט זיך נישט אָנצורירן אונזערע פּריווילעגיעס. מער פאַר אַלץ דאַרפן מיר מורא האָבן פאַר געהיימע געזעלשאַפטן, און די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען זענען דאָס בעסטע מיטל, כדי אַ סוף צו מאַכן מיט זיי. אויב אין אַ מאָמענט פון אַ שטאַרקער צערייצטקייט וועלן די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען ווערן געפערלעך, קאָנען מיר זיי צו יעדער צייט פאַרווערן, ווייל מיר האָבן אין אונזער האַנט די רעגירונגס-מאַכט".

„די אומבארירלעכקייט פון די וווינונגען? — ביטע! פאַרשרייבט זי אין די קאָדעקסן, פּראָקלאַמירט זיי אומעטום!" זאָגן די כיטרע בורזשויען. — „מיר האָבן נישט דעם מינדסטן פאַרלאַנג, אַז די פּאָליציי-אַגענטן זאָלן אונז באַאומרויקן אין אונזערע היימען. מיר וועלן אָבער איינאָרדנען אַ געהיימע קאַנצעלאַריע, מיר וועלן באַפעלקערן דאָס לאַנד מיט געהיים-אַגענטן, מיר וועלן צונויפשטעלן רשימות פון די נישט-כשרע עלעמענטן און מיר וועלן גוט אַכטונג געבן אויף זיי. און ווען מיר וועלן דערשפּירן, אַז די סכנה איז נאָענט, וועלן מיר אַ שפּיי טון אויף דער אומבארירלעכקייט, וועלן מיר אַרעסטירן מענטשן אין די בעטן, זיי אויספּאַרשן, רעווידירן די וווינונגען, מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום זאַך און די-יעניקע, ווער עס וועט זיך דערוועגן צו הויך אַרויסצוזאָגן זיינע פאָדערונגען, וועלן מיר אַריינזעצן אין די תפיסות. און ווען

מען וועט אונז באַשולדיקן, וועלן מיר זאָגן: „וואָס זשע קאָן מען טון, רבותי! אויב מלחמה — איז מלחמה!"

די אומבאַרירלעכקייט פון דער קאָרעספּאָנדענץ? — זאָגט אַלעמען, שרייבט, אַז די קאָרעספּאָנדענץ איז אומבאַרירלעך. אויב דער פּראָוואָקאַטער פון אַ פּאָסט-אָפּטיילונג אין אַ וויסט דאָרף וועט עפענען פון נייגיריקייט עמעצנס אַ בריוו, טאָ באַזייטיקט אים תיכּף פון אַמט, שרייט, אַז אַלע זאָלן הערן: — „פאַרזעעניש! פאַרברעכער!" היט זיך, אַז יענע קליינינקייטן, וועלכע מיר דערציילן זיך איינע די צווייטע אין בריוו זאָלן נישט פאַרעפנטלעכט ווערן. אויב איר וועט אָבער אַרויספּאַלן אויפן שפּור פון אַ געפּלאַנטער פאַרשווערונג — קעגן אונזערע פּריווילעגיעס, — דאַן איז נישטאָ וואָס צו צערעמאָניען זיך: לאָמיר עפענען אַלע בריוו, לאָמיר איינאָרדנען אַ גאַנצן שטאַט ספּעציעלע באַאַמטע, און די פּראָטעסטירנדיקע וועלן מיר זאָגן, ווי דאָס האָט געטון נישט לאַנג צוריק אונטער אַפּלאָדיסמענטן פון גאַנצן פּאַרלאַמענט איינער אַן ענגלישער מיניסטער:

— „יאָ, מיינע הערן, מיטן טיפסטן עקל-געפיל עפענען מיר אויף בריוו, אָבער וואָס זאָל מען טון, דאָס פאָטערלאַנד (ריכטיקער די אַריסטאָקראַטיע און בורזשואַזיע) איז אין געפאַר!"

*　　*

*

אָט אין וואָס עס באַשטייט דידאָזיקע אַזוי גערופענע, פּאָליטישע פרייהייט.

פרייהייט פון פּרעסע, פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, אומבאַרירלעכקייט פון וווינונגען און אַלע איבעריקע רעכט ווערן אָנערקענט כּל זמן דאָס פאָלק באַנוצט זיך נישט מיט זיי ווי מיט אַ געווער אויף צו קעמפן מיט די הערשנדיקע קלאַסן. אָבער ווי נאָר עס דערוועגט זיך צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף די פּריווילעגיעס פון דער בורזשואַזיע, ווארפט מען תיכּף אַרויס אין ים אַריין דידאָזיקע אַלע רעכט.

דאָס איז פולשטענדיק נאַטירלעך. אומבאַרירלעך זענען בלויז יענע רעכט, וועלכע דער מענטש האָט דעראָבערט דורך אַ האַרטנעקיקן קאַמף און פאַר וועלכע ער איז יעדער מינוט גרייט ווידער זיך נעמען פאַרן געווער.

איצט שמייסט מען נישט אויף די גאַסן פון פּאַריז, — ווי דאָס

װערט געטון אין אָדעס, — בלויז דערפאַר, װײל אויב די רעגירונג װעט זיך דאָס דערלויבן, װעט דאָס צערייסן אויף פּיצלעך זײנע תּלינים. די אַריסטאָקראַטן מאַכן זיך נישט קיין װעג דורך קלעפּ, — װעלכע לאַקײען טײלן מיט אַ ברייטער האַנט, בלויז דערפאַר, װײל די לאַקײען פונט בעל־גאווה, וואָס וועט זיך דערלויבן עפּעס ענלעכס, וועלן געטויט ווערן גלייך אויפן אָרט. אויף די גאַסן און אין עפנטלעכע ערטער עקזיסטירט איצט אַ געוויסע גלייכקייט צווישן אַרבעטער און באַלעבאָס, ווײל אַ דאַנק די פריערדיקע רעוואָלוציעס וועט דאָס געפיל פון אַרבעטערס זעלבסט־חשיבות אים נישט דערלויבן צו פאַרטראָגן אַ באַליידיקונג מצד דעם באַלעבאָס. די געשריבענע געזעצן האָבן דאָ גאָרנישט וואָס צו טון.

* *

*

אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, וואָס איז צעטיילט אויף קנעכט און באַלעבאַטים, קאָן נישט עקזיסטירן קיין אמתע פרייהייט: עס קאָן װעגן איר קיין רייד נישט זיין, כּל־זמן עס וועלן זיין עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע, הערשער און אונטערטאַנען. אָבער דערפון איז נישט געדרונגען, אַז ביז יענעם טאָג, ווען די אַנאַרכיסטישע רעוואָלוציע וועט פאַרניכטן אַלע סאָציאַלע אונטערשיידן, זענען מיר מסכּים, אַז די פּרעסע זאָל זיין פאַרקנעכטעט, ווי אין דייטשלאַנד, אַז די פרייהייט פון די פאַרזאַמלונגען זאָל פאַרפאָלגט ווערן, ווי אין רוסלאַנד, אַז די אומבאַרירלעכקייט פון דער פּערזענלעכקייט זאָל געטרעטן ווערן מיט די פיס, ווי אין טערקיי.

ווי שטאַרק מיר זאָלן נישט זיין פאַרקנעכטעט באַם קאַפּיטאַל, ווילן מיר דרוקן אַלץ, וואָס מיר וועלן האַלטן פאַר נייטיק, זיך צונויפזאַמלען און אָרגאַניזירן זיך לויט אונזער ווילן און דאָס אַלץ, בעיקר צוליב דעם, כּדי וואָס שנעלער אָראָפּצוואַרפן דעם שענדלעכן יאָך פון קאַפּיטאַל.

עס איז אָבער צייט צו פאַרשטיין, אַז נישט בא דער קאָנסטיטוצי־יאָנעלער רעגירונג דאַרפן מיר בעטן הילף. נישט אין געזעץ־קאָדעקס, װעלכער קאָן פאַרניכטעט ווערן לויטן ערשטן קאַפּריז פון די הערשער, דאַרפן מיר זוכן שוץ פאַר אונזערע נאַטירלעכע רעכט. נאָר דאַן, ווען מיר װעלן װערן אַן אָרגאַניזירטער כּוח, וואָס איז בכוח אַרויסצורופן

אכטונג צו אונזערע פאָדערונגען, וועלן מיר קאָנען פאַרטיידיקן אונזערע רעכט.

ווען מיר וועלן וועלן באַקומען פרייהייט פון פרעסע, פרייהייט פון וואָרט, פאַרזאַמלונגען, פאַריינען, דאַרפן מיר זיי נישט בעטן באַם פאַרלאַמענט, מיר דאַרפן נישט דערוואַרטן פון סענאַט, ווי אַ נדבה, די פאַרעפנטלעכונג פון אַן אַנטשפּרעכנדיקן געזעץ. לאָמיר ווערן אַן אָרגאַניזירטער כּוח, וואָס קאָן ווייזן די ציין יעדן איינעם, וואָס דערוועגט זיך אָנצורירן אונזערע רעכט; לאָמיר זיין שטאַרק, און קיינער וועט דאַן קיין העזה נישט האָבן צו פאַרווערן אונז צו זאָגן, שרייבן און זיך צונויפקלייבן. אין יענעם טאָג, ווען מיר וועלן באַווייזן אַריינצוגעבן אַן איינהייטלעכן גייסט אין די עקספּלואַטירטע, אין דערדאָזיקער שווייגנדיקער, אָבער שרעקלעכער אַרמיי, וואָס איז פאַרייניקט דורך איין פאַרלאַנג — צו דעראָבערן און פאַרטיידיקן זייערע רעכט, וועט קיינער קיין העזה נישט האָבן אונז אָפּצוזאָגן אין זיי. דאַן און נאָר דאַן וועלן מיר דעראָבערן דידאָזיקע רעכט, וועלכע מיר וואָלטן אומזיסט געבעטן יאָר־צענדליקער לאַנג בײַ וועלכער קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג עס זאָל נישט זיין, דאַן וועלן זיי אונז געהערן זיכערער, ווי ווען זיי וואָלטן אונז גאַראַנטירט געוואָרן דורך געשריבענע געזעצן.

קיין רעכט גיט מען נישט, מען נעמט זיי!

# צו די יונגע מענטשן

## I.

יונגע מענטשן, היינט װעגד איך זיך אויסשליסלעך צו אייך. זאָלן די אַלטע, ד. ה. די אַלטע מיטן גייסט אין הארץ, אַװעקלייגן דאָסדאָזיקע בוך און נישט מיד מאַכן אומזיסט די אויגן מיטן לייענען, װאָס װעט זיי גאָרנישט געבן.

איך נעם אָן, אַז איר זענט אַלט אַכצן, צװאָנציק יאָר, אַז איר פאַרענדיקט אייער אויסבילדונג אָדער דאָס אויסלערנען אַ פאַך און איר טרעט אַריין אין לעבן.

איך מיין, אַז איר זענט פריי פון פאַראורטיילן, װעלכע מען האָט זיך באַמיט איינװאָרצלען אין אייך; איר האָט נישט מורא פאַר קיין שדים און איר װעט נישט הערן די פלוידערייען פון די גייסטלעכע.

איר געהערט נישט, פאַרשטייט זיך, צו יענע טרויעריקע פּראָדוקטן פון דער מענטשהייט אין ירידה־פעריאָד, צו יענע לעבּ־יונגען, װעלכע מעסטן גאַנצענע טעג די טראָטואַרן אין מאָדישע הויזן, מיט גלאַנציקע צורות, און שוין אין דערדאָזיקער עלטער טרוימען זיי בלויז װעגן פּרוכטפאָלע פאַרװיילונגען. פאַרקערט, איך מיין, אַז איר זענט געזונטע מענטשן, װעלכע שטרעבן צו אַזאַ ערנסטער אַרבעט, און דעריבער װעגד איך זיך צו אייך.

נישט איינמאָל, מסתמא, האָט איר זיך געשטעלט פאָלגנדיקע פראַגע: װאָס װעל איך זיין? פאַר אייך איז קלאָר, אַז איר האָט אויסגעלערנט אַ װאָסער נישט איז װיסנשאַפט אָדער מלאכה — אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט, נעמט דאָס אין אַכט, — נישט צוליב דעם, כדי זיי צו באַנוצן אַלס מיטל צו עקספּלואַטירן. מען דאַרף זיין צו פאַרדאַרבן

און צעפרעסן פון שלעכטע מידות, כדי נישט װעלן אין אייער עלטער װידמען אייערע אַלע פעיקייטן, ידיעות און כּוחות אויף צו דינען די־יעניקע, װעלכע װעגעטירן אין אומװיסנהייט און אָרימקייט.

איר האָט, געװיס, געטרוימט װעגן דעם?

לאָמיר זיך דורכרעדן װעגן דעם, װי אַזוי צו פאַרװירקלעכן אייערע טרוימען.

* * *

כ'װייס נישט אין װעלכע באַדינגונגען איר זענט געבוירן געװאָרן און זיך דערצויגן. אפשר זענט איר גליקס־קינדער און איר האָט באַקומען אַ װיסנשאַפטלעכע בילדונג; איר װעט זיין אַ דאָקטאָר, אַן אַדװאָקאַט, אַ שרייבער אָדער אַ געלערנטער; אַ ברייט אַרבעטס־פעלד װעט זיך עפענען פאַר אייך; איר װעט אַריינטרעטן אין לעבן מיט גרויסע קענטענישן, מיט אַנטװיקלטע פעיקייטן צו אַרבעט.

ס'קאָן זיין, אַז איר װעט זיין אַן ערלעכער האַנטװערקער; אייערע װיסנשאַפטלעכע ידיעות װעלן זיך באַגרענעצן מיט דעם ביסעלע, װאָס איר האָט באַקומען אין דער פאָלקס־שול; דערפאַר אָבער װייסט איר גוט, װי עס זעט אויס דאָס שװערע אַרבעטס־לעבן פון אונזערע אַרבעטער.

לאָמיר זיך צוערשט אָפּשטעלן אויף דער ערשטער השערה. שטעלט זיך פאָר, אַז איר זענט אַ דאָקטאָר.

מאָרגן װעט קומען אַן אַרבעטער אייך רופן צו אַ קראַנקער. ער װעט אייך אַריינפירן אין איינס פון יענע שמוציקע, שמאָלע געסלעך, װו די שכנטעס דריקן איינע דער צװייטער די הענט איבער דער ברייט פון דער גאַס איבער די קעפּ פון די דורכגייער.

באַ אַ טונקעלער באַלויכטונג פון אַ קאָפּטשעדיקן לאָמפּ, שטיקנדיק זיך פון דער דומפּיקער לופט און דעם געשטאַנק, הייבט איר זיך אויף אויפן פינפטן שטאָק איבער שמוציקע, גליטשיקע שטיגן. איר קומט אַריין אין אַ פינצטער, קאַלט צימער. װו אין װינקל, אויף אַ הויפן שמוציקע שמאַטעס, ליגט אַ קראַנקע, צוגעדעקט מיט טראַנטעס. בלייכע, אויסגעדאַרטע קינדער, ציטערנדיק פון קעלט, קוקן אויף אייך מיט פרעגנדיקע ברייט־צעעפנטע אויגן. דאָס גאַנצע לעבן האָט דער מאַן געאַרבעט צו צװעלף, דרייצן שעה אַ מעת־לעת, װי שװער עס איז נישט געװען

זיין ארבעט: איצט איז שוין דריי חדשים, ווי ער געפינט נישט קיין ארבעט. ארבעטסלאָזיקייט פּלעגט זיך טרעפן אויך פריער: זי חזרט זיך איבער פעריאָדיש יעדעס יאָר. אָבער דאַן פלעגט דאָס ווייב גיין ארבעטן טאָג-ארבעט... ס'קאָן זיין, וואַשן אייערע העמדער, פאַר אַ האַלבן רובל אַ טאָג.

אָבער שוין דריי חדשים, ווי זי שטייט נישט אויף פון בעט, און דער אימהדיקער שאָטן פון נויט און הונגער איז אויפגעשוואָמען פאַר דער פאַמיליע.

וואָס וועט איר עצהן דער פרוי, ה׳ דאָקטאָר? איר, וועלכער ווייסט, אַז די איינציקע סיבה פון איר קראַנקייט — איז דער מאַנגל אין שפּייז און לופט? אַ גוטן ביפשטעקס יעדן טאָג, ווינציק באַוועגונגען אויף פרישער לופט, אַ טרוקן, ליכטיק צימער? סאַראַ חוזק! צי דען ווייסט זי נישט אָן אייערע עצות, אַז דאָס אַלץ דאַרף זי האָבן!

אויב איר וועט קאָנען ארויסרופן צו זיך צוטרוי און איר וועט וועלן זיך דורכרעדן מיט דערדאָזיקער פאַמיליע, וועט זי אייך דערציילן, אַז הינטער דער וואַנט וווינט אַ פרעסערקע, וועלכער עס מאַטערט כּסדר אַ האַרץ-צערייסנדיקער הוסט, אַז אין אונטערשטן שטאָק ליגן אַלע קינדער אין פיבער, אַז די וועשין, וואָס האָט זיך אריינגעקליבן אין קעלער, וועט נישט דערציען ביז פרילינג. און אַז אין די שכנישע הייזער איז נאָך ערגער.

וואָס וועט איר עצהן דידאָזיקע אַלע קראַנקע? אַ גוטע דערנע-רונג, ענדערונג פון קלימאַט, אַ ווינציקער אויסשעפּנדיקע ארבעט? איר וועט זיך דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט דערוועגן צו טון און איר וועט זיך איילן אַוועקצוגיין מיט אַ צעבראָכן האַרץ, מיט אַ קללה אויף די ליפּן.

איר געפינט זיך נאָך אונטערן איינדרוק פון דערדאָזיקער שרעק-לעכער אָרימקייט, בעת אייער חבר דערציילט אייך, אַז אָקאָרשט איז נאָך אים פאַרפאָרן אַ לאָקיי; ער האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ פּרעכ-טיקן האָטעל צו אַ פּריצה פון דער גרויסער וועלט, וועלכער עס מאַטערן שלאָפלאָזע נעכט, וועלכע גיט אָפּ דאָס לעבן פוצן, וויזיטן, טענץ און אומאויפהערלעכע קריגערייען מיט איר מאַן דעם נאַר. אייער חבר האָט איר פאַרשריבן אַ רויקער אַרט לעבן, ווינציקער-רייצנדיקע שפּייזן, וואָס מער שפּאַצירן און צימער-גימנאַסטיק, כּדי ביז אַ געוויסן גראַד צו פאַר-בייטן די פּראָדוקטיווע ארבעט.

איינע שטאַרבט דערפון, וואָס זי איז קיינמאָל נישט געווען זאַט

און האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגערוט; די צווייטע גייט-איין דערפון, וואָס דאָס גאַנצע לעבן האָט זי נישט געוווסט, וואָס אַזוינס איז אַרבעט...

אויב איר זענט איינע פון יענע צעבראָכענע נאַטורן, וועלכע מאַכן לייכט שלום מיט אַלץ, און פּנים אל פּנים מיט די סקאַנדאַלעזסטע פאַקטן באַגעגענען זיי זיך מיט פוסטע ווערטער און טרייסטן זיך מיט אַ גלאָז ביר, דאַן, פאַרשטייט זיך, וועט איר זיך גיך צוגעוויינען מיט דידאַקטיק קאָנטראַסטן און איר וועט זיך באַמיען, — וואָס דאָס זאָל נישט דאַרפן קאָסטן, — וואָס גיכער זיך שטעלן אין די רייען פון די פּריווילעגירטע, כּדי נישט אַריינצופאַלן צווישן די אונטערדריקטע. אויב איר זענט אָבער אַ „מענטש", אויב איר רעאַגירט מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער האַנדלונג אויף אייער יעדן געפיל, אויב די היהשע אינסטינקטן האָבן נישט געטויט אין אייך ענדגילטיק דעם דענקנדיקן חעוז, דאַן וועט איר זאָגן באַם אַרויסגיין פון הויז פון אָרימקייט און ליידן: „דאָס איז אומגערעכט, דאָס טאָר ווייטער אַזוי נישט זיין! מען דאַרף פאַרמיידן קראַנקהייטן, און נישט זיי היילן. אַ ביסל וווילשטאַנד, מער גייסטיקע אַנטוויקלונג און אַ העלפט קראַנקהייטן וועט פאַרשווינדן. לאָמיר פאַרוואַרפן אַלע רפואות! לופט, דערנערונג, אַ ווינציקער אויסשעפּנדיקע אַרבעט, אָט פון וואָס מען דאַרף אָנהייבן. אָן דעם איז די מעדיצין נישט מער ווי אַ שווינדל און אַפּנאַרעריי!"

אין דעם טאָג וועט איר פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז סאָציאַליזם. איר וועט וועלן נענטער זיך באַקענען מיט אים, און אויב אַלטרויזם איז פאַר אייך נישט קיין פוסטער קלאַנג, און איר וועט אָנווענדן צום שטודיום פון סאָציאַלע פראַגעס דעם שטרענגן מעטאָד פון נאַטור-פאָרשער. איר וועט זיך אָנשליסן אין אונזערע רייען און איר וועט צוזאַמען מיט אונז אַרבעטן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

*     *

*

איר וועט אָבער אפשר זאָגן: „לאָמיר פאַרלאָזן די פּראַקטיק! לאָמיר זיך ווידמען דער וויסנשאַפט. לאָמיר זיך אָפּגעבן, ווי דער פיזיקער, אַסטראָנאָם, כעמיקער, יענע אומענדלעכע פריידן, וועלכע עס פאַרשאַפן אונז דער שטודיום פון די נאַטור-סודות און די אַנטוויקלונג פון אונזערע

גייסטיקע פעיקייטן". אויב אזוי, טאָ זאָגט, כ'בעט אייך, מיט וואָס אונטערשיידט זיך דער געלערנטער, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפט, פון שיכור, וועלכער זוכט אין לעבן בלויז דעם אוממיטלבאַרן געניס און געפינט אים אין בראָנפן? געוויס, דער פרייד־קוואַל פון געלערנטן ביט איבטענסיווערער און לאַנג־דויערנדיקער געניסן, אָבער דער חילוק איז נישט מער ווי אין דעם! זיי ביידע, סיי דער געלערנטער, סיי דער שיכור, פאַרפאָלגן איין און דעם זעלבן עגאָיסטישן ציל — פערזענלעכע באַפרידיקונג.

איר אָבער ווילט דאָך נישט דאַסדאָזיקע עגאָיסטישע גליק. פאַרנעמענדיק זיך מיט וויסנשאַפט, ווילט איר ברענגען נוצן דער גאַנצער מענטשהייט; דערדאָזיקער געדאַנק וועט אָנפירן מיט אייערע אַלע וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען...

אַ שיינע אילוזיע! ווער פון אייך האָט זיך נישט געקוויקט מיט איר, זיך אָפּגעבנדיק צום ערשטן מאָל דעם וויסנשאַפטלעכן שטודיום!

אויב איר זאָרגט אָבער באמת וועגן דער מענטשהייט, אויב איר גליק איז דער ציל פון אייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, מוז פאַר אייך אויפקומען די פאָלגנדיקע שרעקלעכע דערווידערונג: די וויסנשאַפט איז אין דער היינטיקער געזעלשאַפט אויסשליסלעך אַ לוקסוס־אַרטיקל. נישט צופעליק פאַר דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט, דינט זי אויסשליסלעך כדי צו פאַרזיסן דאָס לעבן פון אַ קליינער צאָל אויסדערוויילטע.

גיט נאָר אַ קוק, שוין העכער הונדערט יאָר, ווי די וויסנשאַפט האָט פעסטגעשטעלט געזונטע קאָסמאָגאָנישע יסודות, אָבער ווי גרויס איז די צאָל פון די־יעניקע, וועלכע האָבן זיי באַגריפן און אויסגעאַרבעט אין זיך אַ קריטישע, וויסנשאַפטלעכע באַציונג צום אַרומיקן. דידאָזיקע צאָל גרייכט קוים עטלעכע טויזנט, וועלכע פאַרלירן זיך צווישן די הונדערטער מיליאָנען, וועלכע פאַרטונקלען זייער פאַרשטאַנד דורך פאָראורטיילן און אָבערגלויבנס, וועלכע פּאַסן זיך פאַר ווילדע, און זיי דינען אַלס שפּילעכל אין די הענט פון דער גייסטלעכקייט.

גיט נאָר אַ קוק, וויפיל די וויסנשאַפט האָט אויפגעטון אויפן געביט פון ראַציאָנעלע יסודות פון דער פיזישער און מאָראַלישער היגיענע. זי לערנט אונז, ווי איינצואָרדענען דאָס לעבן, כדי אָפּצוהיטן דאָס געזונט, ווי אַזוי צו האַלטן אין אַ גוטן צושטאַנד די מענטשלעכע געמיינשאַפטן; זי ווייזט אונז דעם וועג צום גייסטיקן און זיטלעכן וווילשטאַנד. און דידאָזיקע גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט בלייבט אַ טויט אות, זי פאַר

לאָזט נישט די ווענט פון געלערנטנס קאַבינעט. אָבער פאַרוואָס? ווייל די וויסנשאַפט עקזיסטירט איצט בלויז פאַר פּריווילעגירטע, ווייל די סאָציאַלע אומגלייכקייט, וועלכע טיילט איין מענטשן אויף קאַפּיטאַליסטן און לוין־אַרבעטער, פאַרוואַנדלט אַלע וויסנשאַפטלעכע אָנווייזונגען בנוגע דעם פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען אין אַ חוזק איבער גיין־צענטל פון דער מענטשהייט.

איך וואָלט אייך געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך ביישפּילן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן מיין געדאַנק, אָבער איר וועט זיי אַליין געפינען: פאַרלאָזט נאָר פאַוסטעס קאַבינעט, וואָס איז פאַרשטעלט מיט ביכער, מיט זיינע פאַרשטויבטע פענצטער, וואָס לאָזן נישט דורך די טאָג־ליכט, און גיט אַ קוק אויף דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אייך.

אין אונזער צייט גייט נישט אין אָנזאַמלען אמתן און וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען. מיר דאַרפן פאַרשפּרייטן און פאַרקערפּערן אין לעבן אמתן, וועלכע די וויסנשאַפט האָט שוין דערגרייכט, מאַכן זיי פאַר אַלעמענס פאַרמעגן. מיר דאַרפן שטרעבן דערצו, אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל ווערן פעיק זיי אויפצונעמען, די וויסנשאַפט זאָל ווערן דער יסוד פון לעבן, אָנשטאָט צו זיין אַ לוקסוס־זאַך. דאָס פאָדערט די גערעכטיקייט.

נאָך מער: דאָס ליגט אין די אינטערעסן פון דער וויסנשאַפט גופא. די וויסנשאַפט פּראָגרעסירט נאָר דאַן, ווען די נייע אמתן פאַלן אַריין אין אַ סביבה, וואָס איז זיי פעיק אויפצונעמען. די טעאָריע וועגן דער מעכאַנישער אַנטשטייונג פון וואַרעמקייט, וועלכע איז פאָרמולירט געוואָרן אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט כמעט אין די זעלבע אויסדריקן, ווי באַגירנען און קלאַוזיסן, איז אַכציק יאָר געבליבן ליגן טויט אין די אַקאַדעמישע מעמואַרן, ווייל די פיזיק־לערע איז נאָך געווען צו ווינציק פאַרשפּרייט, כדי צו שאַפן אַ סביבה, וואָס זאָל זיין ביכולת זי אויפצונעמען. עס זענען נייטיק געווען דריי דורות, כדי די טעאָריע פון עראַזם דאַרווין וועגן דער פאַרענדערלעכקייט פון די מינים זאָל אָנגענומען ווערן דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין אייניקל און זי זאָל אָנערקענט ווערן דורך די געלערנטע אַקאַדעמיקער נישט אָן אַ געוויסן דריק מצד דער געזעלשאַפט. דער געלערנטער איז, ווי דער דיכטער און קינסטלער, אַ פּראָדוקט פון יענער סביבה, אין וועלכער ער געפינט זיך.

* * *

אויב איר וועט זיך דורכדריגגען מיט דידאָזיקע אַלע געדאַנקען, וועט איר באַגרייפן, אַז קודם־כּל מוז דורכגעפירט ווערן אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש אין דער גאַנצער היינטיקער אָרדנונג, באַ וועלכער די געלערנטע זענען אָנגעשטאָפּט מיט אמתן, בעת די גרעסטע טייל מענטשהייט איז פאַראורטיילט צו בלייבן דאָס, וואָס זי איז געווען מיט פינף צען יאָרהונדערט צוריק: קנעכט און מאַשינען, וועלכע זענען נישט פעיק צו באַהעפטן זיך צו די אמתן, וועלכע די וויסנשאַפט האָט דערגרייכט. אין יענעם טאָג, ווען איר וועט זיך דורכדרינגען מיט דערדאָזיקער ברייטער, הומאַניטאַרער און טיף־וויסנשאַפטלעכער אידעע, וועט איר פאַרלירן דעם חשק צו פאַרנעמען זיך מיט ריינער וויסנשאַפט. איר וועט מיט אַלע כּוחות זיך באַמיען צו געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי צו משנה זיין אַלדאָס עקזיסטירנדיקע, און אויב איר וועט נישט פאַרלירן די אָני־פניותדיקייט, וואָס באַקליידט אייערע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, וועט איר איבערגיין אויפן צד פון סאָציאַליזם. איר וועט זיך באַפרייען פון פאַרשידענע סאָפיזמען און איר וועט זיך אָנשליסן אין אונזערע רייען. איר וועט זאָגן: „גענוג צו אַרבעטן אויף צו פאַרזיסן דאָס לעבן פון די יעניקע, וועלכע לעבן אַזוי אויך גאַנץ גוט; לאָמיר ווידמען אונזערע ידיעות, פעיקייטן און כּוחות דער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע!“ און זייט זיכער, אַז דאָס באַוווסטזיין פון דערפילטן חוב און די האַר־מאָניע צווישן אייערע געפילן און האַנדלונגען וועלן אויפוועקן אין אייך כּוחות, וועגן וועמענס עקזיסטענץ איר האָט אפילו נישט חושד געווען. אין יענעם טאָג, ווען עס וועט פאָרקומען די איבערקערעניש, וועט די וויסנשאַפט, שעפנדיק אומגעהייערע כּוחות אין דער פרייער קאָלעקטיווער אַרבעט פון אַ גאַנצער אַרמיי אַרבעטער, דורכמאַכן אַ גראַנדיעזן פלי, אין פאַרגלייך מיט וועלכן אירע איצטיקע דערפאָלגן וועלן אויסזעען ווי שילערישע איבונגען. דערדאָזיקער טאָג איז שוין נישט ווייט, ווי שטאַרק עס זאָלן נישט צאַרענען אייערע לערער.

ערשט דאַן האָט הנאה פון דער וויסנשאַפט! דערדאָזיקער תענוג וועט זיין צוגענגלעך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט!

## II.

לאָמיר אָננעמען, אַז איר ענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און איר ווילט זיך פאַרנעמען מיט אַדוואָקאַטור; איר האָט, מסתמא, געוויסע אי־לוזיעס בנוגע אייער קומענדיקער טעטיקייט; איך נעם אָן, אַז איר זענט ערלעכע, האַרציקע מענטשן און אייך איז נישט פרעמד קיין אַלטרויזם. „צי דען קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַן איידעלערע טעטיקייט: ווידמען דאָס לעבן דעם אָנפּניותדיקן קאַמף מיט אומגערעכטיקייט, צווינגען, אַז תּמיד זאָל טריומפירן דאָס געזעץ — דער אויסדריקער פון העכסטער גערעכ־טיקייט! אַזוי טראַכט איר און איר טרעט אַריין אין לעבן מיטן פולן גלויבן אין זיך און אין דער טעטיקייט, וועלכע איר האָט פאַר זיך אויס־געקליבן.

לאָמיר אָבער עפּענען אומגעקליבן די געריכטס־כראָניק און לאָמיר זען, וואָס וועט אונז זאָגן דאָס לעבן גופא.

א רייכער פּריץ פאָדערט, מען זאָל דערווייטערן פון זיין ערד דעם פערמער־פּויער פאַר נישט איינצאָלן דאָס אַרענדע־געלט. פון שטאַנד־פּונקט פון געזעץ קאָן דאָ נישט זיין קיין שום ספקות: אויב דער פּויער צאָלט נישט, דאַרף ער פאַרלאָזן די ערד.

אָבער אַריינדרינגענדיק טיפער אין ענין, דערוויסן מיר זיך, אַז דער פּריץ האָט שטענדיק פאַרשווענדט זיין געלט אויף פּוסטע פאַרוויילונ־גען, און דער פּויער האָט כּסדר געאַרבעט. דער פּריץ האָט גאָרנישט געטון כּדי צו פאַרבעסערן זיין ערד, אָבער איר ווערט איז אין משך פון פופציק יאָר פאַרדרייפאַכט געוואָרן, צוליבן דורכפירן טראַקטן, צוליבן אויסטרי־קענען זומפן, צוליבן אָפּרייניקן די אומפּרוכטבאַרע באַרג־אָפּהאַנגען. אָבער דער פּויער, אויף וועמענס חשבון דאָס איז אַלץ געטון געוואָרן, איז רוינירט געוואָרן, ער איז אַריינגעפאַלן אין חובות און איז איצט נישט בכּוח צו באַצאָלן דעם פּריץ. דאָס געזעץ, וואָס היט תּמיד אָפּ דאָס אייגנ־טום, איז, פאַרשטייט זיך, אויף דער זייט פון פּריץ. אָבער וואָס וועט איר טון, איר, אין וועמען די יורידישע פיקציעס האָבן נאָך נישט באַוויזן צו טויטן דאָס לעבעדיקע געפיל? צי דען וועט איר פאָדערן, מען זאָל

אַרויסטרייבן אויף דער גאַס דעם פּערמער, אָדער אַז דער פּריץ זאָל אומקערן דעם פּויער אַ טייל ריווח פאַר זיין פּראַצע ? — דאָס לעצטע פאָדערט דאָך פון אייך די גערעכטיקייט. צי דען וועט איר זיך שטעלן אויפן צד פון געזעץ קעגן דער גערעכטיקייט, אָדער אויפן צד פון דער גערעכטיקייט קעגן געזעץ ?

און ווען דער אַרבעטער וועט איינאָרדענען אַ שטרייק קעגן באַלעבאָס, נישט וואַרנענדיק אים וועגן דעם מיט פופצן טעג פריער, וועמען וועט איר פאַרטיידיקן ? וועט איר זיך שטעלן אויפן צד פון געזעץ, ד. ה. אויפן צד פון באַלעבאָס, וועלכער וועט זיך באַנוצן מיטן מאָמענט פון קריזיס, כדי געוויסנלאָז צו פאַרגרעסערן זיינע רווחים (קוקט דורך די לעצטע פּראָצעסן), אָדער קעגן געזעץ — פאַר די אַרבעטער, וועלכע שטאַרבן אין דערדאָזיקער צייט פון הונגער ? צי דען וועט איר פאַרטיידיקן דידאָזיקע פיקציע, וואָס באַשטייט אין דער באַהויפּטונג וועגן דער „פרייהייט פון די אַלגעמיינע אָפּמאַכן ?“ אָדער איר וועט זיך באַמיען אונטערצוהאַלטן די גערעכטיקייט. לויט וועלכער מען קאָן נישט באַטראַכטן פאַר גילטיק אַזאַ קאָנטראַקט, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן צווישן אַ זאַטן און אַזאַ, וואָס פאַרקויפט זיין פּראַצע פאַר ברויט, צווישן אַ שטאַרקן און אַ שוואַכן ?

אָט האָט איר אַ צווייטן ביישפּיל. אין פּאַריז האָט מען אַרעסטירט אַ מענטש דערפאַר, וואָס ער האָט אַראָפּגעכאַפּט פון אַ יאַטקע אַ ביפשטעקס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַן אַרבעטער, וואָס האָט נישט קיין פאַרדינסט, וועמענס פאַמיליע האָט שוין גאָרנישט געגעסן דעם פערטן מעת-לעת. אַלע בעטן דעם קצב ער זאָל אים אָפּלאָזן, ער פאַרפאָלגט אָבער דעם אומגליקלעכן און פאָדערט עס זאָל טריומפירן די גערעכטיקייט ! דעם אומגליקלעכן פאַרמשפּט מען אויף זעקס חדשים תפיסה. אַזוי וויל די בלינדע טעמידע. — איז דען מעגלעך, אַז צוזעענדיק אַזעלכע פאַקטן, זאָל אייער געוויסן נישט מורד זיין קעגן געזעץ און דער געזעלשאַפט !

צי דען וועט איר פאָדערן, מען זאָל אָנווענדן דאָס געזעץ צו אַן אומגליקלעכן, וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהערט קיין גוט וואָרט, וואָס ווערט באַליידיקט פון קינדווייז אויף, דערפאַר, וואָס ער האָט געטויט אַ שכן צוליב פינף פראַנק. צי דען וועט איר פאָדערן, אַז מען זאָל טויטן אָדער — וואָס עס איז נאָך ערגער — מען זאָל פאַרמשפּטן אויף צוואַנציק יאָר תפיסה דעמדאָזיקן פאַרברעכער, ריכטיקער,

קראנקן, בעת די גאנצע געזעלשאפט איז פאראנטווארטלעך פאר זיין פארברעכן ?

צי דען וועט איר פאדערן, מען זאל ארייגזעצן אין תפיסה וועבערס, וועלכע האבן אין א יאוש־מאמענט אונטערגעצונדן די פאבריק ? צי דען וועט איר פאדערן, מען זאל פארשיקן אויף קאטארגע דעמדאזיקן בחור, וועלכער האט געוואלט מאכן אן אטענטאט אויפן געקרוינטן מערדער, וואס שטייט מחוצן געזעץ ? מען זאל צעשיסן דאס מורדישע פאלק, וועלכעס האט זיך אנטשלאסן ארויסצוווארפן אויף באריקאדעס די רויטע פאן פון דער צוקונפט ?

— ניין, טויזנט מאל ניין !

אויב איר באציט זיך צום ארומיקן באוווסטזיניק, און איר חזרט נישט איבער דאס, וואס מען לערנט אייך ; אויב איר וועט באפרייען דאס געזעץ פון די פיקציעס, מיט וועלכע מען האט עס פארטונקלט מיטן ציל צו פארדעקן זיין אפשטאמונג — דעם ווילן פון שטארקן, און זיין וועזן — די בארעכטיקונג פון די אונטערדריקונגען, וועלכע עס האט געבראכט דער מענטשהייט זיין בלוטיקע געשיכטע, — וועט איר זיך זיכער באציען מיט דער גרעסטער פאראכטונג צום דאזיקן געזעץ. איר וועט באגרייפן, אז געשריבענע געזעצן שטייען אין א דירעקטער סתירה מיט די געזעצן פון געוויסן. איר וועט זיך אפזאגן פון דער טראדיציע און איר וועט קומען צו אונז ארבעטן פאר דער פארניכטונג פון אלע אומגערעכטיקייטן : דער עקאנאמישער, דער פאליטישער און דער סאציאלער.

אבער דאן וועט איר זיין א סאציאליסט, — דאן וועט איר זיין א רעוואלוציאנער.

* *

*

און איר, יונגער אינזשיניער, וואס איר טרוימט צו פארבעסערן די לאגע פון די ארבעטער דורך פארפולקאמען די פראדוקציע־מיטלען, — צי ווייסט איר דען, וויפיל אנטוישונגען עס דערווארטן אייך ? מיט יוגנט־ברען טרעט איר צו דורכצופירן א בארג־אייזנבאן, וואס וויקלט זיך ארום תהום און וועלכע צעשניידט גראניטנע בלאקן, כדי צו פארייניקן צוויי לענדער, וועלכע די נאטור גופא האט אפגעטיילט. ווען איר

וועט צוטרעטן צו דער אַרבעט, וועט איר זעען, ווי אַזוי אין די טונקע-
לע טונעלן קומען אום פון קראַנקהייטן און קוועלערייען גאַנצע פּאַרטיעס
אַרבעטער, ווי אַזוי אַנדערע גייען אַוועק מיט זיכערע סימנים פון שווינד-
זוכט, מיטנעמענדיק מיט זיך בלויז עטלעכע גראָשנס. יעדער מעטער פון
אייער אייזנבאַן וועט אייך קאָסטן אַ סך מענשלעכע לעבנס, צוליב דער
פאַרברעכערישער קאַרגשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן. און ווען אייער
אַרבעט וועט שוין זיין פאַרענדיקט, וועט איר פאַרשטיין, אַז איר האָט
געאַרבעט, כדי דורכצופירן וועגן פאַר די האַרמאַטן פאַר די זיגער...

איר ווידמעט אייער יוגנט אַן אַנטדעקונג, וועלכע דאַרף פאַרלייכ-
טערן די פּראָדוקציע, און נאָך אַ סך מאַטערנישן, אַ סך שלאָפלאָזע נעכט
האָט איר ענדלעך דערגרייכט צום ציל.

וואָס זשע האָט זיך אַרויסגעוויזן? צען, צוואַנציק טויזנט אַרבעטער
זענען געבליבן אָן פאַרדינסט! כדי צו ברענגען אין באַוועגונג אייער
מאַשין וועלן גענוג זיין עטלעכע אַרבעטס-כוחות, על פּי רוב קינדער,
וואָס זענען דערפירט געוואָרן צום צושטאַנד פון מאַשינען! דריי, פיר
פאַבריקאַנטן וועלן רייך ווערן פון דערדאָזיקער אַנטדעקונג און „וועלן
טרינקען שאַמפּאַניער מיט פולע בעכערס"... אָט וועגן דעם-אָ האָט איר
דען געטרוימט?

שטודירנדיק די לאַגע פון אַרבעטער-קלאַס זעען מיר, אַז די ניי-
טאָרין האָט גאָרנישט געוווּנען פון איר דערפינדונג פון דעם ניי-מאַשין;
אַז די אַרבעטער אין סען-גאָטאַרד שטאַרבן פון גייצן, נישט געקוקט אויף
דעם, וואָס מען באַנוצט באַרג-עקבער-מאַשינען מיט דימענטענע קעפּלעך;
אַז דער מויערער און דער טאָג-אַרבעטער ליידן ווי פריער פון אַרבעטס-
לאָזיקייט נישט געקוקט אויף דער דערפינדונג פון זשיפאַרס ווינדעס.
אויב איר וועט זיך באַציען צו די סאָציאַלע פראַגעס מיט דער זעלבער
אָביעקטיוויקייט פון געדאַנק, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט אייערע טעכנישע
פאָרשונגען, וועט איר אומפאַרמיידלעך קומען צום אויספיר, אַז יעדע
נייע דערפינדונג בײַ דער עקזיסטענץ פון פּריוואַט-אייגנטום און אַרבעטס-
לוין, מאַכט שווערער די באַדינגונגען פון אַרבעטערס קינד (אויב זי-
פאַרבעסערט אפילו אַ ביסל זיין וווילשטאַנד), זי מאַכט פאַרטעמפּנדיקער
זיין אַרבעט, זי ברענגט אָפטער צו אַרבעטסלאָזיקייט, מאַכט שאַרפער די-
קריזיסן. דידאָזיקע דערפינדונגען פאַרגרעסערן בלויז די רווחים פון די-
יעניקע, וועלכע פאַרברענגען דאָס לעבן אין אייביקע תענוגים און פוסט-
און-פאַסטקייט.

וואָס־זשע בלייבט אייך צו טון?

אָדער איינשלעפערן אייער געוויסן דורך סאָפּיזמען און אין איין שיינעם טאָג, צעזעגענענדיק זיך מיט די ערלעכע יוגנט־טרוימען, זיך באַמיען פאַרכאַפּן אַלץ, וואָס גיט רעכט אויף פאַרגעניגן און גיין אין לאַגער פון די עקספּלואַטאַטאָרן. אָדער, אויב איר זענט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרגרעבט געוואָרן, זיך זאָגן: — „ניין, איצט איז קיין צייט נישט צו מאַכן נייע דערפינדונגען! לאָמיר אַרבעטן פאַר דער רעאָרגאַניזירונג פון דער היינטיקער אינדוסטריעלער אָרדנונג. ווען דאָס פּריוואַט־אייגנטום וועט זיין פאַרניכטעט, דאַן וועט יעדע נייע אינדוסטריעלע פאַרפולקאָמונג דינען דעם וויל פון דער גאַנצער מענטשהייט. דידאָזיקע מאַסע אַרבעטער, וואָס זענען איצט דערנידעריקט צו דער מדרגה פון מאַשינען, וועלן דאַן בילדן אַ גאַנצע אַרמיי דענקנדיקע ווערזנס, וועלכע וועלן אַריינברענגען אין דער אינדוסטרי זייער איניציאַטיוו, וואָס וועט זיין אַנטוויקלט דורך דער וויסנשאַפט און פּראַקטיק פון מלאכה. די טעכניק וועט אין אַ פופציק יאָר דערגרייכן אַזעלכע דערפאָלגן, וועגן וועלכע מיר האָבן גאָר איצט נישט די דרייסטקייט צו טרוימען".

* *

*

וואָס וועלן מיר זאָגן דעם שול־לערער, נישט יענעם, וועלכער קוקט אויף זיין פּראָפעסיע ווי אויף אַ לאַנגווייליק פאַך, ניין — אַ לערער, וואָס איז באַרופן דערצו, וועלכער פילט זיך אויסגעצייכנט צווישן די מחנות פריילעכע שטיפערס, וועלכע שפּרינגען אַרום אים מיט ברענענדיקע אויגן און אַ פריילעך געלעכטער, וועלכער טרוימט איינצופלאַנצן אין דידאָזיקע קינדער יענע הומאַניסטאַרע אידעען, וועלכע האָבן אים באַגייסטערט אין דער יוגנט?

אָפט זע איך אייך אַ טרויעריקן, און איך ווייס די סיבה פון אייער טרויער. היינט האָט אייער געליבטער שילער, אַ לעבעדיק און איינדריקספעיק ייִנגל, דערציילט מיט באַגייסטערונג די לעגענדע וועגן ווילהעלם טעל. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט: ס'דאַכט זיך, אַז ער איז גרייט צו צעשטערן אַלע טיראַנען, אַזוי ליידנשאַפטלעך האָט ער דורכגעלייענט שילערס דידאָזיקע שורות:

פאַר אַ קנעכט, וואָס צעברעכט זיינע קייטן,
פאַר אַ פ ר יי ע ן — ציטער ניִשט!

אָבער ווען דאָס ייִנגל איז געקומען פון שול אַהיים האָט ער באַקומען אַ שטרענגן אויסרייד פון פאָטער, מוטער און פעטער פאַר ווינציק אַכטונג צום גייסטלעכן. די עלטערן האָבן אים אַ גאַנצן טאָג געהאַקט אין קאָפּ וועגן דער נייטיקייט פון „פאַרזיכטיקייט, אונטערטעניקייט לגבי דער מאַכט, פאָלגעוודיקייט", אַזוי, אַז שילער איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ זייט און איז פאַרביטן געוואָרן מיט דער „קונסט איינצואָרדנען דאָס אייגענע לעבן אויף דער וועלט!"

ערשט נעכטן האָט מען אייך געזאָגט, אַז אייערע בעסטע תּלמידים גייען מיטן שלעכטן וועג: איינער טרוימט נאָר וועגן עפּאָלעטן, אַ צווייטער עקספּלואַטירט די אַרבעטער יד אחת מיטן באַלעבאָס. און וויפיל האָפנונגען האָט איר געלייגט אויף דידאַזיקע יונגע מענטשן! ווי שרעקלעך עס איז די סתּירה צווישן דער ווירקלעכקייט און דעם אידעאַל!

איך זע פאָרויס, אַז אין אַ יאָר צוויי אַרום, נאָך אַ סך אַנטוישונגען, וועט איר אָפּלייגן אין אַ זייט אייערע געליבטע מחברים און איר וועט זאָגן:

„געוויס, טעל איז אַ ערלעכער פאָטער, ער איז אָבער אומבאַדינגט ניִשט נאָרמאַל. דיכטונג איז אַ שיינע זאַך, ווען מען זיצט באַם וואָרעמען אויוון, נאָך דעם, ווי מען האָט אַ גאַנצן טאָג געלערנט קינדער קאָמפּליצירטע פּראָצענטן; דאָס לעבן אָבער האָט ווייניק געמיינזאַמס מיט די פּערזן פון די דיכטער, וועלכע שוועבן אין די הימלען, באַזונדערס דאַן, ווען מען דערוואַרט דעם באַזוך פונם העך אינספּעקטאָר..."

אָדער אייערע יונגע טרוימען וועלן ווערן איבערצייגונגען פון אַ רייפן מענטש. איר וועט שטרעבן דערצו, אַז אַלע זאָלן באַקומען אַ ברייטע, הומאַניטאַרע בילדונג און, איבערצייגנדיק זיך, אַז דאָס איז אוממעגלעך באַ הייַנטיקע באַדינגונגען, וועט איר זיך נעמען צעשטערן די יסודות פון דער בורזשואַזער אָרדנונג. דאַן, אַ באַזייטיקטער פון פאָכטן, וועט איר וואַרפן די שולע און איר וועט קומען צו אונז אַרבעטן צוזאַמען, כּדי ווייזן די מענטשן, וואָס זענען עלטער פאַר אייך — אָבער ווינציקער דערפאַרן — וואָס עס דאַרף זיין די מענטשהייט, וואָס זי קאָן זיין און וואָס איז דאָ צוציענדיקס אין וויסן. איר וועט העלפן די סאָציאַליסטן אין זייער אַרבעט איבערצובויען פון גרונט אויף די הייַנטיקע

אָרדנונג; איר וועט צוזאַמען מיט זיי שטרעבן צו דערגרייכן די אַלגעמיינע גלייכקייט, סאָלידאַרישקייט און פרייהייט.

*    *
*

און איר, יונגער אַרטיסט, סקולפּטאָר, מאָלער, דיכטער, מוזיקער, צי דען באַמערקט איר נישט, אַז איר פאַרמאָגט נישט יענץ הייליקע פייער, וואָס האָט באַגייסטערט אייערע פאָרגענגער, אַז די קונסט איז געוואָרן באַנאַל, אַז אומעטום הערשט מיטלמעסיקייט?

און צי איז דען מעגלעך, עס זאָל גאָר זיין אַנדערש? די באַגייסטערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די שעפער פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע, ווען פאַר זיי איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים די אַלטע וועלט, ווען זיי האָבן זיך געווענדט צו די ריינע קוואַלן פון דער נאַטור אַליין, — פעלט אין היינטיקן שאַפן. די רעוואָלוציאָנערע אידעען האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעשפּיגלט אין דער קונסט און נישט פאַרמאָגנדיק קיין שום אידעע, פאַרנעמען זיך די היינטיקע קינסטלער מיט רעאַליזם. זיי קלוגן זיך אָפּצופאָטאָגראַפירן אַ טוי-טראָפן אויף די בלעטער פון געוויקסן, איבערצוגעבן די מוסקולן פון אַ קו, געטריי באַשרייבן, אין פערזן אָדער אין פּראָזע, דעם געשטאַנק פון קלאָזעטן און דעם בודואַר-לוקסוס פון שיינע פרויען.

טאָ וואָס-זשע זאָל מען טון, וועט איר פרעגן, אויב דאָס הייליקע פייער, וואָס ברענט אין אייך, איז נאָר אַ טליענדיקע קויל, טאָ טוט ווייטער דאָס, וואָס איר טוט און דערפירט די קונסט צו דער דעגענעראַציע ביז אַ מלאכה פון אַ דעקאָראַטאָר, ביז אַ צושטעלערין פון ליברעטאָס פאַר בופן און פעליעטאָנען אַ וועלכן נישט איז זשיראַרדען. די גרעסטע טייל פון אייך איז שוין אַרויפגעטרעטן אויפן דאָזיקן פאַרדאַרבנדיקן וועג.

אויב אָבער אייער האַרץ שלאָגט אין האַרמאָניע מיטן האַרץ פון דער מענטשהייט, אויב איר, ווי אַן אמתער דיכטער, זענט פעיק זיך צוצוהערן צום דופק פון לעבן, טאָ קאָנט איר דען בלייבן פּאַסיוו ווען איר זעט ווי דאָס פאָלק שטאַרבט פאַר הונגער, ווען איר זעט די טויטע קערפּערס, וואָס פילן אָן די קוילנגרובן, ווען איר זעט די פאַרקריפּלטע קערפּערס, וועלכע ליגן הויפנווייז צופיסנס פון די באַריקאַדן, ווען איר

זעט די פאַרשיקטע, וועלכע גייען שטאַרבן פאַר זייערע איבערצייגונגען צווישן די סיבירער שנייען און אויף די ברעגעס פון די טראָפּישע אינזלען, אין כאַאָס פון אַלוועלטלעכן קאַמף, וואָס ווערט באַגלייט דורך געשרייען פון באַזיגטע און אַרגיעס פון די זיגער, דורך פאַרביסענע גערانגלען צווישן הערָאיזם מיט פּחדנות, באַגייסטערונג מיט באַנאַלקייט! איר וועט איבערגיין אויף דער זייט פון די אונטערדריקטע, ווייל איר ווייסט, אַז דאָס שיינע, גרויסע, — מיט איין וואָרט, דאָס לעבן אַליין, איז ד אָ ר ט, ווו מען קעמפט פאַרן אמת, פאַר ליכט, פאַר גערעכטיקייט!

* *

איר וועט מיר אָבער ענטפערן: „אויב ריינע וויסנשאַפט איז אַ לוקסוס-זאַך, מעדיצין — אַ גענאַרעריי, אויב דאָס געזעץ איז אומגערעכטיקייט, די טעכנישע דערפינדונגען — מיטלען אויף צו עקספּלואַטירן, אויב די טעטיקייט פון לערער איז — ליגן, אויב די קונסט דעגענערירט אַן רעוואָלוציאָנערע אידעען, טאָ וואָס-זשע זאָל איך טון?“

„אייך שטייט פאַר“, וועל איך ענטפערן, „אַ ריזיקע, פאַרכאַפּנדיקע אַרבעט: אַן אַרבעט, בּאַ וועלכער אייערע האַנדלונגען וועלן האַרמאָנירן מיט אייער געוויסן, אַן אַרבעט, וואָס איז בכוח צו פאַרכאַפּן די איידלסטע, שטאַרקסטע נאַטורן“.

וואָסער אַרבעט? כ'וועל אייך באַלד זאָגן.

## III.

אָדער כסדר האַנדלען קעגן אייגענעם געוויסן און ענדיקן מיט אַ באַנאַלן אויסרוף: „זאָל אומקומען די מענטשהייט, אַבי איך זאָל האָבן תענוגים און געניסן פון אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט, כּל-זמן דאָס פאָלק פאַדערט נישט דאָס זייניקע צוליב זיין נאַרישקייט!“ אָדער איבערגיין אויפן צד פון די סאָציאַליסטן און צוזאַמען מיט זיי אַרבעטן איבער דער ענדערונג פון דער גאַנצער היינטיקער אָרדנונג. דאָס איז דער אומפאַרמיידלעכער אויספיר פון אונזער געמאַכטן אַנאַליז. דאָס איז דער

לאַגישער אויספיר, צו וועלכן עס מוז קומען יעדער דענקענדיקער מענטש, אויב ער וועט זיך נאָר ערלעך באַציען צו דעם, וואָס עס קומט פאָר ארום אים, און ער וועט זיך קאָנען באַפרייען פון די סאָפיזמען, וועלכע עס האָבן איינגעפלאַנצט אין אים די בורזשואַזיע דערציִונג און די פניות־דיקע מיינונג פון די אַרומיקע.

דאַן וועט זיך פאַר אייך שטעלן די פראַגע: „וואָס טוט מען?"

פאַרלאָזט די סביבה, ווו איר זענט געבוירן געוואָרן און ווו מען קוקט אויפן פאָלק, ווי אויף אַ נשמהלאָזע טשערעדע, גייט צום דאָזיקן פאָלק מיט גלויבן אין אים, מיט אַ ווילן צו העלפן אים. דאָרט וועט איר פאַר זיך געפינען אַרבעט.

איר וועט זען, אַז אומעטום, אין פראַנקרייך ווי אין דייטשלאַנד, אין איטאַליע ווי אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אומעטום, ווו עס זענען דאָ פּריווילעגירטע און אונטערדריקטע, קומט פאָר אין די טיפענישן פון אַרבעטער־קלאַס אַ גראַנדיעזע אַרבעט צו צעשטערן די קנעכטשאַפט, וועלכע עס צווינגט אַרויף אויף זיי דער קאַפּיטאַליסטישער פעאָדאַליזם, און אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, וואָס באַזירט אויף גערעכטיקייט און גלייכקייט. דאָס פאָלק באַנוגנט זיך שוין נישט איצט מיט זינגען האַרץ־רייסנדיקע מעלאָדיעס, אין וועלכע עס פלעגן זיך אויס־גיסן די ליידן פון די קנעכט פון XVIII־טן יאָרהונדערט, וועלכע עס זינגען נאָך אויך איצט די רוסישע פויערים. עס גייט אַנטשלאָסן צו זיין באַפרייונג מיטן פולן באַוווסטזיין פון זיינע כּוחות, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום שטערונגען. זיין געדאַנק הערט נישט אויף צו אַרבעטן אויף צו שאַפן אַ לעבן, וואָס זיכערט גליק אַלע מענטשן, וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קללה פאַר דריי־פערטל פון דער מענטשהייט. עס נעמט זיך פאַר די קאָמפּליצירטע פראַגן פון סאָציאָלאָגיע און באַמיט זיך זיי צו לייזן, באַנוצנדיק זיין שכל הישר, זיין באַאָבאַכטונגס־פעיקייט און זיין שווערע דערפאַרונג.

כּדי איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג מיט אַנדערע אונטערדריקטע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטן, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן אויף די מיטלען פון פאָלק גופא. ער פאַרבינדט זיך מיט די אַרבעטער פון די אַנדערע לענדער און בעסער ווי די באַרעדעוודיקסטע פרעדיקער פון פילאַנטראָפּיע, גרייט ער צו אַ טאָג, ווען מלחמות צווישן פעלקער וועלן ווערן אוממעג־לעך. כּדי צו וויסן, וואָס עס טוען זיינע ברידער און זיך צונויפצורעדן מיט זיי, כּדי אויסצואַרבעטן און פּראָפּאַגאַנדירן נייע אידעען, האַלט ער

אויס, — אָבער פאַרן פרייז פון וואָסערע קוועלערייען, פון וואָסערע אָנשטרענגונגען! — זיין אייגענע אַרבעטער-פרעסע. לסוף, ווען עס קומט די צייט, הייבט ער זיך אויף און פאַרבנדיק מיט זיין בלוט די צופיטנס פון די באַריקאַדעס, גייט ער אויסקעמפן פאַר זיך פרייהייט און רעכט, וועלכע די רייכע און די מאַכט וועלן איינגיכן ווידער אָנווענדן קעגן אים, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין זייערע פּריווילעגיעס.

סאַראַ כסדרדיקע, עקשנותדיקע אָנשטרענגונגען! סאַראַ אומאויפהערלעכער קאַמף! סאַראַ גיגאַנטישע אַרבעט, אַן אַרבעט, וועלכע ווערט כסדר איבערגעריסן, דאָ כדי אויסצופילן די רייען, וואָס זענען שיטער געוואָרן דורך קוילן און גראַנאַטן; דאָ כדי צו פאַרבייטן די דעזערטירן, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן די שוועריקייטן פון קאַמף און פאַרפאַלגונגען; דאָ כדי ווידער צוטרעטן צום שטודיום פון סאָציאַלע פראַגן, וועלכער איז איבערגעריסן געוואָרן דורך מאַסן-מערדערייען!

זייערע צייטונגען ווערן געשאַפן דורך מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסרייסן באַ דער געזעלשאַפט פראַגמענטן וויסן, זיך אָפּזאָגנדיק פון שלאָף און עסן; די אַגיטאַציע ווערט געפירט אויפן חשבון פון די אָרימע, וועלכע גיבן אָפּ זייערע לעצטע גראָשנס; און דאָס אַלץ אונטער דער תּמידער מורא, אַז די פאַמיליע וועט זיין פאַראורטיילט אויף דער שרעקלעכסטער נויט, אויב דער באַלעבאָס וועט זיך דערוויסן, אַז „זיין אַרבעטער, זיין קנעכט איז אַ סאָציאַליסט!“

אָט וואָס איר וועט, קודם כל, געפינען צווישן פאָלק.

* *

*

און וויפיל מאָל האָבן זיך די אַרבעטער (פאַלנדיק אונטער דער לאַסט פון די באַדינגונגען אין דאָזיקן שווערן קאַמף) געשטעלט פאָלגנדיקע פראַגע:

„ווי-זשע זענען דידאָזיקע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען בילדונג אויף אונזער חשבון, וועלכע מיר האָבן באַקליידט און דערנערט, בעת זיי האָבן געלערנט? די יוגנט. פאַר וועלכער מיר האָבן געבויט הייזער, אַקאַדעמיעס, מוזייען, נישט אויסגלייכנדיק די פּלייצעס, מיט פוסטע מאָגנס, פאַר וועלכע מיר האָבן, מיט אויסגעצערטע פנימער, געדרוקט ביכער, וואָס זענען פאַר אונדז נישט צוטריטלעך? און ווו זענען

די פּראָפעסאָרן, דידאַזיקע וואָרט-פירער פון דער הומאַניטאַרער וויכנשאַפט, אין וועמענס אויגן די מענטשהייט איז ווינציקער ווערט ווי אַ זעלטענער מין רויפּע; דידאָזיקע מענטשן, וועלכע שרייען כסדר וועגן פרייהייט און פּרובירן קיינמאָל נישט צו באַשיצן אונזער פרייהייט, וועלכע ווערט טאָג-טעגלעך געטרעטן מיט די פיס; דידאָזיקע שרייבער, קינסטלער, דיכטער, דידאָזיקע גאַנצע באַנדע צבועקעס, וועלכע רעדן מיט טרערן אין די אויגן וועגן פאָלק און פּרוּוון קיינמאָל נישט צו העלפן דעמדאָזיקן פאָלק אין זיין שווערן קאַמף?"

זיי באַנוגענען זיך מיט פחדנותדיקן אינדיפערענטיזם; אַנדערע, די גרעסערע טייל, פאַראַכטעט דאָס פאָלק, „דעם המון“, און זענען גרייט אים צו פאַרניכטן, אויב ער וועט נאָר האָבן די העזה אַנצורירן זייערע פּריווילעגיעס.

עס באַווייזט זיך, אמת, אַמאָל עפּעס אַ יוגנטלעכער, וועלכער טרוימט וועגן פויקן און באַריקאַדעס, וועלכער זוכט שטאַרקע איינדרוקן, אָבער ווי נאָר ער דערזעט, אַז דער וועג צו די באַריקאַדעס איז שווער, און אַז אינם לאָרבער-קראַנץ, וועלכן ער וויל דעראָבערן, זענען דאָ צו פיל דערנער, זאָגט ער זיך אָפּ פון קאַמף פאַר באַפרייען דאָס פאָלק. מערסטנטייל זענען דאָס כבוד-גייציקע, וועלכע באַמיען זיך דורך כיטרעקייט צו געווינען דעם צוטרוי פון פאָלק און וועלכע וועלן זיך די ערשטע וואַרפן אויף אים, ווי נאָר ער וועט וועלן דורכפירן אין לעבן יענע פּרינציפּן, וועלכע זיי אַליין האָבן געפּריידיקט. זיי זענען גרייט אפילו אַנצילן האַרמאַטן אויפן דאָזיקן „נידערטרעכטיקן המון“, אויב ער וועט נאָר האָבן די העזה מורד צו זיין לויט זייער סיגנאַל.

גיט נאָך דערצו צו דעם זינלאָזן חוזק און די גאַווהדיקע פאַראַכטונג פון דער גרעסטער טייל פון אונזער געזעלשאַפט, און איר וועט באַקומען אַ קלאָר בילד וועגן דעם, וואָס די בורזשואַזע יוגנט גיט איצט דעם פאָלק, כדי צו העלפן אים אין זיין סאָציאַלער עוואָלוציע.

* *

*

און איר פרעגט נאָך: „וואָס טוט מען?"

וואָס טוט מען, ווען ס'איז נאָך גאָרנישט געטאָן געוואָרן, ווען ס'וואָלט ווינציק געווען אַ גאַנצע אַרמיי יונגע כּוחות, וועלכע זענען גרייט מקריב צו זיין מיט זייערע פעיקייטן, ענערגיע און טאַלאַנט, כּדי צו העלפן דעם פאָלק אין דער גראַנדיעזער אַרבעט, וועלכע עס האָט אונטערגענומען.

איר, ליבהאָבער פון ריינער וויסנשאַפט, צי דען זעט איר נישט איין, אויב איר זענט דורכגעדרונגען געוואָרן מיט די פרינציפן פון סאָציאַליזם און איר האָט באַגריפן די באַדייטונג פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע, אַז די גאַנצע וויסנשאַפט דאַרף געענדערט ווערן אין הסכּם מיט די נייע פרינציפן; אַז אויך אין דאָזיקן געביט איז נייטיק אַ רעוואָלוציע, וועלכע דאַרף אַריבערשטייגן מיט איר באַדייטונג די איבערקערעניש, וועלכע האָט געענדערט די ריכטונג פון די וויסנשאַפטן אין XVIII-טן יאָרהונדערט? צי דען באַגרייפט איר נישט, אַז די היינטיקע געשיכטע — דאָס מעשהלע וועגן דער גרויסקייט פון די קיסרים, די געשיכטע פון די גענעראַלן און פּאַרלאַמענטן דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געשיכטע פון פאָלק, אין אַ געשיכטע פון דער מענטשהייטס עוואָלוציע? אַז די סאָציאַל-עקאָנאָמיע, וועלכע פאַרטיידיקט איצט די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע, דאַרף איבערגעאַרבעט ווערן סיי אין אירע עיקרדיקע פרינציפן, סיי אין אירע אומצייליקע צוגאָבן? אַז די אַנטראָפּאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע און די עטיק דאַרפן איבערגעשאַפן ווערן, אַז אַפילו די נאַטור-וויסנשאַפטן דאַרפן באַקומען אַ נייע באַלויכטונג, וואָס ענדערט סיי דעם אופן פון פאַרשטיין די נאַטור-דערשיינונגען, סיי די מעטאָדן פון זייער שילדערונג? צי דען איז דאָס ווינציק אַרבעט פאַר אייך? ווידמעט אייער וויסן, אייערע כּוחות דער דינסט פון אַ נייער וויסנשאַפט. און, דער עיקר, העלפט אונז מיט אייער אייזערנער לאָגיק גובר צו זיין די יאָרהונדערטן-לאַנגע פאָראורטיילן, אויסצואַרבעטן אויפן וועג פון סינטעז די יסודות פון בעסערע אָרגאַניזאַציעס, לערנט אונז אויסצודריקן אין אונזערע באַטראַכטונגען איבערצייגטקייט, וועלכע איז

אייגן די עקזאַקטע וויסנשאַפטן ; ווייזט אונז דורך אייער ביישפּיל, ווי-אַזוי צו שטעלן דאָס לעבן אין דינסט פון אמת.

איר, דאָקטוירים, וועלכע די שווערע דערפאַרונג האָט געצוווּנגען צו פאַרשטיין דעם סאָציאַליזם, חזרט אונז איבער יעדן טאָג, אַז די מענטשהייט דעגענערירט, אַז זי וועט אונטערגיין, אויב עס וועלן נישט געענדערט ווערן די באַדינגונגען פון איר לעבן און אַרבעט. אַז אייערע רפואות זענען הילפלאָז, כל-זמן ניין-און-ניינציק הונדערטלעך פון דער מענטשהייט וועגעטירט אין לעבנס באַדינגונגען, וואָס זענען פּונקט דער היפּוך פון די פאָדערונגען פון דער מעדעצין ; אַז מען דאַרף אויסוואָרצלען די סיבות פון די קראַנקהייטן גופא און אַז עס זענען דאָ מיטלען אויסצוואָרצלען זיי. נעמט אייער סעציר-מעסער ; פּאַלמעסט מיט אַ זיכע-רער האַנט די הייניטיקע געזעלשאַפט, וועלכע גייט צום אונטערגאַנג און איבערצייגט אונז, אַז אַ ראַציאָנעל לעבן איז נישט קיין לעגענדע און אַז מען קאָן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר דער אַמפּוטאַציע פון אַן אבר, וועלכער איז גאַנגרעניזירט, ווען די סכנה דראָט דעם גאַנצן אָרגאַניזם.

און איר, וואָס איר זוכט מיטלען ווי אַזוי אָנצוווענדן די וויסנ-שאַפטן אין דער אינדוסטרי, דערציילט אונז אָפן, וואָס איז דער רעזול-טאַט פון אייער אַרבעט, זאָגט צו די-יעניקע, ווער עס דערוועגט זיך נישט איבערצורייסן מיטן הוה, וויפיל שכראַצלעך פון נייע אַנטדעקונגען עס טראָגט אין זיך די הייניטיקע וויסנשאַפט, וואָס עס וואָלט געקאָנט זיין די אינדוסטרי באַ נאָרמאַלע באַדינגונגען און וויפיל עס וואָלט געקאָנט פּראָדוצירן אַ מענטש, ווען ער וואָלט תמיד געאַרבעט אויף צו פאַרבע-סערן די פּראָדוקציע-אופנים, ווידמעט אייער אינטויציע, אייער פּראַקטישן שכל, אייערע אָרגאַניזאַטאָרישע טאַלאַנטן דעם פאָלק, אָנשטאָט אָפּצוגעבן אַלץ אין דינסט פון די עקספּלואַטאַטאָרן.

און איר, דיכטער מאָלער, סקולפּטאָרן און מוזיקער, אויב איר זענט פעיק צו פאַרשטיין, אין וואָס עס באַשטייט אייער באַשטימונג און די אינטערעסן פון דער קונסט, ברענגט אייער פעדער, אייער פּענזל, אייער סקולפּטאָר-מעסער אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע. שילדערט פאַר אונז אין שטאַרקע בילדער, פאַרכאַפּנדיקע געמעלן, מונטערנדיקע קלאַנגען דעם גיגאַנטישן קאַמף פון פאָלק מיט זיינע באַדריקער גיט אַריין אין די הערצער פון דער יוגנט אַ טייַלכל פון יענעם רעוואָלוציאָ-נערן פייער, וועלכעס האָט באַגייסטערט אונזערע אבות, דערציילט דער פרוי, ווי דערהויבן און שיין עס וועט זיין די טעטיקייט פון איר מאַן,

ווען ער וועט ווידמען זיין לעבן דער סאָציאַלער עמאַנסיפּאַציע. ווייזט דער מענטשהייט אין גרעלע פאַרבן די גאַנצע פאַרקריפּלטקייט פון היינ־טיקן לעבן און צווינגט זי זיך צוצוקוקן צו די סיבות פון דערדאָזיקער פאַרקריפּלטקייט; באַשרייבט אים ווי עס וואָלט אויסגעזעען דאָס לעבן, ווען עס זאָל זיך נישט צוזאַמענשטויסן אויף יעדן טריט און שריט מיט דער זינלאָזיקייט און עקלדיקייט פון דער היינטיקער אָרדנונג.

מיט איין וואָרט, איר אַלע, וואָס איר באַזיצט וויסן און טאַלאַנטן, זענט מחויב צו אַרבעטן פאַר די, וועלכע זענען דערנידעריקט און באַ־ליידיקט, אויב אין אייך איז נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן אַלדאָס מענטשלעכע. דאָרט נייטיקט מען זיך אין אייך, דאָרט וואַרט מען אויף אייך. גייט צו זיי נישט ווי לערערס, נאָר ווי חברים אין קאַמף; נישט אָנצנפירן מיט זיי, נאָר באַגייסטערן זיך אין אַ סביבה, וואָס איז ניי פאַר אייך; נישט לערנען יענעם, נאָר אַריינזאַפּן אין זיך די שטרעבונגען פו די מאַסן, זיי פאָרויסזאָגן און פאָרמולירן. נעמט זיך פאַר דערדאָזיקער אַרבעט מיט יוגנטלעכן ברען און באַמיט זיך דורכצופירן אין לעבן יענע פּרינציפּן, וועלכע איר האָט געשעפּט באַם פאָלק. דאַן, און נאָר דאַן, וועט איר לעבן מיט אַ פול ראַציאָנעל לעבן. אייער יעדע באַמיונג אין דערדאָזיקער ריכטונג וועט ברענגען אַ שפע פרוכט; די האַרמאָניע, וואָס וועט זיך איינשטעלן צווישן אייערע מעשים און די פאָדערונגען פון אייער געוויסן, וועט אין אייך אויפוועקן כוחות, וועגן וועמענס עקזיסטענץ איר האָט אפילו קיין אָנונג נישט.

אַ קאַמף פאַר אמת, פאַר גערעכטיקייט, פאַר גלייכקייט, צווישן פאָלק — וואָס קאָן זיין דערהויבנדיקער?

## IV.

אין דריי לאַנגע קאַפּיטלען האָב איך אויפגעוויזן די יונגע מענטשן פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, אַז באַ דער דילעמע, וועלכע עס שטעלט פאַר זיי דאָס לעבן, וועלן זיי אַריינטרעטן — אויב זיי זענען דרייסט און אויפריכטיק — אין די רייען פון די סאָציאַליסטן און וועלן אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דערדאָזיקער אמת איז דאָך אַזוי פּשוט! און וויפיל פאַראורטיילן קומט אויס צו צעשטערן,

וויפיל סאָפיזמען און דערווידערונגען אָפּצוואַרפן, רעדנדיק וועגן איר מיט די יונגע מענטשן פון דער בורזשואַזיע!

מיר וועט לייכטער זיין האָבן צו טון מיט אייך, איר יונגע מענטשן פון פאָלק. דאָס לעבן גופא וועט אייך צווינגען צו ווערן סאָציאַליסטן, אויב איר באַצייט זיך כאַטש מיט אַ ביסינקע באַוווסטזיניקייט צום ארומיקן. דער היינטיקער סאָציאַליזם איז דאָך געשאַפן געוואָרן דורכן פאָלק. די דענקער פון די בורזשואַזע קרייזן האָבן אים נאָר צוגעגעבן אַ וויסנ־שאַפטלעכע פאָרם און אים געגעבן אַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג, אָבער די עיקרדיקע פרינציפן פון סאָציאַליזם זענען אַ פּראָדוקט פון קאָלעקטיוון געדאַנק פון אַרבעטס־פאָלק. און דער ראַציאָנעלער סאָציאַליזם פון אינ־טערנאַציאָנאַל, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אונזער עיקרדיקע קראַפט, צי דען איז ער נישט געשאַפן געוואָרן אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דורכן פאָלק גופא? און די שרייבער, וואָס העלפן מיט צו זיין אַנטוויק־לונג, האָבן נאָר פאָרמולירט די אידעען און שטרעבונגען, וועלכע זענען שוין אָנגעמערקט געווען אין פאָלק גופא.

געהערן צום אַרבעטער־קלאַס און נישט ווידמען זיך דעם טריומף פון סאָציאַליזם — הייסט האַנדלען קעגן די אייגענע אינטערעסן, לייקענען דעם יסוד פון דער אייגענער עקזיסטענץ און די אייגענע היסטאָרישע מיסיע.

*    *

*

צי געדענקט איר נאָך יענע צייט, ווען, אַלס קינד נאָך, פלעגט איר אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג לויפן שפּילן זיך אין אייער עינצטער געסל? דער פראָסט פלעגט אייך דורכנעמען דורך אייערע אַלטע בגדים, און די פיס פלעגן נאַס ווערן אין זייערע צעריסענע שטיוול. שוין דאַן, זענענדיק פונדערווייטנס די גוט־דערנערטע און רייך־געקליידעטע קינדער, פלעגט איר אויסעצייכנט וויסן, אַז איר און אייערע חברים שטייגט איר איבער סיי מיטן שכל, סיי מיט ענערגיע, סיי מיט פאַרשטאַנדיקייט דידאָ־זיקע אויסגעפּוצטע קינדער, וואָס קוקן אויף אייך פון אויבן אַראָפּ. אָבער אין דער צייט, ווען די נויט פלעגט אייך צווינגען צו אַרבעטן צו צוועלף שעה אַ מעת־לעת אין שמוציקן וואַרשטאַט און אין משך פון עטלעכע יאָר, נאָכפאָלגנדיק די גלייכמעסיקע באַוועגונג פון די מאַשינען, זענט

איר אַליין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַשינען, — האָבן זיי, די גליקס־קינדער, באַקומען בילדונג אין שולן, גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן, און איצט זענען די דאָזיקע זעלבע קינדער, ווינציקער באַגאַבטע, אָבער מער געבילדעטע, געוואָרן אייערע באַלעבאַטים און זיי וועלן געניסן פֿון אַלדאָס גוטס אין לעבן, אַלע פֿרוכטן פֿון דער ציוויליזאַציע. און איר, וואָס דערוואַרט איך אין לעבן?

איר לעבט אין אַ פֿינצטער, פֿייכט צימער, אין וועלכן עס וווינען פֿינף, זעקס פּערזאָן; איר דערנערט זיך אויסשליסלעך מיט ברויט, קאַרטאָפֿל און עפּעס אַזאַ שיטערס, וואָס ווערט אָנגערופֿן קאַווע... און אַ חוץ דער זאָרג צו קאָנען באַצאָלן פֿאַרן שוואַרצן ברויט און פֿאַר דער שמוציקער נאָרע, האָט איר דען צייט צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש?!

צי דען וועט אויך אייך אויסקומען צו פֿירן די זעלבע נעבעכדיקע עקזיסטענץ, וועלכע עס האָבן געפֿירט אייער מוטער און פֿאָטער אין משך פֿון דרייסיק־פֿערציק יאָר! צי דען וועט איר אויך דאַרפֿן אַרבעטן אַ גאַנץ לעבן אויף דעם, כּדי צו שאַפֿן פֿאַר עטלעכע אויסדערוויילטע די מעגלעכקייט צו געניסן פֿון וווילשטאַנד, וויסנשאַפֿט און קונסט, און אַליין תּמיד זאָרגן בלויז וועגן שטיקל ברויט? צי דען וועט איר אויך זיך מוזן אָפּזאָגן פֿון אַלץ, וואָס מאַכט דאָס לעבן שענער, כּדי איבערצולאָזן אַלע פּריווילעגיעס פֿאַר אַ הויפֿן ליידיקגייערס? צי דען וועט איר אויך מוזן אַרבעטן ביז אויסגעשעפּטקייט און זיין באַקאַנט בלויז מיט נויט און אַפֿילו בעטלערישקייט אין די צייטן פֿון אַרבעטסלאָזיקייט?...

* *

*

ס׳קאָן זיין, אַז איר וועט שלום מאַכן דערמיט און, נישט איינזעענדיק קיין מעגלעכקייט צו ענדערן אייער לאַגע, וועט איר זאָגן: „גאַנצע דורות האָבן רויק איבערגעטראָגן דעם זעלבן גורל און אויך איך מוז זיך אונטערגעבן, ווייל איך האָב נישט קיין כּוח צו פּראָטעסטירן! מילא, כ׳וועל אַרבעטן, און שפּעטער וועט מען זען!“

זאָל זיין אַזוי! דאָס לעבן גופא וועט אייך קליגער מאַכן.

ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען ס׳וועט אויסברעכן אַ שרעקלעכער קריזיס, וועלכער וועט אַנידערלייגן אַ גאַנצע צווייג פֿון דער אינדוסטריע,

און טויזנטער אַרבעטער וועלן בלייבן אָן פאַרדינסט; זייערע פאַמיליעס וועלן שטאַרבן פון הונגער. איר וועט, פאַרשטייט זיך, מיט אַלע כּוחות קעמפן קעגן דעמדאָזיקן אומגליק. אָבער אינגיכן וועט איר איינזעען, אַז אייער ווייב, אייער קינד, אייער פריינט גייען איין פון נויט אויף אייערע אויגן און, נישט האָבנדיק קיין שפּייז, וועלקן זיי פּאַמעלעך און שטאַרבן שווייגנדיק אין זייער פינצטערן ווינקל. און דאָס לעבן, וואָס מאַכט זיך גאַנץ ווייניק פון דידאָזיקע קרבנות, קאַכט אין די רייכע, מיט זון-פאַר-גאָסענע קוואַרטאַלן פון דער גרויסער שטאָט, ברענגענדיק מיט זיך כוואַ-ליעס געניוס און פרייד די גליקס-קינדער פון לעבן. דאַן וועט איר באַ-גרייפן דידאָזיקע נידערטרעכטיקייט פון דער היינטיקער אָרדנונג. איר וועט זיך פאַרטראַכטן איבער די סיבות פון די קריזיסן און נויט. איר וועט באַגרייפן די גאַנצע שרעק פון דער אומגערעכטיקייט, וואָס גיט איבער טויזנטער מענטשן אין די הענט פון אַ קליין הייפל גיריקע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע פאַרברענגען דאָס גאַנצע לעבן אין פוסט-און-פּאַס-קייט. איר וועט דאַן מודה זיין, אַז די סאָציאַליסטן זענען גערעכט, ווען זיי רעדן וועגן דער נייטיקייט פולשטענדיק איבערצואַנדערשן די יסודות פון דער היינטיקער געזעלשאַפט.

ווען דער באַלעבאָס פאַרקלענערט אייער אַרבעטס-לוין, נישט בראַ-קירנדיק מיט אייערע פּאָר גראָשנס, כּדי צו פאַרקלייכן זיין פאַרמעגן, און איר פּראָטעסטירט, זאָגט ער צו אייך מיט גאווה:

— „עסט לופט, אויב איר ווילט נישט אַרבעטן פאַרן דאָזיקן פּרייז“.

דאַן וועט איר באַגרייפן, אַז אייער באַלעבאָס נישט נאָר וואָס ער וויל אַראָפּשינדן פון אייך די הויט, נאָר ער קוקט אויף אייך, ווי אויף ברואים פון אַ נידעריקערער ראַסע. אַז ער באַנוגנט זיך נישט דערמיט, וואָס ער האַלט אייך דורך זיין געלט אין זיינע נעגל, נאָר ער שטרעבט צו מאַכן פון אייך אַ קנעכט אין אַלע הינזיכטן. דאַן, — אָדער איר וועט שלום מאַכן דערמיט, איר וועט זיך אָפּזאָגן פון דער מענטשלעכער ווירדע און איר וועט שווייגנדיק איבערטראָגן אַלע באַליידיקונגען, אָדער דאָס בלוט וועט אייך שלאָגן צום קאָפּ, עס וועט אייך עקלען פון אייער אַר-בעט, איר וועט מורד זיין און, אַרויסגעיאָגט דורך אייער באַלע-באָס, וועט איר באַגרייפן, אַז די סאָציאַליסטן זענען גערעכט, ווען זיי זאָגן:

— „שטיי אויף, שטיי אויף קעגן דער עקאָנאָמישער קנעכטשאַפט, ווייל אין איר איז דער מקור פון יעדער אַרט קנעכטשאַפט!“

דאַן וועט איר אַריינטרעטן אין די רייען פון די סאָציאַליסטן און איר וועט צוזאַמען מיט זיי אַרבעטן אויף צו צעשטערן יעדע אַרט קנעכטשאַפט: די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע.

עס וועט קומען דער טאָג, ווען איר וועט זיך דערוויסן וועגן גורל, וואָס האָט געטראָפן דאָס יונגע מיידל, וועלכעס איר האָט אַזוי שטאַרק ליב פאַר איר אָפענעם, ערלעכן בליק, פאַרן שלאַנקן קערפּער, פאַרן לעבעדיקן אַרט רעדן. נאָך לאַנגע יאָרן הונגער און נויט, האָט זי זיך אַנטשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף און זי איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין זוכן פאַרדינסט; זי האָט געוווּסט, אַז דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז שווער, זי האָט אָבער געהאָפט ערלעך צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. אין שטאָט האָט איר גענומען נאָכגיין אַ פאַרמעגלעכער בחור, ער האָט זי מיטגעריסן דורך זיינע שיינע רייד און זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון אַ יונגער ריינער נשמה. אין אַ יאָר אַרום איז דאָס אָרימע מיידל אַוועקגעוואָרפן, מיט אַ קינד אויף די הענט. זי איז בא זיך נישט אַראָפּגעפאַלן, זי האָט געקעמפט ווייטער, אָבער זי האָט נישט איבערגעטראָגן די אָרימקייט און ליידן און איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל... וואָס-זשע וועט איר דאַן טון? איר וועט זיך טרייסטן מיט די באַנאַלע ווערטער: „זי איז נישט די ערשטע, נישט די לעצטע“, און איר וועט גיין מיט די חברים אין רעסטאָראַן, באַליידיקנדיק מיט שענדלעכע ווערטער דעם זכרון פון אומגליקלעכן מיידל? אָדער איר וועט אויפגעבראַכט ווערן ביז די טיפענישן פון אייער נשמה, איר וועט זיך באַמיען אויסצוגעפינען דעם נידערטרעכטיקן פאַרפירער און נקמה נעמען פון אים פאַר זיין פאַרברעכן? אָבער יעדנפאַלס וועט איר פאַרטראַכטן איבער די סיבות פון אַזעלכע פאַקטן, וואָס חזרן זיך איבער טאָג-טעגלעך. און איר וועט פאַרשטיין, אַז פון דערדאָזיקער לאַגע איז נ י ש ט אָ ק י י ן א ו י ס װ ע ג, כּל-זמן די געזעלשאַפט איז צעטיילט אויף אונטערדריקטע לוין-קנעכט און פוסט-און-פּאַסטע לעב-יונגען מיט בהמישע נייגונגען, איר וועט פאַרשטיין, אַז מען מוז פאַרשיטן דעמדאָזיקן תהום, און איר וועט זיך שטעלן אין די רייען פון סאָציאַליזם.

* *

*

און איר, פרויען פון פאָלק, צי דען קאָנט איר זיך באַציען גלייכ־גילטיק צו אַזעלכע געשיכטעס? גלעטנדיק דאָס בלאָנדע קעפּעלע פונם קינד, וואָס האָט זיך צאַרט צוגעטוליעט צו אייך, צי דען פאַרטראַכט איר זיך נישט וועגן גורל, וואָס דערוואַרט אים בא דער היינטיקער סאָציאַלער אָרדנונג? צי דען ווילט איר, אַז אייערע זין זאָלן וועגעטירן אַזוי, ווי עס האָט וועגעטירט אייער פאָטער, טראַכטנדיק דאָס גאַנצע לעבן וועגן שטיק ברויט, נישט האָבנדיק קיין אַנדערע פריידן, ווי נאָר די באַזוכן אין שענק?

צי דען ווילט איר, אַז אייער מאַן און אייער זון זאָל בלייבן אין רשות פון יעדן איינעם, וואָס האָט באַקומען פון פאָטער אַ קאַפּיטאַל אויף עקספּלואַטירן? צי דען זענט איר מסכים, זיי זאָלן בלייבן הארמאַטן־פלייש, קנעכט פון די קאַפּיטאַליסטן, מיסט אויף צו באַמיסטיקן די פעלדער פון די רייכע?

ניין, טויזנט מאָל ניין! איך ווייס ווי איר זענט אויפגעבראַכט געווען, ווען אייערע מענער, וועלכע האָבן דרייסט אָנגעהויבן דעם שטרייק, האָבן הכנעהדיק אָנגענומען די דערנידערנדיקע באַדינגונגען, וועלכע עס האָט זיי פאָרגעלייגט מיט אַ גאַוההדיקן טאָן אַ גראָבער בורזשוי! איך ווייס, ווי אַזוי איר האָט שטאָלצירט מיט די שפּאַנישע פרויען, וועלכע גייען בעת פאָלקס־אויפשטאַנדן אין די ערשטע רייען, כדי אונטערצו־שטעלן זייערע ברוסטן אונטער די באַגנעטן פון די זעלנער! מיט וואָסער אַכטונג, מיט וואָסער שטאָלץ איר רעדט אַרויס דעם נאָמען פון דער פרוי, וועלכע האָט געשאָסן אין אַ דעספּאָט, וואָס האָט זיך דערוועגט באַליידיקן אַ סאָציאַליסט, וואָס איז געזעסן אין תּפיסה. איך ווייס, מיט וואָסער ציטער איר האָט געלייענט וועגן דעם מוט פון די פרויען, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער אַ האָגל קוילן אויף די גאַסן פון פּאַריז, באַ־גייסטערנדיק זייערע מענער אויף העלדישע מעשים.

וויסנדיק דאָס אַלץ, בין איך זיכער, אַז אויך איר, די היינטיקע פרויען, וועט צושטיין צו די־יעניקע, וועלכע אַרבעטן פאַר דער דערגרײ־רונג פון אַ בעסערער צוקונפט.

*   *
*

איר אַלע, ערלעכע יונגע מענטשן, פויערים, אַרבעטער, באַאַמטע, זעלנער, איר וועט באַגרייפן אייערע רעכט און איר וועט קומען צו אונז. איר וועט קומען העלפן אייערע ברידער דורכצופירן דעם וועג פון דער רעוואָלוציע, וועלכע וועט פאַרניכטן די קנעכטשאַפט, וועט צעשטערן די אַלטע טראַדיציעס, וועט עפענען פאַר דער מענטשהייט נייע האָריזאָנטן, וועט געבן אַן אמתע פרייהייט, אַן אמתע גלייכקייט, אַרבעט פאַר אַלע, אַלגעמיינעם גענוס פון דער פרוכט פון אייגענער אַרבעט און אַ גליקלעך ראַציאָנעל לעבן!

דאַן וועט מען צו אונז נישט זאָגן, אַז מיר זענען אַ קליין הייפל, וואָס האָט נישט קיין כּוח צו דערגרייכן דעם געשטעלטן ציל.

לאָמיר מאַכן אַ סך־הכּל און זען, וויפיל מיר זענען דאָ, מיר — די קרבנות פון אומגערעכטיקייט. פויערים... מיר, די וואָס אַרבעטן פאַר אַנדערע, וועלכע באַנוגענען זיך מיט האָבער, איבערלאָזנדיק דעם ווייץ פאַרן באַלעבאָס, זענען גאַנצע מיליאָנען; מיר מאַכן אויס די גרעסטע טייל מענטשהייט. אַרבעטער... מיר, וועלכע גייען אין טראַנטעס, אויס־אַרבעטנדיק זיידנס און סאַמעט פאַר די רייכע, זענען אויך נישט קיין קליינע צאָל: ווען דאָס פייפן פון פאַבריקן און באַטריבן גיבן אונז אַ קורצן אָפּרו, פאַרגיסן מיר, ווי אַ צעברויזטער ים, די גאַסן און פּלעצער פון די גרויסע שטעט.

ליידנדיקע און אונטערדריקטע, מיר זענען אַ גרויסע קראַפט, — אַן אוקינוס, וואָס איז בכּוח אַלץ צו פאַרשלינגען. מיר דאַרפן נאָר וועלן, און אין איין מאָמענט וועלן מיר דעראָבערן דאָס גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט.

---

# מלחמה

די היינטיקע אייראָפּע שטעלט פאָר מיט זיך זייער אַ טרויעריק און באַלערנדיק בילד. פון איין זייט הערשט אַ כסדרדיקער טומל פון דיפּלאָמאַטן און מעקלערס, וואָס פאַרגרעסערט זיך מיט אַ קאָפּשווינדלענדיקער שנעלקייט, ווי נאָר עס לאָזט זיך שפּירן אויפן אַלטן קאָנטינענט דער ריח פון פולווער. מען שליסט, מען רייסט איבער אָפּמאַכן; מען האַנדלט מיט מענטשן ווי מיט בהמות. כדי צו זיכערן פאַר זיך פאַרביני־דעטע. „אַזוי און אַזוי פיל מיליאָנען קעפּ גאַראַנטירן מיר אייך. אַזוי און אַזוי פיל דעסיאַטין פּאַשע־לאַנד. אַזעלכע פּאָרטן אויף אַרויסצופירן וואָל״, זאָגן זיי, געשיקט אָפּנאַרנדיק איינער דעם צווייטן בײַ דידאָזיקע קויף־און־פאַרקויף־טראַנזאַקציעס. אָט וואָס עס הייסט דיפּלאָמאַטיע אויף זייער פּאָליטישן זשאַרגאָן.

פון דער צווייטער זייט וואַקסט אָן אַ שיעור די באַוועגונג. יעדער טאָג טראָגט אונדז אונטער אַלץ נייע פאַרפולקאָמטע מיטלען צו פאַרניכטן מענטשן, נייע הוצאות, נייע הלוואות, נייע שטייערן. שרייען וועגן פּאַטריאָטיזם, פאַרשפּרייטן שאָוויניזם, פונאַנדערפלאַקערן אַ שנאה צווישן פעלקער איז געוואָרן די נוצלעכסטע באַשעפטיקונג פון דער פּאָליטיק און זשורנאַליסטיק. מען שוינט נישט אפילו די קינדער: מען פאַרקליידט די קינדער אַלס זעלנער, מען גיט זיי געווער און מען זייעט איין אין זיי שנאה צום פרייס, ענגלענדער, איטאַליענער, מען וואָרצלט איין אין זיי אַ בלינדע אונטערטעניקייט לגבי דער עקזיסטירנדיקער רעגירונג, אַלצאיינס צי זי איז שוואַרץ, ווייס אָדער בלוי. און ווען דידאָזיקע קינדער ווערן אַלט איינאונצוואָנציק יאָר, לאָדט מען זיי אָן, ווי די לאַסט־בהמות, מיט קוילן, פּראָוויאַנט, געפּעס. מען גיט זיי אין די הענט ביקסן און מען צווינגט זיי מאַרשירן אונטערן קלאַנג פון טרומפּייטן. אויפן ערשטן באַפעל

וועלן זיי טויטן איינער דעם צווייטן, זיי וועלן זיך שטיקן, ווי די רויב־חיות, קיינמאָל זיך נישט פרעגנדיק צוואָס. מיט וואָסער ציל צי זיי וועלן האָבן פאַר זיך הונגעריקע אָרימע דייטשן, איטאַליענער אָדער אפילו אייגענע ברידער, וועלכע זענען געטריבן געוואָרן צום אויפשטאַנד דורך נויט און הונגער — אַלצאיינס, אַז מען הערט דעם באַפעל, אַז עס שאַלן די טרומפייטן מוז מען טויטן!

אָט אין וואָס עס באַשטייט די גאַנצע חכמה פון אונזערע הערשער! אָט וואָס זיי זענען פעיק אונז צו געבן אין דער צייט, ווען די אונטער־דריקטע אַרבעטער פון אַלע לענדער ציען אויס איינער צום צווייטן די הענט איבער די גרענעצן!

* *

*

„אַזוי! איר האָט נישט געוואָלט קיין סאָציאַליזם, — טאָ וועט איר האָבן אַ מלחמה, אַ מלחמה, וואָס דויערט שוין דרייסיק, פופציק יאָר!“ — האָט הערצען געזאָגט נאָכן 1848־סטן יאָר. זיין פּאָרויסזאָגונג איז מקוים געוואָרן; אויב דער דונער פון האַרמאַטן ווערט אפילו שטיל אויף אַ צייט, הערט מען אים דערנאָך מיט אַ נייער קראַפט אין אַ צווייט אָרט. אָן אייראָפּעישע מלחמה — אָן אַלגעמיינער גערעַנגל פון אַלע פעלקער — דראָט אונז שוין אַ יאָר צען, און קיינער ווייסט נישט, פאַרוואָס מען וועט זיך דאַרפן שלאָגן, מיט וועמען, צוליב וואָסער ציל, אין נאָמען פון וועלכע פרינציפּן?

אין פריערדיקע צייטן, אויב עס פלעגן אפילו זיין מלחמות, פלעגט מען לכל הפחות וויסן, פאַרוואָס מען גייט אויף אַ זיכערן טויט. — „דער און דער מלך האָט באַליידיקט אונזערן, — לאָמיר זיך נוקם זיין אין אים, לאָמיר פאַרניכטן זיינע אונטערטאַנען!“ — „דער און דער אימפּעראַטאָר וויל אָפּנעמען בײַ אונזערן זיינע פּראָווינצן — לאָמיר שטאַרבן, אַבי זיי זאָלן בלייבן בײַ זיין מאַיעסטעט!“

מען פלעגט קעמפן צוליב דער קאָנקורענץ פון די קיסרים. דאָס פלעגט זיין נאַריש, און די קיסרים פלעגן קאָנען געפינען פאַר דער מלחמה נישט מער ווי אַ פּאָר טויזנט מענטשן.

איצט אָבער ווייסט עס דער רוח, אין נאָמען פון וואָס עס וואַרפן זיך איינער אויפן צווייטן גאַנצע פעלקער, ווי ווילדע חיות!

מיט די קיסרים רעכנט מען זיך נישט מער אין מלחמה-פראגעס. וויקטאָריאַ לייגט נישט קיין אַכט אויף די באַליידיקונגען, וועלכע מען טיילט איר איין מיט אַ ברייטער האַנט אין פראַנקרייך; די ענגלענדער ווילן מיט קיין פינגער נישט אַ ריר טון, כדי זיך נוקם צו זיין פאַר איר; אָבער צי דען קאָנט איר פאַרזיכערן, אַז אין אַ צוויי יאָר אַרום ווילן די ענגלענדער און די פראַנצויזן נישט שטיקן איינע די צווייטע פאַר דער העגעמאָניע אין עגיפּטן? — דאָס זעלבע איז אויפן מזרח... אין רוסלאַנד ווי אין ענגלאַנד, אין דייטשלאַנד ווי אין פראַנקרייך שלאָגט מען זיך נישט מער כדי צו באַפרידיקן די קאַפּריזן פון די קיסרים. איצט שלאָגט מען זיך פאַר דער אומבאַרירלעכקייט פון די הכנסות, פאַרן וווקס פון די קאַפּיטאַלן פון די אַלמעכטיקע ראָטשילדס, שניידערס, פאַרן ווילשטאַנד פון די פינאַנס-און אינדוסטרי-באַראָנען.

די קאָנקורענץ פון די מלכים איז פאַרביטן געוואָרן דורך דער קאָנקורענץ פון די בורזשואַזע געזעלשאַפטן.

* *
*

אמת, מען רעדט נאָך וועגן „פּאָליטישער העגעמאָניע". זעצט אָבער איבער דעם מעטאַפיזישן מהות פון דאָזיקן באַגריף אויף דער שפּראַך פון דיווירקלעכע פאַקטן, שפּירט נאָך, ווי אַזוי קומט היינט צום אויסדרוק אין דייטשלאַנד די פּאָליטישע העגעמאָניע, און איר וועט זעען, אַז עס האַנדלט זיך אויכשליסלעך וועגן דער עקאָנאָמישער העגעמאָניע אויף די אינטערנאַציאָנאַלע מערק. דייטשלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד, ענגלאַנד, עסטרייך שטרעבן נישט צו מיליטערישער הערשאַפט, נאָר צו עקאָנאָמישער. זיי באַמיען זיך צו דערלאַנגען פאַר זיך דאָס רעכט צו דיקטירן זייערע צאָל-טאַריפן, אָנצוואַרפן זייערע סחורות, עקספּלואַטירן די אינדוסטריעל-אָפּגעשטאַנענע פעלקער; זיי שטרעבן איינצוהאַלטן פאַר זיך די פּריווילעגיע צו בויען אייזנבאַנען אין יענע געגנטן, וווּ זיי זענען נישטאָ, און אונטערן דאָזיקן אויסרייד צו ווערן די באַלעבאַטים פון די מערק; לסוף, זיי ווילן האָבן די רעכט פון צייט-צו-צייט אָפּצונעמען בא די שכנים דאָ אַ פּאָרט, כדי צו הייבן זייער האַנדל, דאָ אַ פּראָווינץ, כדי אָפּצוזעצן דעם עודף פון זייערע סחורות.

מיר האַלטן איצט אַ מלחמה, כדי צו זיכערן פאַר אונזערע גרויס-

אינדוסטריעלער דרייסיק פראָצענט ריווח, פאַר די פינאַנס-באַראָנען — די הערשאַפט אויף דער בירזשע, פאַר די אַקציאָנערן פון די קוילן-שאַכטעס און אייזנבאַנען — אַ יערלעכע הכנסה פון הונדערט טויזנט פראַנק. ווען מיר זאָלן זיין מער אָדער ווייניקער אויסגעהאַלטן, וואָלטן מיר פאַרביטן די אַדלערס פון אונזערע פענער מיט גאָלדענע קעלבער, די אַלטע עמבלעמעס — מיט אַ זעקל גאָלד, די נעמען פון אונזערע פולקן, וועלכע מיר האָבן אַמאָל גענומען באַ קעניגלעכע פרינצן, — מיט די נעמען פון די אינדוסטריע-און פינאַנס-פרינצן: „דריטער שניידער", „צוואַנציקסטער ראָטשילד". וואָלטן מיר כאָטש געוווסט, פאַרוואָס מיר טייטן איינע די צווייטע.

* *
*

אויסגעפינען נייע מערק, אָנוואַרפן די אייגענע סחורות, גוטע צי שלעכטע, — אָט וואָס עס מאַכט אויס דער יסוד פון דער הייניקער פּאָליטיק, אָט וואָס עס איז די אמתע סיבה פון די מלחמות אין נייַנצנטן יאָרהונדערט.

אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט ענגלאַנד די ערשטע געלייגט דעם יסוד פאַר אַ ברייטער אינדוסטריע און אַ ברייטן עקספּאָרט. זי האָט אַריינגעצויגן אירע פּראָלעטאַריער אין די גרויסע שטעט, זי האָט זיי אויסגעלערנט פאַרפּולקאָמטע מלאכות, זי האָט אומגעהייער פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע און זי האָט קאָנצענטרירט אין אירע שפּייכלערס גאַנצע בערג זאַכן. דידאָזיקע סחורות זענען אָבער נישט באַשטימט געווען פאַר יענע, אָפּגעריסענע, וועלכע האָבן זיי פּראָדוצירט. באַקומענדיק פּונקט אַזוי פיל כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער און זיך קאָנען מערן, — וואָס האָבן געקאָנט קויפן די יעניקע, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן געוועבט וואָלענע און לייוונטענע שטאָפן? און די ענגלישע שיפן האָבן געשניטן די ימים און געזוכט קונים אויפן אייראָפּעישן קאָנטינענט, קיין אַזיע, אויסטראַליע, אַמעריקע, נישט געפינענדיק אין קיין אָרט קיין קאָנקורענטן. אין די שטעט האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אָרימקייט, און די פאַבריקאַנטן און סוחרים האָבן פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג זייערע הכנסות. די רייכטימער, וועלכע מען האָט אויסגענאַרט אין אויסלאַנד, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ווייניקע הענט, און די עקאָנאָמיסטן פון קאָנטינענט

האָבן געלויבט די ענגלענדער און האָבן איינגעלאַדן זייערע לאַנדסלייט נאַכצוטון זייער ביישפּיל.

סוף פאַריקן יאָרהונדערט איז פראַנקרייך אַרויסגעטרעטן אויפן זעלבן וועג. זי איז צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע פּראָדוקציע מיטן ציל פון עקספּאָרט. די רעוואָלוציע, וואָס האָט געענדערט די מאַכט, וואָס האָט צוגעצויגן אין די שטעט די דאָרפישע אָרימקייט און רייך געמאַכט די בורזשואַזיע, האָט געגעבן אַ נייעם שטויס דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע. די ענגלישע בורזשואַזיע איז אויפגעבראַכט געוואָרן דערפון אַ סך מער, ווי דורך אַלע רעפּובליקאַנישע דעקלאַראַציעס און דעם בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין פּאַריז; אונטערשטיצט דורך דער אַריסטאָקראַטיע, האָט זי דערקלערט אַ מלחמה דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געדראָט אָפּצושליסן פאַר די ענגלישע פּראָדוקטן אַלע אייראָפּעישע מערק.

דער אויסגאַנג פון דערדאָזיקער מלחמה איז אונז באַקאַנט. פראַנקרייך איז באַזיגט געוואָרן, זי האָט אָבער דעראָבערט פאַר זיך אַן אָרט אויף די אינטערנאַציאָנאַלע מערק. די ענגלישע און פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָבן אפילו געשלאָסן אויף אַ צייט אַ רירנדיקן בונד: זיי האָבן זיך דערקלערט אַלס שוועסטער.

פּראָדוצירנדיק פאַרן עקספּאָרט, האָט פראַנקרייך געשטרעבט צו פאַרכאַפּן אַלע מערק, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס דער אינדוסטריעלער פּראָגרעס וואַקסט מיט יעדן טאָג, פאַרשפּרייטנדיק זיך פון מערב אויף מזרח און דעראָבערנדיק אַלץ נייע לענדער. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט מיט קיין זאַך נישט באַקירט, אַבי צו פאַרגרעסערן אירע הכנסות. אין משך פון אַכצן יאָר איז זי געלעגן אונטערן שטיוול פון נאַפּאָלעאָן III און האָט געשוויגן מיט דער האָפנונג, אַז דערדאָזיקער אוזורפּאַטאָר וועט באַוויזן אונטערצוּוואַרפן גאַנץ אייראָפּע אונטער זיינע עקאָנאָמישע געזעצן. ווען זי האָט אָבער באַגריפן, אַז ער איז אויף דעם נישט פעיק, האָט זי מורד געווען און אים אַראָפּגעוואָרפן.

דאָס אויפקומענדיקע לאַנד, דייטשלאַנד, האָט אויך באַ זיך איינגעפירט דעם זעלבן עקאָנאָמישן רעזשים. זי האָט פּוסט געמאַכט אירע דערפער און אַראָפּגעבראַכט די אָרימעלייט אין די שטעט. וועמעס באַפעלקערונג ס'האָט זיך אין משך פון עטלעכע יאָר פאַרטאָפּלט. זי האָט זיך גענומען צו אַ ברייטער פּראָדוקציע. איר אינדוסטריע, פאַרזען מיט פאַרפולקאָמטע מאַשינען, אונטערשטיצט דורך וויסנשאַפט און טעכניק, הייבט

אָן אויסצואַרבעטן גאַנצע חמרים פּראָדוקטן, וואָס זענען באַשטימט פאַרן עקספּאָרט און אויף צו באַרייכערן די הערשנדיקע קלאַסן. די קאַפּיטאַלן וואַקסן און זוכן ריווחדיקע לאַקירונגען אין אַזיע, אין אַפריקע, אין טער־קיי, אין רוסלאַנד, די בערלינער בירזשע קאָנקורירט מיט דער פּאַריזער און וויל הערשן איבער איר.

פון די טיפענישן פון דער דייטשער בורזשואַזיע רייסט זיך אַרויס אַ געשריי: לאָמיר זיך פאַרייניקן אונטער אַ וועלכער נישט איז פאָן, זאָל ווין די פּרייסישע, און לאָמיר זיך באַנוצן מיט אונזער קראַפט, כדי אויפ־צוצווינגען די שכנים אונזערע פּראָדוקטן, אונזערע טאַריפן, כדי צו פאַר־כאַפּן אַ באַקוועמען פּאָרט אויפן באַלטישן אָדער אַדריאַטישן ים! לאָמיר פאַרניכטן פראַנקרייכס מיליטערישע מאַכט, וועלכע האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק געדראָט אַרויפצוצווינגען אויף גאַנץ אייראָפּע אירע עקאָנאָמישע געזעצן, זי האָט געדראָט צו דיקטירן דער לעצטער אירע האַנדלס־אָפּמאַכן.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען די מלחמה פון 1870־טן יאָר. פראַנקרייך האָט פאַרלוירן איר העגעמאָניע אויף די מערק; איצט באַמיט זיך דייטשלאַנד צו פאַרכאַפּן דידאָזיקע העגעמאָניע און מיט אַן אומגע־זעטיקטן פּראָפיט־דורשט רייסט זי זיך צו פאַרברייטערן איר עקספּלואַ־טאַציע, זיך נישט רעכענענדיק מיט קיין קריזיסן און אָרימקייט, וועלכע רייסן אונטער איר עקאָנאָמישע אָרדנונג. די ברעגן פון אַפריקע, די פעל־דער פון קאָרעע, די פליינען פון פּוילן, די סטעפּעס פון רוסלאַנד, די מיט רויזן באַדעקטע טאָלן פון בולגאַריע, — אַלץ רייצט די גיריקייט פון דער דייטשער בורזשואַזיע.

און יעדעס מאָל ווען דער דייטשער סוחר זעט נישט־באַאַרבעטע טאָלן, שטעט מיט אַ קליינער אינדוסטריע, טויטע טייכן, באַגיסט זיך זיין האַרץ מיט בלוט, זיין כוח־הדמיון מאָלט אים אויס אַנלאָקנדיקע בילדער: ער שטעלט זיך פאָר, וויפיל גאָלד מען קאָן פאַרדינען דורך באַאַרבעטן דידאָזיקע נאַטירלעכע רייכטימער, ווי לייכט עס איז צו פאַרקנעכטן די איינוווינער פון דידאָזיקע געגנטן מיט דער קראַפט פון קאַפּיטאַל. ער טוט אַ נדר אַריינצופירן „ציוויליזאַציע“, ד. ה. עקספּלואַטאַציע אויפן מזרח. וואַרטנדיק אויף דעם, פּרובירט אַנצוואַרפן זיינע סחורות, זיינע אייזנבאַנען איטאַליע, עסטרייך און רוסלאַנד.

אָבער דידאָזיקע מלוכות באַפרייען זיך אויך פון דער עקאָנאָמישער אַפּוטרופּסות פון די שכנים. זיי טרעטן ביסלעכווייז אַריין אינעם קרייז פון

די „אינדוסטריעלע" מלוכות, און זייער יונגע בורזשואזיע וועט זיך נישט אפזאגן פון עקספארט, כדי צו פארגרעסערן אירע הכנסות. אין משך פון עטלעכע יאר האבן רוסלאנד און איטאליע געמאכט איבערראשנדיקע פארשריטן אין געביט פון אנטוויקלען זייערע אינדוסטריען.

די פויערים, וועלכע זענען דערפירט געווארן צום גרעסטן דלות קאנען לחלוטין גארנישט קויפן, און דעריבער פראדוצירן די רוסישע, עסטרייכישע און איטאליענישע פאבריקאנטן פארן עקספארט. אויך זיי דארפן האבן מערק, און אזוי ווי די אייראפעישע זענען פארנומען, ווארפן זיי זיך ארויף אויף אזיע און אפריקע. גרייט יעדע מינוט צו מלחמה, ווען עס קומט אויס צו טיילן זיך מיט די גרויסע רווחים.

*

*

וואסער בונד קאן עקזיסטירן בא דערדאזיקער לאגע, וואס איז געשאפן געווארן דורך דעם כאראקטער פון דער אינדוסטרי, א כאראקטער, וועלכן זי טראגט א דאנק אירע ארגאניזאטארן? דער בונד פון רוסלאנד און דייטשלאנד איז נאר א זאך פון אנשטענדיקייט. די אימפעראטארן מעגן זיך קושן אין די פיסקעס, אבער רוסלאנדס וואקסנדיקע בורזשואזיע וועט נישט אויפהערן פיינט צו האבן פון גאנצן הארץ די דייטשע בורזשואזיע, וועלכע צאלט איר מיט דער זעלבער מטבע. דערמאנט זיך נאר דאס ווילדע געשריי, וועלכעס עס האט אויפגעהויבן די גאנצע דייטשע פרעסע, ווען די רוסישע רעגירונג האט פארגרעסערט אויף איין דריטל איר אריינפיר-צאל.

„א מלחמה מיט רוסלאנד", טענהן די דייטשע בורזשוען און די ארבעטער, וואס פילן זיי מיט, „וואלט בא אונז געווען א סך פאפולערער, ווי די מלחמה פון 1870-סטן יאר!"

און דער בארימטער בונד צווישן דייטשלאנד און עסטרייך, צי דען איז ער נישט אנגעצייכנט אויפן זאמד? צי דען זענען דידאזיקע מלוכות, ריכטיקער, זייערע בורזשואזיעס, ווייט פון אן ערנסטן קאנפליקט צוליב די טאריפן? אפילו דער צווילינג, עסטרייך מיט אונגארן, זענען יעדע מינוט גרייט צו דערקלערן איינע דער צווייטער א מלחמה צוליב צאל, ווייל זייערע אינטערעסן באם עקספלואטירן די דרום-סלאווישער

זענען דיאַמעטראַל קעגנזעצלעך. און פראַנקרייך אַליין לײדט אויך נישט װײניק צוליב די חלוקי־דעות איבער די צאָל־פראַגן.

*

*

איר האָט נישט געװאָלט קיין סאָציאַליזם, װעט איר דערפאַר האָבן אַ מלחמה, די מלחמה װעט דויערן דרײסיק יאָר, אויב אַ נײע רעװאָלוציע װעט נישט מאַכן קיין סוף צו דערדאָזיקער זינלאָזער און נידערטרעכטיקער לאַגע. אָבער נעמט זיך אַרײן אין זינען: אַ בוררים־געריכט, פּאָליטישער גלײכגעװיכט, דאָס אָפּשאַפן די רעגולערע אַרמײען, אַנטװאָפענונג — דאָס אַלץ זענען שײנע טרוימען, װאָס האָבן נישט קיין שום פּראַקטישע באַדײטונג. נאָר אַ רעװאָלוציע װעט מאַכן אַ סוף צו דידאָזיקע קאַמפן פאַר מערק, — אַ רעװאָלוציע, װעלכע װעט איבערבויען די גאַנצע אינדוסטריעלע אָרדנונג און װעט קאָנצענטרירן אין די הענט פון די פּראָדוצירער די געזעלשאַפטלעכע רײכטימער, געצײג און מאַשינען.

די אַרבעט פון יעדן פאַר אַלעמען און פון אַלעמען פאַר יעדן — אָט דאָס איז דאָס אײנציקע מיטל, װאָס קאָן ברענגען שלום פאַר אַלע נאַציעס. די מענטשהײט איז מער נישט בכוח אַריבערצוטראָגן דעם עול פון די הערשנדיקע קלאַסן, װאָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגן; זי פאָדערט אומבאַדינגט אַ פולע איבעראַנדערשונג פון דער גאַנצער סאָציאַלער אָרדנונג.

## די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט

— „אַלץ, וואָס איר פּרעדיקט, איז זייער גערעכט", זאָגן אונזערע קעגנער. — „אייער אידעאַל פון אַן אַנאַרכישן קאָמוניזם איז שיין, און זיין פאַרווירקלעכונג וואָלט טאַקע געבראַכט דער מענטשהייט פרידן און ווילשטאַנד. אָבער ווי ווינציק איז די צאָל פון די יעניקע, וועלכע שטרעבן צו אים, וועלכע פאַרשטייען אים און זענען גרייט מסירת-נפשדיק צו אַרבעטן איבער זיין דורכפירונג אין לעבן! איר מאַכט אויס אַן אומבאַ-דייטנדיקע מינדערהייט, וואָס איז צעוואָרפן דאָ און דאָרט, שוואַכע גרו-פּעס, פאַרוואָרפענע אינמיטן דער אינדיפערענטער מאַסע, און אייער שונא איז שטאַרק, גוט אָרגאַניזירט און באַוואָפנט מיט קאַפּיטאַל, בילדונג און אַן אַרמיי, דער קאַמף, וועלכן איר האָט אָנגעהויבן, שטייגט איבער אייערע כּוחות".

אָט דאָס איז די דערווידערונג פון אונזערע קעגנער און אפילו פון געוויסע פריינט אונזערע. לאָמיר באַטראַכטן, אויף וויפיל עס איז גע-רעכט דידאָזיקע דערווידערונג.

אַז אונזערע אַנאַרכיסטישע גרופּעס שטעלן פאַר מיט זיך אַ מינ-דערהייט אין פאַרגלייך מיט די צענדליקער מיליאָנען, וואָס באַפעלקערן פראַנקרייך, שפּאַניע, איטאַליע און דייטשלאַנד — איז פולשטענדיק ריכטיק. אָבער וואָס איז דערפון געדרונגען?

די פאַרשטייער פון אויפקומענדיקע אידעען זענען תּמיד געווען אַ מינדערהייט. ס'איז זייער מעגלעך, אַז מיר, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וועלן בלייבן אַזאַ מינדערהייט ביזן סאַמע טאָג פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע. אָבער צי דען איז דאָס אַן אַרגומענט קעגן אונז? — אין אונזער צייט מאַכן די אָפּאָרטוניסטן אויס אַ מערהייט. צי דען דאַרפן מיר דעריבער ווערן אָפּאָרטוניסטן? ביזן 1790-סטן יאָר האָבן די ראָיאַליסטן און קאָנסטי-

טוציאָנאַליסטן אויסגעמאַכט אַ מערהייט : צי דען האָבן די רעפּובליקאַנער פון יענער תקופה געדאַרפט זיך אָפּזאָגן צוליב דעם פון זייערע רעפּובליקאַנישע אידעען און ווערן ראָיאַליסטן, ווען גאַנץ פראַנקרייך האָט מאַרשירט מיט גרויסע טריט צו פאַרניכטן די קעניגלעכע מאַכט ?

דאָס, וואָס מיר מאַכן אויס אַ מינדערהייט, איז נישט וויכטיק. דער דערפאָלג וועט זיין אויף אונזער זייט, אויב אונזערע אידעען פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם אַנטשפּרעכן דער היינטיקער עוואָלוציע פון דער מענטשהייט. לויט אונזער מיינונג קאָן וועגן דעם קיין שום ספק נישט זיין, די מענטשהייט שטרעבט נישט צו פאַרשטאַרקן די מאַכט, נאָר צו באַפרייען די פּערזענלעכקייט, צו דער פרייהייט פון פּראָדוצירער און פאַרבּרויכער, צו דער קאָמונע, צו פרייע פאַרבאַנדן ; זי טרעט אַרויס קעגן פּריוואַט-אייגנטום און טרוימט וועגן אַ קאָלעקטיווער פּראָדוקציע און אַ קאָלעקטיוון פאַרבּרויך פון אַלע סחורות דורך אַלע מיטגלידער פון דער קאָמונע. אין די גרויסע שטעט שרעקט שוין דער קאָמוניזם קיינעם נישט, באַזונדערס דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם. אין די דערפער גייט די עוואָלוציע אין דער זעלבער ריכטונג. מיטן אויסנאַם פון עטלעכע געגנטן, וועלכע געפינען זיך אין ספּעציעלע באַדינגונגען, הייבן די פּויערים אומעטום אָן צו פאַרשטיין די מעלות פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן און זיי קויפן איין מאַשינען און געצייג פאַרן אַלגעמיינעם געברויך. דעריבער, ווען מיר רעדן צו די אַרבעטנדיקע מאַסן וועגן אונזערע אידעען, ווען מיר רעדן צו זיי מיט אַ פּשוט פאַרשטענדלעך לשון וועגן דער סאָציאַלער איבערקערעניש, נעמען זיי אונז אויף מיט פאַרשטענדעניש סיי אין גרויסע אינדוסטריע-צענטערן, סיי אין די דערפער.

און צי איז דען מעגלעך עס זאָל זיין אַנדערש ? ווען די אַנאַרכיע און דער קאָמוניזם וואָלטן געווען פּראָדוקטן פון וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען און פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, וואָלטן זיי אפשר נישט אַרויסגערופן קיין אָפּקלאַנג. אָבער דידאָזיקע צוויי פּרינציפּן זענען אויפגעקומען אין דער טיף פון פאָלק. זיי דריקן אויס דאָס, וואָס עס טראַכטן און רעדן די אַרבעטער און פּויערים ווען זיי פאַרגעסן אויף אַ צייט זייער טאָג-טעגלעך לעבן און טרוימען וועגן אַ בעסערער צוקונפט. דידאָזיקע פּרינציפּן זענען די פּרוכט פון אַ לאַנגזאַמער עוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען פאַרן לעצטן יאָרהונדערט. דאָס פאָלק האָפט, אַז זיי וועלן ברענגען דעם פאָלק גערעכטיקייט, אייניקייט און ברודערשאַפט.

עס באַגריסט פריידיק יעדן איינעם, וואָס דריקט אויס אין אַ פאַרשטענדלעכער פאָרם דידאָזיקע אידעען, וואָס זענען אויפגעקומען אין זיינע טיפעניש.

אָט אין דערדאָזיקער מיטפילנדיקער באַציונג פון פאָלק באַשטייט טאַקע די אמתע קראַפט פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם; און די צאָל פון די אַקטיווע אָנהענגער, וועלכע זענען גרופירט און אָרגאַניזירט, וואָס זענען גענוג מסירת־נפשדיק, נישט צו קוקן אויף די סכנות פון קאַמף און גובר צו זיין אַלע אָנגעטראָפענע שטערונגען, שפילט דאָ אַ צווייטראַנגיקע ראָל. דידאָזיקע צאָל וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און מיר האָפן, אַז אין אַנטשיידענעם מאָמענט וועט זי פון אַ מינדערהייט ווערן אַ מערהייט.

*

*

די געשיכטע באַשטעטיקט אונזער אויפפאַסונג מיט איר גאַנצן עבר. די, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט אַ מינדערהייט ערב דער רעוואָלוציע, זענען געוואָרן אַן איבערוויגנדיקער כוח אין טאָג פון איר אויסברוך, אויב זיי האָבן נאָר אויסגעדריקט די שטרעבונגען פון פאָלק און די רעוואָלוציע איז געווען גענוג דויערהאַפטיק, כדי צו שלאָגן וואָרצלען און ברענגען פרוכט. צעשטערן די היינטיקע אָרדנונג און שאַפן אַ געזעלשאַפט, וואָס באַזירט אויף די פרינציפן פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, איז אוממעגלעך אין משך פון אַ צוויי־דריי טעג. אַ קורצדויערנדיקער אויסברוך קאָן אַראָפוואַרפן איין רעגירונג, כדי אַוועקצושטעלן אויף איר אָרט אַ צווייטע, פאַרבייטן נאַפּעלעאָנען מיט עפּעס אַ זשיול פאַוור, ער איז אָבער נישט בכוח איבערצואַנדערשן די עיקרדיקע יסודות פון דער געזעלשאַפט. כדי דורכצופירן די איבערקערעניש, וועלכע מיר האָבן בדעה צו מאַכן, ענדערן די היינטיקע אופנים פון מענטשלעכער גרופירונג און צו פאַרניכטן דאָס פריוואַט־אייגנטום, — זענען נייטיק דריי־פיר יאָר אוממאויפהערלעכע אויפשטאַנדן, אין משך פון פינף יאָר, פון 1788 ביז 1793, האָט פראַנקרייך געקעמפט מיטן רעזשים פון פעאָדאַלן ערד־באַזיץ און מיט דער קעניגלעכער מאַכט. נישט ווינציקער ווי אין דריי־פיר יאָר וועט מען קאָנען אומברענגען דעם בורזשואַזן פעאָדאַליזם און די מאַכט פון דער אייראָפעישער פלוטאָקראַטיע.

אין דאָזיקן פעריאָד פון פאַרשטאַרקטער אויפגערודערטקייט, ווען

דער געדאַנק אַרבעט מיט אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט, ווען אַלע, סיי אין די גרויסע שטעט, סיי אין פאַרוואָרפענעם דאָרף, נעמען אַנטייל אין דער אַלגעמיינער זאַך, — אין דאָזיקן פעריאָד ווערן די אַנאַרכיסטישע אידעען, פאַרזייעטע דורך די עקזיסטירנדיקע גרופּעס, שלאָגן וואָרצלען און ברענגען פרוכט. אין אַזעלכע מאָמענטן ווערן הייסע פּאַרטיידיקער פון נייע פּרינציפּן אפילו מענטשן, וועלכע זענען אינדיפערענט צו אַלץ.

אַזוי האָט תּמיד אויסגעזען דער גאַנג פון די נייע אידעען; די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע באַשטעטיקט דאָס אונז.

* *

*

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען אַזוי טיף, ווי די, וועלכע מיר זאָגן פאָר איירעפּע. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די אַריסטאָקראַטיע, כּדי איר אָרט זאָל פאַרנעמען די בורזשואַזיע. זי האָט נישט אָנגערירט דעם רעזשים פון פּריוואַט-אייגנטום און האָט פאַרפעסטיקט די עקספּלואַטאַציע פון די נידעריקע קלאַסן דורך דער בורזשואַזיע. אָבער דידאָזיקע רעוואָלוציע האָט ענדגילטיק פאַרניכטעט די קנעכטשאַפט, זי פאַרניכטעט מיט געווער אין האַנט, און נישט מיט געשריבענע געזעצן, זי האָט אָנגעהויבן מיט זיך אַ תּקופה פון רעוואָלוציעס, וואָס בייטן כּסדר אָפּ איינע די צווייטע, וועלכע דערנענטערן זיך אַלץ מער און מער צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. זי האָט געגעבן דער מענטשהייט אַ רעוואָלוציאָנערן אימפּולס, אָן וועלכן די פעלקער וואָלטן נאָך ביז הייַנט וועגעטירט אין קנעכטשאַפט. זי האָט געלאָזט בירושה דער וועלט אַ גאַנצן שטראָם פרוכטבאַרע אידעען, זי האָט אויפגעוועקט דעם מרידה-גייסט, זי האָט געגעבן דעם פראַנצויזישן פאָלק אַ רעוואָלוציאָנערע דער-ציונג. אויב פראַנקרייך איז אין 1871 דערגאַנגען צו דער קאָמונע; אויב זי איז איצט גרייט אָנצונעמען די פּרינציפּן פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, בעת אַנדערע נאַציעס געפינען זיך נאָך אין פעריאָד פון מאָנאַרכיזם אָדער קאָנסטיטוציאָנאַליזם (דידאָזיקע פעריאָדן האָט פראַנקרייך דורכגע-מאַכט ביזן 1848-סטן יאָר, אָדער ריכטיקער ביז 1879), דערקלערט זיך דאָס בלתּי-ספק מיט דעם, וואָס צום סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט זי איבערגעלעבט די פיר יאָר פון דער גרויסער רעוואָלוציע.

דערמאָנט זיך נאָר סאַראַ טרויעריק בילד עס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך פראַנקרייך עטלעכע יאָר פאַר דער רעוואָלוציע און ווי אָנמעכטיק עס איז געווען יענע מינדערהייט, וועלכע האָט געטרוימט וועגן פאַרניכטן די קעניגלעכע מאַכט און דעם פעאָדאַליזם.

די פויערים האָבן זיך געפונען אין דער גרעסטער נויט און אומוויסנהייט, פאַרוואָרפענע אין די אָפּגעלעגענע דערפער, וואָס האָבן נישט צווישן זיך קיין רעגולערע פאַרקער-מיטלען, נישט וויסנדיק, וואָס עס קומט פאַר צוואַנציק ווייאָרסט פון זיי, דערשטיקט אונטער דער משא פון אַרבעט און קוועלערייען, זענען דידאָזיקע אומגליקלעכע וועזנס, אַזוי האָט זיך געדאַכט, געווען פאַראורטיילט אויף אייביקער קנעכטשאַפט. דער קלענסטער אויפשטאַנד פלעגט אונטערדריקט ווערן דורך באַוואָפנטער קראַפט: די זעלנער פלעגן צעשיסן דאָס שוצלאָזע פאָלק און פירן אויף דער תליה זיינע פירער. עס פלעגן אַמאָל אַריינפאַלן אין די דערפער אַגיטאַטאָרן, וואָס פלעגן פרעדיקן פאַרן פאָלק שנאה צו זיינע אונטערדריקער, וועלכע פלעגן זיך באַמיען אויפצוּוועקן אין אים האָפנונג און דורשט נאָך פרייהייט. איינשטעלערס, וואָס פלעגן זיך דערוועגן זיי אויסצוהערן, איז געווען ווייניק. די פויערים האָבן אפילו קיין העזה נישט געהאַט צו בעטן ברויט און פאַרקלענערן די שטייערן.

וואָס שייך דער בורזשואַזיע, האָט זי אַרויסגערופן שטוינונג דורך איר פחדנות. זעלטן-זעלטן פלעגן אויפקומען אין איר סביבה רעוואָלוציאָנערן, וועלכע פלעגן מעלדן דער רעגירונג זייער פראָטעסט. אָבער די גרעסטע טייל בורזשואַזיע האָט געבויגן דעם רוקן פאַרן קעניג און די הויף-לייט, פאַרן אַדל, פאַר די קנעכט פון די אַריסטאָקראַטן. אירע ווערטער און האַנדלונגען ביזן 1789-סטן יאָר זענען פול מיט דער עקלדיקסטער נידערטרעכטיקייט, מיט דער שרעקלעכסטער קריכערישקייט, — וואָס עס זאָלן נישט רעדן לואי בלאַן און די איבעריקע פאַרטיידיקער פון דערדאָזיקער בורזשואַזיע. די ווערטער פון די רעוואָלוציאָנערן פון יענער תקופה זענען פול מיט טיפסטן יאוש. ווי גערעכט איז קאַמיל דעמולען, ווען ער זאָגט: „מיר, רעפּובליקאַנער, האָבן ביז 1789 געציילט אין פאַריז קוים צוועלף מענטשן”...

*     *

*

און סאַראַ טיפע איבערקערעניש עס איז פאָרגעקומען אין משך פון דריי-פיר יאָר. ווי נאָר די מאַכט פון קעניג האָט זיך אַ וואַקל געטון, האָט זיך דאָס אונטערדריקטע פאָלק אַ הייב געטון. דאָס גאַנצע 1788 יאָר איז דורכגעגאַנגען אין אומאויפהערלעכע, טיילווייזע פויערים-אויפשטאַנדן. ווי די שטרייקן פון אונזער צייט פלעגן זיי אויפפלאַקערן דאָ און דאָרט אויף דער טעריטאָריע פון פראַנקרייך, פאַרכאַפּנדיק אַלץ גרעסערע און גרעסערע שטחים, ווערנדיק אַלץ דויערהאַפטיקער און פאַרביטערטער.

צוויי יאָר פאַר דער רעוואָלוציע האָט דאָס פאָלק הכנעהדיק געבעטן מען זאָל אים פאַרקלענערן די שטייערן (ווי עס בעט איצט צו פאַרגרעסערן דעם אַרבעטס-לוין). אין 1789-סטן יאָר זוכט עס פרייהייט און וויל אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון אַדל, גייסטלעכקייט און פריוואַט-אייגנטימער — די בורזשויעס. ווי נאָר דאָס פאָלק האָט באַמערקט, אַז די רעגירונג איז מער נישט בכוח צו אונטערדריקן די מרידות, איז עס אויפגעשטאַנען קעגן זיינע שונאים. זיינע פירער גייען אונטערצינדן די פאַלאַצן פון די אַריסטאָקראַטן, בעת דער פחדנותדיקער און נאָך הכנעהדיקער המון וואַרט, ביז דער פלאַם פון דער שרפה וועט אַרומכאַפּן די בערגלעך און וועט באַלייכטן די וואָלקנס, כדי אויפצוהענגען די שטייער-עקזעקוטאָרן אויף די זעלבע תליות, אויף וועלכע עס זענען אומגעקומען די אָנזאָגער פון דער רעוואָלוציע. קיין חיל איז נישטאָ: עס איז פאַרנומען אין אַ צווייט אָרט. דער אויפשטאַנד גייט פון כאַטע צו כאַטע, פון דאָרף צו דאָרף, און גאָר אינגיכן פלאַקערט שוין האַלב פראַנקרייך אין פייער. די קומענדיקע בורזשואזע רעוואָלוציאָנערן בייגן נאָך די פלייצע פאַרן קעניג, די קומענדיקע העלדן פון דער רעוואָלוציע באַמיען זיך אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד דורך אומבאַדייטנדיקע הנחות. אָבער די שטעט און דערפער פאָדערן פרייהייט און זייערע רעכט, נישט אָפּוואַרטנדיק דעם צונויפרוף פון די גענעראַלנע שטאַטן און מיראַבאָס אויפהעצנדיקע רעדעס. הונדערטער מרידות (מען רעכנט זיי אָן העכער דרייהונדערט) פלאַקערן אויף אין די דערפער און גרייטן צו יענעם טאָג, ווען די פאַריזער, באַוואָפנט מיט פיקעס און אייניקע האַרמאַטן, נעמען איין די באַסטיליע.

ווען די רעוואָלוציע וואָלט אויסגעבראָכן בלויז אין פאַריז, ווען

דאָס וואָלט געווען אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעוואָלוציע, וואָלט מען זי געקאָנט פאַרגיסן דורך שטראָמען בלוט. דאַן וואָלטן די קאָנטר־רע״אָלוציאָנערן מיט אַ הויך אויפגעהויבענער ווייסער פאָן געגאַנגען מחנות־ווייז פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט, מאָרדנדיק די פויערים און סאַנקיולאָטן. צום גליק אָבער האָט די רעוואָלוציע גלייך פון אָנהייב אָנגענומען אַן אַנדערן כאַראַקטער, זי איז אויסגעבראָכן כמעט גלייכצייטיק אין טויזנט ערטער. די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט, שעפּנדיק כּוחות אין דער גערעכטיקייט פון אירע שטרעבונגען און אין דעם שווייגנדיקן מיטגעפיל פון פאָלק, איז נצחונדיק געגאַנגען פון די דערפער און שטעט פון גאַנץ פראַנקרייך איינצונעמען די באַסטיליע, דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ און דעם שטאָט־ראַט. זי האָט טעראָריזירט די אַריסטאָקראַטיע און האָט מיטגעריסן נאָך זיך דאָס פאָלק, וועלכעס איז שטאָלץ געגאַנגען פאַרניכטן די פּריווילעגיעס און דעראָבערן זיין פרייהייט, זיינע רעכט.

מיטן זעלבן וועג וועט גיין די קומענדיקע רעוואָלוציע. די אידעען פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם וועלן אַריינדרינגען אין באַוווסטזיין פון די מאַסן און וועלן זיי צוציען אויף זייער זייט. דאַן וועט די מינדערהייט, — אונטערשטיצט דורכן פאָלק, — אויפהייבן די רויטע פאָן פון אויפשטאַנד. אויפפלאַקערנדיק כמעט איינצייטיק אין אַלע עקן וועלט, נישט דערלאָזנדיק עס זאָל געשאַפן ווערן אַ וועלכע נישט איז רעגירונג, וואָס זאָל קאָנען אָפּהאַלטן דעם גאַנג פון די געשעענישן, וועט די רעוואָלוציע בושעווען אַזוי לאַנג, ביז זי וועט נישט דערפילן איר מיסיע: פאַרניכטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און די מלוכה.

אין יענעם טאָג וועט די מינדערהייט ווערן אַ מערהייט, דאָס פאָלק וועט אַריבערשפּרייזן איבער דעם פּריוואַט־אייגנטום און דער מלוכה און קומען צום אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם.

## די אָרדנונג

מען וואַרפט אונז אָפט פאָר, וואָס מיר האָבן אויסגעוויילט פאַר אונזער דעוויז דאָס וואָרט אַנאַרכיע, וואָס שרעקט אָפּ שרעקעוודיקע מענטשן. „אייערע אידעען זענען זייער שיין", זאָגט מען אונז, „אָבער זייט זיך מודה, אַז אייער דעוויז איז נישט קיין געלונגענער. אַנאַרכיע איז דאָך דער סינאָנים פון אומאָרדנונג, פון כאַאָס. דאָסדאָזיקע וואָרט רופט אַרויס אין באַוווסטזיין אַ פאָרשטעלונג וועגן אַן אומאויפהערלעכן צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן, וועגן אַן אייביקן קאַמף, וועגן פולשטענדיקע אוממעגלעכקייט איינצושטעלן אַ האַרמאָניע"

*   *

*

קודם-כל דאַרף מען באַמערקן, אַז אַן אַקטיווע פאַרטיי, אַ פּאַרטיי פון נייע שטרעמונגען, האָט זעלטן ווען אַ מעגלעכקייט אויסצוקלייבן פאַר זיך אַליין אַ נאָמען. די סאַנקיולאָטן פון 1793 האָבן זיך אַליין נישט געגעבן דעמדאָזיקן נאָמען. ער איז צוגעטראַכט געוואָרן דורך די שונאים פון דער פאָלקס-רעוואָלוציע. צי דען טראָגט אָבער נישט אין זיך דערדאָזיקער נאָמען אַ באַשטימטע אידעע — די אידעע פון אויפשטאַנד מצד דעם אויסגעפייניקטן פאָלק קעגן די ראָיאַליסטן, דידאָזיקע אַזוי גערופענע פּאַטריאָטן, און די יאַקאָבינער, וועלכע זענען געווען אמתע פיינט פון פאָלק, — ווי עס זאָלן זיך נישט בוקן פאַר זיי די בורזשואַזע היסטאָריקער, — האָבן אים פיינט געהאַט און פאַראַכטעט פאַר זיין אָרימקייט, פאַר זיין שטרעבן צו גלייכהייט און פרייהייט, פאַרן רעוואָלוציאָנערן דראַנג.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן וואָרט „ניהיליסט", וואָס האָט אַזוי לאַנג באַשעפטיקט די אויפמערקזאַמקייט פון די זשורנאַליסטן און האָט געדינט אַלס טעמע פאַר אומצאָליקע קאַלאַמבורן, ביז עס איז נישט קלאָר געוואָרן, אַז די ניהיליסטן זענען נישט קיין ווילדע רעליגיעזע סעקטע, נאָר אַן אמתער רעוואָלוציאָנערער כוח. באַנוצט צוערשט דורך טורגעניעוון אין זיין ראָמאַן, „עלטערן און קינדער", איז עס אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך די „עלטערן", וועלכע האָבן זיך נוקם געווען דורכן דאָזיקן צונאָמען אין זייערע ווידערשפּעניקע „קינדער". די קינדער האָבן אים רויק אָנגענומען; ווען זיי האָבן אָבער באַמערקט, אַז דאָסדאָזיקע וואָרט איז אַ סיבה פאַר ערנסטע מיספאַרשטענדענישן, איז שוין נישט מעגלעך געווען צו באַפרייען זיך פון אים.

די פּרעסע און די געזעלשאַפט האָבן נישט געוואָלט רופן מיט קיין אַנדער וואָרט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. און מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס זאָל האָבן געווען נישט געלונגען; עס אַנטהאַלט אין זיך אַ באַשטימטע אידעע. עס דריקט אויס די נעגאַציע פון דער גאַנצער היינטיקער ציוויליזאַציע, וואָס באַזירט אויף דער הערשאַפט פון איין געזעלשאַפטלעכן קלאַס איבערן צווייטן, די נעגאַציע פון דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער אָרדנונג, די נעגאַציע פון דער רעגירונג און דער מאַכט, די נעגאַציע פון דער בורזשואַזער פּאָליטיק און מאָראַל, פון דער רוטינירטער וויסנשאַפט און קונסט, וואָס העלפן מיט דער עקספּלואַטאַציע, די נעגאַציע פון די צביעותדיקע זיטן און מנהגים, וועלכע עס האָבן אונז איבערגעלאָזט בירושה די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן, — מיט איין וואָרט די נעגאַציע פון דעם אַלעמען, פאַר וועלכן עס שטייט מיט יראת הכבוד די בורזשואַזע ציוויליזאַציע.

דאָס זעלבע איז געשען מיט די אַנאַרכיסטן. אין אינטערנאַציאָנאַל איז אַנטשטאַנען אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט נישט אָנערקענט קיין שום מאַכט אין דער אַסאָציאַציע און איז אַרויסגעטרעטן קעגן יעדער אַרט אויטאָריטעט; צוערשט האָט זי זיך גערופן די פּאַרטיי פון די פעדעראַליסטן, דערנאָך די פּאַרטיי פון די אַנטי־מלוכהניקעס, אָדער אַנטי־מאַכטניקעס. אין יענער צייט האָט זי אויסגעמיטן דעם נאָמען אַנאַרכיסטישע. דאָס וואָרט אַנ—אַרכיע (אַזוי האָט מען דאַן געשריבן דאָסדאָזיקע וואָרט), האָט אויסגעזעען צו דערנעענטערן דידאָזיקע פּאַרטיי מיט פּרודאָנס אָנהענגער, וואָס זיינע אידעען פון אַן עקאָנאָמישער רעפאָרם זענען דאַן באַקעמפט געוואָרן דורכן אינטערנאַציאָנאַל.

אירע קעגנער האָבן בכיוון באַנוצט דעם נאָמען „אַנאַרכיסטן", וואָס האָט זיי דערלויבט צו דערווייזן, אַז די פאָרשטייער פון דערדאָזיקער פּאַרטיי שטרעבן איינצופירן אומעטום אַן אומאָרדנונג און אַ כאַאָס, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך קיינמאָל איבער די רעזולטאַטן פון זייערע טעאָריעס.

די אַנאַרכיסטן האָבן פונדעסטוועגן אָנגענומען דעמדאָזיקן צונאָמען. זיי האָבן צוערשט געפאָדערט, מען זאָל שרייבן אַנ-אַרכיע, זאָגנדיק, אַז דאָסדאָזיקע וואָרט, — אַזוי געשריבן, — באַדייט אויף גריכיש דאָס פעלן פון מאַכט, און נישט אומאָרדנונג. דערנאָך אָבער האָבן זיי אויפגעהערט צו לייגן אויף דעם אַכט און האָבן זיך אַליין גערופן אַנאַרכיסטן.

אָט וואָס עס האָט געזאָגט וועגן די אַנאַרכיסטן דער ענגלישער פילאָזאָף בענטאַם אין 1816: — „אַ פילאָזאָף, וואָס שטרעבט איבערצו-אַנדערשן אַ וואָסער-נישט-איז געזעץ רופט קיינמאָל נישט מורד צו זיין קעגן אים. אַן אַנאַרכיסט האַנדלט אַנדערש. ער לייקנט די עקזיסטענץ גופא פון געזעץ און פאָדערט אויף זיינע אָנהענגער זיי זאָלן אים נישט אָנערקענען און נישט דערלאָזן מען זאָל אים אויספירן". איצט וועלן מיר אָבער זאָגן, אַז דער אַנאַרכיסט לייקנט נישט נאָר אַלע עקזיסטירנדיקע געזעצן, נאָר אויך יעדע מעגלעכקייט פון מאַכט און אויטאָריטעט, ער הייבט אָן דערפון, וואָס ער איז קעגן יעדער אַרט מאַכט, קעגן יעדער אַרט אויטאָריטעט.

* *

*

דער אַנאַרכיזם, זאָגט מען אונז, לייקנט אין דער אָרדנונג, אַרויס-גייענדיק פון באַגריף וועגן אומאָרדנונג און כאַאָס.

אָבער וועגן וואָסער אָ ר ד נ ו נ ג איז דאָ די רייד? וועגן יענער האַרמאָניע, וועגן וועלכער מיר, אַנאַרכיסטן, טרוימען? וועגן דער האַרמאָניע, וועלכע וועט הערשן אין די מענטשלעכע באַציונגען, ווען די מענטשהייט וועט מער נישט זיין צעריסן אויף צוויי קלאַסן, פון וועלכע איינער ווערט געבראַכט אַלס קרבן פאַרן צווייטן? וועגן דער האַרמאָניע, וואָס וועט אַנטשטיין פון דער אינטערעסן-סאָלידאַריטעט, ווען אַלע מענטשן וועלן זיך צונויפנעמען אין איין פאַמיליע, ווען יעדער וועט אַרבעטן

פאַרן ווייל פון אַלע און אַלע פאַרן חויל פון יעדן איינעם ? ס'איז קלאָר, אַז נישט ! יענע, וועלכע וואַרפן פאָר די אַנאַרכיסטן, אַז זיי נעגירן די אָרדנונג, רעדן נישט וועגן דער האַרמאָניע פון דער צוקונפט, נאָר וועגן דער אָרדנונג, וועלכע עס אָנערקענט די היינטיקע געזעלשאַפט. טאָ לאָמיר אַ קוק טון, וואָס אַזוינס שטעלט פאָר מיט זיך די דאָזיקע באַרימטע אָרדנונג, וועלכע די אַנאַרכיע וויל צעשטערן.

די אָרדנונג, אָדער ריכטיקער דאָס, וואָס זיי רופן אָן מיטן נאָמען אָרדנונג, — דאָס איז ניין-צענטל פון דער מענטשהייט, וועלכע אַרבעטן, כּדי צו פאַרשאַפן לוקסוס און תּענוגים די אויסדערוויילטע, כּדי צו באַפרידיקן די נידעריקסטע תּאוות פון אַ הייפל ליידיקגייערס.

די אָרדנונג באַשטייט אין דעם, וואָס מען נעמט צו בײַ ניין-צענטל פון דער מענטשהייט די נייטיקסטע באַדינגונגען פון נאָרמאַלן לעבן, פון אַ ראַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון די גייסטיקע פעיקייטן. דערפירן ניין-צענטל פון דער מענטשהייט צו דער לאַגע פון משא-אייזלען, וואָס לעבן פון דער האַנט צום מויל, נישט האָבנדיק אפילו די העזה צו טראַכטן וועגן די פריידן, וועלכער דער מענטש האָט פון דער וויסנשאַפט פון קונסט און שאַפן, — אָט וואָס זיי רופן אָן „אָרדנונג !"

זייער אָרדנונג דאָס איז הונגער, דלות, וואָס זענען געוואָרן די נאָרמאַלע לעבנס-באַדינגונגען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. — דאָס איז דער אירלענדישער פויער, וועלכער שטאַרבט פון הונגער ; דאָס איז אַ דריטל רוסלאַנד, וואָס קומט אום פון דיפטעריט און טיפוס, וואָס שטאַרבט פון אומגערעטענישן, בעת גאַנצע וואַגאָנעס ווייץ ווערן אַרויסגעפירט קיין אויסלאַנד. דאָס איז דאָס איטאַליענישע פאָלק, וואָס איז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיינע פרעכטיקע, פרוכטבאַרע פעלדער און גיין זוכן אַרבעט אין ערגעץ אַ טונעל, ריזיקירנדיק יעדע מינוט צעקוועטש צו ווערן. דאָס איז די ערד, וועלכע איז אָפּגענומען געוואָרן בײַם פויער און אָפּגעגעבן געוואָרן אויף פּאַשע, כּדי צו האָדעווען אָקסן פאַר די רייכע טישן. דאָס זענען די פאַרוואָרפּענע, נישט-באַאַרבעטע פעלדער, בעת דער פויער האָט נישט קיין פיצל ערד אויף צו באַאַרבעטן. דאָס איז די פרוי, וואָס פאַרקויפט זיך, כּדי צו דערנערן אירע קינדער ; דאָס איז דאָס קינד, וואָס איז צוגעשמידט צו דער פאַבריק און וואָס שטאַרבט פון אויסשעפּונג ; דאָס איז דער אַרבעטער, וואָס איז דערפירט געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ מאַשין. דאָס

איז דאָס געשפּענסט פון מורדישן אַרבעטער באַ דער שוועל פון די רייכע, דאָס געשפּענסט פון מורדישן פאָלק באַ דער שוועל פון די הערשער.

זייער אָרדנונג דאָס איז די קליינע מינדערהייט, וואָס הערשט איבער דער מערהייט און וואָס דערציט אירע קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן דורך ביטרעקייט, אויסגעלאַסנקייט און מאָרדן איינהאַלטן אין זייערע הענט די מאַכט און די פּריווילעגיעס.

זייער אָרדנונג דאָס איז דער אומאויפהערלעכער קאַמף פון איין מענטש מיטן צווייטן, פון איין מלאכה מיט דער צווייטער, פון איין קלאַס מיטן צווייטן, פון איין נאַציע מיט דער צווייטער. דאָס איז דער אייביקער דונער פון האַרמאַטן, די פאַרוויסטונג פון דערפער, די אויסראָטונג פון גאַנצע דורות אויף די מלחמה-פעלדער, דאָס פאַרניכטן אין איין מאָמענט די רייכטימער, וועלכע עס האָבן געשאַפן גאַנצע יאָרהונדערטער פון שווערער מי.

זייער אָרדנונג דאָס איז די קנעכטשאַפט פון געדאַנק, די דערנידעריקוּנג פון מענטשן, וועלכער ווערט געצוימט דורך בייטשן און געווער. דאָס זענען די טויזנטער שאַכט-אַרבעטער, וועלכע שטאַרבן צוליב דער קאַרגשאַפט און זאַרגלאָזיקייט פון די באַלעבאַטים, וועלכע ווערן צעשאָסן דורך קוילנוואַרפערס און פאַרפאָלגט מיט באַגנעטן, ווי נאָר זיי האָבן די העזה אויפצוהייבן דעם קאָפּ.

זייער אָרדנונג דאָס איז: דערטרינקען אין בלוט די פּאַריזער קאָמונע. דאָס איז דער טויט פון דרייסיק טויזנט מענער, פרויען און קינדער, צעשמעטערטע דורך גראַנאַטן, צעשאָטענע דורך קוילנוואַרפערס, באַגראָבענע אונטער די פּאַריזער ברוקן...

דאָס איז דער גורל פון דער רוסישער יוגנט, וועלכע שמאַכט אין תּפיסות, וועלכע איז באַגראָבן אין די סיבירער שנייען, וועלכע שטאַרבט פון די הענט פון תּליון.

אָט וואָס עס ווערט אָנגערופן „אָרדנונג”!

*　　*

*

און וואָס אַזוינס איז אומאָרדנונג, — ריכטיקער, דאָס, וואָס זיי רופן אָן מיטן נאָמען אומאָרדנונג?

אומאָרדנונג דאָס איז דאָס צעשטערן די עקזיסטירנדיקע עקלהאַפטע אָרדנונג, דאָס איז דער אויפשטאַנד פון פאָלק, וואָס צערייסט זיינע קייטן, וואָס גייט צו אַ בעסערער צוקונפט. דאָס איז די דערוואַכונג פון פאָלקס־באַוווסטזיין, דאָס איז דאָס ווערטפולסטע, וואָס איז דאָ אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

דאָס איז די עמפּערונג פון ערב רעוואָלוציעס, דאָס איז די צע־שטערונג פון היפּאָטעזן, וועלכע זענען סאַנקציאָנירט געוואָרן דורך דער אומבאַוועגלעכקייט פון די פריערדיקע יאָרהונדערטן. דאָס איז דער פונאַנ־דערפלי פון אַ גאַנצן שטראָם נייע געדאַנקען און דרייסטע אַנטדעקונגען; דאָס איז די לייזונג פון וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אומאָרדנונג דאָס איז די פאַרניכטונג פון דער אַנטיקער קנעכט־שאַפט, די פאַרניכטונג פון פעאָדאַלן לייבאייגנטום, די פּרוּוון צו פאַר־ניכטן די עקאָנאָמישע קנעכטשאַפט.

דאָס איז די מרידה קעגן דער גייסטלעכקייט און די פּריצים, דאָס זענען די אויפשטאַנדן פון די פּויערים, וועלכע ברענען פּאַלאַצן, כּדי צו מאַכן פריי דעם פּלאַץ פאַר כאַטעס, וועלכע גייען פון די פינצטערע קעלערס, כּדי צו פאַרנעמען אַן אָרט אונטער דער זון. דאָס איז פראַנק־רייך, וועלכע פאַרניכטעט די קעניגלעכע מאַכט און וועלכע דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ דער קנעכטשאַפט אין גאַנץ מערב־אייראָפּע.

דאָס איז דאָס 1848־סטע יאָר, וועלכעס האָט געצוווּנגען אויפצוצי־טערן די קיסרים און וואָס האָט פּראָקלאַמירט די רעכט פון אַרבעט; דאָס איז דאָס פּאַריזישע פאָלק, וועלכעס קעמפט פאַר אַ נייער אידעע, וועל־כעס שטאַרבט אויף באַריקאַדעס, לאָזנדיק בירושה דער מענטשהייט די אידעע פון אַ פרייער קאָמונע, איר אָנווייזנדיק דעם וועג צו דער סאָציאָ־לער רעוואָלוציע.

אומאָרדנונג — דאָס זענען די עפּאָכעס פון אומאויפהערלעכן קאַמף פון גאַנצע דורות פאַר אַ בעסערער צוקונפט פון דער מענטשהייט, פאַר איר באַפרייונג פון קנעכטשאַפט. דאָס זענען די עפּאָכעס, ווען עס דער־וואַכט דער פאָלקס־זשעני, עפּאָכעס פון פרייער פאָלקס־שאַפונג, פון גיגאַנ־טישע טריט פאָרויס, אָן וועלכע דער מענטש וואָלט געבליבן אויף אייביק אַ קריכנדיק באַשעפעניש, אַ דערדריקטס דורך זיין דלות.

אומאָרדנונג דאָס איז דער פונאַנדערבלי פון איידעלע ליידנשאַפטן און מסירת־נפשדיקע שוונגען, דאָס איז די עפּאָפּייע פון דערהויבנדיקער ליבע צו דער מענטשהייט!

דאָס וואָרט אַנאַרכיע, וואָס דריקט אויס די נעגאַציע פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג און וואָס וועקט אויף אַ דערינערונג וועגן די שענסטע מאָמענטן פון דער מענטשהייטס לעבן, צי דען אַנטשפּרעכט עס נישט די אידעען פון די אַנאַרכיסטן? צי דען פּאַסט עס נישט צום נאָמען פון אַ פּאַרטיי, וואָס שטרעבט צו דעראָבערן אַ בעסערע צוקונפט?

---

# די קאָמונע

## I.

ווען מיר זאָגן, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע דאַרף פאַרקומען דורך גרינדן פרייע קאָמונעס, דערווידערט מען אונז, אַז מיר ווילן זיך אומקערן צו אַ פאַרעלטערטער פאָרם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס געהערט שוין דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער נאָר גאַנץ-אומאָפּהענגיקע און פון דער מלוכהשער אפּוטרופּסות באַפרייטע קאָמונעס זענען ביכולת צוצוגרייטן אַ סביבה, וועלכע איז נייטיק פאַר דער רעוואָלוציע און אונז געבן די מעגלעכקייט זי דורכצופירן. „אָבער די קאָמונע", זאָגט מען אונז, — „איז אַ פאַרעלטערטע אָרגאַניזאַציע, שטרעבנדיק צו פאַרניכטן די מלוכה און פאַרבייטן זי דורך פרייע קאָמונעס, קערט איר זיך אום צום עבר: איר ווילט אונז אומקערן צום מיטלאַלטער, ווען די קאָמונעס האָבן געפירט צווישן זיך אומאויפהערלעכע מלחמות, און שטערן די נאַציאָנאַלע איינהייט, וועלכע האָט זיך איינגעשטעלט נאָך לאַנגע יאָרהונדערטער פון שווערן קאַמף".

לאָמיר זיך פונאַנדערקלייבן אין דידאָזיקע דערווידערונגען.

לאָמיר אָנהייבן דערפון, וואָס די קומענדיקע קאָמונע קאָן נישט זיין דאָס, וואָס זי איז געווען אין מיטלאַלטער, זי קאָן נישט אָננעמען קיין פאָרמען, וועלכע זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט 700 יאָר צוריק. אין אונזער יאָרהונדערט פון אייזנבאַנען און טעלעגראַפן, קאָסמאָפּאָליטישער וויסנשאַפט און אויספאָרשונגען פון וויסנשאַפטלעכע אמתן, מוז זי אומבאַדינגט אָננעמען אַ נייע פאָרם. האָבנדיק אַ גאַנץ אַנדערע אָרגאַניזאַציע, געשטעלט אין נייע באַדינגונגען, וועט זי פירן צו נייע רעזולטאַטן.

אונזערע קעגנער, די פאַרטיידיקער פון דער מלוכה, פאַרגעסן, אַז מיר קאָנען אָנווענדן קעגן זיי די זעלבע דערווידערונג.

די מלוכה איז פונקט אַזאַ פאַרעלטערטע פאָרם, ווי די קאָמונע. אָבער די מלוכה באַדייט: נעגאַציע פון פרייהייט, אַבסאָלוטיזם, ווילקיר, רוינירונג פון די אונטערטאַנען, עקזעקוציעס און פייניקונגען, בעת דאָס לעבן פון פרייע קאָמונעס און די אויפשטאַנדן פון די פעלקער און קאָמונעס קעגן דער מלוכה שטעלן פאָר מיט זיך די שענסטע זייטלעך פון דער מענטשהייטס-געשיכטע. ווענדנדיק זיך צו דער פאַרגאַנגענהייט, דערמאָנען מיר זיך ניט די יאָרהונדערטן פון לודאָוויק XI, לודאָוויק XV אָדער יעקאַטערינאַ II, נאָר די עפּאָכעס פון די פרייע קאָמונעס און רעפובליקן פון פלאָרענץ, טולוזע און לאַני, די צייטן פון אויגסבורג און ניורנבערג, פּסקאָוו און נאָווגאָראָד.

עס גייט ניט אין דעם זיך איבערצוואַרפן מיט פוסטע ווערטער און סאָפיזמען: מען דאַרף אויספאָרשן די היינטיקע לאַגע און זיך אָפּגעבן אַ דין-וחשבון וועגן דעם, וואָס עס קאָן אונז געבן די קומענדיקע קאָמונע. און צו די-יעניקע, וועלכע זאָגן: „די קאָמונע — דאָס איז מיטלאַלטער, מיר טאָרן ניט טראַכטן וועגן איר תחית-המתים“, וועלן מיר ענטפערן: „די מלוכה דאָס זענען אומענדלעכע יאָרהונדערטן פאַרפאָלגונגען און ליידן, און עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן איבער איר אַ טויט-אורטייל!“

* *
*

צווישן דער מיטלאַלטערלעכער קאָמונע און יענער, וועלכע וועט אויפגעבויט ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט, איז דאָ אַ וועזנטלעכער אונטערשיד: צווישן זיי ליגט אַ גאַנצער תהום, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן דורך זיבן יאָרהונדערטן פון מענטשהייטס-עוואָלוציע. לאָמיר באַטראַכטן, אין וואָס עס באַשטייט דער דאָזיקער אונטערשיד.

אין וואָס באַשטייט דער עיקרדיקער ציל פון „בונד“, וועלכן עס האָבן געשלאָסן צווישן זיך די איינוווינער פון די שטעט אין XII-טן יאָרהונדערט? — דער דאָזיקער ציל איז זייער ענג און באַשטימט. ער באַשטייט אין דעם, זיך צו באַפרייען פונם עול פון די פעאָדאַלע באַלעבאַטים. אַלע איינוווינער פון שטאָט, די סוחרים און באַלמעלאָכעס, פאַר-

אייניקן זיך און גיבן אָפּ אַ שבועה, „נישט דערלאָזן, אַז ווער עס זאָל נישט זיין זאָל זיי באַהאַנדלען ווי הינט, און פּאַרטיידיקן איינער דעם צווייטן פון יעדן ווילקיר". זיי אָרגאַניזירן זיך אין קאָמונעס און מיט געווער אין האַנט זענען זיי מורד אין זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים. „די קאָמונע". — זאָגט איין היסטאָריקער פון צוועלפטן יאָרהונדערט, וועלכן עס ציטי״ט אַגיוסטען טיעררי, — „איז אַ ניי וואָרט, אַ סקאַנדאַליעזס, און אָט וואָס עס באַדייט: די צינז־צאָלער דאַרפן צאָלן געלט זייערע באַלעבאַטים בלויז איינמאָל אַ יאָר; פאַר יעדער זינד באַצאָלן זיי שטראָף, וועלכן דאָס געזעץ זעט פאָרויס; וואָס שייך די שטייערן, וועלכע עס צאָלן קנעכט, ווערן זיי פון זיי לגמרי באַפרייט".

די קאָמונע פון מיטלאַלטער איז אַרויסגעטרעטן קעגן די סעניאָרן, די קאָמונע פון אונזער צייט טרעט אַרויס קעגן דער מלוכה. אין דעם ליגט אַ עיקרדיקער אונטערשיד; די מלוכה, — אין דער פּערזאָן פון קעניג, — באַמערקנדיק, אַז די קאָמונעס שטרעבן צו פולער אומאָפּהענגיקייט, פלעגט שיקן זיינע חילות „באַשטראָפן", ווי די כראָניק זאָגט, „אַלע דרייסטע, וועלכע האָבן מורד געווען קעגן דער קרוין, כדי צו פאַרווירקלעכן די קאָמונע".

די קאָמונע פון דער צוקונפט אָנערקענט נישט איבער זיך קיין שום מאַכט; זי וועט אָנקניפּן פרייוויליקע באַציונגען מיט אַנדערע קאָמונעס און זי וועט זיך רעכענען אויסשליסלעך מיט די אינטערעסן פון דער פעדעראַציע.

זי ווייסט, אַז מען טאָר נישט בלייבן שטיין אויפן האַלבן וועג: אָדער די קאָמונע וועט ווערן פולשטענדיק אומאָפּהענגיק, זי וועט גרינדן וועלכע אינסטיטוציעס זי וועט נאָר וועלן, זי וועט דורכפירן אַלע נויטווענדיקע רעפאָרמען, אָדער זי וועט בלייבן דאָס, וואָס זי איז געווען ביז איצט, אַן אָפּטיילונג פון דער מלוכה, געבונדן אין אַלע אירע דערשייונגען, ברייט יעדע מינוט אַריינצוטרעטן אין קאַמף מיט דער רעגירונג, נישט האָבנדיק קיין שום האָפנונג אויף נצחון.

די קאָמונע ווייסט, אַז מען דאַרף פאַרניכטן די מלוכה און פאַרבייטן זי מיט אַ פעדעראַציע; אין דאָזיקן זינען וועט זי פירן איר טעטיקייט. אויף צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל וועט איר סטייען כוחות. איצט הייבן אויף די פאָן פון אויפשטאַנד נישט נאָר קליינע שטעט, נאָר אויך פּאַריז, ליאָן, מאַרסעל; אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן צושטיין

צו זיי אַלע גרויסע צענטרען. דידאָזיקע באַוועגונג האָט נישט קיין שום געמיינזאַמס מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מיטלאַלטער.

*　　*

*

באַפרייענדיק זיך פונם עול פון די פעאָדאַלע הערשער, האָט זיך דען די מיטלאַלטערלעכע קאָמונע באַפרייט פון דער לאַסט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט דורך האַנדל פאַרגרעסערט אירע קאַפּיטאַלן און דערוואָרבן פאַר זיך גרויסע נחלאות אין צענטער פון די שטעט? לגמרי ניטש!

צעשטערנדיק די פּאַלאַצן פון זייערע סעניאָרן, האָבן די שטאָטישע איינוווינער צוגעזען, ווי עס זענען אויסגעוואַקסן פּרעכטיקע פּאַלאַצן פון די גרויסע סוחרים און ווי דידאָזיקע לעצטע האָבן זיך באַמיט צו פאַרשקלאַפן זיי מיט דער קראַפט פון זייער קאַפּיטאַל.

די געשיכטע פונם אינערלעכן לעבן פון די מיטלאַלטערלעכע קאָמונעס דאָס איז די געשיכטע פון פאַרביסענעם קאַמף פון אָרימאַן מיטן רייכן, אַ קאַמף, וועלכער האָט תמיד געפירט צו דער אַריינמישונג פון קעניג. צוזעענדיק, אַז די אַריסטאָקראַטיע וואַקסט מיט יעדן טאָג און זי באַהערשט דאָס גאַנצע קאָמונע-לעבן, האָט דאָס פאָלק באַגריפן, אַז קוים באַפרייט פונם עול פון זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים, איז עס אַרונטערגעפאַלן אונטערן עול פון די רייכע און עס האָט נישט דעריבער וואָס צו דערוואַרטן פון דער קאָמונע. עס האָט פאַרלאָזט די ערד-וואַלן און פאַרצוימונגען, וועלכע עס האָט אויפגעשטעלט אויף צו דעראָבערן די פרייהייט און וועלכע זענען געוואָרן, צוליב דעם אינדיווידואַליסטישן רעזשים, וועגן צו דער נייער קנעכטשאַפט. אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, האָט עס איבערגעלאָזט פאַר די רייכע זיי זאָלן אַליין באַשיצן זייערע נחלאות, און זיי זענען, פאַרשטייט זיך, באַזיגט געוואָרן; פאַרצערטלט דורך לוקסוס, אָפּגעשוואַכטע דורך פאַרדאָרבנקייט, אין דער אונטערשטיצונג פון פאָלק, האָבן זיי געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די קעניגלעכע חעראָלדן און זיי איבערגעבן די שליסלען פון שטאָט. אין אייניקע קאָמונעס האָבן די רייכע אַליין אויפגעעפנט די טויערן פון זייערע שטעט פאַר די אימפּעראַטאָרשע און קעניגלעכע אַרמייען, כדי

אויסצומיידן די פאָלקס־נקמה, וועלכע איז גרייט געווען זיך אויסצוגיסן אויף זיי.

די קאָמונע פון XIX־טן יאָרהונדערט וועט זיך שטעלן דעם ציל צו פאַרניכטן די סאָציאַלע אומגלייכקייט. זי וועט זיך באַמיען צו פאַרבאַפן דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל און זי וועט אים שטעלן אין רשות פון די, וועלכע ווילן אַרבעטן פאַר דער פאַרבעסערונג פונם וויל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. זי וועט שטרעבן צו צעברעכן די קראַפט פון קאַפּיטאַל און נישט דערלאָזן עס זאָל אַנטשטיין אַן אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז געווען די סיבה פון אונטערגאַנג פאַר די מיטלאַלטערלעכע קאָמונעס. צי וועט זי נעמען אַלס פאַרבינדעטע דעם גייסטלעכן און דעם מאָנאַך? צי וועט זי באַכטון די אבות, וועלכע האָבן, שאַפנדיק די קאָמונע, געגרינדעט אַ מלוכה אין אַ מלוכה, און פאַרניכטנדיק די מאַכט פון קעניג געשאַפן אין דער קאָמונע די זעלבע מאַכט, פאַרגעסנדיק ווייזט אויס, אַז די ווענט פון דער שטאָט וועלן נישט באַפרייען דידאָזיקע מאַכט פון די חסרונות, וואָס זענען איר אייגן? צי וועלן די פראָלעטאַריער פון אונזער יאָרהונדערט נאָכטון די פלאָרענטינער, וועלכע האָבן פאַרניכטעט די טיטלען אָדער זיי אויפגעהיט ווי אַ שאַנד־צייכן אָבער גלייכצייטיק נישט געשטערט עס זאָל אַנטשטיין אַ נייע אַריסטאָקראַטיע, אַן אַריסטאָקראַטיע פון אַ גראָב־אָנגעשטאָפּטן טייסטער? וועלן זיי דען וועלן, פונקט ווי זייערע פאָרגענגער, צוריק אויפשטעלן יענע גאַנצע הערארכיע פון מאַכט, וועלכע זיי האָבן נאָר־וואָס צעשטערט? וועלן זיי דען פאַרבייטן געוויסע מענטשן אויף אַנדערע, נישט אָנרירנדיק די אינסטיטוציעס גופא?

געוויס נישט! די קאָמונע פון XIX־טן יאָרהונדערט וועט נישט איבערחזרן די אַלטע פעלערן. זי וועט זיין נישט נאָר קיין קאָמונאַלע, נאָר אויך אַ קאָמוניסטישע. זי וועט אַדורכפירן אַ גאַנצע איבערקערעניש סיי אין דער פאָליטיק, סיי אין פראַגן פון פראָדוקציע און טויש. די קאָמונע פון דער צוקונפט וועט נישט צעשטערן די מלוכה, כדי תיכף ווידער זי אויפצוריכטן; זי וועט מאַכן אַ סוף צו דער פאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג און זי וועט נישט איבערגעבן אירע רעכט צו צופעליק געווילטע.

# II.

אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך דעם שווערן יאָך פון אירע באַלעבאַטים, האָט זיך דען די קאָמונע פון מיטלאַלטער באמת דערלאַנגען זיי אַן ענדגילטיקן טויט-קלאַפּ? צי האָט זי דען געהאָלפן דער דאָרפישער באַפעלקערונג, האָט זי דען געשטעלט אין איר רשות איר געווער, האָט זי דען פאַרטיידיקט די אומגליקלעכע, אויף וועלכע זי האָט שטאָלץ געקוקט פון דער הייך פון אירע ווענט? — לגמרי נישט! געפירט דורך אַ ריין עגאָיסטיש געפיל, האָט זיך די מיטלאַלטערלעכע קאָמונע איינגעשלאָסן אין אירע פאַרפעסטיקונגען. וויפיל מאָל פלעגט זי אויפהייבן די בריקן און פאַרמאַכן די טויערן פאַר קנעכט, וועלכע פלעגן אומזיסט קומען זוכן באַ איר רעטונג; מיט אַ פאַרברעכערישער גלייכגילטיקייט האָט זי צוגעזען, ווי מען פלעגט זיי אויסראַטן אויף אירע אויגן. שטאָלץ מיט איר פרייהייט האָט זי נישט געשטרעבט זי אויסצושפרייטן אויף די-יעניקע, וועלכע זענען געפאַלן אונטער דער לאַסט פון קנעכטשאַפט. נישט איין קאָמונע האָט באַקומען איר אומאָפּהענגיקייט פאַרן פרייז פון דערדאָזיקער קנעכטשאַפט. און דעם אמת זאָגנדיק, איז אויך פאַר די רייכע בורזשועס געווען געוונטשן, די קנעכט זאָלן תמיד זיין צוגעשמידט צו דער ערד, זיי זאָלן נישט וויסן נישט פון האַנדל און זיי זאָלן זיין געצוווּנגען אָנצוקומען צו דער שטאָט נאָך אייזן, מעטאַלן און אַלע פּראָדוקציע-פּראָדוקטן. די האַנטווערקער פלעגן אַמאָל פּרוּוון אויסשטרעקן די קנעכט אַ האַנט פון הילף, זיי זענען אָבער געווען הילפלאָז פון די בורזשויען, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, פאַרמאָגט געווער און אויסגעהאַלטן געדונגען חיל.

איצט איז די לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע. ווען די פּאַריזער קאָמונע וואָלט אַרויסגעגאַנגען אַלס זיגערין, וואָלט זי זיך נישט באַנוגנט דערמיט, וואָס זי וואָלט געשאַפן פאַר זיך מער אָדער ווייניקער פרייע שטאָטישע אינסטיטוציעס. ווען דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט וואָלט זיך איינגעגעבן צו צערייסן זיינע קייטן, וואָלט פאַרגעקומען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועלכע וואָלט זיך פון פּאַריז אַריבערגעוואָרפן אויף אַלע דאָרפישע קאָמו-

געס. אפילו אין מאָמענט פון יאוּשדיקסטן קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ וואָלט די פאַריזער קאָמונע נישט פאַרגעסן אין פויער און זי וואָלט געשריגן צו אים: „נעם די ערד, די גאַנצע ערד!״ זי וואָלט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט ווערטער און ווען דאָס זאָל נייטיק זיין, וואָלטן אירע העלדישע זין מיט געווער אין דער האַנט געגאַנגען אין די ווייטסטע דערפער העלפן דעם פויער דורכצופירן זיין רעוואָלוציע: אַרויסטרייבן די איבערקויפער, פאַרכאַפּן די גאַנצע ערד און זי איבערגעבן צו די יעניקע, ווער עס וויל און קאָן אַרויסקריגן פון איר אַ גערעטעניש. די מיטלאַלטערלעכע קאָמונע האָט געשטרעבט איינצושליסן זיך אין אירע ווענט; די קאָמונע פון XIX־טן יאָרהונדערט שטרעבט זיך אויסצושפּרייטן, ווערן אַלוועלטלעך. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די פּריווילעגיעס פון אַ געוויסער קאָמונע אין נאָמען פון די אינטערעסן און דער סאָלידאַריטעט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די מיטלאַלטערלעכע קאָמונע האָט ביז אַ געוויסער מאָס זיך געקאָנט איזאָלירן פון די שכנותדיקע. אירע באַציונגען מיט די אַנדערע קאָמונעס האָבן זיך באַגרענעצט מיט שליסן אָפּמאַכן אויף צו פאַרטיידיקן די רעכט פון די שטעט אָדער כדי קעגנזייטיק אָפּצוהיטן די מיטגלידער פון די קאָמונעס בעת זייערע ווייטע נסיעות. די ליגעס, וועלכע עס זענען געשלאָסן געוואָרן דורך איינצלנע שטעט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין לאָמבאַרדיע, שפּאַניע און בעלגיע, זענען געווען נישט פעסט, צוליב דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די אינטערעסן און דער פאַרשידנקייט פון די פּריווילעגיעס; זיי פלעגן שנעל צעפאַלן אויף איינצלנע גרופּעס, אָדער זיי פלעגן אומקומען אונטערן דרוק פון די שכנותדיקע מלוכות.

די גרופּעס, וועלכע בילדן זיך איצט אויס, וועלן מיט יענע נישט האָבן קיין שום געמיינזאַמס. די קלענסטע קאָמונע וועט נישט קאָנען עקזיסטירן אַ וואָך אפילו, נישט זייענדיק געצוווּנגען אַריינצוגיין אין באַציונגען מיט די אינדוסטריעלע, אַרטיסטישע און האַנדלס־צענטערס; דידאַקטישע צענטערן וועלן פון זייער זייט שפּירן אַ באַדערפעניש אויפצועפענען ברייט זייערע טויערן פאַר די איינוווינער פון די שכנותדיקע דערפער, וועלכע רינגלען אַרום די קאָמונעס, און פון די ווייטע שטעט.

זאָל נאָר אַ וואָסער־נישט־איז גרויסער צענטער זיך פּראָקלאַמירן אַלס „קאָמונע״, זאָל ער פאַרניכטן בײַ זיך דאָס פּריוואַט־אייגנטום און איינפירן קאָמוניזם, ד. ה. די קאָלעקטיווע באַנוצונג מיטן געזעלשאַפטלעכן

קאַפּיטאַל, מאַשינען און די אַרבעטס-פּראָדוקטן, און אויב דידאָזיקע שטאָט וועט נישט זיין אַרומגערינגלט דורך פיינטלעכע חיילות, וועלן אין אַ פּאָר טעג אַרום שטראָמען אויף אירע מערק אומענדלעכע רייען פורן, און די צושטעלער וועלן פון די ווייטסטע פּאָרטן שיקן אַהין גאַנצע פּאַרטיעס רוי-מאַטעריאַל; און די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן פון דערדאָזיקער שטאָט, באַפרידיקנדיק די באַדערפענישן פון אירע איינוווינער, וועלן זיי זוכן פאַר זיך קונים אין אַלע עקן וועלט. אויסלענדער וועלן מחנותווייז שטראָמען אין דערדאָזיקער שטאָט, זיי וועלן זיך אַנטציקן מיט איר אָרדנונג און זיי וועלן באַ זיך איבערהויים דערציילן וועגן וווּנדערבאַרן לעבן פון דער פרייער שטאָט, ווו אַלע אַרבעטן, ווו עס זענען נישטאָ נישט קיין אָרימע, נישט קיין אונטערדריקטע, ווו יעדער איינער געניסט די פרוכט פון זיין פּראַצע און קיינער שטרעבט נישט צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די גרעסטע טייל. פאַר אָפּגעזונדערטקייט איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן: אויב די קאָמוניסטן פון די מאַרייניקטע שטאָטן באַקלאָגן זיך, איז דאָס לחלוטין נישט אויף אָפּגעזונדערטקייט, נאָר אויף דעם אַריינמישן זיך מצד דער שכנישער בורזשואַזיע און זייערע געשעפטן.

אין אונזער צייט האָט דער האַנדל און דער טויש נישט נאָר אַריבערגעשפּרייזט איבער די קינסטלעכע גרענעצן, נאָר זיי האָבן אויך צעשטערט די ווענט פון די מיטלאַלטערלעכע שטעט. זיי האָבן איינגעשטעלט יענע פאַרבינדונג, וועגן וועלכער מען האָט גאַרנישט געקאָנט חלומען אין מיטלאַלטער. אַלע באַפעלקערטע פונקטן פון מערב-איירָאָפּע זענען אַזוי ענג פאַרבונדן צווישן זיך, צי אָפּגעזונדערטקייט איז געוואָרן אַן אוממעגלעכקייט. עס איז נישטאָ קיין איין דערפל, זאָל עס ליגן אפילו אויפן שפּיץ פון אַן אומצוטריטלעכן באַרג, וועלכעס זאָל נישט האָבן זיין אינדוסטריעלן-און האַנדלס-צענטער, מיט וועלכן זי קאָן נישט איבעררייסן.

די אַנטוויקלונג פון די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן האָט געהאַט נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג.

אויך אין אונזער צייט קאָנען פערזענלעכע אינטערעסן שטערן דעם בונד פון צוויי שכנותדיקע קאָמונעס, אַרויסרופן צווישן זיי אַ שטרייט און אַ פאַרביסענעם קאַמף. אָבער אויב דידאָזיקע סיבות וועלן אפילו שטערן דעם בונד פון צוויי קאָמונעס, וועט ער פונדעסטוועגן פאָרט געשלאָסן ווערן, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די גרויסע צענטערן. עס

טרעפֿן זיך אָפט צוויי קליינע שכנותדיקע שטעטלעך, וועלכע זענען צווישן זיך מיט גאָרנישט נישט געבונדן: זייערע זעלטענע באַציונגען בדענגען אָפטער צו צוזאַמענשטויסן, ווי צו אַ פֿאַרייניקונג. אָבער ביידע האַלטן זיי אונטער רעגולערע באַציונגען מיט דעם זעלבן צענטער, אָן וועלכן זיי קאָנען נישט עקזיסטירן; ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין צווישן זיי די שנאה, צווינגט זיי צו פֿאַרייניקונג יענע גרויסע שטאָט, אין וועלכער זיי פֿירן זייערע פּראָדוקטן און וועלכער זיי באַקומען רוי־מאַטעריאַלן, יעדע פֿון זיי וועט מוזן צושטיין צו דער זעלבער פֿעדעראַציע, כּדי אונטערצוהאַלטן די באַציונגען מיטן דאָזיקן צענטער און זיך גרופּירן אַרום אים.

אָבער דערדאָזיקער צענטער וועט נישט האָבן קיין באַדייטנדיקע איבערהערשאַפֿט איבער די אַרומיקע קאָמונעס. אַ דאַנק דער אומענדלעכער פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון האַנדלס־און אינדוסטרי־באַדערפֿענישן, האָבן אַלע באַפֿעלקערטע ערטער צו עטלעכע צענטערס; אין דער מאָס, אין וועלכער עס וועלן זיך אַנטוויקלען די באַדערפֿענישן פֿון די שטעט, וועלן זיי זיך אָנשליסן נאָך צו נייע צענטערן, וועלכע וועלן באַפֿרידיקן זייערע נייע באַדערפֿענישן. אונזערע באַדערפֿענישן זענען אַזוי פֿאַרשידנאַרטיק און זיי וואַקסן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז אײַנגיכן וועט איין פֿעדעראַציע נישט זיין בכּוח זיי צו באַפֿרידיקן, די קאָמונע וועט פֿילן אַ נויטווענדיקייט צו שליסן נייע פֿאַרבאַנדן, גרינדן נייע פֿעדעראַציעס. זייענדיק אַ מיטגליד פֿון איין גרופּע, וואָס פֿירט אָן מיטן צושטעלן שפּייז־פּראָדוקטן, וועט די קאָמונע דאַרפֿן ווערן אַ מיטגליד פֿון אַ צווייטער גרופּע אויף צו באַקומען די נייטיקע אַרטיקלען, למשל, מעטאַלן, דערנאָך פֿון אַ דריטער, פֿערטער אויף צו באַקומען שטאָפֿן און קונסט־ווערק א. אַז. וו. נעמט אָן עקאָנאָמישן אַטלאַס פֿון וועלכן איר ווילט, און איר וועט זען, אַז קיין עקאָנאָמישע גרענעצן עקזיסטירן נישט: די פּראָדוקציע־און טויש־זאָנעס פֿון פֿאַרשידענע פּראָדוקטן שניידן זיך איין אײנע אין דער צווייטער, פֿלעכטן זיך דורך און קרייצן זיך. פּונקט אַזוי וואָלטן זיך איינגעשניטן איינע אין דער צווייטער די פֿעדעראַציעס פֿון די קאָמונעס, ווען זיי וואָלטן זיך נאָרמאַל אַנטוויקלט, און וואָלטן געבילדעט אַן „איינהייטלעכע און אומטיילבאַרע“ נעץ, נישט דער ערך אַ פֿעסטערע, ווי די היינטיקע מלוכות.

די, וועלכע זאָגן, אַז די קאָמונעס, באַפֿרייטע פֿון דער מלוכהס אַפּוטרופּסות, וועלן זיך כּסדר צוזאַמענשטויסן, וועלן פֿירן ברידער־מלחמות

און זיך קענגזייטיק פאַרניכטן, פאַרגעסן, אַז איצט שוין האָט זיך צווישן איינצלנע געגנטן איינגעשטעלט אַ ענגע פאַרבינדונג, אַ דאַנק זייערע אומאויפהערלעכע באַציונגען צו די צאָל רייכע צענטערס פון אינדוסטריע און האַנדל. זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג וועגן דעם, וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער מיטלאַלטער מיט זיינע פאַרשלאָסענע שטעט און קאַראַוואַנעס, וואָס פלעגן זיך באַוועגן לאַנגזאַם איבער די וועגן, געהיטע דורך די הערן־רויבער. זיי פאַרגעסן, אַז צווישן אונזערע שטעט צירקולירן איצט אומאויפהערלעכע שטראָמען מענטשן, סחורות, בריוו, טעלעגראַמעס און אידעען, ווי די וואַסערן פון וואַסעררייכע טייכן; זיי האָבן נישט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דעם חילוק פון דידאָזיקע ביידע תקופות, וועלכע זיי ווילן פאַרגלייכן.

חוצדעם לערנט אונז די געשיכטע, אַז די פעדעראַציעס זענען געוואָרן די נויטווענדיקסטע באַדערפעניש פון דער מענטשהייט. ווי נאָר די מלוכה וועט דעזאָרגאַניזירט ווערן צוליב דער אָדער אַן אַנדערער סיבה און די רעגירונגס־מאַשין וועט פאַרלירן איר קראַפט, וועלן פון זיך אַליין אַנטשטיין פרייע פאַרבאַנדן. דערמאַנט זיך נאָר די פרייוויליקע פעדעראַציעס פון דער באַוואָפנטער בורזשואַזיע אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע. דערמאַנט זיך די פעדעראַציעס, וועלכע זענען אויפגעקומען אין שפּאַניע און וועלכע האָבן אָפּגעראַטעוועט די אומאָפּהענגיקייט פונם לאַנד, ווען די מלוכה איז צעטרייסלט געוואָרן אין אירע יסודות דורך נאַפּאָלעאָנס זיגרייכע אַרמייען. ווי נאָר די מלוכה פאַרלירט די מעגלעכקייט אונטערצוהאַלטן מיט געוואַלט די אַרויפגעצוווּנגענע פאַרבאַנדן, אַנטשטייען פון זיך אַליין פרייע פאַרבאַנדן, וועלכע אַנטשפּרעכן די נאַטירלעכע באַדערפענישן. צעשטערט די מלוכה, און אויף אירע חורבות וועט אויסוואַקסן אַ פעדעראַטיווע געזעלשאַפט; דאָס וועט זיין באמת אַן איינהייטלעכע און אומטיילבאַרע געזעלשאַפט, לחלוטין פריי און באמת סאָלידאַריש אַ דאַנק איר פרייהייט.

עס איז אָבער דאָ נאָך איין עיקרדיקער חילוק, וועלכע עס לאָזן אַרויס פון אויג אונזערע קעגנער. פאַרן בורזשואַ פון מיטלאַלטער איז די קאָמונע געווען אַן איזאָלירטע מלוכה מיט גענוי־באַשטימטע גרענעצן. פאַר אונז איז די קאָמונע שוין נישט קיין טעריטאָריאַלע אַגלאָמעראַציע; דאָס איז גיכער אַ סינאָנים פון אַ גרופּירונג פון „גלייכע", וואָס אָנערקענט נישט קיין גרענעצן, נישט קיין ווענט. די סאָציאַלע קאָמונע וועט

אינגיכן אויפהערן פאַרצושטעלן מיט זיך עפּעס גאַנצעס און לחלוטין באַשטימטס. יעדע גרופּע פון דער קאָמונע וועט צוליב נויטווענדיקייט אַריינטרעטן אין באַציונגען מיט קרובהשע גרופּעס פון אַנדערע קאָמונעס, זי וועט שליסן מיט זיי פאַרבאַנדן, יעדנפאַלס נישט ווינציקער פעסטע, ווי די פאַרבאַנדן פון די מיטבירגער און זי וועט גרינדן אַ קאָמונע, וועלכע באַזירט אויף דער געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן און וועלכע האָט מיטגלידער אין אַלע שטעט און דערפער.

יעדער יחיד וועט געפינען אַ באַפרידיקונג פאַר זיינע באַדערפעניש בלויז דעמאָלט, ווען ער וועט זיך גרופּירן מיט אַזעלכע יחידים פון אַנדערע קאָמונעס, וועלכע האָבן די זעלבע באַדערפענישן.

שוין איצט גרינדן זיך יעדן טאָג נייע פרייע געזעלשאַפטן, וועלכע פאַרכאַפּן ביסלעכווייז דאָס גרענעצלאָזע פעלד פון דער גאַנצער מענטשלעכער טעטיקייט. דער מענטש שאַפט געזעלשאַפטן נישט נאָר כדי צו באַפרידיקן זיינע וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע אָדער קינסטלערישע באַדערפעניש. נישט נאָר לשם קלאַסן-קאַמף ווערן איצט געגרינדעט ליגעס.

ס'איז שווער צו געפינען כאָטש איינעם פון די צאָלרייכע און פאַרשידנאַרטיקע געביטן פון מענטשלעכער טעטיקייט, וואָס זאָל נישט זיין פאַרגעשטעלט דורך אַ פרייער געזעלשאַפט, וואָס איז אָרגאַניזירט אויפן יסוד פון אַ פרייווויליקן הסכם; זייער צאָל וואַקסט פון טאָג צו טאָג, דערגרייכנדיק אַלץ אַ ברייטער טעטיקייטס-פעלד, פאַרכאַפּנדיק אויך די געביטן, וועלכע האָבן זיך פריער געפונען אויסשליסלעך אין רשות פון דער מלוכה גופא. ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט, בילדונג, האַנדל, אינדוסטרי, פאַרוויילונגען, היגיענע, מוזייען, ווייטע אונטערנעמונגען, פּאָלאַר-עקספּעדיציעס, אפילו די פאַרטיידיקונג פון דער טעריטאָריע, הילף פאַר פאַרוואונדעטע און געריכטן... אַלץ דינט אַלס קוואַל פאַר דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין דער פאָרם פון אַ פרייער געזעלשאַפט. אָט דאָס איז די טענדענץ, אָט דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער צווייטער העלפט XIX-טן יאָרהונדערטס.

די דאָזיקע טענדענץ, אַ פרייע אין איר אַנטוויקלונג, וועט געפינען פאַר זיך אַ ניי גרויס טעטיקייטס-פעלד און זי וועט דינען אַלס יסוד פאַר דער געזעלשאַפט פון דער צוקונפט. די סאָציאַלע קאָמונע אָרגאַני-

ירט זיך דורך אַ פרייער גרופּירונג, וועלכע וועט פאַרניכטן די ווענט און גרענעצן. עס וועלן אַנטשטיין מיליאָנען קאָמונעס, אָבער נישט קיין טעריטאָריאַלע, נאָר גרייטע אויסצושטרעקן די הענט איבער טייכן, באַרג־קייטן, איקינוסן און פאַרייניקן אין איין־איינציקער איינאַרטיקער פאַמיליע פון „גלייכע" אַלע אינדיווידואומען, וועלכע זענען צעשפּרייט אין פאַר־שידענע עקן פון ערד־קויל.

# די פּאַריזער קאָמונע

## I.

דעם 18-טן מערץ 1871 איז פּאַריז אויפגעשטאַנען קעגן דער פּאַרי-האַסטער און דורך אַלע פּאַראַכטעטער רעגירונג און זיך פּראָקלאַמירט אַלס פריי און אומאָפּהענגיק.

די‌דאָזיקע באַזייטוקונג פון דער צענטראַלער מאַכט איז פּאַרגע-קומען פון זיך אַליין, אָן שרעק, וועלכע באַגלייטן געוויינלעך רעוואָלו-ציעס: אין דאָזיקן טאָג איז נישט געווען קיין איין שאָס, איז נישט געווען קיין בלוט, פּאַרגאָסנס אויף די באַריקאַדן. די הערשער זענען פּאַרשוונדן, דערזעענדיק דאָס באַוואָפנטע פּאָלק אויף די גאַסן; דאָס מיליטער האָט אָפּגערייניקט די שטאָט; די הויכע באַאַמטע האָבן זיך געאיילט אַנטלויפן קיין ווערסאַל, מיטנעמענדיק מיט זיך אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען. די רעגירונג איז נישט געוואָרן ווי אַ פּאַרפוילטער זומפּ, וואָס איז אויסגעטריקנט געוואָרן דורך אַ פרילינגס-ווינט, און דעם ניינצענטן איז פּאַריז, אָן איין טראָפּן בלוט, פריי געווען פונם עיפּוש, וואָס האָט פּאַרפּעסטעט די גרויסע שטאָט.

די‌דאָזיקע פרידלעכע רעוואָלוציע האָט אויפגעעפנט מיט זיך אַ נייע תּקופה אין דער סעריע רעוואָלוציעס, וואָס פירן די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. אונטערן נאָמען „פּאַריזער קאָמונע" איז אויפגעקומען אַ נייע אידעע, וועלכע איז באַרופן צו ווערן אַן אויס-גאַנגס-פּונקט פאַר אַלע קומענדיקע רעוואָלוציעס.

ווי אַלע גרויסע אידעען איז זי נישט געווען קיין פּראָדוקט פון אַ פילאָזאָפס אָדער אַ געלערנטנס קאָנצעפּציעס: זי איז געשאַפן גע-וואָרן דורכן קאָלעקטיוון געדאַנג און דער קאָלעקטיווער אַרבעט פון אַ

גאַנצן פֿאָלק. דידאַזיקע אידעע איז פֿון אָנהייב געווען זייער אומבאַ־שטימט; אפילו די, וועלכע האָבן זיך געריסן זי צו פֿאַרווירקלעכן און האָבן אָפּגעגעבן פֿאַר איר דאָס לעבן, האָבן נישט באַגריפֿן איר גאַנצע באַדייטונג. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון וועגן דער רעוואָלוציע, וועלכע זיי האָבן געשאַפֿן; זיי האָבן נישט באַגריפֿן די דערהויבנקייט פֿון יענעם נייעם פּרינציפּ, וועלכן זיי האָבן געשטרעבט פֿאַרווירקלעכן. ערשט אין דער ווייטערדיקער אַרבעט פֿון געדאַנק איז קלאָר געוואָרן דערדאַזיקער נייער פּרינציפּ, ער האָט זיך באַוויזן אין זיין גאַנצער שיינקייט און גערעכטיקייט.

מיט אַ יאָר פֿינף, זעקס פֿאַר דער קאָמונע, אין דער תּקופֿה פֿון דער אינטענסיווער אַנטוויקלונג פֿון סאָציאַליזם, האָט זיך פֿאַר די צוגריי־טער פֿון דער קומענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע געשטעלט די פֿאָלגנ־דיקע פֿראַגע: מען האָט גענאַרפֿט געפֿינען אַן אופֿן פֿאַר דער פּאָליטי־שער גרופּירונג פֿון די געזעלשאַפֿטן, וואָס זאָל אַממיינסטן אַנטשפּרעכן יענער גרויסער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע, וועלכע עס פֿאָדערט באַ אונ־זער דור די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע אָרדנונג און וועלכע וועט פֿאַרניכטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און וועט אָפּגעבן אין רשות פֿון כּלל די רייכטימער, וועלכע די פֿריערדיקע דורות האָבן אָנגעזאַמלט.

דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק האָט געגעבן אַן ענטפֿער אויף דערדאַזיקער פֿראַגע. די גרופּירונג, — זאָגט ער, — קאָן זיך נישט באַגרענעצן מיט איין נאַציע: זי דאַרף אַריבער־שפּרייזן די קינסטלעכע גרענעצן. און אינגיכן האָט דידאָזיקע גרויסע אידעע אַרומגעכאַפּט די מוחות פֿון די פֿעלקער, באַהערשט זייערע הער־צער. פֿאַרפֿאָלגט דורך דער ליגע פֿון אַלע רעאַקציעס, איז זי נישט אומ־געקומען; ווי נאָר די שטערונגען, וועלכע האַלטן אויף איר אַנטוויקלונג, וועלן פֿאַרשווינדן לויטן באַפֿעל פֿון די מורדישע פֿעלקער, וועט זי אויפֿ־שטיין צו אַ ניי לעבן, פֿול מיט קראַפֿט און אַלמעכטיקייט.

וואָס וועט אָבער פֿאַרשטעלן מיט זיך אַן ענלעכע ברייטע אַסאָ־ציאַציע?

צוויי מעכטיקע אידעען האָבן געגעבן אַן ענטפֿער אויף דערדאַזי־קער פֿראַגע: אַ פֿאָלקס־מלוכה אָדער אַנאַרכיע.

די דייטשע סאָציאַליסטן זאָגן, אַז אַלע אָנגעזאַמלטע רייכטימער דאַרפֿן זיין קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון דער רעגירונג, וועלכע וועט זיי שטעלן אין רשות פֿון די אַרבעטער־אַסאָציאַציעס, זי וועט אָרגאַניזירן

די פּראָדוקציע און דעם סחורות־טויש און זי וועט אַכטונג געבן אויפן לעבן און דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט.

אויף דעב ענטפערן זיי די מער דערפאַרענע סאָציאַליסטן פון דער לאַטייניזער ראַסע, אַז אַן ענלעכע מלוכה, — ווען זי וואָלט אפילו געקאָנט עקזיסטירן, — וואָלט געווען די ערגסטע פון אַלע טיראַניעס. דעמדאָזיקן אידעאַל, וועלכער איז געליען בײַ דער פאַרגאַנגענהייט, שטעלן זיי אַנטקעגן אַ נייעם אידעאַל — די אַנאַרכיע, ד. ה. די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דער מלוכה און דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט אויף דעם פרייען פאַרבאַנד פון די פאָלקס־כוחות, אויף דעם פרייוויליקן הסכם פון די פּראָדוצירער און פאַרברויכער.

אַ סך אָנהענגער פון דער פאָלקס־רעגירונג, וואָס זענען צום ווייניקסטן פאַרפעסטעט דורך די רעגירונגס־פאָראורטיילן, אָנערקענען, אַז די אַנאַרכיע איז אַ פולקאָמערע אָרגאַניזאַציע; אָבער די אַנאַרכיסטישע אידעאַלן זענען, לויט זייער מיינונג, אַזוי ווייט פון אונז, אַז מיר פאַרנעמען זיך מיט זיי אומזיסט. פון דער צווייטער זייט האָט דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע געפעלט אַ קלאָרע און קאָנקרעטע פאָרמולע, כדי צו פאָרמולירן איר אויסגאַנגס־פונקט, פאָרמירן אירע קאָנצעפּציעס, דערווייזן, אַז זי שטיצט זיך אויף די שטרעבונגען פון פאָלק גופא. דער פאַרבאַנד פון די מלאכה־קאָרפּאָראַציעס און פון די פאַרברויכער־גרופּעס, וואָס שפּרייט זיך אויס איבער די קינסטלעכע גרענעצן, וועלכער שפּרייזט אַריבער די גרענעצן פון די עקזיסטירנדיקע מלוכות, האָט דאַן אויסגעזעען צו זיין אַן אוממעגלעכקייט. חוצדעם איז געווען קלאָר, אַז ער קאָן נישט אַרומכאַפּן די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקייט פון די מענטשלעכע טעטיקייטן. מען האָט געמוזט געפינען פאַר דער אַנאַרכיע אַ קלאָרערע און צוגענגלעכע פאָרמולע.

ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט נישט מער ווי וועגן אויסאַרבעטן טעאָרעטישע פאָרמולעס, וואָלטן מיר געזאָגט: לאָמיר לאָזן אַלע טעאָריעס! אָבער כּל־זמן אַ נייע אידעע באַקומט נישט קיין קלאָרע און פּרעציזע פאָרמולירונג, באַהערשט זי נישט די מוחות, באַגייסטערט זי נישט אויף אַן אַנטשיידענעם קאַמף. דאָס פאָלק האָט מורא פאַר אומבאַקאַנטקייט און נעמט זיך נישט צו דער אַרבעט, כּל־זמן עס האָט נישט אַלס אָנשפּאַר־פונקט אַ גענוי־באַשטימטע און קלאָר־פאָרמולירטע אידעע.

דעמדאָזיקן שטיץ־פונקט האָט אים געוויזן דאָס לעבן גופא.

* *
*

אין משך פון די פינף באַלאַגערונגס־חדשים האָט דער איזאָלירטער פּאַריז דערקענט ווי גרויס עס איז די שפע פון זיינע עקאָנאָמישע, אינ־טעלעקטועלע און מאָראַלישע מיטלען, ווי גרויס עס איז די קראַפט פון זיין איניציאַטיוו, ער האָט געזען, אַז די באַנדע פּלוידערער, וועלכע האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, איז נישט פעיק צו אָרגאַניזירן נישט פראַנק־רייכס פאַרטיידיקונג פון די אויסערלעכע שונאים, נישט איר אינערלעכע אָרדנונג. ער האָט באַגריפן, אַז די צענטראַלע מאַכט שטערט יעדע פרייע אַנטפּלעקונג פון געדאַנק און קראַפט פון דער גרויסער שטאָט, אַז די רעגירונג איז מאַכטלאָז אָפּצושלאָגן די קלעפּ און זי קאָן נישט פאַר־לייכטערן די עוואָלוציע פון דער מענטשהייט. בעת דער באַלאַגערונג האָט פּאַריז געזען די שרעקלעכסטע אָרימקייט, די אָרימקייט פון זיינע אַרבעטער און פאַרטיידיקער לעבן דעם פרעכן לוקסוס פון די הערשער־פוסט־און־פּאַסניקעס. ער האָט באַגריפן, אַז די צענטראַלע מאַכט איז געווען די סיבה פון דעם, וואָס עס זענען צונישט געוואָרן אַלע זיינע שטרע־בונגען צו פרייהייט. אַלע זיינע פּרווון צו צעשטערן דעמדאָזיקן עקל־האַפטן רעזשים, ס׳איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס עס איז אין אים אויפגעקומען דער געדאַנק איבערצואַנדערשן פּאַריז אין אַן אומאָפּ־הענגיקער קאָמונע, וואָס איז בכוח צו פאַרווירקלעכן אַלץ, וואָס עס וועט איר דיקטירן דער פרייער געדאַנק פון פאָלק! דאָס וואָרט „קאָמונע״ האָט זיך דאַן אַרויסגעריסן פון אַלעמענס ליפּן.

* *
*

די קאָמונע פון 1871־סטן יאָר איז דער ערשטער פּרווו. געבוירן סוף מלחמה, צוגעקוועטשט דורך צוויי אַרמייען, וועלכע זענען גרייט געווען אויסצושטרעקן איינער דער צווייטער די הענט, אַבי צו דערדריקן דאָס פאָלק, האָט זי זיך נישט דערוועגט אַרויפצוטרעטן אויפן וועג פון עקאָ־נאָמישער רעוואָלוציע. זי האָט זיך נישט דערקלערט אָפן אַלס סאָציאַלע קאָמונע, זי האָט זיך נישט דערוועגט צוצוטרעטן צו עקספּראָפּריאירן די־

קאַפּיטאַלן, צו אָרגאַניזירן די אַרבעט, זי האָט נישט איבערגעריסן אינ־גאַנצן מיט די טראַדיציעס פון דער מלוכה און אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג, זי האָט זיך נישט באַמיט צו פאַרווירקלעכן אין דער קאָמונע יענע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, פּראָקלאַמירנדיק די אומאָפּהענגיקייט און די פרייע פעדעראַציע פון די קאָמונעס. ווען די פּאַריזער קאָמונע וואָלט עקזיסטירט נאָך עטלעכע חדשים, וואָלט זי דער נאַטירלעכער גאַנג פון די געשעענישן געשטויסן אויפן וועג פון דער עקאָ־נאָמישער רעוואָלוציע. עס זענען נייטיק געווען פיר יאָר כסדרדיקע אויפשטאַנדן, כּדי די מאָנאַרכיע זאָל ווערן אַ בורזשואַזע רעפּובליק; ס'איז קיין ווונדער נישט, וואָס דאָס פּאַריזער פאָלק האָט נישט געקאָנט אין איין מאָמענט פאַרוואַנדלען די מלוכה פון רויבער אין אַן אַנאַרכיסטישער קאָמונע. די קומענדיקע רעוואָלוציע וועט זיין אַ קאָמוניסטישע און זי וועט פאַרווירקלעכן דאָס אַלץ, וואָס עס האָט נישט באַוויזן צו טון די פּאַריזער קאָמונע.

* *

די קאָמונע איז געפאַלן און די בורזשואַזיע האָט זיך נוקם געווען אין פאָלק פאַר דער מורא, וואָס זי האָט איר פאַרשאַפט דורך זיינע פּרוּוון צו באַפרייען זיך.

זי האָט באַוויזן, אַז די היינטיקע געזעלשאַפט איז באמת צעטיילט אויף צוויי קלאַסן; פון איין זייט די אַרבעטער, וועלכע גיבן אָפּ דער בורזשואַזיע מער ווי אַ העלפט פון זייער פּראָדוקציע און וועלכע זענען לייכט מוחל זייערע באַלעבאַטים זייערע עוולות; פון דער צווייטער — ליידיקגייערס מיט אינסטינקטן פון ווילדע חיות, וועלכע האָסן זייערע קנעכט און זענען גרייט זיי צו צערייסן פאַר דער קלענסטער זינד.

אַרומרינגלענדיק פּאַריז מיט חיילות און פאַרשפּאַרנדיק פאַרן פאָלק אַלע אויסגענג, האָבן זיי אַרויסגעשיקט אויף פּאַריז אַ גאַנצע אַרמיי זעל־נער, ווילדע פון די קאַזאַרמעס און וויין און האָבן זיי אָנגעזאָגט: „טויט דידאָזיקע וועלף, וועלפינס און זייערע קליינע!"

און צום פאָלק האָבן זיי געזאָגט:

— „וואָס דו זאָלסט נישט טון, וועסטו אומקומען! וועט מען דיך באַגעגענען מיט געווער אין האַנט — דער טויט! וועסטו אַוועקלייגן

דאָס געווער, — דער סדיט ! וועסט זיך קעגנשטעלן, — דער טויט ! וועסטו בעטן רחמים, שוינונג, — דער טויט ! ווו דו זאָלסט נישט קוקן : רעכטס, לינקס, פאָראויס, הינטער זיך, אינדערהייך, אונטן, אומעטום — דער טויט ! דו ביסט נישט נאָר מחוץ דעם געזעץ, נאָר אויך מחוץ דער מענטשהייט. נישט דער עלטער, נישט דער מין וועלן נישט מציל זיין נישט דיך, נישט די דייניקע. דו וועסט שטאַרבן, אָבער פריער וועסטו זיך אָנזעטיקן מיט דער גסיסה פון דיין פרוי, שוועסטער, מוטער, טעכטער, זין, עופהלעך, גענומענע פון וויקל ! פאַר דיר אין די אויגן וועט מען אַרויסשלעפּן פון די שפּיטאָלן פאַרוווּנדעטע, מען וועט זיי שניידן מיט שווערדן, דערטויטן מיט ביקסן־קאָלבעס. דו וועסט זעען, ווי אַזוי מען וועט דיינע, פון ווייטיק משוגע געוואָרענע, ברידער שלעפּן פאַר א צעבראָכענעם פוס און אַ פאַרבלוטיקטער האַנט און זיי וואַרפן אין די גראָבנס, ווי מיסט".

„טויט ! טויט ! טויט !"

און נאָך די ווילדע אָרגיעס און דער לעסטערונג פון די הויפּנס בר־מינגס, נאָך דער מאַסן־שחיטה — נקמה ! די סאַמע קליינלעכע און עקלהאַפטע נקמה : שמיץ, קייטן, קאַטאָרגע, אָרימקייט, באַליידיקונגען, הונגער און אַלע ראַפינירטסטע אויסדרוקן פון ווילדער אכזריות !

וועט דאָס פאָלק פאַרגעסן דידאָזיקע אַלע שעהן ?

„אַן אונטערדריקטע, אָבער נישט באַזיגטע", שטייט היינט אויף די קאָמונע תחית המתים. זי לעבט ווידער אויף נישט ווי דער טרוים פון באַזיגטע, וואָס כאַליען אין זייער פאַנטאַזיע א שיינעם מיראַזש, — ניין ! די קאָמונע איז געוואָרן אַ באַשטימטער און נאָענטער ציל פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע ; דידאָזיקע אידעע איז צריינגעדרונגען אין די מאַסן, זי איז געוואָרן זייער לאָזונג, זי האָט פאַראייניקט אַלע פעלקער אונטער איין פאָן.

מיר גלייבן, אַז אונ׳ער דור וועט פאַרווירקלעכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין דער קאָמונע, ער וועט מאַכן א סוף צו דער שענדלעכער עקספּלואַטאַציע פון דער בורזשואַזיע, ער וועט באַפרייען די פעלקער פון דער אַפּוטרופּסות פון דער מלוכה. ער וועט עפענען אין דער עוואָלוציע פון דער מענטשהייט א נייע תקופה פון פרייהייט, גלייכהייט און סאָלידאַרישקייט.

## II.

צען יאָר זענען שוין פאַריבער פון יענעם טאָג, זינט דאָס פּאַרי־זער פאָלק האָט אָראָפּגעוואָרפן די רעגירונג פון די פאַררעטער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין טאָג, ווען די אימפּעריע איז געפאַלן, האָט געגרינדעט די קאָמונע און פּראָקלאַמירט זיין פאָלקע אומאָפּהענגיקייט*). און פונדעסטוועגן איז דערדאָזיקער טאָג נאָך געבליבן דער ליכטיקסטער אין זכרון פון פאָלק, אונזערע בליקן און האָפנונגען זענען נאָך אַלץ געווענדט צו אים. די פּראָלעטאַריער פון דער אַלטער און נייער וועלט לייגן פאַר איינע די צווייטע צו פייערן דעם יאָר־טאָג פון 18־טן מערץ 1871. מאָרגן אינאָוונט וועלן הונדערטער טויזנטער הערצער האַרמאָניש שלאָגן באַ דער דערינערונג וועגן דעם דרייסטן אויפשטאַנד פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט; די אַרבעטער פון אייראָפּע, פאַרייניקטע שטאַטן און דרום־אַמעריקע וועלן זיך דערלאַנגען די הענט איבער גרענעצן און ימים.

די אידעע, פאַר וועלכער דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרגאָסן בלוט אין פּאַריז און האָט לאַנגע יאָרן געליטן אויף די ברעגן פון ניי־קאַלעדאָניע, — איז איינע פון יענע אין־סופיקע רעוואָלוציאָנערע אידעען, וועלכע טראָגן אין די פאַלדן פון זייער פאָן אַלע שטרעבונגען פון די פעלקער, וואָס גייען צו באַפרייונג.

געוויס, ווען מיר וועלן זיך באַשרענקען מיט באַטראַכטן די רעאַלע און בולטע פאַקטן, וועלכע האָבן באַגלייט די פּאַריזער קאָמונע, וועלן מיר קומען צום אויספיר, אַז דידאָזיקע אידעע איז נישט גענוג ברייט, אַז זי האָט אַרומגענומען בלויז אַ מינימאַלע טייל פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָגראַם. ווען מיר וועלן זיך אָבער דורכדרינגען מיט דער־שטימונג, וואָס האָט דעם 17־טן מערץ באַגייסטערט די פאָלקס־מאַסן, ווען מיר וועלן אָפּשאַצן די שטרעבונגען, וועלכע האָבן זיך געריסן אויף דער־

*) דאָס איז געשריבן דעם 17־טן מערץ 1881־סטן יאָר.

ליכטיקער שיין און זענען דערשטיקט געוואָרן דורך בערג טויטע גופים. — דאָן וועלן מיר באַגרייפן די גאַנצע באַדייטונג פון דאָזיקן אויפשטאַנד און מיר וועלן טיילן די סימפּאַטיעס, וועלכע עס ווייזן צו אים אַרויס די אַרבעטער־מאַסן פון דער גאַנצער וועלט. די קאָמונע ציט צו און באַגייסטערט נישט מיט דעם, וואָס זי האָט געטון, נאָר מיט דעם, וואָס זי זאָגט צו צו געבן דער מענטשהייט אין דער נאָענטער צוקונפט.

* * *

פונוואַנען שטאַמט דידאָזיקע אומבאַזיגבאַרע קראַפט פון דער באַוועגונג פון 1871־סטן יאָר, וואָס ציט צו צו זיך די סימפּאַטיע פון אַלע אונטערדריקטע? פאַרוואָס איז די אידעע פון דער פּאַריזער קאָמונע אַזוי צוציענדיק פאַר די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן?

דער ענטפער איז אַ פּשוטער, — די רעוואָלוציע פון 1871 איז געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג, געשאַפן דורכן פאָלק אַליין, געבוירן פלוצלינג אין זיינע טיפענישן, האָט זי אין די אונטערדריקטע מאַסן געפונען אירע שיצער, אירע העלדן און מאַרטירער. דעמדאָזיקן כאַראַקטער פון די „געמיינע" וועט איר קיינמאָל די בורזשואַזיע נישט מוחל זיין. די גרונד־אידעע פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע, — וואָס איז נאָך נישט קלאָר פאָרמירט, אָבער שוין בולט אָנגעצייכנט, — איז געווען די אידעע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס איז געקומען געבן דער וועלט, נאָך לאַנגע יאָרהונדערטן קאַמף, אמתע פרייהייט, אמתע גלייכהייט.

דאָס איז געווען די רעוואָלוציע פון פאָלק, וואָס גייט דעראָבערן זיינע רעכט.

אומזיסט באַמיט מען זיך צו פאַרקריפּלען איר זינען און פאַרשטעלן דידאָזיקע רעוואָלוציע, ווי אַ פּשוטן פּרווו צו דעראָבערן די אומאָפּהענגיקייט פון פּאַריז און גרינדן אַזוי אַרום אַ קליין מלוכהלע אין פראַנקרייך. פּאַריז האָט קיינמאָל נישט געשטרעבט זיך איזאָלירן, פּונקט ווי ער האָט נישט געשטרעבט צו באַהערשן מיט געוועזר דאָס איבעריקע פראַנקרייך. ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשליסן אין זיינע ווענט, ווי אַ מאָנאַך אין קלויסטער, ער האָט זיך נישט באַגייסטערט מיט דעם ענגן אָפּגעשלאָסענעם לעבן. ווען ער האָט געפאָדערט אומאָפּהענגיקייט, ווען ער האָט נישט

געוואָלט דערלאָזן, אַז אַ וועלכע נישט איז צענטראַלע רעגירונג זאָל זיך אַריינמישן אין זיינע ענינים, האָט ער אין דעם געזעען אַ מיטל דורכצו־פירן אַ סאָציאַלע איבערקערעניש, אַ מיטל, כדי אין רויקייט אויסצואַר־בעטן די יסודות פון דער קומענדיקער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געטרוימט וועגן אַ רעוואָלוציע, וועלכע וועט איבעראַנדערשן דעם היינטיקן רעזשים פון פּראָדוקציע און סחורות־טויש, וואָס וועט ענדערן די מענטשלעכע באַציונגען און וועט שאַפן אַ געזעלשאַפט, וואָס באַזירט אויף גלייכהייט, גערעכטיקייט און סאָלידאַריטעט.

די אומאָפּהענגיקייט איז פאַר פּאַריז געווען בלויז אַ מיטל; זיין ציל איז געווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

* *

*

און ער וואָלט דערגרייכט דעמדאָזיקן ציל, ווען די רעוואָלוציע פון 18 מערץ וואָלט נישט איבערגעריסן געוואָרן אין איר ברויזיקן שטראָם, ווען דאָס פּאַריזער פאָלק וואָלט נישט צעשאָסן געוואָרן דורך קוילנוואַרפערס, וואָלט נישט געהאַקט געוואָרן דורך שווערדן אויפן באַ־פעל פון די ווערסאַלער מערדער. געפינען אַ קלאָרן, באַשטימטן און צוגענגלעכן אויסדרוק פאַר דאָס אַלץ, אָן וואָס עס האָט נישט געקאָנט פאַרקומען די רעוואָלוציע, איז געווען די הויפּט־אויפגאַבע פון פּאַריז גלייך פון ערשטן טאָג פון זיין באַפרייונג. אָבער די גרויסע אידעען ווערן נישט רייף אין משך פון איין טאָג, ווי אינטענסיוו עס זאָל נישט אַרבעטן דער געדאַנק, ווי שנעל עס זאָלן נישט אויסגעאַרבעט און פּראָפּאַגאַנדירט ווערן די ניי אידעען און פעריאָדן פון רעוואָלוציעס. זיי נייטיקן זיך אין צייט, כדי צו אַנטוויקלען זיך, אַריינצודרינגען אין די מאַסן, פאַרוואַנדלט ווערן אין מעשים, אָבער די פּאַריזער קאָמונע האָט נישט געהאַט אויף דעם קיין צייט.

געבוירן אין אַן איבערגאַנגס־צייט, אויף דער גרענעץ פון צוויי אַנטוויקלונגס־פעריאָדן פון היינטיקן סאָציאַליזם, האָט זי נישט באַוויזן צו דערפילן איר אויפגאַבע. וואָס האָט געקאָנט געבן די פרייע דענקער פון 1871־סטן יאָר דער קאָמוניזם פון 1848־סטן יאָר, אַ קאָמוניזם, וואָס אַנערקענט די מאַכט און די רעגירונג און אפילו די רעליגיע? ווי האָט

מען געקאָנט געפינען אַ פּאַריזער, וואָס זאָל מסכּים זיין איינגעשלאָסן צו ווערן אין אַ פּאַלאַנסטערשער קאַזאַרמע? פון דער צווייטער זייט איז געבליבן אומפאַרשטענדלעך, ווינציק סימפּאַטיש אַ קאָלעקטיוויזם, וואָס שטרעבט איינצושפּאַנען אין איין פּוס דעם אַרבעטס־לוין און דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום, און ער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אומבאַזיגבאַרע שוועריקייטן בּאַ זיין פּראַקטישער אָנווענדונג. און דער פרייער, אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן אויסצופּיקן; ער האָט קוים געהאַט מוט אָפּצושלאָגן די אָנגריפן פון די אָנהענגער פון דער רעגירונג און פון דער מאַכט.

אין די מוחות האָט געהערשט וואַקלעניש, און די סאָציאַליסטן, נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין באַשטימטן ציל, האָבן נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צוצוטרעטן אָפּשאַפן דאָס פּריוואַט־אייגנטום. „לאָמיר זיך זיכערן אַ נצחון, און דאַן וועלן מיר זען וואָס צו טון”, פלעגן זיי זאָגן, באַרויקט דורך דערדאָזיקער שאַבלאָנער פראַזע.

* *

*

זיכערן דעם נצחון! צי דען קאָן מען אָבער גרינדן אַ פרייע קאָמונע, נישט אָנרירנדיק דאָס אייגנטום! צי דען קאָן מען באַזיגן די שונאים, כּל־זמן דאָס פאָלק איז נישט פאַראינטערעסירט אין דעם טריומף פון דער רעוואָלוציע. עס איז נישט זיכער, אַז זי וועט ברענגען פאַר דער מענטשהייט אַ מאַטעריעלן, גייסטיקן און עטישן וווילשטאַנד! זיי האָבן זיך באַמיט צו גרינדן אַ קאָמונע, אָפּלייגנדיק אויף אַ צייט די סאָציאַלע רעוואָלוציע, בעת דאָס איינציקע מיטל צו גרינדן אַ קאָמונע איז **טאַקע די סאָציאַלע רעוואָלוציע**!

פּראָקלאַמירנדיק די פרייע קאָמונע, האָט דאָס פּאַריזער פאָלק פּראָקלאַמירט בעיקר אַן אַנאַרכיסטישן פּרינציפּ. אָבער היות דאַן האָבן נאָך די אַנאַרכיסטישע אידעען נישט געהאַט צריינגעדרונגען אין באַוווּסטזיין פון פאָלק, איז עס געבליבן אויפן האַלבן וועג. אין זיין קאָמונע האָט עס זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן אַלטן פּרינציפּ פון מאַכט און האָט געגרינדעט דעם ראַט פון דער קאָמונע, לויטן מוסטער פון דער שטאָט־דומע.

אויב מיר אָנערקענען, אַז מען קאָן זיך לחלוטין באַגיין אָן אַ צענטראַלער רעגירונג באַם רעגולירן די באַציונגען צווישן די קאָמונעס,

צי דען וועלן מיר צולאָזן דעם געדאַנק, אַז זי איז נייטיק באַם רעגולירן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די גרופּעס, וואָס בילדן די קאָמונע ! אויב מיר גיבן דער פרייער איניציאַטיוו פון די קאָמונעס דאָס רעכט צו שליסן אָפּמאַכן בנוגע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו עטלעכע קאָמונעס, צי דען וועלן מיר אָפּנעמען דאָסדאָזיקע רעכט באַ די גרופּעס, וואָס בילדן יעדע קאָמונע ? די רעגירונג אין דער קאָמונע האָט נישט קיין גרעסערע עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג, ווי די רעגירונג איבער דער קאָמונע.

אין 1871-סטן יאָר איז דאָס פּאַריזער פאָלק, וואָס האָט שוין אָראָפּ-געוואָרפן אַזוי פיל רעגירונגען, צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן קעגן דער רעגירונגס-סיסטעם גופא ; עס האָט אָבער נישט געקאָנט באַפרייען זיך פון רעגירונגס-פעטישיזם און עס האָט אויך באַ זיך געשאַפן אַ רעגי-רונג. מיר ווייסן, וואָס עס זענען געווען די רעזולטאַטן דערפון. עס האָט געשיקט זיינע זין אין דער שטאָט-דומע. דאָרט, געצוווּנגען צו רעגירן, בעת זייערע איבערצייגונגען האָבן געפאָדערט אַ געמיינזאַמע אַרבעט מיטן פאָלק, געצוווּנגען צו רעזאָנירן, בעת מען האָט געדאַרפט האַנדלען, האָבן זיי באַגריפן די גאַנצע זינלאָזיקייט פון זייער לאַגע, זייער גאַנצע הילפלאָזיקייט. פּאַראַלירנדיק די באַגייסטערונג, ווייט פון פאָלק, דעמדאָזיקן מקור פון רעוואָלוציע, האָבן זיי פון זייער זייט אויך פּאַראַליזירט די פאָלקס-איניציאַטיוו.

* *

*

געבוירן אין אַן איבערגאַנגס-צייט, אין אַ תּקופה פון אַ טיפן איבערברוך אין סאָציאַליזם, פאַרווירקלעכט סוף מלחמה, איזאָ-לירט, אונטערן האַרמאַטן-דונער, האָט די פּאַריזער קאָמונע געמוזט אומקומען.

אָבער דורך איר פראָלעטאַרישן כאַראַקטער און אירע סאָציאַלע אידעען האָט זי געלייגט דעם יסוד פאַר אַ נייער תּקופה אין אַ סעריע רעוואָלוציעס און זי איז געווען די אָנזאָגערין פון דער גרויסער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דורך מאַסן-הריגות, דורך אומ-דערהערטע אכזריותן, דורך דער נידערטרעכטיקער אָפּהוזקונג פון אירע תּליניב איבער די אַרעסטירטע, האָט די בורזשואַזע אויסגעגראָבן אַ תּהום

נישט צו פארשיטן צווישן זיך און דעם פראָלעטאַריאַט. דורך איר נקמה און אָרגיעס פון קאַניבאַלן, האָט זי אַרויסגעטראָגן איבער זיך אַ טויט-אורטייל. איצט ווייסט דאָס פאָלק, מיט וועמען עס האָט אַן עסק; עס ווייסט, וואָס עס דערוואַרט אים. אויב עס וועט בעת דער קומענדיקער רעוואָלוציע נישט אָפּהאַלטן קיין אַנטשיידנדיקן נצחון.

ווען פראנקרייך וועט זיך באַדעקן מיט אַ נעץ מורדישע קאָמונעס, וועט שוין דאָס פאָלק נישט אויסוויילן קיין רעגירונג און נישט וואַרטן אויף זיינע באַפעלן. אַרויסטרייבנדיק אַלע פּאַראַזיטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים, וועט עס פאַרכאַפּן די געזעלשאַפטלעכע רייכטימער. און וועט זיי איבערגעבן אין רשות פון כלל, אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם. עס וועט פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום, די רעגירונג און די מלוכה און וועט איינאָרדנען זיין לעבן אויף פרייע סודות, וועלכע וועלן אים דיקטירט ווערן דורך דער נויטווענדיקייט. צעררייסנדיק די קייטן און צעשטערנדיק די געצעס, וועט די מענטשהייט עפענען פאַר זיך אַ וועג צו אַ בעסערער צוקונפט. אין איר שטאָלצן צוג צו דעראָבערן די פרייהייט וועט זי פאַרגעסן, אַז עס זענען געווען קנעכט און באַלעבאַטים, און זי וועט פאַרערן בלויז יענע גרויסע מ רטי-רער, וועלכע האָבן דורך זייער בלוט און ליידן געלייגט דעם פונדאַמענט פון זיין עמאַנסיפּאַציע.

### III.

די פייערונגען און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן לכבוד דעם 18-טן מערץ אין אַלע שטעט, וווּ עס זענען דאָ סאָציאַליסטישע גרופּעס, פאַרדינען אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי דריקן קלאָר אויס די שטימונג פון די סאָציאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט. דאָס זענען יום-טובים פון אַרבעט, יום-טובים פון פּראָלעטאַריאַט. אויף דידאָזיקע מיטינגען זאָגן די סאָציאַליסטן אַרויס זייערע נייע אידעען און שטרעבונגען און באַהאַנדלען די געשעענישן פון 1871-סטן יאָר. זיי באַנוגענען זיך נישט מיט דעם, וואָס זיי לויבן דעם העראָיזם פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט און רופן נקמה צו נעמען פון די שולדיקע אין די מאַיהריגות. זיי שטרעבן צו דערוויין, אַז די פאַראורטיילן וועגן פּריוואַט-

אייגנטום און מאַכט, וואָס האָבן געהערשט אין יענער צייט אין די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געשטערט דער קאָמונע פּאַרווירקלעכט צו ווערן, האָבן נישט דערלאָזט, אַז די רעוואָלוציאָנערע אידעע זאָל זיך אַנטוויקלען און באַלויכטן די וועלט מיט אירע באַלעבנדיקע שטראַלן.

דאָס 1871-סטע יאָר האָט געדינט אַלס לעקציע פאַר די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער. זיי האָבן באַגריפט, ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען זייער קומענדיקע רעוואָלוציע און זיי האָבן איבערגעריסן מיט די אַלטע פאַראורטיילן.

*　　*

*

דער קומענדיקער אויפשטאַנד פון די קאָמונעס וועט שוין נישט זיין קיין פּשוטע ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע באַוועגונג. דאָס פאָלק האָט איבערגעיאָגט די יעניקע, וועלכע מיינען, אַז מען דאַרף גרינדן אַ קאָמונע און דערנאָך דורכפירן אין איר עקאָנאָמישע רעפאָרמען. דאָס פאָלק ווייסט, אַז נאָר דורך אַ ראַדיקאַלער סאָציאַלער איבערקערעניש און דורך פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום וועלן די קומענדיקע קאָמונעס זיכערן זייער אומאָפּהענגיקייט.

אין טאָג, ווען עס וועט טריומפירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, ווען די הערשער וועלן פאַרטריבן ווערן און די בורזשואַזיע, וועלכע ווערט איצט אונטערגעשטיצט דורך דער רעגירונג, וועט פאַרלירן איר קראַפט — וועט שוין דאָס מורדישע פאָלק נישט באַשטימען קיין נייע רעגירונג און עס וועט נישט וואַרטן, אַז זי זאָל, מיט דער חכמה, וואָס איז איר אייגן, פּראָקלאַמירן עקאָנאָמישע רעפאָרמען. דאָס פאָלק וועט פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום דורך אַ געוואַלט-עקספּראָפּריאַציע און עס וועט פאַרכאַפּן, אין נאָמען פון פאָלק, אַלע געזעלשאַפטלעכע רייכטימער, וועלכע זענען דערוואָרבן געוואָרן דורך דער שווערער פּראַצע פון די פריערדיקע דורות. עס וועט פאַרלאָזן זיינע פייכטע קעלערס און זיך אַריבערקלייבן אין די ליכטיקע הייזער פון די בורזשויען. עס וועט תיכף צוטרעטן צו באַאַרבעטן די נאַטירלעכע רייכטימער און עס וועט זיך באַמיען צו אוטיליזירן די ווערטן, וועלכע זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין די שטעט. דאָס פאָלק אַליין וועט זיך נעמען פאַר דער פּראָדוקציע און באַנוצן דעם כלל-קאַפּיטאַל אַזוי, ריכטיק ווי ער וואָלט באַ אים קיינמאָל נישט צוגערויבט

געוואָרן דורך דער בורזשואזיע. ווען די קאַפּיטאַליסטן וועלן באַזייטיקט ווערן פון דער אינדוסטרי, וועט די פּראָדוקציע, — פּאַרניכטענדיק די ספּעקולאַציע, וואָס טויט זי, — אויפלעבן און זיך אַנטוויקלען אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון פרייער אַרבעט. — „קיינמאָל נאָך האָט מען אין פראַנקרייך נישט געאַקערט אַזוי פלייסיק, ווי אין 1793־סטן יאָר, ווען די ערד איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון די הענט פון די סעניאָרן". זאָגט מישלע. — קיינמאָל האָט מען אַזוי נישט געאַרבעט, ווי מען וועט אַרבעטן אין יענעם טאָג, ווען די אַרבעט וועט ווערן פריי און דער דערפאָלג פון יעדן אַרבעטער וועט זיין אַ קוואַל פון וווילשטאַנד פאַר דער גאַנצער קאָמונע.

*

*

צווישן די סאָציאַליסטן עקזיסטירן פאַרשידענע מיינונגען בנוגע דעם געזעלשאַפטלעכן אייגנטום. די קאָלעקטיוויסטישע שולע, וואָס פאַרבייט דעם קאָלעקטיוויזם פון אַלטן אינטערנאַציאָנאַל דורך אַ דאָקטרינערישן קאָלעקטיוויזם, באַמיט זיך פעסטצושטעלן אַן אונטערשיד צווישן קאַפּיטאַל, וואָס איז באַשטימט פאַר דער פּראָדוקציע, און דעם קאַפּיטאַל, וואָס גייט אויף באַפרידיקן די ערשטע נויטווענדיקייטן. מאַשינען, וואַרשטאַטן, רוי־מאַטעריאַלן, פאַרקער־מיטלען און די ערד פון איין זייט, וווינונגען, מאַנופאַקטור־פּראָדוקטן, בגדים און שפּייז־פּראָדוקטן פון דער צווייטער. די ערשטע דאַרפן זיין אַן אייגנטום פון קאָלעקטיוו, די צווייטע — פריוואַט־אייגנטום.

דאָס פאָלק אָבער האָט מיט זיין איינגעבוירענעם שכל־הישר איינגע־זעען, אַז דערדאָזיקער אונטערשייד איז אַ כלומרשטער און אַז געגוי־פעסטשטעלן אים איז אוממעגלעך. עס האָט פאַרשטאַנען, אַז די הייזער, וואָס פאַרדעקן אונז; קוילן און גאַז, וועלכע מיר פאַרברענען; שפּייז, וואָס האַלט אונטער אונזער לעבן; בגדים, וואָס באַשיצן אונז; ביכער, וואָס גיבן אונז וויסן, און אפילו פאַרוויילונגען זענען נויטווענדיקע באַדינ־גונגען פון אונזער עקזיסטענץ. אין די דערפאָלגן פון דער אינדוסטריע און דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט האָבן זיי נישט קיין קלענער חלק, ווי די מאַשינען, דאָס רוי־מאַטעריאַל און אַנדערע פּראָדוקציע־מיטלען. דאָס פאָלק האָט באַגריפן, אַז אויפהאַלטן דאָס

פריוואַט-אייגנטום אויף דידאָזיקע זאַכן, וואָלט געהייסן איינהיטן די אומ-גלייכהייט, די אונטערדריקונגען, די עקספּלואַטאַציע און גלייך פון אָנהייב פּאַראַליזיר'ן אַלע רעזולטאַטן פון דער טיילווייזער עקספּראָפּריאַציע. אַרי-בערשפּרינגענדיק איבער די שטערונגען, וועלכע עס ווערן געשאַפן דורכן טעאָרעטישן קאָלעקטיוויזם, גייט דאָס פאָלק צום קאָמוניזם, וואָס אָנער-קענט נישט קיין מאַכט.

אויף רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען פאָדערן די פּראָלעטאַריער זייערע רעכט אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע רייכטימער און פאָדערן צו פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום, סיי אויף פאַרברויכס, סיי אויף פּראָדו-ציר-ווערטן. „אין טאָג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועלן מיר פאַר-כאַפּן אַ ל ע נאַטירלעכע רייכטימער, אַ ל ע ווערטן, וועלכע זענען אָנגעזאַמלט אין די שטעט, און זיי איבערגעבן אין רשות פון כּלל", זאָגן די פאַרשטייער פון די אַרבעטער-מאַסן.

„זאָל יעדער נעמען פון אַלגעמיינעם הויפן אַלץ, וואָס ער דאַרף, און זייט זיכער, אַז אין די שפּייז-קאַמערן פון אונזערע שטעט וועט זיין גענוג שפּייז, צו שפּייזן אַלעמען, ביזן טאָג, ווען מען וועט פּראָקלאַמירן די פרייהייט פון דער פּראָדוקציע. גענוג בגדים, כּדי אַלעמען צו באַקליידן, און אפילו לוקסוס-אַרטיקלען וועלן זיין גענוג פאַר אַלעמען".

מיט איין וואָרט, די פּראָלעטאַרישע מאַסן פאָדערן פון דער רעוואָ-לוציע: תּיכף איינפירן דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם און די פרייע אָרגאַ-ניזאַציע פון דער פּראָדוקציע. דידאָזיקע צוויי פונקטן זענען ענדגילטיק פעסטגעשטעלט. די קאָמונעס פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע וועלן נישט איבערחזרן די פעלערן פון זייערע פאָרגענגער, וועלכע האָבן דורך זייערע ליידן און פאַרגאָסענעם בלוט געעפנט פאַר דער מענטשהייט אַ וועג צו אַ בעסערער צוקונפט.

* * *

וואָס שייך דער רעגירונג עקזיסטירן אויך בײַ די סאָציאַליסטן פאַרשידענע מיינונגען.

איינע זאָגן, אַז אין טאָג פון דער רעוואָלוציע דאַרף מען גרינדן אַ ר ע ג י ר ו נ ג און איר איבערגעבן די מאַכט. אַ שטאַרקע און אַנט-שלאָסענע, וועט זי דורכפירן די רעוואָלוציע, אַרויסגעבנדיק אַנטשפּרעכנ-

דיקע פאראָרדנונגען אין שטרענג אַכטונג געבנדיק מען זאָל זיי אויספירן.

„אַ טרויעריקער טעות!" — זאָגן די אַנדערע. — „אַ צענטראַלע רעגירונג, וואָס באַשטייט פון פאַרשידענע עלעמענטן און איז באַרופן אָנצופירן מיט איין נאַציע, וועט זיין אַ שטער פאַר דער רעוואָלוציע, ווייל די טבע פון דער מאַכט איז אַזאַ, אַז זי מוז זיין קאָנסערוואַטיוו. אומפעיק אריינצוגעבן אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט אין די אָפגעשטאַנענע קאָמונעס, וועט זי שטערן די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע אין די קאָמונעס, וועלכע גייען בראש פון דער באַוועגונג. און אין דער מורדישער קאָמונע גופא וועט די רעגירונג אָדער סאַנקציאָנירן די פאַקטן, וואָס זענען שוין געשעען, און במילא וועט זי זיין איבעריק און אפילו שעדלעך; אָדער זי וועט האַנדלען לויט איר ווילן, ד. ה. זי וועט רעגלאַמענטירן דאָס, וואָס דאָס פאָלק אַליין דאַרף פריי אויסאַרבעטן, זי וועט אָנווענדן טעאָריעס דאָרט, וווּ עס דאַרף האַנדלען די פרייע שעפערישע קראַפט פון סאָציאַלן אָרגאַניזם, וואָס שאַפט נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. מענטשן, וואָס באַזיצן די מאַכט, וועלן זיך איינשליסן אין קאַנצעלאַריעס און פאַרשווענדן אויף פוסטע אַמפערייען יענע פעיקייטן און כוחות, וועלכע וואָלטן געקאָנט גיין אויף שאַפן נייע אָרגאַניזאַציעס בעת אַ געמיינזאַמער אַרבעט מיטן פאָלק. אומבאַהאָלפן דאָרט, וווּ ס'איז נייטיק אַן אמתע אַרבעט, וועט די רעגירונג דינען אַלס מאַרמאָז פאַר דער ראַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט".

ווי באַטירלעך און גערעכט עס זאָל נישט זיין דערדאָזיקער געדאַנק, שטויסט ער זיך דאָך אָן אויף איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן און ער טרעפט אָן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד יענע, וועמען עס לוינט אונטערצושטיצן די רעליגיע פון דער רעגירונג פונקט ווי די רעליגיע פון אייגנטום און די רעליגיע פון דער גאָטהייט.

גאָט, אייגנטום און רעגירונג — אָט דאָס זענען די געפערלעכסטע שטערונגען פאַר דער קומענדיקער רעוואָלוציע.

אָבער דידאָזיקע פאָראורטיילן זענען שוין שטאַרק צעטרייסלט. „מיר וועלן אַליין באַזאָרגן אונזערע ענינים, אָן דער אריינמישונג פון די רעגירער. מיר נייטיקן זיך נישט אין דער אפוטרופסות פון גייסטלעכן, פון אייגנטימער און פון רעגירער", זאָגן שוין די פּראָלעטאַריער. די אַנאַרכיסטן פון זייער זייט באַקעמפן ענערגיש די פאַרערונג פון דידאָזיקע פרינציפּן און מען דאַרף האָפן, אַז ביזן טאָג, ווען עס וועט אויסברעכן

די רעוואָלוציע, וועלן זיי זיין אויף אַזוי ווייט צעטרייסלט, אַז זיי וועלן נישט זיין בכוח מיטצושלעפּן די פּראָלעטאַרישע מאַסן אויף אַ פאַלשן וועג.

* *

*

אין דער טעטיקייט פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרבאַנדן איז אָבער דאָ אַן עיקרדיקער בלייז: פּאַרן דאָרף איז כמעט גאָרנישט געטון געוואָרן. אַלץ האָט אין זינען די שטעט. ס'האָט אַן אויסזעען, ווי דאָס דאָרף עקזיסטירט גאָרנישט פאַר די שטאָטישע אַרבעטער. די רעדנער מיידן אפילו אויס צו דערמאָנען אין זייערע רעדעס וועגן דאָרף און ערד. נישט קענענדיק די שטרעבונגען פון די פּויערים, דערוועגן זיי זיך נישט צו רעדן אין זייער נאָמען. איז דען נייטיק אויפצווייזן, אויף וויפיל דאָס איז געפערלעך? — די עמאַנסיפּאַציע פון פּראָלעטאַריאַט וועט נישט פאַרווירקלעכט ווערן, כל-זמן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט נישט אַרומכאַפּן דאָס דאָרף. דער אויפשטאַנד וועט נישט אויסהאַלטן מער ווי אַ יאָר, אויב ער וועט נישט וועקן קיין סימפּאַטיע צו זיך צווישן די פּויערים. געוויס, ווען די שטייערן וועלן אָפּגעשאַפט ווערן, וועלן די פּויערים באַגריפן די מעלות פון דער רעוואָלוציע. עס וואָלט אָבער געווען זייער אומפּאָרזיכטיק אויסצורעכענען אויף דעם, אַז די רעוואָלוציאָנערע אידעען וועלן אַריינדרינגען פון די שטעט אין די דערפער אָן אַ פריערדיקער פּראָפּאַגאַנדע. מען דאָרף דערגיין, ווי זעען אויס די שטרעבונגען פון פּויער, ווי זענען זיינע קוקן אויף ערד-אייגנטום, ווי אַזוי ער פאַרשטייט די אָנקומענדיקע רעוואָלוציע. מען דאָרף אים באַקענען מיט דער טעטיקייט פון די שטאָטישע פּראָלעטאַריער און אים דערווייזן, אַז זיי וועלן נישט ברענגען קיין שאָדן דעם ערד-אַרבעטער. ס'איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך צוגעוויינען אַכטן דעם פּויער און אַרבעטן מיט אים אין האַנט.

די אַרבעטער דאַרפן **שטיצן די פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף**. אין יעדער שטאָט דאַרף עקזיסטירן אַ קליינע ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, אַ צווייג פון דער אַגראַר-ליגע, פאַר פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּויערים. ס'איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז צו דערדאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע

זאָל מען זיך באַציען פונקט אזוי ווי צו דער פראָפּאַגאַנדע אין די אינ־דוסטריע־צענטערן.

דערפון איז אָפּהענגיק דער דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע. נאָר אין דעם טאָג, ווען דער אַרבעטער און פויער וועלן האַנט בײַ האַנט גייִן דעראָבערן פרייהייט פאַר אַלע, וועט די רעוואָלוציע באַזיגן די וועלט און ברענגען גליק דער מענטשהייט, סיי אין דער געמיינער הייזקע, סיי אין די רייכע בנינים פון די גרויסע אינדוסטריעלע אַגלאָמעראַציעס.

# די אַגראַר-פראַגע

## I.

פאַר אייראָפּע שטייט איצט אַ פראַגע פון ערשט ראַנגיקער וויכטיקייט און זי פאָדערט אַ תּיכּפדיקע לייזונג. די אַגראַר-פראַגע, די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי דאַרף אויסזעען די נייע פאָרם פון באַזיצן און באַארבעטן ערד? ווער וועט גיהערן די ערד? ווער וועט זי באַאַרבעטן און ווי אַזוי? קיינער וועט נישט לייקענען די גאַנצע וויכטיקייט פון דערדאָזיקער פראַגע. די-יעניקע, וועלכע פאָלגן אויפמערקזאַם נאָך די פויערים-באַוועגונג אין אירלאַנד, ענגלאַנד, שפּאַניע, איטאַליע און אין געוויסע טיילן פון דייטשלאַנד און רוסלאַנד, ווייסן, אַז אין די דערפער, אין פויערים-קלאַס, וועלכן אַלע פאַראַכטן, גרייט זיך צו אַ גראַנדיעזע רעוואָלוציע.

די סאָציאַליסטן האָלט מען נאָך אין איין דערווידערן, אַז די סאָציאַלע פראַגעס אינטערעסירן אויסשליסלעך די שטאָטישע אַרבעטער, נישט אָנרירנדיק די פויערים. אויב דער געדאַנק וועגן פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום און די עקספּראָפּריאַציע פון די פאַבריקאַנטן און באַטריב-אייגנטימער טרעפט אָן אויף סימפּאַטיע אין די שטעט, איז די לאַגע אָבער אַ גאַנץ אַנדערע אין די דערפער. די פויערים טרויען נישט די סאָציאַליסטן און אויב די שטאָטישע אַרבעטער וועלן ווען-נישט-איז וועלן פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער, וועלן זיי די דאָרף-באַוווינער קאָנען שטערן.

דידאָזיקע דערווידערונג האָט באמת געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג מיט אַ יאָר דרייסיק, פערציק צוריק. די פויערים, וואָס האָבן ווייניקער באַדערפענישן און זענען מער הכנעהדיק, האָבן דאַן נישט אויסגעדריקט

קיין סימנים פון אומצופרידנקייט און האָבן זיך איבערגעענטפערט אויף גאַסס בּאַראַט. איצט אָבער איז די לאַגע אינגאַנצן אַן אַנדערע. די קאָנצענטראַציע פון די אומבּאַוועגלעכע גיטער אין די הענט פון די רייכע, די אַנטוויקלונג פונם אַלץ-וואַקסנדיקן פויערישן פּראָלעטאַריאַט, שווערע שטייערן, וואָס דערדריקן די ערד-אַרבּעט, דער אָנהייב פון דער מאַשין-פּראָדוקציע אין דאָרף, די קאָנקורענץ פון אַמעריקע און אויסטראַליע און, לסוף, דער שנעלער געדאַנקען-טויש האָבּן בּאַדייטנדיק געענדערט די לאַגע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. איצט איז גאַנץ אייראָפּע אַרומגעכאַפּט מיט אַ שטאַרקער אַגראַרער בּאַוועגונג, וועלכע וואַקסט מיט יעדן טאָג און זי וועט צוגעבּן דער קומענדיקער רעוואָלוציע אַ בּאַדייטונג, וועלכע זי וואָלט קיינמאָל נישט בּאַקומען, ווען זי וואָלט זיך בּאַגרענעצט בּלויז מיט די גרויסע שטעט.

ווער פון אונז ווייסט דען נישט, וואָס עס קומט איצט פאָר אין אירלאַנד? דער אויפשטאַנד קעגן די גוטסבּאַזיצער האָט אַרומגעכאַפּט מער ווי אַ האַלב לאַנד. די פויערים צאָלן נישט צו די ערד-אייגנטימער דאָס אַרענדע-געלט; ווען עס וואָלטן זיך אפילו געפינען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן חשק צו צאָלן, וואָלטן זיי קיין העזה נישט געהאַט נישט פאָלגן דער אַגראַרער ליגע — דער מעכטיקער געהיימער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אירע אָפּטיילונגען אין אַלע דערפער און וועלכע בּאַשטראָפט שטרענג פאַר נישט-דערפילן אירע בּאַפעלן.

די גוטסבּאַזיצער דערוועגן זיך נישט צו פאָדערן דאָס געלט, וואָס קומט זיי, ווייל מען וואָלט געמוזט אָנקומען צו בּאַוואָפנטער קראַפט, און דאָס וואָלט זיכער אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד. ווען איינער פון די גוטסבּאַזיצער וואָלט פּרובּירט אַרויסטרייבּן אַ פויער פאַר נישט איינצאָלן דאָס פאַכט-געלט, וואָלטן אים טויזנטער בּאַוואָפנטע פויערים געשיצט. און הוצדעם וואָלט די פערמע פון אַזאַ גוטסבּאַזיצער נישט געפינען קיין אַרענדאַטאָר, ווייל די ליגע אָדער אַן אַנדערע געהיימע אָרגאַניזאַציע וואָלטן דעם בּונד פאַרמשפּט צום טויט. און די פויערים וואָלטן אונטערגעצונדן זיינע פעלדער און פאַרניכטעט די בּהמות. די לאַגע ווערט אומדערטרעגלעך פאַר די גוטסבּאַזיצער גופא; אין אייניקע געגנטן איז דער ווערט פון דער ערד געפאַלן אויף צוויי דריטל, אין אַנדערע זענען די גוטסבּאַזיצער בּלויז נאָמינעל בּאַלעבּאַטים פון זייערע גיטער. זיי דערוועגן זיך נישט אפילו צו בּאַווייזן פאַר די פויערים אָן דער שוץ פון דער פּאָליציי. די ערד בּלייבּט ליגן נישט בּאַאַרבּעט און לויט די

טרעטער פון Financial Reformer פאַרן 1879-טן יאָר איז דער ווערט פון די גערעטענישן געפאַלן אויף 250 מיליאָן פראַנק, און דער שטח פון דער באַארבעטעטער ערד האָט זיך פאַרקלענערט אויף 33.000 העקטאַר.

דידאַזיקע לאַגע האָט געצווונגען גלאַדסטאָנען צו געבן די אירלענדישע פאַרשטייער אַ פאָרמעלע פאַרפליכטונג אַריינצוטראָגן אין פאַרלאַמענט אַ געזעץ-פּראָיעקט, לויט וועלכן די נחלאות פון די גוטבאַזיצער וועלן צוגענומען ווערן און מען וועט זיי באַנוצן אויף געזעלשאַפטלעכע צוועקן, די ערד וועט דערקלערט ווערן אַלס אייגנטום פון דער נאַציע און מען וועט זי פאַרקויפן דעם פאָלק אויף יערלעכע אויסצאָלונגען אין משך פון 25 יאָר. אַזאַ געזעץ האָט פאַרשטייט זיך נישט געקאָנט אָפּגעשטימט ווערן דורכן ענגלישן פאַרלאַמענט, ווייל ער וואָלט דערלאַנגט אַ טויט-קלאַפּ דעם פּרינציפּ פון ערד-אייגנטום אין ענגלאַנד. עס זעט זיך נישט פאָרויס קיין שום מעגלעכקייט צו דערליידיקן דעם קאָנפליקט אויף אַ פרידלעכן אופן. אַן אַלגעמיינער פויערים-אויפשטאַנד קאָן אויסגעמיטן ווערן נאָך אַמאָל, אַזוי ווי אין 1846-סטן יאָר; ס'איז שוין אָבער נישט ווייט דער טאָג, ווען דאָס אירלענדישע פאָלק וועט ענדלעך פאַרלירן דאָס געדולד נאָך אַזוי פיל אומנייטיקע ליידן און אָפּגענאַרטע האָפנונגען. ווי נאָר עס וועט אַנטשטיין די קלענסטע דעזאָרגאַניזאַציע פון דער מאַכט אין ענגלאַנד, וועט דער אירלענדישער פויער (אונטערגעהעצט דורך די געהיימע געזעלשאַפטן, אונטערשטיצט דורך דער דאָרפישער קליין-בורזשואַזיע, וועלכע האָפט פאַר איר טובה וועגן, אויף אַ ביי 1793 יאָר) אַרויס פון זיינע נאָרעס און פאַרווירקלעכן דאָס אַלץ, וועגן וואָס עס האָבן אים גערעדט די אַגיטאַטאָרן. ער וועט אונטערצינדן די פּאַלאַצן, ער וועט פאַרכאַפּן די תבואה פון די גוטבאַזיצער און די ערד, וועגן וועלכע ער טרוימט שוין אַזוי פיל יאָרן.

*　　*

*

לאָמיר זיך איבערטראָגן אויפן צווייטן עק קאָנטינענט, קיין שפּאַניע, און לאָמיר זען, וואָס דאָרט טוט זיך. אין אַנדאַלוזיע און וואַלענסיע, וו דאָס ערד-אייגנטום איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון אַ קליינער צאָל פערזאָנען, פירן גאַנצע לעגיאָנען הונגעריקע פויערים אומאויפהערלעכע מלחמות מיט די גוטבאַזיצער. אונטער דער שוץ פון די נעכט פאַר-

טיליקן זיי טשערעדעס, צינדן אונטער תבואה־שפייכלערס, פאַרניכטן פלאַנטאַציעס; יעדער איינער, וואָס האָט די העזה אַרויסצוגעבן די אָנפירער, און דער ריכטער, וואָס ציט זיי צו צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, קאָן נישט אויסמיידן דעם טויט. אין וואַלענסיע דויערט יאָרן דער שטרייק פון די קליינע פאַרמערס, וועלכע זאָגן זיך אָפּ צו צאָלן דאָס אַרענדעגעלט; ווי צו דעם, וואָס האָט זיך דערוועגט עובר זיין אויף דערדאָזיקער קעגנזייטיקער הסכּמה!

אַ מעכטיקע געהיימע אָרגאַניזאַציע הענגט אויס דורך די נעכט אויף דיביימער פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע דערמאָנען כּסדר אירע מיטהעלפער, אַז אויב זיי וועלן פאַרראַטן די אַלגעמיינע זאַך, דראָט זיי די פאַרניכטונג פון די תּבואות און בהמות, און אפילו טויט.

אין אַנדערע טיילן שפּאַניע, ווי דאָס ערד־אייגנטום איז צעבּרעקלט, טוט די מלוכה אַלץ וואָס מעגלעך, כּדי אַרויסצורופן אומצופרידנקייט, זי באַשווערט די קליינע ערד־באַזיצער מיט אומענדלעכע שטייערן: נאַציאָנאַלע, פּראָווינציאַלע, שטאָטישע, שטענדיקע און צייטווייליקע. צענדליקער טויזנטער קליינע נחלאות ווערן קאָנפיסקירט דורך דער מלוכה און עס געפינען זיך נישט קיין קונים פאַר זיי אויף די עפנטלעכע אָקציאָנען. די דאָרף־באַפעלקערונג איז לחלוטין רויִנירט כּמעט אין אַלע פּראָווינצן און דער הונגער צווינגט די פּויערים צו פאַרלייניקן זיך און אַרויסצוטרעטן קעגן די שטייערן.

אַזוי איז אויך די לאַגע אין איטאַליע. אין אַ סך פּראָווינצן זענען די ערד־אַרבעטער אינגאַנצן רויִנירט. בדלות געשטעלט דורך דער רעגירונג, צאָלן זיי נישט קיין שטייערן און די רעגירונג נעמט צו בײַ זיי דאָס לעצטע פּיצל ערד. אין משך פון אַ יאָר זענען צוגענומען געוואָרן 6644 נחלאות, אין ווערט, דורכשניטלעך, צו 99 פראַנק. איז דען אַ ווונדער, אַז אין דידאָזיקע פּראָווינצן הערשט אַ כּסדרדיקער אויפשטאַנד! דאָ דרייסט־מיט נאָך זיך טויזנטער פּויערים אַ פאַנאַטיקער, וואָס פּרעדיקט רעליגיעזן קאָמוניזם און ברענגט זיי אַריין אין אַזאַ שטימונג, אַז פונאַנדערטרייבן די סעקטאַנטן קאָן מען נאָר דורך אַ האָגל קוילן; דאָ פאַרכאַפּן גאַנצע דערפער די נישט־באַאַרבעטע פעלדער פון די גוטבאַזיצער און באַאַרבעטן זיי פאַר זיך; דאָ קלויבן זיך צונויף ריזיקע מחנות פּויערים אויפן פּלאַץ פאַר דעם שטאָט־ראַט און פאָדערן, אונטער דער דראָונג פון אַן אויפשטאַנד, ברויט און אַרבעט.

זאָל מען אונז נישט זאָגן, אַז דאָס זענען איינצלנע פאַקטן! ביז

מאַי 1789־סטן יאָר פלעגן זיך די אויפשטאַנדן פון די פראַנצויזישע פויערים איבערחזרן נישט אָפטער און זיי זענען געווען ווינציקער באַוווסט־זיניק. און פונדעסטוועגן האָבן זיי געדינט אַלס יסוד פאַר דער רעוואָלוציע פון די גרויסע שטעט!

* * *

אויף די מזרח־גרענעצן פון אייראָפּע, אין רוסלאַנד, דערמאַנט די אַגראַר־פראַגע מיט איר לאַגע אין פראַנקרייך ביז 1789־סטן יאָר. די פּאַנשטשינע איז פאַרניכטעט און יעדע עדה באַזיצט די ערד; אָבער די נחלאות זענען אַזוי קליין, די ערד איז ערטערווייז אַזוי נישט־פּרוכטבאַר, און שטייערן און די אויסקויף־ראַטעס אַזוי גרויס, אַז מער ווי דריי פערטל פויערים זענען דערפירט צום שרעקלעכסטן דלות. ברויט פעלט אויס און ס'איז גענוג איין נישט־געראָטן יאָר, דער הונגער זאָל ווילדעווען אין גאַנצע גובערניעס, קאָשענדיק צאָלרייכע קרבנות.

עס איז שוין אָבער אַוועק די צייט, ווען די פויערים פלעגן געדולדיק אַריבערטראָגן די גאַנצע לאַסט פון זייער לאַגע. נייע אידעען און די שטרעבונג צו אַ בעסערער צוקונפט קומען אויף אין די דערפער, וועלכע האָבן פאַרבינדונגען מיט די גרויסע צענטערן, אַ דאַנק דער נעץ פון שאָסיי־וועגן. די פויערים ווארטן פון טאָג צו טאָג אויף די געשעענישן, וועלכע וועלן אַ סוף מאַכן צו דער היינטיקער עקאָנאָמישער אָרדנונג און וועלן איבערגעבן אין זייער באַזיץ די ערד, וואָס געהערט מיט רעכט צו די פויערים. ווען אַ וואָסער נישט איז אַרטור יונג וועט אַרומפאָרן איצט איבער רוסלאַנד, ווי ער איז אַרומגעפאָרן איבער פראַנקרייך ערב 1879־יאָר, וועט ער הערן פון די רוסישע פויערים די זעלבע ווערטער פון האָפנונג און טיפסטע פאַרלאַנגען, וועלכע זענען פאַרשריבן אין זיין בוך. אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן פויערישע בונטן. די אומצופרידנהייט וואַקסט, און ווי נאָר די פּאָליטישע געשעענישן וועלן אַרויסרופן די קלענסטע צערודערונג אין דער רעגירונג, וועט אַנטשטיין אַ שטאַרקע אַגראַרע באַוועגונג צווישן די הונגעריקע פויערים, וועלכע ווערן אונטערגעשטיצט דורך דער דאָרפישער קליין־בורזשואַזיע. אין אַלע עקן וועלן אויפפלאַקערן בונטן, דער אויפשטאַנד וועט אַרומכאַפּן גאַנץ רוסלאַנד, וועט דויערן גאַנצע יאָרן, און אויסשעפּנדיק די כוחות פון דער אַרמיי

און דער רעגירונג, וועט זי אָנהייבן מיט זיך אַ גראַנדיעזע רעוואָלוציע, וואָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר גאַנץ אייראָפּע.

* *

אויב די אַגראַר-באַוועגונג וועט אָבער אָננעמען אין דידאָזיקע אַלע לענדער אַ באַדייטנדיקן פאַרנעם, אויב עס וועט אין זיי פאָרקומען אַן עקספּראָפּריאַציע פון דער ערד, אויב די גאַנצע אַלטע אייראָפּע וועט זיין אַרומגערינגלט, ווי מיט אַ פייערדיקן רונג, דורך פויערישע בונטן, צי דען וועט זיך דאָס אַלץ נישט אָפּרופן אויפן צענטער פון אייראָפּע, אויף די אַזוי גערופענע ציוויליזירטע לענדער? וועגן דעם קאָן נישט זיין שום ספק. אויב מיר וועלן זיך באַקענען מיט דער אַגראַר-לאַגע פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און שווייצאַריע, אויב מיר וועלן אריינדרינגען אין די נייע אידעען און שטרעבונגען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די פויערים, וועלן מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אַגראַר-פראַגע פאָדערט אַ תיכפדיקע לייזונג אין גאַנץ אייראָפּע: אין רוסלאַנד, ווי אין ענגלאַנד, אין איטאַליע, ווי אין פראַנקרייך. מיר וועלן באַגרייפן, אַז די לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, אַז ווייטער קאָן אַזוי נישט דויערן. ס'איז שוין נישט ווייט דער טאָג, ווען די היינטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג וועט דאַרפן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ נייער אָרדנונג, אַן אָרדנונג, וועלכע וועט איבעראַנדערשן דעם רעזשים פון אייגנטום און ערד-באַאַרבעטונג. דאַן וועט דער פויער מער נישט זיין קיין פאַריער פון דער געזעלשאַפט, ער וועט פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אויף דער סעודה פון לעבן און פּראָגרעס. דאַן וועט דאָס דאָרף אויפהערן צו זיין אַ מקור פון עם-הארצות און וועט ווערן אַ צענטער, וואָס גיט אַרויס שטראַלן גליק און ווילשטאַנד איבערן גאַנצן לאַנד.

## II.

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געזעען, ווי קלאָגעדיק, ריכטי־קער סקאַנדאַליעז, עס איז די לאַגע פון די פויערים אין אירלאַנד, אין איטאַליע, אין פראַנקרייך און אין רוסלאַנד. אַן אַגראַרער אויפשטאַנד איז דאָ אַ פראַגע פון טאָג. אָבער אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, און אפילו אין דער שווייץ, — אין דידאָזיקע לענדער, וועלכע באַטראַכטן זיך אַלס ציוויליזירט, — איז די לאַגע פון ערדאַרבעטער אויך אומדער־טרעגלעך.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל ענגלאַנד. מיט צוויי הונדערט יאָר צו־ריק איז דאָס געווען אַ לאַנד, ווו דער ערדאַרבעטער, וואָס האָט באַאַר־בעט אַן אייגן שטיקל ערד, האָט געגאָסן אַ געוויסן ווילשטאַנד. איצט איז דאָס אַ לאַנד פון לעגענדאַריש רייכע גוטבאַזיצער און אַ פאַרקבצנטן דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט.

פיר פיפטל פון דער אַקער־ערד, אַרום 23.9־6.000 העקטאַר, געהערן צו 2.340 גרויסע גוטבאַזיצער; אַ דריטל ענגלאַנד געהערט צו 710 לאָרדן, דער און דער מאַרקיז פאָרט דורך 30 מייל, נישט פאַרלאָזנדיק די גרענעצן פון זיינע נחלאות; אַזאַ און אַזאַ גראַף באַזיצט אַ גאַנצע פּראָווינץ; בשעת די איבעריקע באַדנאַייגנטימער, אומגעפער אַ האַלבער מיליאָן פאַמיליעס, מוזן זיך באַנוגענען מיט איין דריטל העקטאַר אויף יעדנס חלק.

צוויי טויזנט דריי הונדערט פערציק פאַמיליעס האָבן לעגענדאַרע הכנסות, פון 100.000 פראַנק ביז 10.000.000 פראַנק אַ יאָר. דער וועסט־מינסטערסקער מאַרקיז האָט 25.000 פראַנק אַ טאָג, ד. ה. 1000 פראַנק אַ שעה — מער ווי אַן אַרבעטער אין משך פון אַ גאַנץ יאָר. און אין דער זעלבער צייט פאַרדינען הונדערטער טויזנטער פויערים־פאַמיליעס דורך שווערער אַרבעט פון 300 ביז 1.000 פראַנק אַ יאָר. אַ פויער, וואָס באַאַרבעט די ערד, פילט זיך גליקלעך, ווען ער האָט פאַר אַ פערצן־זעכצן שעה אַרבעט אין מעת־לעת פון 12 ביז 15 פראַנק אַ וואָך — פונקט אַזוי פיל, כדי נישט אויסצוגיין פון הונגער.

א שענדלעכע רייכקייט און זינלאָזע פאַרשווענדונגען פון ליידיקע גייערס גלייכצייטיק מיטן אייביקן דלות פון פּויער.

איר האָט, מסתּמא, געלייענט, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס דאָס ערד־אייגנטום איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון אַ קליינער צאָל פּערזאָנען, איז ענגלאַנד געוואָרן דאָס קולטורעלסטע לאַנד. די לאָרדן באַאַרבעטן נישט אַליין זייער ערד און גיבן זיי אָפּ אין פּאַכט צו פּערמערס, אָבער דערפאַר — זאָגט מען אייך — מאַכן די פּערמערס פון דידאָזיקע נחלאות מוסטערן פון ראַציאָנעלער ערדאַרבעט.

דאָס אַלץ איז ריכטיק געווען אַמאָל; איצט איז די לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע.

גרויסע ערד־שטחים בלייבן אומבאַאַרבעט אָדער מען פאַרוואַנדלט זיי אין פּאַרקן, כּדי אין הארבסט זאָל דער גוטבאַזיצער קאָנען איינאָרדענען אין זיי אַ יאַכט פאַר זיינע געסט. עטלעכע טויזנט מענטשן וואָלטן געקאָנט געפינען חיונה אויף דידאָזיקע ערד־שטחים, אָבער דעם באַלעבאָס גייט דאָס גאָרנישט אָן: ער פאַרשווענדט אומזיניק זיין פאַרמעגן, און כּדי צו קאָנען באַפרידיקן זיינע קאַפּריזן, נעמט ער אָפּ באַם פּויער דאָס לעצטע שטיקל ערד.

ריזיקע שטחים, וועלכע פלעגן אַמאָל באַאַרבעט ווערן, זענען איצט פאַרוואַנדלט אין פּאַשע־לאָנקעס. טויזנטער און אָבער טויזנטער ערדאַרבעטער זענען פאַרטריבן געוואָרן דורך די גוטבאַזיצער, זייערע פעלדער, וואָס האָבן געשפּייזט דאָס פאָלק, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לאָנקעס צו האָדעווען אָקסן, וואָס דינען אַלס שפּייז פאַר די רייכע. דער שטח פון פאַרזייעטען באָדן פאַרקלענערט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער.

אפילו די פּערמעס, וועלכע באַאַרבעטן פון 50 ביז 100 העקטאַר לאַנד, דידאָזיקע קליינבירגער, וועלכע שטרעבן צו ווערן פּריצים אין לעבן פון פרעמדער אַרבעט, אפילו זיי ווערן איצט רוינירט. צאָלנדיק גרויסע אַרענדע־פּרייזן, קאָנען זיי נישט פאַרבעסערן זייער באַלעבאַטישקייט און קעמפן מיט דער קאָנקורענץ פון אַמעריקע און אויסטראַליע. די צייטונגען זענען פול מיט אַנאָנסן וועגן אויקציאָנען אויף זייערע פּערמעס.

אָט אַזוי זעט אויס די אַגראַר־לאַגע אין ענגלאַנד. דאָס פאָלק, אָפּגעריסן פון דער ערד, לויפט אין די גרויסע שטעט, אין די פאַבריקצענטערן, ווו עס קומט פאַר אַ פאַרביסענע קאָנקורענץ צווישן די הונגע־

ריקע. די ערד ליגט אין די הענט פון אַ הייפל גוטסבאַזיצער, וועלכע האָבן לעגענדאַרע הכנסות און פאַרשווענדן זיי אויף אַ זינלאָזן אומפּראָ־דוקטיוון לוקסוס. זייענדיק פאַרמיטלער וואַלטן די פּערמערס געוואָלט ווערן קליינע ערד־אייגנטימער, אָבער רויניִרט דורך דעם אומגעהייער הויכן אַרענדע־אָפּצאָל, גייען זיי איבער אויף דער זייט פון פאָלק, כדי אים העלפן אַרויסצורייסן די ערד פון די הענט פון די גרויסע גרונט־באַזיצער. דידאָזיקע אומנאָרמאַלע לאַגע פון ערד־אייגנטום שפּיגלט זיך אָפּ אויפן לעבן פון גאַנצן לאַנד.

* *

*

צי איז דען אַ ווונדער, וואָס דאָס געשריי: „נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ־ ז אַ צ י ע פ ו ן ד ע ר ע ר ד!" איז געוואָרן דער דעוויז פון אַלע אומצופרידענע. ד י ל י ג ע פ ו ן ע ר ד א ו ן א ר ב ע ט האָט נאָך אין 1869 געפאָדערט צו קאָנפיסקירן די ערד פון די גרויסע גרונט־באַזיצער; איצט איז דידאָזיקע אידעע שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן. ד י ל י ג ע פ ו ן ד אָ ר ף ־ אַ ר ב ע ט ע ר, וואָס ציילט 150.000 מיטגלידער, האָט אויך גענומען פאָדערן צו עקספּראָפּריִירן די ערד פון די גוטס־באַזיצער, בעת מיט צען יאָר צוריק איז איר איינציקער ציל געווען צו הייבן דעם אַרבעטס־לוין דורך שטרייקן.

די אירלענדישע ערד־ליגע פירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע אין שאָט־לאַנד און ענגלאַנד און אומעטום געפינט זי אַ גוטן אויפנאַם־באָדן. מיר ווייסן אין וואָס עס וועלן באַשטיין אירע ווייטערדיקע האַנדלונגען. זי וועט דערקלערן, אַז דער אַרענדע־אָפּצאָל איז לויטן באַשלוס פון דער ליגע פאַר־קלענערט אויף איין פערטל. זי וועט מיט אַלע כוחות זיך אַנטקעגנשטעלן דער פאַרטרייבונג פון די פּויערים, וועלכע טראָגן אַריין דריי פערטל פון אַרענדע־אָפּצאָל און זי וועט טעראָריזירן די מחדבים, וועלכע טראָגן אַריין די גאַנצע סומע. ווערנדיק אַן אָרגאַניזירטע קראַפט, וועט זי באַוואָפענען די פּויערים און זי וועט דערקלערן, אַז דער אַרענדע־אָפּצאָל ווערט אָפּגעשאַפט. אין אַנטשיידענעם מאָמענט וועט זי טון דאָס, וואָס עס האָבן געטון די פראַנ־צויזישע פּויערים פון 1789 ביז 1793־סטן יאָר: מיט פייער און שווערד וועלן זיי צווינגען די גוטסבאַזיצער אָפּצוזאָגן זיך פון זייערע רעכט אויף דער ערד.

ס איז שווער פֿאָרויסצוזאָגן, וואָסער פֿאָרם עס וועט אָננעמען דער צייער ערד-באַזיץ אין ענגלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע; דאָס הענגט אָפּ פֿון דויער פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון ווידערשטאַנד, וועלכן די אַריסטאָקראַטיע און די בורזשואַזיע וועלן שטעלן די רעוואָלוציאָנערע אידעען. ס'איז אָבער קלאָר, אַז ענגלאַנד גייט מיטן וועג פֿון אָפּשאַפֿן פּריוואַט-אייגנטום און אַז דידאָזיקע איבערקערעניש וועט נישט פֿאָרקומען אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן; כּדי צו פֿאַרווירקלעכן זיינע צילן, וועט דאָס ענגלישע פֿאָלק געצוווּנגען זיין אָנצוקומען צום געווער.

## III.

# פ ר אַ נ ק ר יי ך

ווי טיף אויפגעבראַכט עס וועט ווערן די באַפֿעלקערונג פֿון די פֿראַנצויזישע דערפֿער, ווען זי וועט דורכלייענען דאָס, וואָס עס שרייבן וועגן איר לעבן די הער דעפּוטאַטן און עקאָנאָמיסטן. אין זייערע שיינע ביכער זאָגן זיי: „כּמעט אַלע פּויערים זענען פֿאַרמעגלעך און גאַנץ צופֿרידן מיט זייער גורל: זיי האָבן גענוג ערד און פֿי; זיי איז נישט שווער צו צאָלן שטייערן; דער אַרענדע-אָפּצאָל איז נישט קיין הויכער, די פּויערים האָבן גרויסע הכנסות און פֿאַרגרעסערן זייער פֿאַרמעגן דורך יאָר-יערלעכע אָפּשפּאָרונגען". די פּויערים זידלען פֿון גאַנצן האַרץ דידאָזיקע הערן און זיי זענען גאַנץ גערעכט.

לאָמיר באַטראַכטן, פֿון וועלכע עלעמענטן עס באַשטייט די פֿיר-און-צוואָנציק-מיליאָניקע דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג און ווי גרויס איז די צאָל פֿון די, וואָס זענען צופֿרידן פֿון זייער לאַגע.

*　　　*

*

לאָמיר אָנהייבן דערפֿון, אַז אין פֿראַנקרייך באַזיצן אַרום 8.000 גוטסבאַזיצער שטחים ערד, וועלכע ברענגען פֿון צען ביז צוויי מאָל הונדערט טויזנט פֿראַנק ריווח אַ יאָר.

דידאָזיקע זענען, פאַרשטייט זיך, צופרידן פון זייער גורל. פאַרברענגענדיק עטלעכע זומער־חדשים אין זייערע גיטער, מיטנעמענדיק די הכנסות, וועלכע זיי באַקומען אַ דאַנק דער שווערער פּראַצע פון די לוין־אַרבעטער און פּערמערס, פאָרן זיי אָפּ אין די שטעט, ווו זיי פאַרשווענדן דידאָזיקע געלטער.

דאָרט טרינקען זיי פולע בעכערס שאַמפּאַניער מיט פרויען, וועלכע זיי וואַרפן צו גאַנצע הויפנס גאָלד, זיי לעבן אין פּרעכטיקע פּאַלאַצן און ווייסן שוין נישט מיט וואָס צו באַצירן זייער מיטאָג־טיש. זייער טעגלעכע הוצאה וואָלט גענוג געווען צו דערנערן אַ גאַנצע פאַמיליע אין משך פון אַ האַלב יאָר. דידאָזיקע זאַטע גליקס־קינדער קלאָגן זיך נישט, פאַרשטייט זיך; אויב זיי זענען מיט עפּעס אומצופרידן, איז אויסשליסלעך דערמיט, וואָס פון טאָג צו טאָג ווערט דער פויער אַלץ ווינציקער נאָכגיביק און ערזאָגט זיך אָפּ צו אַרבעטן אומזיסט.

לאָמיר נישט רעדן וועגן זיי. אין טאָג פון דער רעוואָלוציע וועלן זיי דערהערן אונזער וואָרט.

* *

*

די וווכערניקעס, מעקלערס און הענדלער וואַרפן זיך אַרויף, ווי די רויב־פייגל, אויפן דאָרף און, קומענדיק פון שטאָט כמעט אָן אַ גראָשן, קערן זיי זיך אום אַהין אַלס רייכע אייגנטימער און באַנקירן; די נאָטאַריוסן און אַדוואָקאַטן פירן פּראָצעסן קעגן די פויערים; די אינזשיניערן און באַאַמטע באַראַבעווען דאָס פאָלק און פאַרשווענדן געוויסנלאָז די מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע געלטער. דידאָזיקע גאַנצע באַנדע פרעסט אויף, ווי מאָל, דאָס דאָרף, און רויִנירט די שטעט. זיי זענען, פאַרשטייט זיך, צופרידן פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג און זיי ווילן נישט קיין שום ענדערונגען. פויערים, וועלכע זענען בדלות געשטעלט דורך וווכערס; פּערמערס, וועלכע ווערן רויִנירט דורך פּראָצעסן; אָרמע, פון וועלכע עס זייגן אויס די לעצטע טראָפּן די אָרומיקע שפּינען, — אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז נייטיק דידאָזיקע וווכערער. שטעט און דערפער, וואָס פאָלגן הייליק יעדעס וואָרט פון די הערשער; אַ מלוכה, וואָס פאַרשווענדט דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגן, — אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז נייטיק די באַאַמטע. ווען פראַנקרייך וועט ענדגילטיק זיין רויִנירט, וועלן זיי

גיין אַנשטאָט די קעשענעס אין אונגאַרן, אין טערקיי און אַפילו אין כינע. דער וווּכער האָט נישט קיין היימלאַנד.

די דאָזיקע עקספּלואַטאַטאָרן וועלן זיין צופרידן מיט זייער לאַגע. אָבער ווי גרויס איז זייער צאָל? אַ מיליאָן אפשר? גאַנץ גענוג אויף צו רויניר אין משך פון עטלעכע יאָר די דערפער, אָבער צו ווייניק, כדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די מורדישע פּויערים.

* *

*

לאָמיר באַטראַכטן די לאַגע פון די גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן פון 50 ביז 200 העקטאַר ערד. זיי גייט נישט אָן דער ווילשטאַנד פון דער מענטשהייט, די פרעמדע נויט; אין פאַל פון וועלכע-נישט-איז ענדערונגען וועט זייער איינציקע זאָרג זיין איינצוהאַלטן זייער באַזיץ. אויב זיי געפינען זיך אין נויט, פאַרלאָזט זיי נישט די האָפנונג אינגיכן אַרויסצוגיין פון דער דאָזיקער לאַגע: אַ גליקלעכע ספּעקולאַציע, אַ ריזיקע אונטערנעמונג, דער טויט פון אַ רייכן קרוב, וואָס האָט פאַרענדיקט מיט זעלבסטמאָרד, — און דער ווילשטאַנד וועט זיך אומקערן. נויט און פּראַצע קענען זיי נישט. אויף צו באַאַרבעטן זייערע פעלדער דינגען זיי אַרבעטער, צאָלנדיק זיי פאַר שווערער פּראַצע פון 250 ביז 300 פראַנק אַ יאָר.

זיי וועלן געוויס זיין שונאים פון דער רעוואָלוציע; שוין איצט זעגען זיי פיינט פון פרייהייט און גלייכהייט, אַ שטיצע פאַר עקספּלואַטאַציע. די דאָזיקע גוטבאַזיצער זענען דאָ אומגעפער אַ 200.000 און זיי שטעלן פאַר מיט זיך אַ באַדייטנדיקן כּוח. די מלוכה רעכנט זיך מיט זיי, און זייער רייכקייט זיכערט זיי אַ גרויסע השפּעה. וואָס וועלן די דאָזיקע עגאָיסטן טון בעת דער רעוואָלוציע? זיי וועלן געוויס נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד דעם שטראָם פון די מורדישע פעלקער. זיי וועלן זיך איינשליסן בא זיך און אָפּוואַרטן דעם סוף פון קאַמף.

*     *
*

די צאָל גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן פון 10 ביז 50 העקטאַר ערד, איז אַ סך אַ גרעסערע. זייער צאָל דערגרייכט 250.000, אומגעפער 1.200.000 נפשות צוזאַמען מיט די פאַמיליעס. אַ פערטל פון פראַנקרייכס גאַנצן אַקער-באָדן געהער צו זיי.

דידאָזיקע האָבן נאָך נישט איבערגעריסן מיטן דאָרף און האָבן דאָרט אַ גרויסע השפּעה. זיי באַאַרבעטן אַליין זייערע פעלדער און זענען ביז היינט אינדעראמתן פּאַרבליבן פּויערים. די רעאַקציאָנערן שטעלן טאַקע אויס אויף זייער קאָנסערוואַטיזם.

אין דער ערשטער העלפט פון אונזער יאָרהונדערט האָט דערדאָזיקער קלאַס פּויערים, דער פּראָדוקט פון דער גרויסער רעוואָלוציע, געגאַסן אַ געוויסן וווילשטאַנד; דאַן איז ער געווען קעגן וועלכע-נישט-איז ענדערונגען, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן אַלץ, וואָס ער האָט דעראָבערט בעת דער רעוואָלוציע. איצט האָבן זיך די באַדינגונגען שטאַרק געענדערט. אין גאַנץ פראַנקרייך, אַ חוץ אייניקע טיילן (למשל, דרום-מערב), ליידן די פּויערים פון דערדאָזיקער קאַטעגאָריע נויט. זיי קאָנען נישט אָפּשפּאָרן און פאַרגרעסערן זייערע גיטער, וועלכע ברעקלען זיך צוליב די ירושה-פאַרטיילונגען. אין דער זעלבער צייט זענען די אַרענדע-באַדינגונגען געוואָרן אַזוי שווער, אַז זיי מוזן צאָלן ריזיקע סומעס פאַר ערד.

באַזיצנדיק שטיקלעך ערד, צעוואָרפענע דאָ און דאָרט, באַקומען זיי מאָגערע הכנסות און צאָלן אויס מיט גרויס מי די חובות. ערד-אַרבעט ברענגט נישט כמעט קיין שום ריווח, און פּי-צוכט גאַנץ קליינע רווחים.

די מלוכה באַלאַסטעט דידאָזיקע קליינע גוטבאַזיצער מיט שטייערן און די געמיינדע שאַנעוועט זיי אויך נישט: אַ פערד, אַ וואָגן, באַמיס-טיקונג — אַלץ איז באַשטייערט. די שטייערן וואַקסן מיט יעדן טאָג און מיט זייער גרייס דערמאָנען זיי די צייטן פון דער מאָנאַרכיע. דער פּויער איז ווידער געוואָרן די לאַסט-בהמה פאַר דער מלוכה.

די וווכערער רוינירן זיי; די שטייערן לייגן זיך ווי אַ לאַסט; די פאַבריקאַנטן עקספּלואַטירן, צווינגענדיק צו צאָלן פאַר יעדער מאַשין אַ

דרייפאַכן פּרייז. זיי האָבן בלויז אַן אילוזיע, אַז זיי זענען באַלעבאַטים פון זייערע נחלאות, ווייל אינדערזאמתן געניסן זיי נישט פון זייערע הכנסות און אַרבעטן כדי צו באַרייכערן די וווכערער, אויסצוהאַלטן די באַאַמטע, צוצושטעלן זיידענע קליידער און רייכע געשפּאַנען פאַר די פאַבריקאַנטישע ווייבער, כּדי צו פאַרזיסן דאָס לעבן פון אַלע שטאָטישע פּאַראַזיטן.

איר מיינט, אַז די פּויערים פאַרשטייען דאָס נישט! וואָס נאָך! זיי ווייסן אויסגעצייכנט אַלץ און ווי נאָר זיי וועלן דערפילן אין זיך קראַפט, וועלן זיי נישט פאַרזוימען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון דידאָזיקע הערן, וועלכע לעבן אויף זייער חשבון.

* *

*

מיר האָבן באַטראַכט די לאַגע פון איין צענטחלק פון דער דאָרפי־שער באַפעלקערונג. — לאָמיר איצט רעדן וועגן די איבעריקע.

די איבעריקע מאַכן אויס פיר מיליאָן פאַמיליעס (צוזאַמען אַרום 18.000.000 נפשות), וועלכע האָבן אין בעסטן פאַל פינף אָדער דריי העקטאַר לאַנד. אַמאָל איין צענטל פון אַ העקטאַר, און מערסטנטיילס — גאָרנישט. 8.000.000 פון זיי קומען קוים אויס, באַאַרבעטנדיק זייער נעבעכדיק שטיקל ערד און שיקנדיק יאָר־יערלעך אין שטאָט אַריין צו־צופאַרדינען צענדליקער טויזנטער פון זייערע קינדער; 7.000.000 לעבן פון שווערער טאָג־אַרבעט, און בלויז אין זעלטענע פאַלן פאַרמאָגן זיי אַ שטיבעלע און אַ קליינעם גאָרטן; איין מיליאָן אויסגעשעפּטע, פון הונ־גער שטאַרבנדיקע לעבט פון האַנט צום מויל מיט קאַרטאָפל און ברויט... — אָט דאָס איז די עיקרדיקע טייל באַפעלקערונג פון די פּראָב־צינזישע דערפער.

די עקאָנאָמיסטן רעכענען זיך נישט מיט דידאָזיקע מאַסן. פאַר אונז זענען זיי אָבער אַלץ; זיי זענען — דאָס פאָלק, און די איבערי־קע — שוואָמען; פּאַראַזיטן, וואָס האָבן זיך איינגעזויגן אין שטאַם פון אַלטן דעמב.

און וועגן דידאָזיקע מענטשן זאָגט מען אונז, אַז זיי זענען רייך, צופרידן מיט זייער גורל, זיי ווילן נישט קיין ענדערונגען און זיי וועלן נישט הערן די סאָציאַליסטן!

*　　*

קודם-כּל דאַרפֿן מיר באַמערקן, אַז יעדעס מאָל, ווען מיר רעדן מיט די פּויערים, איבערגעבנדיק זיי פּשוט און קלאָר אונזערע געדאַנקען, הערן זיי אונז גערן אויס. אמת, מיר האָבן זיי נישט פאַרגעלייגט אונז אויסצוויילן אַלס דעפּוטאַטן, מיר האָבן נישט אויסגעלייגט אין לאַנגע רעדעס די טעאָריעס פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, מיר האָבן נישט געעצהט איבערצוגעבן די ערד אין די הענט פון דער רעגירונג, וועלכע וועט זי צעטיילן לויטן איינזעען פון אירע באַאַמטע. ווען מיר וואָלטן זיי פאַרגעלייגט ענלעכע נאַרישקייטן, וואָלטן זיי אונז טאַקע באמת געוויזן די פּלייצע און זיי וואָלטן געווען גערעכט.

מיר האָבן דערציילט די פּויערים אונזער קוק אויף דער רעוואָלוציע און שטענדיק געפונען אַן אָפן אויער; זיי האָבן געזאָגט, אַז זייערע אידעען און שטרעבונגען פאַלן להלוטין צונויף מיט אונזערע.

*　　*

*

אָט וואָס מיר האָבן געזאָגט צו די פּויערים:

„פריער האָט די ערד געהערט צו די קאָמונעס, וואָס זענען באַשטאַנען פון ערד-אַרבעטער, וועלכע פלעגן אַליין באַאַרבעטן זייערע נחלאות. אָבער מיט דער הילף פון שווינדלערייען, קראַפט און ווכער האָבן ספּעקולאַנטן פאַרכאַפּט די גאַנצע ערד. איצט האָט נישט דער פּויער קיין פּיצל ערד אויף באַאַרבעטן און ער קאָן נישט דערנערן זיין פאַמיליע, בעת די רייכע באַאַרבעטן נישט אַליין זייערע נחלאות און קוועטשן אויס פון זיי די לעצטע זאַפטן, כּדי צו באַפרידיקן זייערע זינלאָזע משוגענע קאַפּריזן.

מ'דאַרף זען, אַז די פּויערים זאָלן ווידער אָרגאַניזירן קאָמונעס און אָפּנעמען זייער ערד און זי אָפּגעבן אין רשות פון די-יעניקע, וועלכע וועלן זי אַליין באַאַרבעטן.

דאָס פאַרמשכונען אומבאַוועגלעכע גיטער איז אַ בולטע אומגערעכטיקייט. קיינער האָט נישט קיין רעכט צוצונעמען אייער ערד דערפאַר,

ווייל ער האָט אייך געליען געלט, ווייל די ערד האָט באַקומען אַ ווערט אַ דאַנק דער אַרבעט פון אייערע אבות. וועלכע האָבן זי באַאַרבעט, גע־בויט דערפער, דורכגעפירט וועגן, אויסגעטריקנט זומפּן; איצט ברענגט זי פּרוכט בלויז אַ דאַנק אייער אַרבעט. דער אינטערנאַציאָנאַל וועט באַ־טראַכטן פאַר זיין חוב צו פאַרברענען אַלע היפּאָטעק־פּאַפּירן און אַ סוף מאַכן צום דאָזיקן שענדלעכן אינסטיטוט.

די שטייערן, וועלכע מען נעמט בײַ אייך, ווערן אויפגעגעסן דורך אַ באַנדע באַאַמטע, וועלכע זענען קיינעם נישט נייטיק און אומבאַדינגט שעדלעך. שאַפט זיי אָפּ. פּראָקלאַמירט אייער פולע אומאָפּהענגיקייט און דערקלערט, אַז איר וועט אַליין דערליידיקן אייערע ענינים.

איר ווילט דורכפירן אַ שאָסיי־וועג? — רעדט זיך צונויף מיט די שכנישע קאָמונעס און איר וועט דאָס טון בעסער, איידער דאָס מיניס־טעריום פאַר עפנטלעכע אַרבעטן, — איר דאַרפט האָבן אַן אייזנבאַן? די פאַראינטערעסירטע קאָמונעס וועלן זי דורכפירן אַ סך בעסער, איידער דער אונטערנעמער, וועלכער וועט ווערן פאַרדינען מיליאָנען בײַ דער־דאָזיקער אונטערנעמונג. — איר האָט נישט קיין שולן? אָרדנט זיי איין אַליין, נישט אָנקומענדיק צו דער הילף פון פאַרשידענע הערן פון פּאַריז.

אַז איר וועט זיך דאַרפן באַשיצן פון פיינט, אָרדנט אַליין איין אייער פאַרטיידיקונג און קומט נישט אָן צו דער הילף פון גענעראַלן, וועלכע וועלן אייך באַשטימט פאַרראַטן.

געדענקט, אַז קיינמאָל האָט נאָך קיין איין אַרמיי נישט געקאָנט אָפּהאַלטן די אינוואַזיע פון דעראָבערער, בעת דאָס פאָלק האָט באַ־זיגט די שטאַרקסטע אַרמייען, ווען עס האָט געוואָלט אייַנהיטן זיין אומ־אָפּהענגיקייט.

איר דאַרפט האָבן מאַשינען, געצייג?

שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט די שטאָטישע אַרבעטער און זיי וועלן זיי אייך צושטעלן פאַר פּראָדוקטן; איר וועט זיי באַקומען פאַר זייער פּרייז, נישט איבערצאָלנדיק דעם פאַבריקאַנט, וועלכער פאַרדינט, אַרומשערנדיק דעם פויער־קונד און דעם אַרבעטער, וועלכער אַרבעט אויס דאָסדאָזיקע געצייג.

די שרעקלעכע קראַפט פון דער רעגירונג איז נישט שרעקלעך. דידאָזיקע אַלע רעגירונגען, ווי פעלזנפעסט זיי זאָלן נישט אויסקוקן, וועלן פאַלן אונטער די ערשטע קלעפּ פון מורדישן פאָלק. ס'איז לייכט

פאַרויסצוזעען, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום העט גאַנץ אייראָפּע זיין אַרומגעכאַפּט פון דער רעוואָלוציע, וועלכע וועט אַרונטעררייסן די אויטאָריטעט פון דער מאַכט, נוצט אויס דעמדאָזיקן מאָמענט, כדי דורכצופירן אייער רעוואָלוציע. פאַרטרייבט די גרויסע גרונטבאַזיצער און דערקלערט זייערע נחלאות אַלס געזעלשאַפטלעך אייגנטום, פאַרניכטעט דאָס וווכערטום, מאַכט אַ סוף צום היפּאָטעק-וועזן און פּראָקלאַמירט אייער פולע אומאָפּהענגיקייט. די שטאָטישע אַרבעטער וועלן דערווייל דורכפירן זייער רעוואָלוציע אין די שטעט. דאַן אָרגאַניזירט זיך פריי, גרינדעט קאָמונעס; היט זיך פאַר די, וועלכע ווילן אייך אָנוואַרפן זייערע טובות אונטער דער מאַסקע פון פויערס באַשיצערס. טוט אַלץ אַליין, האָפט נישט אויף קיין אַנדערע".

* *

*

אָט וואָס מיר האָבן גערעדט צו די פויערים.

די איינציקע דערווידערונג, וועלכע מיר האָבן אָנגעטראָפן פון זייער זייט, האָט געהאַט צו טון נישט מיטן מהות פון אונזערע פרינציפּן, נאָר מיט זייער פּראַקטישע אָנווענדונג.

— „דאָס אַלץ איז ריכטיק און ס'וואָלט זיך געלאָזט דורכפירן, — האָבן זיי געזאָגט, — ווען די פויערים וואָלטן זיך געקאָנט צונויפרעדן!"

טאָ לאָמיר זיי העלפן זיך צונויפרעדן! לאָמיר פּראָפּאַגאַנדירן אונזערע אידעען, פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, לייכטער מאַכן די באַציונגען צווישן די דערפער, און אין טאָג פון דער רעוואָלוציע לאָמיר ניין קעמפן צוזאַמען מיט זיי, פאַר זיי.

דערדאָזיקער טאָג איז אַ סך נעענטער, ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר.

## א פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג

### I.

צוקוקנדיק זיך צו דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכע געזעלשאַפטן, נישט רעכענענדיק זיך מיט זיינע צווייטראַנגיקע און צייטווייליקע סימנים, איבערצייגן מיר זיך, אַז דער פּאָליטישער רעזשים איז שטענדיק אַן אויסדרוק פון עקאָנאָמישן.

א פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע קאָן נישט געענדערט ווערן לויטן ווילן פון די געזעצגעבער; זי ענדערט, אמת, אירע נעמען: היינט טרעט זי אַרויס אין דער געשטאַלט פון אַ מאָנאַרכיע, מאָרגן — פון אַ רעפּובליק, אָבער דערביי קומען נישט פאָר אין איר קיין אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען; זי פּאַסט זיך תמיד צו צום עקאָנאָמישן רעזשים און דינט אים אַלס אויסדריקער, באַרעכטיקער און שטיץ-פּונקט.

אויב דער פּאָליטישער רעזשים פון אַ לאַנד שטייט אָפּ אין זיין עוואָלוציע פון דער עקאָנאָמישער פּאַרענדערונג, וואָס קומט פאָר אין איר, מאַכט ער דורך אין אַנטשיידנדיקן מאָמענט פּלוצלינגדיקע ענדערונגען און פּאַסט זיך צו צו דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער אָרדנונג.

פּאַרקערט ווידער: אויב דער פּאָליטישער רעזשים יאָגט איבער אין פאַל פון אַ רעוואָלוציע דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון לאַנד, בלייבט ער אַ טויט אות, אַ פאָרמול, וועלכע איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע, אָבער אָן אַ פּראַקטישער אָנווענדונג. די דעקלאַראַציע פון מענטשנס רעכט איז איצט נישט מער ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט (וואָסער ראָל זי זאָל נישט האָבן געשפּילט אין דער געשיכטע); די ווערטער „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט” וועלן בלייבן אַ ריינער טרוים, ריכטי-

קער, אַ ליגנט, כּל־זמן די פרייהייט און גלייכהייט וועלן נישט ווערן קיין יסודות פון דער עקאָנאָמישער אָרדנונג.

די אַלגעמיינע שטים־רעכט ריימט זיך נישט מיט קנעכטשאַפט, פּונקט אַזוי, ווי דער דעספּאָטיזם האָט נישט קיין אָרט אין דער געזעלשאַפט, וועלכע באַזירט אויף דער אַזוי גערופענער פרייהייט פון פרידלעכע אָפּמאַכן, ריכטיקער: פרייהייט פון עקספּלואַטאַציע.

די אַרבעטער־קלאַסן פון מערב־אייראָפּע האָבן שוין באַגרייפט דעמדאָזיקן פּשוטן אמת. זיי ווייסן, אַז די מענטשהייט וועט ווייטער וועגעטירן אין היינטיקן פּאָליטישן רעזשים, כּל־זמן עס עקזיסטירט אַ קאַפּיטאַליסטישער רעזשים. זיי ווייסן, אַז אַלע פּאָליטישע אינסטיטוטן, נישט געקוקט אויף זייערע שיינע נעמען, באַזירן אויף דער הערשאַפט פון שטאַרקן, — אויף אַ הערשאַפט, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַ סיסטעם, — אויף אויסגעלאַסנקייט, אויף דער דערדריקונג פון יעדער אַרט פרייהייט, יעדן פּראָגרעס און אַז דאָס אַלץ קאָן מען ענדערן נאָר דורך איינשטעלן עקאָנאָמישע באַציונגען, וועלכע באַזירן אויפן פּרינציפּ פון קאָלעקטיוון אייגנטום. זיי ווייסן, אַז אַ טיפע און פרוכטבאַרע פּאָליטישע רעוואָלוציע איז אוממעגלעך אָן אַן עקאָנאָמישער.

פאַרקערט ווידער, באַ דער פאַרבינדונג, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן רעזשים, קאָן נישט פאָרקומען קיין איבערקעריניש אין אופן פון פּראָדוצירן און פאַרטיילן די פּראָדוקטן אָן אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע.

פאַרניכטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און די עקספּלואַטאַציע, איינשטעלן אַ קאָלעקטיוויסטישן אָדער קאָמוניסטישן רעזשים איז אוממעגלעך באַ אונזערע פּאַרלאַמענטן און מלכים.

אַ נייער עקאָנאָמישער רעזשים פאָדערט אַ נייעם פּאָליטישן; דערדאָזיקער אמת איז אַריינגעדרונגען אין באַוווסטזיין פון די מאַסן; דער פאָלקס־געדאַנק שטרעבט צו לייזן גלייכצייטיק דידאָזיקע ביידע פראַגן: ער אַרבעט אויף צו שאַפן אַ בעסערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צוקונפט; לעבן די ווערטער „קאָלעקטיוויזם” און „קאָמוניזם” הערן מיר אויך ווערטער: אַרבעטער־מלוכה, פרייע קאָמונע, אַנאַרכיע, אָדער אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם, קאָלעקטיוויסטישע קאָמונע.

* *
*

„איר ווילט, אַז אייער אַרבעט זאָל זיין פרוכטבאַר? באַפרייט זיך קודם-כל פון טויזנטער פּאַראורטיילן, וועלכע מען האָט אייך איינגע-רעדט!" — מיט דידאַזיקע ווערטער פלעגט אָנהייבן זיינע לעקציעס איינער אַ באַרימטער אַסטראָנאָם: מען קאָן זיי אָנווענדן צו אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט; און צו די סאָציאַלע וויסנשאַפטן נאָך מער ווי צו די נאַטורוויסנשאַפטלעכע. גלייך פון די ערשטע טריט אויפן דאָזיקן געביט שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ מאַסע פּאַראורטיילן, וועלכע זענען צו אונדז איבערגעגאַנגען בירושה פון די פריערדיקע יאָרהונדערטן, פאַלשע אידעען, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן, כדי אָפּצונאַרן דאָס פאָלק, פיין אויסגעאַרבעטע סאָפיזמען, כדי אַרויפצופירן אויף אַ פאַלשן וועג דעם פאָלקס-געדאַנק.

צווישן דידאָזיקע אַלע פּאַראורטיילן פאַרדינט די גרעסטע אויפ-מערקזאַמקייט יענער, וועלכער ליגט אין יסוד פון די היינטיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און קומט צום אויסדרוק כמעט אין אַלע סאָציאַלע טעאָריעס. דערדאָזיקער פּאַראורטייל איז דער גלויבן אין אַ פּ אַ ר ל אַ מ ע נ ט אַ-ר י ש ע ר ר ע ג י ר ו נ ג.

* *
*

סוף פאַריקן יאָרהונדערט האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק אַראָפּגע-וואָרפן די מאָנאַרכיע און דער לעצטער קעניג האָט אויסגעקויפט אויפן עשאַפאָט זיינע זינד און די זינד פון זיינע פאָרגענגער.

דאַן איז קלאָר געוואָרן, אַז אַלדאָס גרויסע, גוטע, וואָס די רעוואָ-לוציע האָט בעגעבן, איז געווען די אַרבעט פון איינצלנע פּערזאָנען אָדער גרופּעס, וועלכע האָבן דערגרייכט זייער ציל אַ דאַנק דער דע-זאָרגאַניזאַציע פון שוואַכקייט פון דער צענטראַלער רעגירונג. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז גראָד אין דערדאָזיקער עפּאָכע האָט דאָס פאָלק נישט גע-דאַרפט זוכן קיין יאָך פון אַ נייער רעגירונג, וואָס באַזירט אויף די זעלבע יסודות, ווי די נאָר-וואָס אַראָפּגעוואָרפענע.

אָבער געפינענדיק זיך אונטער דער השפעה פון פּאַראורטיילן און אריינגעפירט אין טעות דורך דער אילוזאָרישער פרייהייט און דורך דעם כּלומרשטן ווילשטאַנד פון די קאָנסטיטוציאָנעלע מלוכות פון אַמעריקע און ענגלאַנד, האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק זיך געאיילט איינצופירן בא זיך אַ קאָנסטיטוציע. — אַ קאָנסטיטוציע, וועלכע עס האָט אָן אַ שיעור איבערגעאַנדערשט, נישט ענדערנדיק אָבער דעם פּרינציפּ פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג. אַ מאָנאַרכיע צי אַ רעפּובליק, צי דען איז נישט אַלץ איינס! דאָס פאָלק איז נישט פריי: עס ווערט אָנגעפירט דורך פאָרשטייער, מער אָדער ווייניקער געלונגען אויסגעקליבענע. עס פּראָקלאַמירט זיין פרייהייט, זיינע רעכט, און איילט זיך אַליין אָפּזאָגן פון זיי. עס ווילט אויס דעפּוטאַטן און באַפולמעכטיקט זיי זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דער אומענדלעכער פאַרשידנאַרטיקייט פון געמישטע אינטערעסן און קאָמפּליצירטע מענטשלעכע באַציונגען.

אין אַלע מלוכות פון דער קאָנטינענטאַלער אייראָפּע האָט די עוואָלוציע אָנגענומען דעמזעלבן כאַראַקטער, אַלע, איינע נאָך דער צווייטער, וואַרפן זיי אַראָפּ די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיעס און טרעטן אַרויף אויפן וועג פון פּאַרלאַמענטאַריזם. אפילו דער דעספּאָטישער מזרח טוט זיי נאָך: בולגאַריע, טערקיי, סערביע שטרעבן איינצופירן בא זיך אַ קאָנסטיטוציע; אפילו רוסלאַנד וויל אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון דער קאַמאַריליע, כּדי זי צו פאַרבייטן מיט אַ מער דערטרעגלעכן יאָך פון אַ אַ רעפּרעזענטאַטיווער פאַרזאַמלונג.

שרעקלעכער פאַר אַלץ איז דאָס, וואָס פראַנקרייך, עפּענענדיק נייע וועגן, קאָן זיך נישט באַפרייען פון די אַלטע פאָראורטיילן. דאָס פאָלק, אַנטוישט אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע, וואַרפט זי אַראָפּ. אָבער גלייך אויפן צווייטן טאָג רופט עס אויס אַ נייע רעגירונג, וואָס באַזירט אויף די אַלטע פּרינציפּן — אַ רעגירונג, וואָס איז גרייט איבערצוגעבן דאָס פאָלק אין די הענט פון עפּעס אַן אויסוואורף, וועלכער וועט צוציען אויף פראַנקרייכס שיינע טאָלן אַ אינוואַזיע פון פיינט.

אין צוואָנציק יאָר אַרום חזרט עס איבער דעם זעלבן פעלער. זעענדיק, אַז פּאַריז איז פאַרלאָזט דורך דער אַרמיי און דער רעגירונג, באַמיט זיך נישט דאָס פאָלק, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף זיין איינענעם באַראָט, באַמיט זיך נישט איינצופירן יענע נייע פאָרם פון פּאָליטישן לעבן, וואָס זאָל פירן צו אַ נייעם עקאָנאָמישן רעזשים. פאַרבייטנדיק דאָס וואָרט „אימפּעריע" אויף „רעפּובליק", און דאָסדאָזיקע

לעצטע אויף „קאַמונע", קומט עס אויך דאָ אָן צו דעם פּאַרלאַמענטאַ־רישן סיסטעם. עס גיט איבער זיינע רעכט דער וואַל־פּאַרזאַמלונג און באַפולמעכטיקט איר צו שאַפן יענע נייע פאָרם פון מענטשלעכע באַציונ־גען, וועלכע זאָל געבן דער קאָמונע קראַפט און לעבן.

די קאָנסטיטוציעס, צעריסענע אויף פּיץ־פּיצלעך, צעפליען זיך ווי טויטע בלעטער, געשלעפּט צום טייך דורך אַ האַרבסטיקן ווינט! באַפרייען זיך פון אַלטע פאַראורטיילן איז נישט אַזוי לייכט; פאַרניכטנדיק די זעכצנטע קאָנסטיטוציע, שאַפט דאָס פאָלק אַ זיבעצנטע.

* *

*

אפילו אין דער טעאָריע באַגעגענען מיר די זעלבע פאַרערונג פון פּאַרלאַמענטאַרישן פּרינציפּ. באַטראַכטנדיק די היינטיקע עקאָנאָמישע לאַגע פאָדערן אַ סך רעפאָרמאַטאָרן, מען זאָל ראַדיקאַל ענדערן דעם אופן פון פּראָדוקציע און סחורות־טויש און מען זאָל פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן רעזשים. אָבער ווי נאָר עס דערגייט צו זייער פּאָליטישן אידעאַל, דערוועגן זיי זיך נישט אָנצורירן דעם פּאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם; אין דער אַרבעטער־מלוכה, און אפילו אין דער פרייער קאָמונע שטרעבן זיי איינצוהיטן די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג.

צום גליק האַלט דער פּרעסטיזש פון דאָזיקן פּרינציפּ אין פאַלן. לאָמיר נאָכפאָלגן די אַנטוויקלונג פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג. מיר האָבן די מעגלעכקייט דאָס צו טון. זי האָט פונקציאָנירט און זי פונקציאָנירט אויף דער אָפענער אַרענע פון מערב־אייראָפּע אין דער גאַנצער פאַרשידנאַרטיקייט פון אירע פאָרמען — פון דער מעסיקער מאָנאַרכיע ביז דער רעוואָלוציאָנערער קאָמונע. מען האָט אויף איר גע־געלייגט אַזוי פיל האָפנונגען, און זי איז געוואָרן אַ וועדקצייג פון אינ־טריגעס און פערזענלעכער באַרייכערונג, אַ שטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון פאָלק און פאַר דער אַנטפּלעקונג פון זיין איניציאַטיוו. די פאַרערונג פון פּאַרלאַמענטאַרישן פּרינציפּ האָט נישט קיין גרעסערע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, ווי די פאַרערונג פון דער קעניגלעכער מאַכט. איצט פאַר־שטייט מען שוין, אַז די פעלערן פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג זענען נישט קיין פּראָדוקט פון סאָציאַלער אומגליכקייט: פאַרווירקלעכט אין אַ סביבה, אין וועלכער דער קאַפּיטאַל און די אַרבעט זענען גלייכ־

פּעסיק פּאַרטיילט צווישן אַלע, וועט זי ברענגען צו די זעלבע טרויעריקע רעזולטאַטן. ס'איז נישט ווייט דער טאָג, ווען די דאָזיקע הערשונגס-פאָרם, וועלכע איז אַנטשטאַנען, לויטן געלונגענעם אויסדרוק פון דזש. סט. מיל, פון דער שטרעבונג צו פאַרטיידיקן זיך פון די נעגל און דעם שנאָבל פון קעניג פון די רויב-פייגל, וועט אַרויסגעשטויסן ווערן דורך אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך די עיקרדיקסטע באַדערפענישן פון דער מענטשהייט און וועלכע באַזירט אויפן פאָלגנדיקן פּרינציפּ: די אמתע פרייהייט באַשטייט אין דעם, אַז יעדערער זאָל אַליין באַזאָרגן זיינע ענינים, נישט איבערלאָזנדיק זיי אויפן באַראָט פון דער השגחה און נישט אויפן באַראָט פון פאַרלאַמענט.

דעם זעלבן אויספיר מוז מאַכן יעדער איינער, ווער עס וועט באַגרייפן, אַז די הויפּט-פעלערן פון דעם רעגירונגס-סיסטעם זענען איר אייגן אַלס אַזעלכער, און זיי הענגען נישט אָפּ פון דער פאָרם און דאָס אָרט פון איר אָנווענדונג.

## II.

„די היינטיקע מנהגים פאַרהיטן אונז פון פּרעסטיזש פון דער קעניגלעכער מאַכט, — האָט אַגיוסטען טיערי געשריבן אין 1828-סטן יאָר, — איצט דאַרפן מיר מורא האָבן פאַרן אויטאָריטעט פון דער לעגאַלער אָרדנונג און דער פאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג”*). בענטאַם האָט געזאָגט אומגעפער דאָס זעלבע. אָבער דאַן זענען זייערע וואָרנונגען געבליבן אומבאַמערקט. דער גלויבן אין פאַרלאַמענטאַריזם איז געווען שטאַרק און די דאָזיקע קריטיקער האָט מען דערווידערט מיטן פאָלגנדיקן אַרגומענט: „דער פאַרלאַמענטאַרישער רעזשים האָט נאָך נישט געזאָגט זיין לעצט וואָרט; מען קאָן וועגן אים נישט משפּטן, ביז ער וועט זיך נישט באַזירן אויף דער אַלגעמיינער שטים-רעכט”.

זינט דאַן איז איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע שטים-רעכט. נאָך לאַנגע אַמפּערייען האָט די בורזשואַזיע מסכים געווען זי אָנצונעמען. אין

*) בריוו אַ בע״ דער געשיכטע פון פראַ קרייך, XXV בריוו (פראַנצויזיש).

די פאַרייניקטע שטאַטן פונקציאָנירט שוין די אַלגעמיינע שטים־רעכט אומגעפער אַ יאָרהונדערט אין באַדינגונגען פון פולער פרייהייט; אויך אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד האָט זי דורכגעשלאָגן פאַר זיך אַ וועג. אָבער דער פאַרלאַמענטאַרישער רעזשים איז געבליבן דאָס, וואָס ער איז געווען אין די צייטן פון טיערי און בענטאַם; די אַלגעמיינע שטים־רעכט האָט אים נישט געענדערט; זי האָט נאָך צוגעהאָלפן קלאָר צו מאַכן זיינע חסרונות. דעריבער טרעטן אַרויס קעגן דעמדאָזיקן סיסטעם נישט נאָר אַזעלכע רעוואָלוציאָנערן ווי פּרודאָן; מעסיקע מענטשן ווי מיל*) און ספּענסער**) שרייען: „היט זיך פאַרן פאַרלאַמענטאַריזם!" שטיצנדיק זיך אויף אַלגעמיין־אָנערקענטע פאַקטן, קאָן מען אָנשרייבן גאַנצע בענדער וועגן דער אומטויגלעכקייט פון דעמדאָזיקן סיסטעם און געפינען אַ צו־שטימונג באַ די לייענער, די פאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג איז איבערגע־געבן געוואָרן צום געריכט און — פאַראורטיילט געוואָרן.

זיינע אָנהענגער ווייזן אונז כסדר אָן אויף די פאַרדינסטן פון דאָזיקן רעזשים. מיר האָבן אים צו פאַרדאַנקען, טענהן זיי, אונזער פּאָליטישע פרייהייט, וועגן וועלכער עס האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין באַ אַן אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע.

אָבער אינדערעמתן האָט אונז נישט דער פאַרלאַמענטאַרישער רעזשים געגעבן און גאַראַנטירט די פרייהייט, וועלכע מיר האָבן דע־ראָבערט שוין העכער הונדערט יאָר. דידאָזיקע פרייהייט, פּונקט ווי די פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפט האָט אַרויסגעריסן באַ די רעגירונגען דער מעכטיקער שטראָם פון פאָלקס־געדאַנק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע; דער גייסט פון פרייהייט־אויפשטאַנד האָט זיי געקאָנט איינהיטן, נישט געקוקט אויף אַלע אַטענטאַטן פון די רעגירונגען און פאַרלאַמענטן. די פאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג גיט נישט דעם פאָלק קיין רעכט און באַראַקירט נישט מיטן דעספּאָטיזם. רעכט קומט אויס אַרויס־צורייסן באַ איר און זיי פאַרטיידיקן מיט געווער אין האַנט, ווי אין די צייטן פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע. און דאָס איז אויך מעגלעך נאָר אין יענע לענדער, וווּ דער באַזיצנדיקער קלאַס וויל דידאָזיקע רעכט

---

*) די פרייהייט; די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג.

**) איינפירונג אין שטודיום פון סאָציאָלאָגיע; יסודות פון סאָציאָלאָגיע: פאַרשי־דענע עסייען.

און איז גרייט צו פאַרטיידיקן דורך אַן אַנטי־רעגירונגס־אַגיטאַציע. דאָרט אָבער, ווו דערדאָזיקער קלאַס שוויַגט, קאָן נישט עקזיסטירן די פּאָלי־טישע פרייהייט, צי ס'וועט זיין אין לאַנד אַ פאָלקס־פאָרשטייערשאַפט אָדער נישט. דער פאַרלאַמענט איז אין דידאָזיקע לענדער געגליכן צום קאָרידאָר פון די מלכים. אַלס ביישפּיל קאָנען דאָ דינען די פאַרלאַמענטן פון באַלקאַנישן האַלב־אינזל, פון עסטרייך און טערקיי.

די אָנהענגער פון דער פאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג וויַזן כסדר אָן אויף דער פרייהייט און די רעכט פון ענגלישן פאָלק און שרייבן זיי צו דעם פאַרלאַמענט. זיי פאַרגעסן, מיט וואָסער רייע מרידות און אויפ־שטאַנדן עס זענען דעראָבערט געוואָרן דידאָזיקע רעכט. פרייהייט פון דער פרעסע, פרייהייט פון פאַריינען, פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, — דאָס אַלץ איז אַרויסגעריסן געוואָרן בּאַם פאַרלאַמענט אונטער דער דראָונג פון אויפשטאַנד.

דורך טרייד־יוניאָנס, דורך שטרייקן קעגן די פאַרלאַמענטאַרישע באַשלוסן און דורך פּאָגראָמירן פאַבריקן האָבן די ענגלישע אַרבעטער אויסגעקעמפט פאַר זיך די רעכט פון פאַריינען און שטרייקן. שלאָגנדיק די פּאָליציי מיט די שטאַכעטן פון דעם הייד־פּאַרק־פּאַרקאַן, האָט דאָס לאָנדאָנער פאָלק געצוווּנגען דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע מיניסטעריום צו געבן אים רעכט צו מאַניפעסטאַציעס אויף די גאַסן און אין די פּאַרקן פון די הויפּט־שטעט. נישט דורך פאַרלאַמענטאַרישע דעבאַטן, נאָר דורך אַן אַנטי־פאַרלאַמענטאַרישער אַגיטאַציע און דראָונגען אויפצובוינטעווען הונדערט טויזנט אָרימעלייט, וואָס זענען גרייט חרוב צו מאַכן די מיניסטעריומס און די אַריסטאָקראַטישע פּאַלאַצן, — פאַרטיידיקט די ענגלישע בורזשואַזיע איר פרייהייט. וואָס שייך דעם פאַרלאַמענט, מאַכט ער כסדר אַטענטאַטן אויף די פּאָליטישע רעכט פון פאָלק און אַנולירט זיי דורך איין פעדער־שטריך נישט ערגער פון אַ וואָסער נישט איז קע־ניג, ווען עס דראָט אים אַן אויפשטאַנד פון די מאַסן. ווו האָט זיך אַהינגעטון די אומבאַרירלעכקייט פון די ווינוונגען און פון דער קאָרעס־פּאָנדענץ, ווי נאָר די בורזשואַזיע האָט אָפּגעטרעטן דידאָזיקע רעכט דער רעגירונג, זי זאָל זי באַשיצן קעגן די רעוואָלוציאָנערן.

צושרייבן דעם פאַרלאַמענטאַריזם דאָס, וואָס די מענטשהייט האָט געטון, האָפן, אַז די קאָנסטיטוציע קאָן געבן פרייהייט — הייסט זינדיקן קעגן היסטאָרישן אמת.

* *
*

עס גייט נישט אין דעם, וואָס זענען די מעלות פון פּאַרלאַמענ־טאַרישן רעזשים לגבי דער הערשאַפט פון די הויפלייט, וועלכע נוצן אויס צוליב פּערזענלעכע אינטערעסן די קאַפּריזן פון אַבסאָלוטן מאָ־נאַרך. אויב דערדאָזיקער רעזשים האָט זיך איינגעפונדעוועט אין אייראָפּע, הייסט עס, אַז גראַד דערדאָזיקער רעזשים האָט אַנטשפּראָכן יענער פאַזע פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, וועלכע מיר האָבן איבער־געלעבט אין XIX־טן יאָרהונדערט. ער האָט גאַראַנטירט די זיכערקייט פון די אינדוסטריעלער און סוחרים, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן די מאַכט, וועלכע איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון די הענט פון דער אַריסטאָקראַטיע.

אָבער אויך די מאָנאַרכיע, נישט געקוקט אויף אירע חסרונות, האָט געהאַט געוויסע מעלות לגבי דער הערשאַפט פון די פעאָדאַלע פירשטן. אויך זי איז בשעתו געווען נויטווענדיק. צי דען האָבן מיר דעריבער געדאַרפט בלייבן אויף אייביק אונטערן יאָך פון דער קעניגלע־בער מאַכט?

מיר, מענטשן פון סוף XIX־טן יאָרהונדערט, דאַרפן זיך קלאָר מאַכן, אין וואָס עס באַשטייען די חסרונות פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונגס־פאָרם, צי שטעלט זי נישט פאָר אין אונזער צייט די זעלבע שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, ווי דאָס איז געווען די מאָנאַרכיע אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, און צי קאָן מען אים נישט דורך ענדערונגען צופּאַסן זי צו יענער עקאָנאָמישער פאַזע, וואָס איר אָנקום שפּירן מיר פאָרויס? אָט מיט וואָס מיר דאַרפן זיך פאַרנע־מען אָנשטאָט צו פירן אומענדלעכע אַמפּערייען וועגן דער היסטאָרישער ראָלע פון בורזשואַזן פּאָליטישן רעזשים.

ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע איז זייער לייכט.

דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים, דערדאָזיקער קאָמפּראָמיס מיטן אַלטן רעזשים, האָט אָפּגעהיטן פאַר דער רעגירונג אַלע אַטריבוטן פון אומבאַגרענעצטער מאַכט און האָט אונטערגעוואָרפן אירע האַנדלונ־גען דעם פיקטיוון קאָנטראָל פון פאָלק. איצט האָט ער אָפּגעלעבט זיין

צייט און ער דינט אַלס טאַרמאַז פאַרן פראַגרעס פון דער מענטשהייט.
זיינע חסרונות זענען נישט אָפּהענגיק פון די פּערזאָנען, וועלכע שטייען
באַ דער מאַכט, זיי זענען אייגן דעם סיסטעם גופא און זיי האָבן זיך
אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין איר, אַז קיין שום ענדערונג וועט זי נישט
צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון אונזער צייט.

דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים — דידאָזיקע הערשאַפט פון דער
בורזשואַזיע, וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט איר. די אָנקומענדיקע עקאָ-
נאָמישע פאָזע פאָדערט אַ נייע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט נישט
קיין שום געמיינזאַמס מיטן פּאַרלאַמענטאַריזם.

*

*

דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג זענען אייגן אַלע חסרונות פון
דער רעגירונג. נישט נאָר וואָס זי קאָן זיי נישט באַזייטיקן, נאָר זי
שאַפט אפילו נייע. רוסאָס באַרימטע ווערטער וועגן דער רעגירונג בכלל
זענען פּאַר איר ווי אָנגעמאָסטן. „כדי מען זאָל קאָנען איבערגעבן די
אייגענע רעכט דעם פּאַרלאַמענט", — זאָגט ער, — „דאַרף ער באַשטיין
פון מלאכים. אָבער אויך באַ זיי וועלן אויסוואַקסן הערנער און נעגל,
ווי נאָר זיי וועלן צוטרעטן צו הערשן איבער מענטשן — „מיט דערדאָ-
זיקער פּי-טשערעדע !"

אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, — צי זי הייסט פּאַרלאַמענט, קאָנ-
ווענט, קאָמונע-ראַט אָדער מיט אַ וואָסער-נישט-איז אַנדערן אומזיניקן
נאָמען, צי זי ווערט באַשטימט דורך באַנאַפּאַרטס פּרעפעקטן אָדער
אררי-פריי געוויילט דורך דער באַפעלקערונג פון אַ מורדישער שטאַט, —
תמיד שטרעבט זי, ווי די דעספּאָטן, צו פאַרברייטערן אירע רעכט, זיך
אריינמישנדיק אין אַלע לעבנס-דערשיינונגען, פאַרבייטנדיק דורך געזעצן
די פרייע איניציאַטיוו פון איינצלנע פּערזאָנען און גרופּן. זי נעמט אריין
אין אירע נעגל דעם מענטש פון זיין קינדהייט אויף און פירט אים צום
קבר פון געזעץ צו געזעץ, פון דראָונג צו שטראָף, קיינמאָל אים נישט
ארויסלאָזנדיק פון אונטער איר אַפּוטרופּסות. האָט איר דען אַמאָל גע-
הערט, אַז אַ געוויילטע רעגירונג זאָל זיך דערקלערן אַלס נישט-קאָמפּע-
טענט אין אַ וועלכער-נישט-איז פראַגע ?

אונטערוואַרפן אונטער אירע געזעצן אַלע אויסדרוקן פון מענטש-

לעכער טעטיקייט, אריינדרינגען אין די קלענסטע פרטים פון „אירע אונ־טערטאנערס“ לעבן — אט דאס איז דער ציל פון דער מלוכה און דער רעגירונג. די רעגירונג, צי זי איז קאנסטיטוציאנעל אדער נישט, באמיט זיך צו פארשפרייטן איר מאכט, רעקלאמענטירן אלע פונקציעס פון דער געזעלשאפט. נישט אפשטעלנדיק זיך פאר קיין שום שטערונגען, א חוץ אגיטאציע און אויפשטאנד. די פארלאמענטארישע רעגירונג, — זי האט דאס שוין באוויזן, — איז נישט קיין אויסנאם.

* *
*

די רעגירונג, זאגט מען אונז, האט דעם ציל צו באשיצן דעם שוואכן פארן שטארקערן, דעם ארימען פארן רייכן, די ארבעטנדיקע קלאסן פון די פריווילעגירטע. מיר ווייסן, ווי די רעגירונגען האבן דער־פילט דידאזיקע מיסיע: זיי האבן זי פארשטאנען פונקט פארקערט. געטריי זייער אפשטאם, פראטעזשירן די רעגירונגען די פריווילעגירטע קעגן די אונטערדריקטע. באזונדערס האט די פארלאמענטארישע רעגירונג ארגא־ניזירט די שוץ פון דער אינדוסטריעלער און האנדלס־בורזשואזיע קעגן דער אריסטאקראטיע פון איין זייט, און קעגן עקספלואטירן דאס פאלק פון דער צווייטער; העפלעך ביז גאר און קריכעריש לגבי דער אריסטא־קראטיע, איבערראשט זי מיט איר אכזריות צו די פראלעטאריער. דערי־בער מוז מען ארויסרייסן באם פארלאמענט יעדעס נישטיקע געזעץ אויף אפצוהיטן די ארבעט, דורך עקשנותדיקע אויפשטאנדן. דערמאנט זיך נאר פארן פרייז פון וואסער קאמף, פון וועלכע אנשטרענגונגען עס איז גע־לונגען אויסצופועלן בא די ענגלישע פארלאמענטן, באם שווייצארישן פעדעראטיוון ראט און די פראנצויזישע פאלאטעס עטלעכע נעבעכדיקע געזעצן וועגן באגרענעצן דעם ארבעטס־טאג. צווערשט זענען זיי ארויסגע־ריסן געווארן אין ענגלאנד; די ארבעטער האבן זיי דערלאבערט בלויז א דאנק דעם, וואס זיי האבן חרוב געמאכט די פאבריקן.

אין די לענדער, וו די רעוואלוציע האט נישט צוגענומען בא דער אריסטאקראטיע איר באדייטונג, לעבט זיך דער אדל גאנץ גוט צונויף מיט דער בורזשואזיע. — „אנערקען, דו אריסטאקראט, מיין רעכט ארויס־צוגעבן געזעצן, — זאגט דער בורזשוי, — און איך וועל אפהיטן דיינע

פּאַלאַצן". און ער היט ערלעך אָפּ זיין הבטחה, כּל־זמן עס דראָ טאָים נישט קיין געפאַר.

עס זענען נייטיק געווען פערציק יאָר אומאויפהערלעכע אומרוען, וואָס דערגייען צייטנוויייז צו אויפשטאַנדן און אונטערצינדן דערפער, כּדי צו צווינגען דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט ער זאָל גאַראַנטירן די פּערמערס יענעם עודף הכנסה, וועלכע עס גיט די אַרענדירטע ערד אַ דאַנק די פּאַרבעסערונגען, וועלכע זיי פירן דורך. און דאָס באַרימטע „אַגראַר־געזעץ", וואָס איז אָפּגעשטימט געוואָרן פאַר אירלאַנד? נאָך וואָסער שווערן קאַמף האָט עס דאָס פאָלק באַקומען! דאָס לאַנד האָט געמוזט אויפפלאַקערן אין אַן אויפשטאַנד, זיך אָפּזאָגן קאַטעגאָריש אַריינצוטראָגן דעם אַרענדע־אָפּצאָל און פאַרטיידיקן דאָס אייגענע פאַרמעגן מיט באָיקאָט און אונטערצינדונגען. גלאַדסטאָן אַליין איז מודה, אַז דאָס איז געווען דאָס איינציקע מיטל צו צווינגען די בורזשואַזיע אָפּצושטימען דאָסדאָזיקע נעבעכדיקע געזעץ, וועלכעס פאַרטיידיקט נאָר למראות עין דאָס הונגעריקע לאַנד פון די אונטערדריקונגען פון די לאָרדן.

אָבער ווען די קאַפּיטאַליסטן דראָט כאָטש דאָס קלענסטע געפאַר מצד פון מורדישן פאָלק, דאַן ווערט די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, דערדאָזיקער אָרגאַן פון קאַפּיטאַלס הערשאַפט, וויסן ווי צו מאַכן פילן איר קראַפט. זי מאָרדעט אויס די מורדים מיט אַזאַ קאַלטבלוטיקייט, מיט אַזאַ אַכזריות און שענדלעכקייט, אויף וועלכע קיין איין דעספּאָט איז נישט פעיק. דאָס אַנטי־סאָציאַליסטן־געזעץ אין דייטשלאַנד קאָן זיך פאַרגלייכן מיטן עדיקט פון נאַנטע, נישט יעקאַטערינע II נאָכן פוגאַטשאָווער בונט, נישט לודאָוויק XVI נאָכן מעל־קריג האָבן נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ אַכזריות, מיט וועלכער די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון 1848 און 1871־סטן יאָר האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם שוצלאָזן המון. „טויט די דאָזיקע וועלף, וועלפינס און זייערע קליינע!" — האָבן געשריגן די מיטגלידער פון דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען און באַגריסט די זעלנער, די פאַרשיכּורטע פון בלוט מיט זייער גלענצנדיקן נצחון.

די נאָמענלאָזע חיה מיט 600 קעפּ האָט איבערגעשטיגן לודאָוויק XI און יאָאַן דעם גרויזאַמען.

*

די לאַגע וועט זיך נישט ענדערן, כל־זמן עס וועט עקזיסטירן אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, צי זי וועט רעגולער געקליבן ווערן דורכן פאָלק אָדער זי וועט זיך אַליין פּראָקלאַמירן אַלס אַזעלכע בײַ די ערשטע פונקען פון אויפשטאַנד.

ס'קאָן זיין, אַז ס'וועט קומען די עקאָנאָמישע גלייכהייט, און דאַן וועלן די גלייכבארעכטיקטע און פרייע בירגער נישט איבערגעבן זייערע רעכט אין די הענט פון די געוויילטע, — זיי וועלן שאַפן אַ נייע פּאָלי־טישע אָרגאַניזאַציע און זיי וועלן אַליין אָנפירן מיט זייערע ענינים.

אָדער אַ מינדערהייט, אַ וואָסער נישט איז פערטער שטאַנד, וואָס באַשטייט פון פּריווילעגירטע בורזשועס וועט ווידער פּאַרכאַפּן אין אירע הענט די עקאָנאָמישע הערשאַפט איבער די מאַסן און דאַן — ווי צו די אונטערדריקטע! די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, וואָס וועט געקליבן ווערן דורך דערדאָזיקער מינדערהייט, וועט שיצן אירע אינטערעסן. זי וועט אַרויסגעבן געזעצן, וועלכע היטן אָפּ די פּריווילעגיעס פון דערדאָזיקער נייער בורזשואַזיע, און מיט דער קראַפט פון געווער וועט זי אונטערוואַרפן די ווידערשפּעניקע.

*

*

עס איז אוממעגלעך צו פונאַנדערקלייבן זיך דאָ אין אַלע הסרונות פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג. צו דעם וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבן גאַנצע בענדער. לאָמיר זיך באַנוגענען מיט דורכקוקן בלויז די עיקרדיקסטע חסרונות. באַזונדערס פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט איינער פון זיי.

אַן אויסטערלישע זאַך! די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג האָט געהאַט דעם ציל אַ סוף צו מאַכן צו דער איין־פּערזאָנען־הערשאַפט; זי האָט געדאַרפט איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון אַ גאַנצן קלאַס, און דערווייל זעען מיר, אַז זי שטרעבט זיך אונטערוואַרפן איין פּערזאָן.

די סיבה פון דערדאָזיקער אַנאָמאַליע איז קלאָר. אין אונזער צייט

איז די רעגירונג באוואפנט געווען מיט טויזנטער און טויזנטער פולמאכטן; זי האט אין אירע הענט אלע ענינים פון לאנד און מען גיט איר א בודושעט פון עטלעכע מיליארד. צי קאן דען די כאאטישע פארלאמענטארישע פארזאמלונג נעמען אויף זיך אנצופירן מיט דידאזיקע אלע אומצאליקע ענינים? האט מען געמוזט באשטימען אן אויספיר-מאכט, — א מיניסטעריום, — וועלכעס פארמאגט אלע אטריבוטן פון דער קעניגלעכער מאכט. ווי נישטיק עס איז, בנאמנות, די מאכט פון לודאוויק XIV, וועלכער האט זיך דערוועגט צו זאגן: — „די מלוכה — דאס בין איך", — אין פארגלייך מיט דער מאכט פון א קאנסטיטוציאנעל מיניסטעריום פון אונזערע טעג!

דער פארלאמענט קאן, פארשטייט זיך, פארבייטן איין מיניסטעריום מיט א צווייטס; אבער דאס נייע מיניסטעריום וועט באזיצן די זעלבע פולמאכטן און עס וועט האבן די זעלבע חסרונות, ווי דאס אלטע; ווען דער פארלאמענט וואלט געווען אויסגעהאלטן, וואלט ער נישט עקזיסטירט מער ווי א וואך. אט פארוואס ער מאכט שלום מיט דעם עקזיסטירנדיקן מיניסטעריום, כל-זמן דאס לאנד לאזט נישט הערן זיין פראטעסט; דאן פארבייט ער עס מיט יענעם, וואס איז געווען בא דער מאכט מיט צוויי יאר צוריק. גלאדסטאן — ביקאנספילד, ביקאנספילד גלאדסטאן, דאס ענדערט נישט דעם מהות פון דער זאך; דאס לאנד ווערט אנגעפירט דורך איין מענטש.

אויב דער פארלאמענט טרעפט אבער אן אויף א פלינקן מיניסטער, וועלכער גאראנטירט דעם לאנד „ארדנונג", ד. ה. די עקספלואטאציע אין לאנד גופא און דער אפזאץ אויף די אויסערלעכע מערק, — דאן ווארפט זי זיך אונטער אלע זיינע קאפריזן און זי פארזעט אים מיט אלץ נייע און נייע פולמאכטן. מיט וואסער פאראכטונג ער זאל זיך נישט באציען צו דער קאנסטיטוציע, וואסער כאראקטער עס זאל נישט טראגן זיין הערשאפט, מאכט דער פארלאמענט שלום מיט אלץ; פארפאלגדיק אים אין קלייניקייטן, גיט ער אים פולע האנדלונגס-פרייהייט אין אלע וויכטיקע פאלן. אלס ביישפיל דערפאר דינט ביסמארק פאר אונז, פיט, גיזא און פאלמערסטאן פאר די פארגאנגענע דורות.

דאס איז גאנץ פארשטענדלעך: יעדע רעגירונג שטרעבט צו ווערן איין-פערזאניק; דאס איז זיין אפשטאם און זיין מהות. צי דער פארלאמענט איז אויסגעוויילט דורך אלגעמיינע וואלן אדער נישט, צי ער וועט באשטיין אויסשליסלעך פון ארבעטער, — וועט ער אלצאיינס שטרעבן

אונטערצוּוואַרפֿן זיך איין פֿערזאָן און אים איבערגעבן אַלע זאָרגן פֿון פֿאַרוואַלטן מיטן לאַנד. כּל-זמן מיר וועלן איבערגעבן אַ קלײנער גרופּע צו לייזן אַלע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, מיליטערישע, פֿינאַנציעלע, אינ־דוסטריעלע און אַזוי ווייטער פֿראַגן, וועט זי, פּונקט ווי אַ מחנה זעלנער בעתן קריגס־מאַרש, שטרעבן צו באַקומען איבער זיך אַ פֿירער.

אַזוי איז די לאַגע בעת אַ שטילשטאַנד. זאָל זיך אָבער באַ דער גרענעץ באַווייזן אַ שונא, זאָל נאָר אין לאַנד גופֿא אויפֿפֿלאַקערן אַ בירגער־קריג — און דאַן וועט דער ערשטער בעסטער הערשזוכטיקער, אַ וואָסער נישט איז אַ־זאַנטוריסט, פֿאַרכאַפּן אין זיינע הענט די אָנפֿירונג מיט דער מלוכה־מאַשין, די רעגירונג וועט קיין העזה נישט האָבן אים שטערן, אדרבה, זי וועט פּאַראַליזירן דעם ווידערשטאַנד פֿון פֿאָלק. די ביידע אוואַנטוריסטן, וועלכע טראָגן דעם נאָמען באָנאַפּאַרט, זענען נישט געווען קיין צופֿעליקע דערשיינונג, זיי זענען אַן אומפֿאַרמיידלעכער רעזולטאַט פֿון דער מאַכט־קאָנצענטראַציע. בנוגע דעם, אויף וויפֿיל פּאַרלאַמענטן זענען פֿעיק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די מלוכה־איבערקערענישן, קאָן אונז פֿראַנקרייך דערציילן אַ סך אינטערעסאַנטס. צי דען האָט דער פּאַר־לאַמענט מציל געווען פֿראַנקרייך פֿון מאַקמאַהאָנס מלוכה־איבערקערעניש? עס האָבן זי מציל געווען די אַנטי־פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיטעטן. מען וועט אונז ווידער ברענגען אַ ביישפּיל פֿון פֿראַנקרייך, זאָל זי זיך אָבער נישט באַרימען, אַז אירע פּאַרלאַמענטאַרישע באַשלוסן זענען געבליבן אומבאַרירלעך אין משך פֿון XIX־טן יאָרהונדערט. זי האָט פֿאַר דערדאָ־זיקער צייט באַוויזן אויסצומיידן אַ קלאַסן־קאַמף, אָבער אַלץ זאָגט עדות אויף זיין דערבענטערונג און ס'איז נישט שווער פֿאָרויסצוזאָגן, אַז דער פּאַרלאַמענט וועט נישט אַרויס גאַנץ פֿון דאָזיקן קאַמף: זיין אונטערגאַנג איז אומפֿאַרמיידלעך.

אויב מיר ווילן בעת דער קומענדיקער רעוואָלוציע עפֿענען די טירן פֿאַר דער רעאַקציע, און אפֿשר פֿאַר דער מאָנאַרכיע, איז גענוג איבער־צוגעבן אונזערע ענינים אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג. די רעאַקציאָ־נערע דיקטאַטור וועט נישט לאָזן לאַנג וואַרטן אויף זיך; האָבנדיק אין איר רשות אַלע מכשירים פֿון דער מאַכט, וועט זי נישט פֿאַרזאַמען צו פֿאַרפֿעסטיקן איר הערשאַפֿט.

• •

*

אָבער צי דען העלפט נישט צו די פאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, דעם דראָזיקער מקור פון אַזוי פיל אומגליקן, צו דער פרידלעכער און פראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט? צי דען העלפט זי צו דער דעצענטראַליזאַציע פון דער מאַכט, צי שטערט זי דער אַנטשטייאונג פון מלחמות? צי איז זי פעיק צו באַגרייפן די באַדערפעניש פון דער צייט און מקריב זיין די פאַרעלטערטע אינסטיטוטן, כדי אויסצומיידן אַ בירגער-קריג? צי זיכערט זי דעם פראָגרעס אין לאַנד גופא?

סאַראַ ביטערע איראָניע עס שטעקט אין דידאָזיקע פראַגן! די געשיכטע פון אונזער צייט איבערצייגט אונז, אַז די פאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג באַפרידיקט נישט קיין איינע פון דידאָזיקע באַדערפענישן.

די פאַרלאַמענטן, טריי די טראַדיציעס פון דער קעניגלעכער מאַכט אין איר געענדערטער פאָרם — דעם יאַקאָבּיניזם, האָבן קאָנצענטרירט די מאַכט אין די הענט פון דער רעגירונג. אַ שאַרפער ביוראָקראַטיזם איז די כאַראַקטעריסטיק פון אַ פאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג. פון אָנהייב יאָרהונדערט רעדט מען וועגן דעצענטראַליזאַציע, אויטאָנאָמיע, און די רעגירונג פאַרשטאַרקט די צענטראַליזאַציע, פאַרניכטעט אַלע סימנים פון אויטאָנאָמיע. די שווייץ איז שוין אַרונטערגעפאַלן אונטער דעראָזיקער השפעה, ענגלאַנד איז גרייט זי אָנצונעמען. ווען נישט דער ווידערשטאַנד פון די אינדוסטריעלער און סוחרים וואָלטן מיר שוין איצט געדאַרפט בעטן בּאַ פאַריז אַ דערלויבעניש צו קוילענען אַן אָקס אין אַ פאַרוואָרפן דערפל אין פראַנקרייך. די רעגירונג צווינגט ביסלעכווייז אַרויף איר מאַכט אויף אַלע אויסדרוקן פון מלוכהשן לעבן; עס גיט זיך איר בלויז נישט איין אַריינצונעמען אין אירע הענט די אָנפירונג מיט דער אינדוסטריע, מיטן האַנדל, מיט דער פראָדוקציע און דעם פאַרבּרויך, אָבער די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, פאַרבּלענדט דורך רעגירונגס-פאָראורטיילן, טרוימען וועגן טאָג, ווען זיי וועלן אין בערלינער פאַרלאַמענט פאַרוואַלטן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער פראָדוקציע און דעם פאַרבּרויך פאַר גאַנץ דייטשלאַנד.

צי איז אונז דידאָזיקע פלומרשט פרידלעכע רעגירונג מציל פון

צעשטערערישע מלחמות? געוויס נישט! קיינמאָל האָט מען נישט פאַרניכטעט איינער דעם צווייטן מיט אַזאַ פאַרביסענער שנאה, ווי באַם פאַרלאַמענטאַרישן רעזשים. די בורזשואַזיע זוכט הערשאַפט אויף די מערק, און דידאָזיקע הערשאַפט קאָן מען דעראָבערן נאָר מיט גראַנאַטן און קוילנוואַרפערס. אַדוואָקאַטן און זשורנאַליסטן דורשטן נאָך מלחמה-רום און מיטן דאָזיקן ציל איבן זיי זיך אין שיינרעדעריי, פירן דיפּלאָמאַטישע אַמפּערייען, וועלכע ענדיקן זיך מערסטנטיילס מיט בלוט-פאַרגיסונגען.

צי קומט דער פאַרלאַמענט אַנטקעגן די פאָדערונגען פון דער צייט? באַזייטיקט ער דען די אינסטיטוטן, וועלכע געפינען זיך אין ירידה-מצב? אַזוי ווי מען פלעגט באַ די מיטגלידער פון קאָנווענט מוזן אַרויסרייסן די אָנערקענונג פון געשעענע פאַקטן מיט געווער אין האַנט, אַזוי קאָן מען אויך היינט באַקומען פון די „פאָלקס-פאָרשטייער" די מינדסטע רעפאָרם בלויז דורך אַן עקשנותדיקן אויפשטאַנד.

וואָס שייך די פאַרפולקאָמונגען פון פאַרלאַמענטאַרישן רעזשים גופא, וועט שוין קיין שום באַנייאונג נישט אַריינבלאָזן אין אים קיין נייע נשמה. ער געפינט זיך אין מצב פון ירידה און איז נאָענט צום טויט. אין די צייטן פון לודאָוויק-פיליפּן האָט מען שוין גערעדט וועגן פונאַנדערפאַל פון פאַרלאַמענט. איצט רופט אַרויס דערדאָזיקער עיפּושדיקער זומפּ אַן עקל באַ אַלעמען, וועלכע שטייען נאָענט צו אים.

אָבער אפשר וועט דער נייער עלעמענט, דער עלעמענט פון די אַרבעטער, אַריינגיסן אין אים אַ פרישן שטראָם בלוט. לאָמיר זיך צוקוקן צו די פאַרלאַמענטן, לאָמיר נאָכפאָלגן זייער טעטיקייט און מיר וועלן באַגרייפן, אַז טרוימען וועגן זייער באַנייאונג איז פונקט אַזוי נאַיוו, ווי מזווג צו זיין אַ קעניג מיט אַ פויערטע מיט דער האָפנונג צו באַקומען אַ געזונט דור יונגע קיסרים!

## III.

די חסרונות פון די פאַרלאַמענטן וועלן אונז פאַרקומען זייער נאַטירלעך, ווען מיר וועלן זיך דערמאַנען, ווי אַזוי עס ווערן געוויילט זייערע מיטגלידער און ווען מיר וועלן זיך צוקוקן צו זייער טעטיקייט. איך וועל דאָ נישט שילדערן דאָס שרעקלעכע און עקלהאַפטע בילד פון די וואַלן, אין בורזשואַזן ענגלאַנד און אין דער דעמאָקראַטישער שווייץ, אין פראַנקרייך און די פאַרייניקטע שטאַטן, אין דייטשלאַנד און אין דער אַרגענטינער רעפּובליק, אומעטום חזרט זיך איבער די זעלבע שענדלעכע קאָמעדיע. כ'וועל נישט דערציילן, ווי אַזוי די אַגענטן און די וואַל-קאָמיטעטן פירן אַדורך זייערע קאַנדידאַטן, ווי אַזוי זיי טיילן אויף רעכטס און אויף לינקס צוזאָגן: אויף די פאַרזאַמלונגען זאָגט מען צו פּאָליטישע רעפאָרמען, פּריוואַטע פּערזאָנען — שטעלעס און געלט; ווי אַזוי זיי דרינגען אַריין אין די פאַמיליעס פון די וויילער און חנפענען דאָרט די מוטערס, ליבן די קינדער, גלעטן אַ הינטל, וואָס ליידט אויף אַסטמע, אָדער אַ געליבט קעצל. ווי אַזוי זיי צעשיטן זיך איבער די רעסטאָראַנען, פירן צווישן זיך אויסגעטראַכטע אַמפּערייען. פאַרפירן מיט די וויילער שמועסן, באַמיענדיק זיך אַריינצוציען אייך אין אַזאַרט-שפּיל. ווי אַזוי נאָך דידאַזיקע אַלע מאַכינאַציעס לאָזט זיך דער קאַנדידאַט בעטן און ער באַווייזט זיך ענדלעך צווישן די „טייערע וויילער" מיט אַ צוגענייגטן שמייכל אויף די ליפּן, מיט אַ באַשיידענעם שמייכל און אַ אַריינדריגענדיק קול, — פּונקט ווי אַן אַלטע מעגערע, וואָס באַמיט זיך צו פאַנגען דעם שכן מיט אַ פריינטלעכן שמייכל און מלאכישע בליקן.

כ'וועל נישט אויסרעכענען אַלע פאַלשע פּראָגראַמען — וואָס זענען פאַלש סיי ווען זיי זענען אָפּאָרטוניסטיש אָדער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער, פּראָגראַמען, אין וועלכע עס גלייבט נישט קיין איינער פון די קאַנדידאַטן, וועלכע פאַרטיידיקן זיי מיט היץ, מיט אַ ציטער אין קול, מיט פּאַטאָס, וואָס פּאַסט פאַר אַ משוגענעם, אָדער אַ יאַריד-אַקטיאָר. נישט אומזיסט האָט דאָס פאָלק איצט אָנגעהויבן אַרויסצופירן אין זיינע קאָמעדיעס צוגלייך מיט שווינדלערס, טאַרטיופס און באַנק-זשוליקעס אויך פאָלקס-

פאַרשטייער, וועלכע לויפן נאָך די ווילער און נאַרן אויס בא זיי די שטימען.

כ׳וועל דאָ נישט ברענגען די ציפערן פון די וואַל-אויסגאַבן; די ציפערן באַקענען אונז זייער גוט מיט דער דאָזיקער פראַגע. כ׳וועל דאָ נישט ברענגען קיין רעכנונגען פון די הוצאות פון די וואַל-אַגענטן, ווי עס זענען אריינגעטראָגן קעלבערנע פריידיקעס, פלאַנעלענע וועסטן און פאַרשידענע נאַשערייען, וועלכע די קאַנדידאַטן האָבן געקויפט פאַר די „טייערע קינדער" פון די ווילער. כ׳וועל דאָ נישט דערמאָנען וועגן די הוצאות אויף פאַרפוילטע עפּל און פאַרשטונקענע אייער, וואָס זענען באַשטימט „כדי צוצעטומלען דעם קעגנער", וועלכע באַשווערן דעם בודזשעט פון די פאַרייניקטע שטאַטן. ווי אויך נישט וועגן די הוצאות אויף פאַרשידענע אַנאָנסן און „מאַנעווערס אין לעצטן מאָמענט פאַר די וואַלן", וועלכע שפּילן אַזאַ אַנגעזעענע ראָל בא די וואַלן אין אַלע אייראָפּעישע מלוכות.

און ווען עס טרעט אַרויס די רעגירונג מיט אירע „שטעלעס", מיט אירע הונדערטער טויזנטער שטעלעס, וועלכע זענען פאַרגעלייגט יענעם, וועמער עס וועט מער טאָר זיי באַצאָלן, מיט אירע אָרדנס, מיט איר פראָטעקציע, וואָס ווערט צוגעזאָגט אין די ערטער פון אַזאַרט-שפּיל און זנות, מיט איר שענדלעכער פרעסע, מיט אירע שפּיאָנען, מיט די שווינדלער, ריכטער און אַגענטן...

אָבער גענוג, לאָמיר לאָזן צורו דעם דאָזיקן שמוץ! צי איז דען דאָ איין לײדנשאַפט, די נידעריקסטע אפילו, די נידערטרעכטיקסטע, וועלכע זאָל נישט אַרויסטרעטן אויף דער סצענע אין טאָג פון די וואַלן? געשערײַ, רכילות, צביעות, ליגנט, די נידעריקסטע אויסדרוקן פון דעם מענטשן-חיה — אָט דאָס איז דאָס בילד פון לאַנד בעת וואַלן.

* *

*

אָט דאָס איז די לאַגע, און זי וועט זיך נישט ענדערן, כל-זמן מענטשן וועלן באַשטימען הערשער איבער זיך און דולדן זייער הערשאַפט. שאַפט אַ געזעלשאַפט פון פרייע און גלייכבארעכטיקטע ארבעטער, און אין יענעם טאָג, ווען זיי וועלן אויסקלייבן איבער זיך הערשער — וועט זיך בא זיי איבערחזרן די זעלבע עקלהאַפטע געשיכטע. מען וועט אפשר

נישט אונטערטראָגן קעלבערנע פריידיקעס, אָבער ליגנט און חניפה וועלן בלייבן אין קראַפט און די פאַרפוילטע עפל וועלן נישט פאַרגעסן ווערן. צי דען קאָן מען דערוואַרטן עפעס בעסערס, ווען מענטשן נעמען האַנדלען מיט זייערע הייליקסטע רעכט.

באמת, מיר גיבן איבער די ווײַלער צו געפינען אַ מענטש, וועלכן מען זאָל קאָנען אַנטרויען דאָס רעכט אונטערצוואַרפן אַלע אויסדרוקן פון אונזער לעבן די געזעצן, שאַפן איבער אַלץ, וואָס איז פאַר אונז ווערטפול: איבער אונזערע קינדער, אונזער אַרבעט און רעכט. געפינען אַ מענטש, וועלכער זאָל צוזאַמען מיט אַנדערע אויסדערוויילטע אומברענגען אונזערע קינדער. פאַרשפאַרן זיי אויף דריי, און אויב אים וועט זיך גלוסטן אויף צען יאָר, אין קאַזאַרמעס און זיי שיקן אויף אַ זיכערן טויט, ווען אים וועט זיך פאַרגלוסטן צו פירן אַ מלחמה. אַ מענטש, וועלכער זאָל לויט זיין פאַרלאַנג קאָנען עפענען און פאַרמאַכן אוניווערזיטעטן, אָננעמען און אויסשליסן סטודענטן. דערדאָזיקער נייער לודאָוויק XIV וועט לויט זיין איינזעען פראָטעזשירן איין צווייג פון דער אינדוסטרי, אומברענגען די צווייטע; ער וועט מקריב זיין דעם צפון פאַרן דרום, דעם דרום פאַרן צפון; אָפּטרעטן איין פראָווינץ, איינגלידערן אַ צווייטע. ער וועט האָבן איז זיין רשות דריי מיליאַרד, וועלכע ווערן אָפּגענומען בײַ אָרימעלייט. ער וועט האָבן די קעניגלעכע רעכט צו באַשטימען אַן אויספיר-מאַכט, וועלכע וועט לויט איך דעספּאָטיזם און טיראַניע נישט אָפּשטיין פון דער קעניגלעכער. לודאָוויק דער XIV האָט געהאַט אין זיין רשות צענדליקער טויזנטער באַאַמטע, און ער — הונדערטער טויזנטער; דער קעניג פלעגט פאַרחענדן אויף צו באַפרידיקן זיינע קאַפּריזן עטלעכע נישטיקע זעקלעך גאָלד, און דער קאָנסטיטוציאָנעלער מיניסטער פון אונזער צייט פאַרדינט „ערלעך" אין איין טאָג מיליאָנען דורך קינסטלעך הייבן די פּאַפּירן אויף דער בירזשע.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די ליידנשאַפטן ווערן צעפלאַקערט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן וויילן אַ הערשער, וואָס באַזיצט אַזאַ מאַכט. ווען דער שפּאַנישער טראָן איז דערקלערט געוואָרן אַלס פריי, האָט זיך דען עמעצער געוווּנדערט, וואָס די פליבוסטיערן*) זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זייטן? כל-זמן מען וועט האַנדלען מיט

*) ים-רויבער. (איב.)

קעניגלעכע רעכט, קאָן קיין שום זאַך נישט געענדערט ווערן: די וואַלן וועלן פאַרבלייבן אַ יאַריד פון פוסטער גאווה און געוויסנלאָזיקייט.

* *

*

ווען מען זאָל אפילו פאַרשמעלערן די רעכט פון די דעפּוטאַטן און מען זאָל יעדע געמיינדע פאַרוואַנדלען אין אַ קליין מלוכהלע, וועט זיך די לאַגע אויך נישט בייטן.

מיר לייקענען נישט לחלוטין אין דער רעכט איבערצוגעבן די אייגענע מאַכט צו געווײלטע דעלעגאַטן. הונדערט-צוויי־הונדערט מענטשן, וועלכע טרעפן זיך טאָג-טעגלעך בײַ דער געמיינזאַמער אַרבעט און וועלכע קענען גוט איינער דעם צווייטן, האָבן פון אַלע זייטן באַטראַכט אַ וועלכע נישט איז פראַגע און זיי זענען געקומען צו אַ קלאָר-באַשטימטן אויספיר; דאַן קלויבן זיי אויס עמעצן פון זייער סביבה און שיקן אים צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן דאָזיקן ענין מיט די אַנדערע דעלעגאַטן. אַזוי אַרום קומען די וואַלן פאַר גאַנץ באַוווּסטזיניק: יעדער האָט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס ער קאָן באַפולמעכטיקן זיין דעלעגאַט. און דערדאָזיקער לעצטער וועט אויך קענען נאָר איבערגעבן די אַנדערע דעלעגאַטן יענע מאַטיוון, וועלכע האָבן געבראַכט זיינע אַנטרויער צו דאָזיקן באַשלוס. נישט זייענדיק באַפולמעכטיקט צו לייזן די פראַגע מיט דער אייגענער מאַכט, וועט ער זיך באַמיען צו קומען צו אַ הסכם מיט די אַנדערע דעלעגאַטן; זייערע פאָרשלאָגן וועט ער איבערגעבן זיינע אַנטרויער, וועלכע קענען זיי אָננעמען אָדער נישט, אַט דאָס איז די אַנטשטייונג פון דעלעגאַציעס; ווען איין קאָמונע פלעגט שיקן אירע דעלעגאַטן אין אַ צווייטער, פלעגן זיי נישט האָבן קיין אַנדערע פולמאַכטן. פונקט אַזוי האַנדלען אין אונזער צייט מעטעאָראָלאָגן און סטאַטיסטיקער, ווען זיי אָרדנען איין אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן; דאָס זעלבע ווענדן אָן די דעלעגאַטן פון די באַן־קאָמפּאַניעס און פּאָסט-אַדמיניסטראַציעס פון פאַרשידענע מלוכות.

אָבער וואָס פאָדערט זיך היינט פון די ווײלער?

— צען, צוואַנציק טויזנט מענטשן, וועלכע קענען נישט איינע די צווייטע, האָבן זיך קיינמאָל נישט געטראָפן, נישט געהאַט צווישן זיך קיין געמיינזאַמס, דאַרפן אויסוויילן איין פאַרשטייער. זיי וועלן אים איבער-

געבן נישט די פאַרטיידיקונג פון אַ באַשטימטער רעוואָלוציע. נאָר ער וועט דאַרפן אַלץ וויסן, לייען פאַרשידענע פראַגן, און זיין באַשלוס וועט זיין אַ געזעץ.

אַזאַ אַלץ-וויסנדיקן מענטש קאָן מען נישט געפינען. אָבער אָט איז אַ פעיקער, שכל-הישרדיקער, ערלעכער בירגער, וועלכער האָט באַקומען אַ געוויסע בילדונג. צי וועט ער אויסגעוויילט ווערן? געוויס נישט! קוים צוואַנציק מענטשן, הברים לויט דער שולע, קענען אים און שעצן זיינע פעיקייטן. ער האָט קיינמאָל נישט באַנוצט קיין רעקלאַמע, ער פאַראַכט אַלע מיטלען פון לייכטן דערפאָלג, ער שטרעבט נישט צו ווערן פאָפולער צווישן די וויילער. בײַ אַזעלכע באַדינגונגען וועט ער נישט באַקומען מער ווי 200 שטימען; און בכלל וועט זיין קאַנדידאַטור נישט אַרויסגעשטעלט ווערן. אַלס דעפוטאַט וועט אויסגעוויילט ווערן אַן אַדוואָקאַט אָדער אַ זשורנאַליסט, אַ שיינרעדנער אָדער אַ שרייבער, וועלכע וועלן אַריבערטראָגן אין פאַרלאַמענט די מנהגים פון דער רעדנער-טריבונע און דער ציידונג און זיי וועלן פאַרגרעסערן די וויילער-טשערעדע פון מיניסטעריום אָדער פון דער אָפאָזיציע. ס'קאָן זיין, אַז ס'וועט דורכגיין עפעס אַ סוחר, וועלכער חלשט צו באַקומען דעם טיטל דעפוטאַט, וועלכער איז גרייט אויסצוגעבן אפילו 10.000 פראַנק, אַבי צו ווערן אַ ביסל באַקאַנט. און דאָרט, ווו די זיטן זענען גאָר דעמאָקראַטיש, ווי, למשל, אין די פאַריייניקטע שטאַטן, ווו עס ווערן לייכט געגרינדעט קאָמיטעטן און שוואַכן אָפּ ביז אַ געוויסן גראַד די ווירקונג פון קאַפּיטאַל, — דאָרט וועט מען אַלס דעפוטאַט אויסוויילן דעם עקסטן פון אַלע: דאָס וועט זיין אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאָליטיק פּראָפעסיאָנעל, אַן עקלהאַפטע בריאה, וואָס איז געוואָרן די מכה פון דער גרויסער רעפּובליק, אַ שאַרלאַטאַן, וועלכער קוקט אויף דער פאָליטיק, ווי אויף אַ געשעפט, און ווענדט אָן אין איר אַלע כיטרעקייטן פון דער גרויס-אינדוסטרי, — רעקלאַמע, שווינדל און אויסגעלאַסנקייט.

ענדערט דעם וואַל-סיסטעם וויפיל איר ווילט. פאַרבייט דאָס ווײַלן לויט באַצירקן מיט ווײַלן לויט וויילער-צעטלען, פירט אַריין צוויי-שטופיקע וואַלן, ווי אין דער שווייץ (איך רעד דאָ וועגן די צוגרייטנדיקע פאַרזאַמלונגען), ווענדט אָן אייערע סיסטעמען אין די גינסטיקע באַדינגונגען, ענדערט וויפיל אייער האַרץ גלוסט די וואַל-קאָלעגיעס, — עס וועט זיך אייך פאָרט נישט איינגעבן פטור צו ווערן פון די הסרונות, וועלכע זענען איינן דעם וואַל-סיסטעם אַלס אַזעלכן. די גרעסטע צאָל שטימען (מיט

ווינציקע אויסנאמען, מערסטנטיילס אין די פארטייען, וועלכע די רעגירונג פארטעלגט) וועט באקומען א מענטש, א נישטיקער, אן פעסטע איבער־ציייגונגען, מיט איין ווארט, יענער, וועלכער וועט קאנען באפרידיקן אלעמען.

דעריבער, — ווי דאס האט שוין לאנג באמערקט ספענסער, — געפינען זיך די פארלאמענטן אויף אזא נידעריקער מדרגה. דער פארלאמענט, זאגט ער אין זיין הקדמה, איז תמיד נידעריקער פון דעם דורכשניטס־ניווא פונם לאנד, סיי אין עטישער, סיי אין גייסטיקער הינזיכט. ווען דאס לאנד זאל א נדר טון אויסצוקלייבן אלס זייערע פארשטייער פולשטענדיקע עם־הארצים, וואלט זי דאס נישט געקאנט טון בעסער, ווי בא די איצטיקע וואלן. וואס שייך דער ארנטלעכקייט פון די דעפוטאטן, ווייסן מיר, וואסער ווערט זי האט. לייענט נאר דורך, וואס עס זאגן וועגן איר די עקס־מיניסטארן, וועלכע האבן באוויזן צו דערקענען די דעפוטאטן און זיי אפשאצן.

א שאד, וואס עס זענען נישטא קיין ספעציעלע צוגן פאר ווילער, זיי זאלן קאנען קומען צו פארן אנקוקעלן פון זייער „פארלאמענט".

זיי האלטן גאר איינגיכן דערפילט צו איר א פולע פאראכטונג. די אלטע פעלקער פלעגן אנשיכורן די קנעכט, כדי די קינדער זייערע זאלן דערשפירן אן עקל צו שיכרות. פאריזער, גייט אין פארלאמענט, הערט זיך צו צו אייערע פארשטייער, און איר וועט זיך אויף אייביק אפזאגן פון א פארלאמענטארישער רעגירונג.

* *

*

און אט דעמדאזיקן ערב־רב פון נישטיקייטן גיט דאס פאלק איבער אלע זיינע רעכט, א חוץ די רעכט צו פארבייטן פון צייט־צו־צייט א געוויסע צאל דעפוטאטן אויף צווייטע. אבער דער נייער פארלאמענט, וואס ווערט צונויפגעשטעלט לויט דעם אלטן סיסטעם, וואס פארמאגט די זעלבע מאכט, וועט האבן די זעלבע חסרונות, ווי דער פריערדיקער; דאס איז די סיבה, וואס א גרויסע טייל ווילער האט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דערדאזיקער קאמעדיע און זי באנוגנט זיך בלויז מיט אומבאדייטנדיקע ענדערונגען, אננעמענדיק יענע קאנדידאטן, וועלכע עסן זיך אממערסטן איין אין די ביינער.

אויב די וואלן זענען אבער אנגעשטעקט מיט נישט־אויסצובעסערנ־

דיקע פעלערן, טאָ וואָס קאָן מען שוין זאָגן וועגן דעם, ווי אַזוי דער פּאַרלאַמענט פירט אויס די פליכטן, וועלכע מען לייגט אַרויף אויף אים. טראַכט זיך נאָר אַריין אויף אַ מאָמענט און איר וועט באַגרייפן די גאַנצע פּרוכטלאָזיקייט און די זינלאָזיקייט פון דער אויפגאַבע, וועלכע מיר לייגן פאַר דעמדאָזיקן פּאַרלאַמענט.

איידער פאַרשטייער וועט דאַרפן שטימען און האָבן אַ באַשטימטע מיינונג וועגן אַ גאַנצער ריי אומענדלעך־פאַרשידנאַרטיקע פראַגן, וועלכע קומען אויף אין דערדאָזיקער ריזיקער מאַשין, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „צענטראַליזירטע מלוכה“.

ער וועט דאַרפן באַשטימען אָפּצאָלן פאַר הינט און באַשטעטיקן רעפאָרמען וועגן העכערער בילדונג, בעת זיין פוס איז גאָר אין אוניווערזיטעט נישט געווען און ער האָט קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען קיין דאָרפישע הינט. ער וועט דאַרפן פאַרטיידיקן די מעלות פון איין סיסטעם ביקסן לגבי דעם צווייטן, אויסוויילן אַן אָרט פאַר דער פאַרוואַלטונג פון דער מלוכהשער פערד־ציכטעריי, אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן טאַבאַק, פאָלקס־שול, בילדונג און שטאָט־היגיענע, רעדן וועגן קאָרינכינע און גוויאַנע, וועגן דער פּאַריזער אָבסערוואַטאָריע און דער איינאָרדנונג פון קאָמינען. נישט האָבנדיק קיין מינדסטע ידיעה וועגן דער קריגס־קונסט, וועט ער פונאַנדערטיילן די מיליטערישע קאָרפּוסן; נישט קענענדיק דאָס לעבן פון די אַראַבער, וועט ער דאַרפן ענדערן דעם מוסולמענישן אַגראַר־קאָדעקס אין אַלזשיר. ער וועט פּראָטעזשירן די צוקער־אינדוסטרי לרעה פון דער וויין־קולטור, ער וועט אומברענגען די וויין־פּראָדוקציע, באַמיענדיק זיך זי צו אַנטוויקלען, ער וועט אָפּגעבן זיין שטימע פאַר וואַלד־צוכט, און גלייכצייטיק דורך פּראָטעזשירן די לאַנדווירטשאַפט טויטן דעם וואַלד־וועזן. ער וועט אַרויסטרעטן קעגן גראָבן אַ געוויסן קאַנאַל, פאַר דורכלייגן אַ געוויסע אייזנבאַן, נישט וויסנדיק אפילו אין וואָסער טייל פון פראַנקרייך זיי ווערן פּראָיעקטירט. ער וועט אַריינברענגען נייע פּאַראַגראַפן אין שטראָף־קאָדעקס, נישט אַריינקוקנדיק אין אים אפילו. אַן אַלוויסנדיקער און אַלמעכטיקער, היינט אַ מיליטער־מאַן, מאָרגן אַ פי־ציכטער. דערנאָך אַ באַנקיר, אַן אַקאַדעמיקער, אַ דאָקטאָר, אַן אַסטראָנאָם, אַן אַפּטייקער, אַ פאַבריקאַנט, אַ סוחר, אָפּהענגיק פון סדר־היום אין פּאַרלאַמענט, וועגן קיין שום זאַך וועט ער קיינמאָל קיין ספק נישט האָבן. געוווינט אַלס אַדוואָקאַט, זשורנאַליסט און רעדנער אויף עפנטלעכע

פארזאמלונגען צו רעדן וועגן זאכן, וועגן וועלכע ער האט קיין אנונג נישט, וועט ער דרייסט לייזן אלע ענינים, בלויז מיט דעם חילוק, וואס מיט זיין צייטונג האט ער געוויילט דעם לייידיקגייערישן עולם, אין גע־ריכט פלעגט ער אויפוועקן דורך זיינע ר״דעס די דרימלענדיקע ריכטערס און די געשווירענע, אבער אין פארלאמענט וועט זיין מיינונג זיין א געזעץ פאר דרייסיק, פערציק מיליאנען איינוווינער.

היות עס איז אבער אוממעגלעך צו פארשטיין און האבן א באַ־שטימטע מיינונג וועגן אלע פראגן, וועלכע דער פארלאמענט דארף באַ־שליסן, וועט ער פארברענגען די צייט בא א כוסה, טרייבן רכילות מיט די שכנים און שרייבן בריוו, כדי צו צעפלאקערן דעם ענטוזיאזם פון זיינע „טייערע וויילער״, בעת דער מיניסטער וועט לייענען א באריכט, אנגעפיקעוועט מיט ציפער, וועלכן זיין סעקרעטאר האט אנגעשריבן צום דאזיקן טאג. און אין מאמענט פון דער אפשטימונג, וועט זיך אייער פאר־שטייער ארויסזאגן פאר אדער קעגן דעם באריכט, אפהענגיק פון צייכן, וועלכן עס וועט אים געבן דער לידער פון זיין פארטיי.

אויב עס וועט אנטשטיין א פראגע וועגן פאשען חזירים אדער אויס־שטאטן זעלנער — וועט דאס בלויז דינען אלס סיבה פאר א צוזאמענ־שטויס צווישן דער מיניסטערשער און דער אפאזיציאנעלער פארטיי. פאר אייערע פארשטייער איז גאנץ גלייכגילטיק צו די חזירים נייטיקן זיך אין שפייז, צי די זעלנער זענען אמאל נישט אנגעלאדן ווי די לאסט־בהמות; זיי אינטערעסירן זיך בלויז מיט דעם, כדי צו זיכערן מיט זייער שטימע א גרעסערן דערפאלג זייער פארטיי. צי עס וועט זיגן דאס מיניסטעריום אדער די אפאזיציע — דידאזיקע פארלאמענטארישע שלאכט וועט סיי־ווי פאלן ווי א שווערע לאסט אויפן זעלנער, פויער און ארבעטער.

אַרימער פרודאן, איך שטעל זיך פאר זיין אנטוישונג: מיט א קינדערישער נאיווקייט פלעגט ער אויסשטודירן אלע פראגן, וואס פלעגן שטיין אויפן סדר־היום, פלעגט ארויסטרעטן פארן פארלאמענט מיט ברייטע פלענער, מיט א ריי געגויע פאקטן און ציפער, מיט געוואגטע און טיפע אידעען, — און מען פלעגט אים אפילו נישט אויסהערן. די פראגן ווערן ענדגילטיק געלייזט נאך פאר דער זיצונג, דערביי רעכנט מען זיך מיטן פאלגנדיקן פשוטן בעדאנק: צי לוינט זיך דאס פאר דערדאזיקער פארטיי אדער נישט? שוין פריער ווערן צונויפגעציילט די שטימען; די, וועלכע זענען גרייט זיך אונטערצוווארפן די פאדערונגען פון דער געגעבענער

פארטיי, ווערן רעגיסטרירט; די, וועלכע שטעלן זיי א ווידערשטאנד, ווערן געגנוי אויסגעפרעגט און אפגעציילט.

רעדעס ווערן געהאלטן בלויז פאר דער וועלט וועגן : מען הערט זיי בלויז אין פאל, ווען זיי זענען קינסטלעריש אדער זיי קאנען ארויס־רופן א סקאנדאל.

אלע מיינען, אז רומעסטאן האט מיט זיין שיינער רעדע געשטויסן דעם פארלאמענט אנצונעמען דעמדאזיקן באשלוס. און רומעסטאן רעדט ארום נאך דער זיצונג מיט זיינע פריינט, ווי אזוי זאל ער וואס בעסער דערליידיקן די הבטחות, וועלכע ער האט געטיילט מיט א ברייטער האנט, כדי דורכצופירן זיין פארשלאג. זיין שיינע רעדע איז א קאנטאטע, וועלכע איז צונויפגעשטעלט געווארן פארן דאזיקן פאל, וועלכע ער האט געזונגען כדי צו דערגאבערן פאפולערקייט, כדי צו פארווילן דעם עולם.

* *

*

„דורכפירן זיין פארשלאג!” אבער ווער וועט אים באטראכטן און דורך זיין שטימע וואקלען די פארלאמענטארישע וואג? ווער וועט צונויפשטעלן און דורכווארפן מיניסטעריומס, שענקען דעם לאנד די פאליטיק פון רעאקציע אדער אויסערלעכע אוואנטורעס, אויסוויילן צווישן מיניסטעריום אדער דער אפאזיציע?

די־יעניקע, וועלכע מען האט אזוי טרעפלעך אנגערופן „זומפ־זשאבעס”! די־יעניקע, וועלכע האבן נישט קיין שום איבערצייגונגען, וועלכע זיצן תמיד אויף צוויי שטולן און דרייען זיך צווישן די ביידע עיקרדיקע פארטייען פון פארלאמענט.

אט דידאזיקע גרופע מענטשן, א פופציק נישטיקע און ווילגלאזע פארשוינען, וועלכע לאווירן צווישן די ליבעראלן און די קאנסערוואטארן, אונטערגעקויפטע דורך הבטחות, שטעלעס, חניפה און פאניק, — אט זיי לייזן אלע ענינים פון לאנד, זיי גיבן ארויס געזעצן, שטעלן צונויף מיניסטעריומס און ענדערן די ריכטונג פון דער פאליטיק. דאס לאנד ווערט אנגעפירט דורך א גרופע פון פופציק מענטשן, די נישטיק־סטע און נעבעכדיקסטע; אט אין וואס עס באשטייט דער פארלאמענטא־רישער רעזשים.

און דאָס איז אוממעגלעך, ווי אַזוי עס זאָל נישט אויסזעען דער צוזאַמענשטעל פון פּאַרלאַמענט. וויפיל שטערן פון ערשטער גרייס ער זאָל נישט באַזיצן, וויפיל ערלעכע מענטשן ער זאָל נישט פאַרמאָגן — דאָס לעצטע וואָרט וועט געהערן די „זומפּ-זשאַבעס". קיין שום זאַך קאָן נישט געענדערט ווערן, כּל-זמן עס וועט זיין אין קראַפט דער פּרינציפּ וואָס וואַרפט אונטער די מינדערהייט דער מערהייט.

*     *

*

אָנהייזנדיק אין קורצן אויף די עיקרדיקע חסרונות פון די פּאַרלאַמענטן, וואָלטן מיר איינגנטלעך געדאַרפט איבערגיין צו באַטראַכטן זייער טעטיקייט. מיר וואָלטן געדאַרפט ווייזן, אַז זיי אַלע, פון קאָנווענט ביז דעם קאָמונע-ראַט פון 1871-סטן יאָר, פון ענגלישן פּאַרלאַמענט ביז דער סערבישער סקופּטשינע, זענען זיי אָנגעשטעקט מיט די זעלבע פעלערן, אַז זייער גאַנצע טעטיקייט — לויט באַקלס אָן אויסדרוק — באַגרענעצט זיך מיט פאַרביטן די אַלטע געזעצן דורך נייע, וועלכע דאָס פאָלק האָט דערגאַבערט דורך אויפשטאַנדן און פאַרן פּרייז פון בלוט. דאָס וואָלט אונז אָבער אָפּגעפירט פון דער טעמע.

אגב, די-יעניקע, אין וועלכע די פאַראורטיילן, וועלכע עס האָט איינגעפלאַנצט אין זיי אונזער פאַרדאָרבענע דערציונג, האָבן נאָך נישט געטויט לחלוטין דעם שכל-הישר, וועלן געפינען אין דער געשיכטע פון דער היינטיקער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג גענוג ביישפּילן, וואָס באַשטעטיקן אונזער געדאַנק. זיי וועלן באַגרייפן, אַז סיי דאַן, ווען דער פּאַרלאַמענט וועט באַשטיין פון אַרבעטער אָדער בורזשואַזן, אפילו פון סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, — וועט ער איינהיטן אַלע חסרונות פון אַ פּאַרלאַמענט, ווייל די דאָזיקע חסרונות הענגען אָפּ נישט פון צוזאַמענשטעל פון געגעבענעם פּאַרלאַמענט, נאָר זיי זענען איינן דער סיסטעם גופא.

אַן אַרבעטער-מלוכה, וואָס ווערט רעגירט דורך אַ פּאַרלאַמענט, איז איינער פון די שעדלעכסטע טרוימען, וועלכע זענען איינגעוואָרצלט געוואָרן אין אונז דורך דער דערציונג, וואָס אָנערקענט מאַכט און אויטאָריטעט.

אַ גוטער פּאַרלאַמענט איז פּונקט אַזאַ טרוים, וואָס לאָזט זיך נישט

פאַרווירקלעכן, ווי דער פאַרלאַנג צו זעען אין ריענזין און אַלעקסאַנדער III גוטע מלכים. די צוקונפט פון סאָציאַליזם וועט גיין מיט אַן אַנדערן וועג: זי וועט עפענען פאַר דער מענטשהייט נייע האָריזאָנטן אויף צו פאַרפולקאָמען די פּאָליטישע אָרדנונג.

## IV.

לאָמיר מאַכן אַ קורצן איבערזוכט פון דער געשיכטע פון פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, לאָמיר זיך דערמאַנען פונוואַנען ער שטאַמט, לאָמיר נאָכפאָלגן ווי אַזוי ער איז פאַרקריפּלט געוואָרן אין דער מאָס, ווי ס'האָט זיך אַנטוויקלט די מלוכה, און מיר וועלן באַגרייפן, אַז זיין צייט איז שוין פאַריבער, און ער דאַרף איבערלאָזן זיין אָרט פאַר אַ נייעם אופן פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע.

לאָמיר זיך אַריבערטראָגן אין XII-טן יאָרהונדערט און לאָמיר באַטראַכטן די עפּאָכע, ווען די שטעט האָבן זיך באַפרייט.

אין דער טיפעניש פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט ווערט געבוירן אַ באַפרייונגס-באַוועגונג. די שטעט וואַרפן אַראָפּ דעם יאָך פון זייערע באַלעבאַטים; זייערע איינוווינער „שווערן זיך צו" איינער דעם צווייטן זיך קעגנזייטיק אונטערצושטיצן, זיי שטרעבן צו אומאָפּהענגיקייט, זיי אָרגאַניזירן זיך און פאַראייניקן זיך כדי צו פּראָדוצירן און האַנדלען. זיי שאַפן שטעט, וועלכע האָבן דערנאָך דריי, פיר יאָרהונדערטער געדינט אַלס מקום-מקלט פאַר פרייער אַרבעט, קונסט, וויסנשאַפט, באַפרייונגס-אידעען, און זיי האָבן געלייגט אַ יסוד פאַר יענער ציוויליזאַציע, מיט וועלכער מיר שטאָלצירן נאָך אויך איצט.

אייניקע געלערנטע פאַרזיכערן, אַז די קאָמונעס זענען פון ראָמאַנישער אָפּשטאַמונג, די אַנדערע — אַז פון דייטשער אָפּשטאַמונג; אָבער אינדערעמתן זענען זיי אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון מיטלעלטער, אַ פּרוכט פון דער אַלץ-וואַקסנדיקער באַדייטונג פון די שטעט, סיי די האַנדלס-און סיי די אינדוסטריע-צענטערן. אַזוי זעען מיר, אַז כמעט גלייכצייטיק, אין איטאַליע, אין פלאַנדריע, אין גאַליע, אין סקאַנדינאַוויע און אפילו צווישן סלאַוויאַנער, וווּ די ראָמאַנישע השפּעה איז געווען גלייך — זעראָ, און

די דייטשע איז געווען נישטיק, אַנטשטייען אין XI און XII יאָרהונדערט פרייע און אומאָפּהענגיקע שטעט. אין משך פון דריי יאָרהונדערטן פירן זיי אַ זעלבשטענדיק לעבן, און דערנאָך ווערן זיי באַשטאַנד-טיילן פון די היינטיקע מלוכות.

די בורזשואַזע פאַרבאַנדן באַוואָפּנען זיך פאַר זייער פאַרטיידיקונג און זיי אָרגאַניזירן זיך לחלוטין אומאָפּהענגיק פון דער וועלטלעכער, גייסטלעכער און אפילו קעניגלעכער מאַכט. די פרייע שטעט בליען און נישט געקוקט אויף זייער דראַנג צו הערשן איבער די דערפער, שטעקן זיי אָן די פויערים מיטן פרייהייטס-גייסט. — „מיר זענען פונקט אַזעלכע מענטשן, ווי זיי", זינגען די פויערים, — און מיט זיכערע טריט גייען זיי צו פאַרניכטן די קנעכטשאַפט.

די פרייע שטעט, דידאָזיקע „מקום מקלטס, וואָס זענען אָפן פאַר אַן אַרבעטס-לעבן", זענען, לויט זייער אינערלעכער איינאָרדנונג, ענלעך צו די ליגעס פון אומאָפּהענגיקע קאָרפּאָראַציעס. יעדע קאָרפּאָראַציע האָט זיך איר יוריסדיקציע, אַדמיניסטראַציע און מיליציע. יעדער איינוווינער לייזט זעלבשטענדיק אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות נישט נאָר צו זיין מלאכה אָדער האַנדל, נאָר אויך צו אַלע יענע געביטן פון געזעל-שאַפטלעכן לעבן, וועלכע זענען שפּעטער אַריבער אין דער קאָמפּעטענץ פון דער מלוכה-בילדונג, סאַניטאַרע מיטלען, קרימינעלע און ציווילע געריכטן, די מיליטערישע פאַרטיידיקונג פון לאַנד. דידאָזיקע קאָרפּאָראַ-ציעס, אַלס פּאָליטישע, אינדוסטריעלע און האַנדלס-אָרגאַנען, פאַרייניקן זיך מיט דער הילף פון אַ פּאָרום; דאָס פאָלק ווערט צונויפגערופן דורך אַ גלאָק-אַלאַרם און עס באַטראַכט די ענינים, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער גאַנצער שטאָט; עס לייזט שטרייט-פראַגן צווישן די איינצלנע קאָרפּאָראַציעס און קומט צו אַ הסכם וועגן אַלגעמיינע גרויסע אונטער-נעמונגען.

אין די קאָמונעס פון מיטלאַלטער באַמערקן מיר נאָך נישט קיין שום סימנים פון אַ פאַרלאָמענטאַרישער רעגירונג. די גאַנצע קאָרפּאָראַציע, די גאַנצע שטאָט, אין פולן צוזאַמענשטעל, נעמען אָנטייל אין לייזן די אַלגעמיינע ענינים; דער פּרינציפּ פון דער מערהייט ווערט נישט אָנער-קענט, די פראַגן ווערן אַזוי לאַנג באַהאַנדלט, ביז די אָנהענגער פון פאַרשידענע מיינונגען קומען נישט צו קיין אַלגעמיינעם הסכם.

צי איז אָבער מעגלעך אַזאַ הסכם? — אַלס ענטפער דינען אונז די קונסט-ווערק, מיט וועלכע מיר אַנטציקן זיך ביזן היינטיקן טאָג, אום-

זיסט באַמיענדיק זיך זיי נאָכצומאַכן. אַלע דענקמעלער, וועלכע דער סוף פון מיטלאַלטער האָט אונז איבערגעגעבן בירושה, געהערן צו דידאָזיקע שטעט. די קירכעס, דידאָזיקע מאַיעסטעטישע געביידעס, וועלכע רעדן צו אונז מיט זייערע געטאָקטע שטיינער וועגן דער געשיכטע און די שטרעבונגען פון די קאָמונעס, זענען געבויט געוואָרן דורך פרייע קאָרפּאָראַציעס, וועלכע האָבן געאַרבעט פון גאָטספאָרכטיקייט, פון ליבע צו קונסט און פון צוגעבונדנקייט צו זייער שטאָט; זיי האָבן קאָנקורירט צווישן זיך באַם באַצירן דידאָזיקע שטעט, זיי האָבן געבויט פּרעכטיקע ראַטושעס און מאַיעסטעטישע באַפעסטיקונגען.

די באַפרייטע קאָמונעס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם רענעסאַנס פון דער קונסט. די קאָרפּאָראַציעס פון די סוחרים, אָפטער אַלע איינוווינער פון דער שטאָט, וואָס האָבן גענומען אָן אָנטייל אין אויסשטאַטן קאַראַוואַנעס אָדער אַ פלאָט, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די אַנטוויקלונג פון מסחר, וועלכע האָט געבראַכט צו די האַנדל-פאַרבאַנדן און די ים-אַנטדעקונגען. די קאָרפּאָראַציעס פון די אינדוסטריעלער, וועלכע זענען אַזוי נאַריש אויסגעלאַכט געוואָרן דורך דער עם-הארצות און דעם עגאָיזם פון די פּראָדוצירער, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די אַנטשטייונג פון דער גרויס-אינדוסטרי, וועלכע ברענגט אונז איצט אַריין גרויסע ריווחים.

אָבער די קאָמונע פון מיטלאַלטער האָט געמוזט אומקומען: זי איז צעפרעסן געוואָרן גלייכצייטיק דורך אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים.

דער האַנדל, מלחמות, די עגאָאיסטישע הערשאַפט איבער די דערפער האָבן פאַרשטאַרקט די אומגלייכקייט צווישן די קאָמונע-מיטגלידער, באַרייכערנדיק איינע און רוינירנדיק די צווייטע. אין משך פון אַ געוויסער צייט האָט די קאָרפּאָראַציע נישט דערלאָזט, עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ פּראָלעטאַריאַט אין די שטעט, אָבער אינגיכן איז זי אומגעקומען אין אומגלייכן קאַמף.

דער האַנדל, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך רויבעריי, און די אומאויפהערלעכע מלחמות האָבן באַרייכערט איינע און רוינירט די אַנדערע. די אַנוואַקסנדיקע בורזשואַזיע האָט געזייעט מלחמות און האָט געהאָלפן, עס זאָל פאַרשטאַרקט ווערן די פאַרמעגנס-אומגלייכקייט. די באַפעלקערונג פון די שטעט האָט זיך צעטיילט אויף רייכע און אָרימע, „ווייסע" און „שוואַרצע"; עס איז אויפגעקומען אַ קלאַסן-קאַמף, און

צוזאַמען מיט אים איז אַרויסגעטרעטן אויף דער סצענע די מלוכה. אין דער מאָס, וואָס די אָרימע זענען רויִנירט געוואָרן, פאַרשקלאַפט דורך די רייכע מיט דער הילף פון וווכער און מוניציפּאַלער פאַרשטייערשאַפט, האָט זיך אין דער קאָמונע איינגעפּעסטיקט אַ געווײלטע רעגירונג, ד. ה. אַ רעגירונג פון די רייכע. די קאָמונע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג מיט איר מוניציפּאַלער קאַסע, געדונגענער מיליציע, באַוואָפנטע קאָנדאָטיערן, מלוכהשער דינסט און באַאַמטע. אַלס קליינינקע מלוכהלע האָט זי באַטירלעך געמוזט ווערן אַ רויב פון אַ גרויסער מלוכה, וועלכע האָט שוין געהאַלטן אין געבוירן ווערן אונטער דער שוץ פון דער קעניגלעכער מאַכט. צעפרעסן פון אינעווייניק, איז די קאָמונע געפאַלן אונטערן אָנגריף פון אויסערלעכן שונא — דעם קעניג.

*        *

*

די צענטראַליזירטע מלוכה איז נאָך אויפגעקומען אין בלי-פּעריאָד פון די פרייע שטעט.

זי האָט זיך אַנטוויקלט ווייט פון פאָרום-טומל, ווייט פון די שטרע-בונגען, וואָס האָבן באַגייסטערט די אומאָפּהענגיקע שטעט. די אַנהאַקסנ-דיקע קעניגלעכע מאַכט האָט זיך געקאָנט באַרפעסטיקן בלויז אין אַ נייער שטאָט, אין פּאַריז, אין מאָסקווע. וואָס איז ביז דאַן געווען דער קעניג? אַ הויפּט פון אַ גזלנים-באַנדע, וועלכער פלעגט נעמען צינז באַ די אַלע, וועלכע פלעגן וועלן קויפן באַ אים פרידן און רויִקייט. וואָס האָט געקאָנט טון אַזאַ קעניג, ווען ער איז איינגעשלאָסן געווען אין די ווענט פון אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער שטאָט? ווען ער פלעגט פּרוּוון ווערן פון אַ פּאַרטיידיקער פון די באַפעסטיקונגען אַ באַלעבאָס פון דער שטאָט, פלעגט אים דער פאָרום תּיכּף פאַריאָגן. דאַן פלעגט ער געפינען אַ מקום-מקלט אין אַן אַנהאַקסנדיקער אַגלאָמעראַציע, אין אַ נייער שטאָט. דאָרט, אויס-נוצנדיק די אַרבעט פון קנעכט, פלעגט ער אָנזאַמלען באַדייטנדיקע רייכטימער. נישט טרעפנדיק אויף קיין שטערונגען מצד דעם פאָלק, פלעגט ער מיט דער הילף פון געלט, גענאַרעריי, אינטריגעס און געווער אַנט-וויקלען די צענטראַליזאַציע. זיינע טרייע פאַרבינדעטע זענען געווען די

אומאויפהערלעכע מלחמות און אינוואַזיעס, וועלכע האָבן געשטויסן אַלע אייראָפּעישע פעלקער אויפן זעלבן וועג.

די קאָמונעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין מצב פון ירידה און זענען אַליין געוואָרן מלוכות, האָבן אים געדינט אַלס אויסגאַנגס־פּונקט און מוסטער. מען האָט געדאַרפט פאַרייניקן דידאַזיקע קאָמונעס, אַריינכאַפּן אין די אייגענע הענט זייערע אַלע אויספיר־אָרגאַנען און זיך באַנוצן מיט זיי, ווי מיט אַ געווער אויף צו אַנטוויקלען די קעניגלעכע מאַכט. אַזוי האָבן טאַקע געטון די קיסרים; צועפשט זייער פּאָרזיכטיקע, זענען זיי געוואָרן אַלץ גראָבער, זיך אויפגעפירט אָן צערעמאָניעס, וואָס מער עס זענען געוואַקסן זייערע כוחות.

געשריבענע געזעצן זענען אויפגעקומען אין די כאַרטיעס פון די קאָמונעס. זיי האָבן געדינט אַלס יסוד פאַר דער מלוכה. שפּעטער האָט די רוימישע רעכט סאַנקציאָנירט סיי די מלוכה, סיי די קעניגלעכע מאַכט. די טעאָריע וועגן דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט, וואָס איז אַרויסגעגומען געוואָרן פון די רוימישע לער־ביכלעך, האָט מען מיט התמדה פּראָפּאַגאַנדירט לטובת דעם קעניג. די קירכע, פון איר זייט, האָט זיך געאײַלט געבן איר ברכה, און נאָך אַן אומזיסטן פּרווו צו גרינדן אַן אַלוועלטלעכע אימפּעריע, האָט זי געשלאָסן אַ בונד מיטן קעניג, מיט וועמענס הילף זי האָט געהאָפט צו פאַרכאַפּן אין אירע הענט די מאַכט איבער דער גאַנצער וועלט.

* * *

אין משך פון פינף יאָרהונדערטן האָט די קעניגלעכע מאַכט מיט אַלע כוחות מיטגעהאָלפן דעם פּראָצעס פון אַגלאָמעראַציע. זי האָט אויפגעהויבן די קאָמונעס און די קנעכט קעגן די סעניאָרן, און דערנאָך פלעגט זי דערשטיקן די אויפשטאַנדן מיט דער הילף פון די זעלבע סעניאָרן, וועלכע זענען געוואָרן אירע טרייע דינער. די קעניגלעכע מאַכט האָט געחנפעט די קאָמונעס און גלייכצייטיק האָט זי אויסגעקוקט, אַז אַ בירגער־קריג זאָל עפענען פאַר איר אירע טירן, זיי זאָלן עפענען די קאַסעס און אָפּטרעטן די פאַרפעסטיקונגען, ווו זי וועט אַריינשטעלן אירע לוינזעלנער. אַנערקענענדיק פאַר די קאָמונעס געוויסע פּריווילעגיעס, האָט די קעניגלעכע מאַכט פונדעסטוועגן געשטרעבט זיי צו פאַרקנעכטן.

דער קעניג איז אין יענער צייט געווען אויסשליסלעך דערהויפט פון זיינע זעלנער, וועלכע האָבן אים געפאָלגט כל-זמן ער האָט זיי גע־קאָנט צושטעלן רויב. ער האָט תמיד געהאַט בא זיך א ראַט פון זיינע געהילפן. אין XIV אָדער XV יאָרהונדערט האָט זיך דערדאָזיקער ראַט פאַרוואַנדלט אין אַן אדל-ראַט. שפּעטער איז צו אים צוגעשטאַנען דער ראַט פון גייסטלעכקייט. ווען דער קעניג האָט פאַרשפּרייט זיין מאַכט אויף די קאָמונעס, האָט ער גענומען רופן צום הויף — דער עיקר אין קריטישע עפּאָכעס — פאָרשטייער פון „זיינע טייערע שטעט", כדי צו בעטן בא זיי סובסידיעס.

אָט דאָס איז דער אָפּשטאַם פון די פּאַרלאַמענטן. אָבער איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז די רעכט פון דידאָזיקע פאָרשטייערשאַפטס־אָרגאַנען, ווי אויך די קעניגלעכע מאַכט, זענען געווען זייער באַגרענעצט. מען פלעגט זיך צו זיי ווענדן בלויז נאָך געלט-הילף בעת אַ מלחמה, און אויך דידאָזיקע הילף, וואָס איז באַוויליקט געוואָרן דורך די דעלע־גאַטן, האָט געדאַרפט ראַטיפיצירט ווערן דורך דער שטאָט. אין דער אינערלעכער פאַרוואַלטונג פון די קאָמונעס פלעגט זיך דער קעניג נישט אריינמישן. — „די און די שטאָט איז גרייט צו געבן אַזאַ און אַזאַ סובסידיע, כדי אָפּצווענדן די אינוואַזיע. זי איז גרייט אויפצונעמען אייער גאַרניזאָן אויף צו פאַרטיידיקן די פעסטונגס-ווענט און אָפּצושלאָגן דעם שונא", — אָט וואָסערע מאַנדאַטן עס פלעגן דאַן באַקומען די פאָר־שטייער. פאַרגלייכט דאָס נאָר מיט יענע אומבאַגרענעצטע פולמאַכטן, וואָס כאַפּן אַרום אַלע פראַגן פון לעבן, וועלכע מיר גיבן איצט אונזערע דעפּוטאַטן!

* *
*

אָבער דער פעלער איז געמאַכט געוואָרן און זיינע פאָלגן זענען געווען אומפאַרמיידלעך. די קעניגלעכע מאַכט, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט צוליב דעם קאַמף צווישן די אָרימע און די רייכע, האָט זיך פאַרפעסטיקט אונטער דער פאָן פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. זעענדיק, אַז דער קעניגלעכער הויף פאַרשווענדט זינלאָז זייערע סובסידיעס, האָבן די פאָרשטייער פון די קאָמונעס באַשלאָסן אַ סוף מאַכן דערצו. זיי האָבן זיך געפּרוּווט שמעלערן די קעניגלעכע מאַכט און נעמען אין זייערע הענט

די אָנפירונג מיט דער נאַציאָנאַלער קאַסע. אין ענגלאַנד איז זיי דאָס געלונגען א דאַנק דער אונטערשטיצונג פון דער אַריסטאָקראַטיע. אין פראַנקרייך איז זיי נאָענט געווען צו דעראָבערן דידאַזיקע רעכט; אָבער פּאַריז, וואָס האָט מורד געווען אונטער דער השפעה פון עטיען מאַרסעלן, און זשאַקעריען האָבן געמוזט נאָכגעבן דעם אָנגריף פון דער קעניגלעכער מאַכט, וועלכע האָבן אין דאָזיקן נצחון געשעפּט נייע כוחות.

זינט דאַן העלפט אַלץ מיט דער צענטראַליזאַציע פון דער מאַכט אין קעניגס הענט. די סובסידיעס ווערן פאַרוואַנדלט אין באַשטייערונגען, און די בורזשואַזיע איילט זיך צו שטעלן אין דינסט פון קעניג אירע אַדמיניסטראַטיווע פעיקייטן. די ירידה פון די קאָמונעס, וואָס האָבן זיך איינע נאָך דער צווייטער אונטערגעוואָרפן דער קעניגלעכער מאַכט; די אָנמעכטיקייט פון די פּויערים, וואָס זענען דערפירט געוואָרן צו קנעכט-שאַפט, — אויב נישט קיין פּערזענלעכער, טאָ אַן עקאָנאָמישער; די טעאָריע פון רוימישער רעכט, וואָס איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן דורך די יוריסטן פון די אַרכיוון, אומאויפהערלעכע מלחמות, — אַלץ העלפט מיט דער פאַרפעסטיקונג פון דער קעניגלעכער מאַכט. די קיסרים הייבן זיך אָן אַריינצומישן אין אַלע לעבנס-אויסדרוקן פון זייערע אונטערטאַנען, און עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז לודאָוויק XIV דערוועגט זיך צו זאָגן: „די מלוכה — דאָס בין איך!“

דערנאָך פאַלן די קיסרים אַרונטער אונטער דער השפעה פון זייערע קורטיזאַנעס, און זייער אויטאָריטעט הייבט שטאַרק אָן צו זינקען; לודאָוויק XVI באַמיט זיך אין אָנהייב פון זיין רעגירן הייבן זיין אויטאָ-ריטעט דורך ליבעראַלע מיטלען, אָבער איינגיכן פאַלט ער אַ קרבן פון זיינע פאַרברעכנס.

* * *

די גרויסע רעוואָלוציע איז געוואָרן מעגלעך בלויז אַ דאַנק דער דעזאָרגאַניזאַציע פון דער צענטראַלער מאַכט, וועלכע האָט אין משך פון פיר יאָר אַרויסגעוויזן איר פולע אומבאַהאָלפנקייט און וועלכע איז דער-פירט געוואָרן צו דער ראָל פון אַ מאַשין, וואָס פאַרשרייבט פאַקטן, וועל-כע זענען שוין געשען. דער אויפשטאַנד פון שטעט און דערפער, וועל-

כע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן און צאָלן שטייערן, האָט ענדגילטיק אַרויסגעריסן די מאַכט בײַ דער רעגירונג.

די בורזשואַזיע האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַזאַ לאַגע.

זי האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז דאָס פאָלק, פאַרניכטנדיק די פּריווילעגיעס פון דער אַריסטאָקראַטיע, וועט נישט וועלן אָנערקענען די פּריווילעגיעס פון דער שטאָטישער און דאָרפישער בורזשואַזיע. זי האָט באַשלאָסן צו נעמען אין אירע הענט די מאַכט איבערן פאָלק, און דאָס האָט זיך איר אײַנגעגעבן. צוליבן דאָזיקן ציל איז זי געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג און אין משך פון פיר יאָר האָט זי געאַרבעט אויף דורכצופירן אין לעבן די דאָזיקע אידעע מיט דער ענערגיע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, וועלכע זענען איר אייגן. איר אידעאַל איז צונויפגעפאַלן מיטן אידעאַל פון עטיען מאַרסעל; ער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער קעניג, וואָס פאַרמאָגט אין דער טעאָריע אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט, זאָל פאַקטיש פאַרלירן זײַן גאַנצע מאַכט לטובת דעם פּאַרלאַמענט, וואָס באַשטייט, פאַרשטייט זיך, פון בורזשואַזע פאַרשטייער. די אַלמעכטיקייט פון דער בורזשואַזיע, — וועלכע דער פּאַרלאַמענט פאַרווירקלעכט, — אונטער דעם דעקמאַנטל פון דער קעניגלעכער מאַכט, — אָט דאָס איז איר ציל. דאָס פאָלק האָט געצווּנגען די בורזשואַזיע אָנצונעמען די רעפּובליק, זי איז אָבער געווען קעגן איר און זי האָט זיך געאײַלט אַ סוף מאַכן צו איר.

דאָס פאַרניכטן די צענטראַלע רעגירונג, די דעצענטראַליזאַציע און צעברעקלונג פון דער מאַכט וואָלטן איבערגעגעבן דעם פאָלק דאָס רעכט צו לייזן אַלע ענינים פון לאַנד און זיי וואָלטן דערפירט צו אַן אמתער פאָלקס-רעוואָלוציע. אָט פאַרוואָס די בורזשואַזיע האָט געשטרעבט צו פאַרשטאַרקן די צענטראַלע רעגירונג, געבן איר מאַכט, וועגן וועלכער דער קעניג האָט גאָרנישט געהאַט די העזה צו טרוימען, אונטערוואַרפן איר גאַנץ פראַנקרייך, — און דערנאָך פאַרכאַפּן אַלץ אין די אייגענע הענט מיט דער הילף פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

דערדאָזיקער אידעאַל פון די יאַקאָבינער איז ביז היינט געבליבן דער אידעאַל פון דער גאַנצער בורזשואַזיע, און די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג דינט איר אַלס מיטל צום קאַמף.

*

צי דען קאָן אָבער דערדאָזיקער אידעאַל זיין אונזער אידעאַל? צי קאָנען דען די סאָציאַליסטן טרוימען וועגן א נייער בורזשואַזער רעוואָלוציע? צי קאָנען זיי שטרעבן צו פאַרשטאַרקן די צענטראַלע רעגירונג, אָנערקענענדיק פאַר איר די עקאָנאָמישע הערשאַפט; צי וועלן זיי געבן דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג די פולמאַכט אָנצופירן מיט אַלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענינים? צי דען דאַרף דער דאָזיקער קאָמפּראָמיס צווישן דער קעניגלעכער מאַכט און דער בורזשואַזיע ווערן דער אידעאַל פון די סאָציאַליסטן?

געוויס נישט!

דער נייער עקאָנאָמישער פאַזע אַנטשפּרעכט א נייע פּאָליטישע. די טיפע איבערקערעניש, וועגן וועלכער עס טרוימען די סאָציאַליסטן, קאָן נישט גיין האַנט בא האַנט מיט די פּאָליטישע פאָרמען פון דער פאַרגאַנגענהייט. די נייע געזעלשאַפט, וואָס באַזירט אויף דער פולער גלייכהייט פון אַלע שטאַנדן, אויף דעם קאָלעקטיוון באַזיץ פון דעם אַרבעטס־געצייג, וועט זיך נישט קאָנען צופּאַסן צום פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, מיט וואָסערע ענדערונגען מען זאָל זיך נישט באַמיען מחיה מתים זיין דעמדאָזיקן בר־מנין.

דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים האָט אָפּגעלעבט זיין צייט. זיין פאַרשווינדן איז פּונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך, ווי עס איז אַמאָל געווען אומפאַרמיידלעך זיין אַנטשטיין. דערדאָזיקער רעזשים איז א רעזשים פון דער בורזשואַזיע. אויף אים באַזירט איר הערשאַפט און ער איז פאַר־שווינדן צוזאַמען מיט איר. מיר, וועלכע שטרעבן צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, מוזן געפינען א נייעם אופן פון פּאָליטישער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם נייעם אופן פון עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע.

דערדאָזיקער אופן איז שוין אָנגעצייכנט. דאָס איז דער איבערגאַנג פון פּשוטן צום קאָמפּליצירטן, דאָס איז די גרינדונג פון פרייע גרופּעס, וועלכע אָרגאַניזירן זיך כדי צו באַפרידיקן די צאָלרייכע באַדערפענישן פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

די הייַנטיקע געזעלשאַפט גייט שוין מיטן דאָזיקן וועג. אומעטום

שטרעבט די פרייע גרופּירונג, די פרייע פעדעראַציע אַרויסצושטויסן די פּאַסיווע הכנעה. מען ציילט שוין איצט צענדליקער מיליאָנען פרייע גרופּעס; נייע אַנטשטייען טאָג־טעגלעך — און אינגיכן וועלן זיין אין זייערע הענט אַלע צווייגן פון מענטשלעכער טעטיקייט. די וויסנשאַפט, די קונסט, די אינדוסטריע, דער האַנדל, אפילו די שוץ פון דער טעריטאָריע, די געזעלשאַפטלעכע זיכערקייט און דאָס געריכט, — אַלץ וועט זיך געפינען אין זייער רשות. די פרייע גרופּעס וואַקסן זיך פונאַנדער, און גאָר אינגיכן וועט זיך אין זייערע הענט געפינען דאָס אַלץ, וואָס האָט פריער אויסגעמאַכט די פּרעראָגאַטיוון פון קעניג און פון פּאַרלאַמענט.

די צוקונפט געהערט דער פרייער גרופּירונג פון די פּאַראינטערעסירטע פּערזאָנען, און נישט דער רעגירונגס־צענטראַליזאַציע, — דער פרייהייט, און נישט דער מאַכט.

אָבער איידער מיר וועלן אָנצייכענען אין אַלגעמיינע שטריכן די אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט אַנטשטיין פון דער פרייער גרופּירונג, דאַרפן מיר צעשטערן אַלע פּאָליטישע פּאַראורטיילן, וועלכע לעבן נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג אין אונזער געזעלשאַפט. מיט דעם וועלן מיר זיך טאַקע פאַרנעמען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

# געזעץ און מאַכט

## 1.

„ווען אין דער געזעלשאַפט הערשט עם-הארצות, און אין די מוחות אַ כאַאָס, קומען אויף טאָג-טעגלעך נייע געזעצן. מענטשן דערוואַרטן אַלץ פון דער געזעצגעבונג, און יעדעס ביי געזעץ איז אַ נייע אַנטוישונג; זיי פאָדערן פון געזעץ דאָס, וואָס דאַרף אַרויספליסן פון זיי גופא, וואָס מען דאַרף דערוואַרטן פון זייער דערציונג, פון זייערע זיטן". — די געבראַכטע שורות געהערן נישט צו קיין רעוואָלוציאָנער, אפילו נישט צו קיין רעפאָרמאַטאָר. דאָס זענען די ווערטער פון Dalloz, דעם מחבר פון אַ זאַמלונג פראַנצויזישע געזעצן, באַקאַנט אונטערן נאָמען „Répertoire de la législation". — דידאַקטישע שורות, וועלכע עס האָט געשריבן אַ צוזאַמענשטעלער און פאַרערער פון געזעצן, כאַראַקטעריזירט ביז גאָר דעם אַנאָרמאַלן צושטאַנד פון אונזער געזעלשאַפט.

אין די היינטיקע מלוכות קוקט מען אויף אַ ניי געזעץ, ווי אויף אַ זיכער מיטל פון אַלע אומגליקן. אַנשטאָט אַליין צו ענדערן אַלץ, וואָס איז אַנערקענט אַלץ אומטויגלעך, פאָדערט מען ארויסצוגעבן אַ געזעץ, וואָס פאַראָרדנט אַ רעפאָרם. ווען אַ וועג צווישן צוויי דערפער ווערט קאַליע נישט דורכצוגיין, — פאָדערט דער פויער מען זאָל אַרויסגעבן אַ געזעץ וועגן שליאַכן. אויב אַ וואַלד-שומר איז זיך גראָב באַגאַנגען מיט עמעצן, פאָדערט דער באַליידיקטער מען זאָל אַרויסגעבן אַ געזעץ, וואָס פאַרפליכטעט די וואַלד-שומרים צו זיין העפלעך. מערקט זיך אַ שטילשטאַנד אין האַנדל אָדער אין דער לאַנדווירטשאַפט? „מיר נייטיקן זיך אין שוץ-געזעצן", זאָגן די פויערים, די פי-ציכטער און תבואה-ספעקולאַנטן. אפילו דער שמאַטניק פאָדערט אַ געזעץ, וואָס זאָל שיצן זיין געבעכדיקן

האנדל. ווען דער באַלעבאָס דריקט אַראָפּ דעם אַרבעטס־לוין, ווען די פאַרגרעסערט די צאָל אַרבעטס־שעהן, — „עס איז נייטיק אַ געזעץ, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דערדאָזיקער הפקירות!" — שרייען די דעפּוטאַטן אָנשטאָט אַריינצוטענהן אין די אַרבעטער. אַז ס'איז דאָ אַ פּשוט און זיכער מיטל „צו מאַכן אויף תמיד אַ סוף צו דערדאָזיקער הפקירות": — אָפּנעמען באַם באַלעבאָס דאָס, וואָס ער האָט צוגענומען באַ גאַנצע דורות אַרבעטער. מיט איין וואָרט, הימל און ערד און — געזעץ! אַ געזעץ וועגן פּראָדוקציע־אופן, אַ געזעץ וועגן משוגענע הינט, אַ געזעץ וועגן צניעות, אַ געזעץ אַלס צוים פאַר אַלע פעלערן, פאַר אַלע צרות — דידאָזיקע פּרוכט פון מענטשלעכער זאַרגלאָזיקייט, קליינמוטיקייט און נידערטרעכטיקייט!

מיר אַלע זענען אַזוי שטאַרק פאַרדאָרבן דורך דער דערציונג, וואָס טויט אין אונז פון דער פריסטער קינדהייט יעדן דראַנג צו פרייהייט און זעלבשטענדיקייט און אַנטוויקלט אין אונז פאַרערונג און הכנעה לגבי דער מאַכט, מיר זענען אַזוי פאַרדאָרבן דורך אונזער עקזיסטענץ אונטער דער אייזערנער צוואַנג פון געזעץ, וואָס רעגולירט אַלץ: אונזער געבורט, אונזער דערציונג, אַנטוויקלונג, ליבע, פריינטשאַפט, — אַז אויב דאָס וועט ווייטער אַזוי דויערן, וועלן מיר פאַרלירן יעדע איניציאַטיוו, יעדע פעיקייט צו דענקען זעלבשטענדיק און פריי. אונזער געזעלשאַפט איז נישט פעיק צו פאַרשטיין, אַז מען קאָן לעבן באַ אַן אַנדערן רעזשים, ווי דער רעזשים פון געזעץ, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג, וועלכע ווערט אָנגעווענדט דורך אַ הייפל הערשער; ווען אים געלינגט אַראָפּצוואַרפן דעם יאָך פון אַלטן רעזשים, איילט ער זיך צו פּראָקלאַמירן אַ נייע מאַכט, נייע הערשער. „דאָס ערשטע יאָר פון פרייהייט" האָט עקזיסטירט נישט מער ווי אַ יאָר; פּראָקלאַמירנדיק זיין אומאָפּהענגיקייט, האָט דאָס פאָלק תיכף גענומען זוכן אַ נייעם יאָך פון געזעץ און מאַכט.

* *

*

שוין טויזנטער יאָרן ווי אונזערע הערשער טענהן־איין מיט אונז איך אַלערליי טענער: „האָט דרך ארץ פאַרן געזעץ, וואַרפט זיך אונטער דער מאַכט!" טאַטע־מאַמע לערנען זייערע קינדער צו פאַרערן דידאָזיקע

פרינציפן. די שולע שטרעבט צו דערוויַיזן זייער נויטווענדיקייט, טויטנדיק בא די קינדער די פעיקייט צו זעלבשטענדיקן און פרייען דענקען און גיבנדיק זיי ספּעציעל־צוגעקליבענע, געבעכדיקע פראַגמענטן פון וויסן; דאָס פאַרערן דאָס געזעץ דערהייבט זי צו אַ קולט, דאָס אונטערוואַרפן זיך די פאָדערונגען פון די לערערס — צו רעליגיעזע צערעמאָניעס. אַלס העלדן באַטראַכט זי די־יעניקע, ווער עס וואַרפט זיך אונטער אָן שום תּנאים דעם געזעץ און היט עס אָפּ פונם אָנגריף פון אַלע פרייע מענטשן.

ווען דאָס קינד טרעט אַריין אין לעבן, הערן נישט אויף די געזעלשאַפט און די ליטעראַטור כּסדר איינצופּלאַנצן אין אים דעם זעלבן פאַראורטייל, ווי אַ טראָפּן, וואָס דאַלבעוועט דורך אַ שטיין. די ביכער וועגן געשיכטע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן זענען אויך דורכגעדרונגען מיט דער זעלבער אַכטונג צום געזעץ; זיי האָבן באַוויזן אַ קונץ צו צווינגען אפילו די נאַטורוויסנשאַפטן צו דינען דעמדאָזיקן פּעטיש. מיט אַלע כּוחות באַמיען זיי זיך צו פאַרטונקלען אונזער פאַרשטאַנד, און דאָס אַלץ צוליב דעם, כּדי איינצופּלאַנצן אין אונז אַכטונג צום דאָזיקן באַרימטן געזעץ. די צייטונגען שטרעבן צום זעלבן ציל; איר וועט נישט געפינען אין זיי קיין איין אַרטיקל, חוץ מען זאָל נישט פּרעדיקן פאַרערונג פאַרן געזעץ, הגם גלייך אויף דער צווייטער זייט מעגן זיי קאָנסטאַטירן די גאַנצע זינלאָזיקייט פון דאָזיקן געזעץ און באַווייזן, ווי אַזוי עס מאַכן עס מיט דער בלאָטע צוגלייך די־יעניקע, וועלכע זענען באַרופן עס אָפּצוהיטן. דאָס קנעכטישע אונטערוואַרפן זיך דעם געזעץ איז געוואָרן אַ טוגנט; איך רעכן, אַז ס'וועט זיך נישט געפינען קיין איין רעוואָלוציאָנער, וועלכער זאָל אין דער יוגנט נישט האָבן געווען קיין הייסער אָנהענגער פון געזעץ קעגן די אַזוי גערופענע „מיסברויכן", דידאָזיקע נאַטירלעכע און אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן פון געזעץ גופא.

די קונסט גייט אין די שפּורן פון דער וויסנשאַפט. דער העלד פון סקולפּטאָר, פון מאָלער און מוזיקאַנט פאַרטיידיקט מיט זיין שולד דאָס געזעץ און, אַ באַגייסטערטער, מיט ברענענדיקע אויגן, איז ער גרייט צו דערשטעכן יעדן איינעם, וואָס דערוועגט זיך אָנצורירן זיין הייליקטום. פאַרן געזעץ שטעלט מען אויף טעמפּלען, מען טיילט אים צו כּהנים גדולים, וועלכע די רעוואָלוציאָנערן אפילו האָבן נישט די העזה אָנצוגרייפן. און אפילו די רעוואָלוציע, וועלכע צעשטערט אין איר מעכטיקן

שטראָם די רעשטלעך פון עבר, באַמיט זיך צו סאַנקציאָנירן איר אַרבעט דורכן געזעץ.

דידאָזיקע אַלע כּללים, וועלכע זענען אונז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה דורך דער קנעכטשאַפֿט, דער פֿאַנאַטישינע און דער קעניגלעכער מאַכט און וועלכע הייסן „געזעץ", האָבן פֿאַרביטן יענע שטיינערנע פֿאַרווענישן, צו וועלכע מען פֿלעגט ברענגען מענטשלעכע קרבנות און צו וועלכע דער פֿאַרקנעכטעטער געטשנדיגער פֿלעגט קיין העזה נישט האָבן זיך צוצורירן צוליב מורא פֿאַר די הימלישע דונערן.

* *

*

דער קולט פון געזעץ האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זינט די בורזשואַזיע איז שטאַרק געוואָרן. באַם אַלטן רעזשים האָט מען ווינציק גערעדט וועגן די געזעצן; בלויז מאָנטעסקיע, רוססאָ און וואָלטער האָבן געשטרעבט אַקעגנשטעלן זיי די קאַפּריזן פֿון דער קעניגלעכער מאַכט. יעדער איינער האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפֿן די קאַפּריזן פֿון קעניג און פֿון זיינע לאָקייען אונטער דער דראָונג פֿון תּפֿיסה אָדער דער תּליה. אָבער בעת און נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די אַדוואָקאַטן, וועלכע זענען געקומען צו דער מאַכט, אָנגעווענדט זייערע אַלע באַמיונגען, כּדי צו פֿאַרפֿעסטיקן דעמדאָזיקן פּרינציפּ. אויף וועלכן זיי האָבן געהאָפֿט אויסצובויען דער צוקונפֿט זייער הערשאַפֿט. די בורזשואַזיע האָט אים אָנגענומען, ווי אַ רעטונגס-אַנקער, ווי אַ טאַמע פֿאַרן אָנלויפֿנדיקן פֿאָלקס-שטראָם. די קירכע האָט זיך געאיילט צו סאַנקציאָנירן אים, כּדי צו ראַטעווען איר שיפֿל, וועלכעס האָט געהאַלטן אין דערטרונקען ווערן אין די כוואַליעס פון דאָזיקן מעכטיקן שטראָם. לסוף האָט דאָס פֿאָלק מסכּים געווען אים אָנצונעמען, זעענדיק אין אים אַ געוויסע גאַראַנטיע קעגן דער הפקרות און די אכזריותן פֿון עבר.

מען דאַרף זיך אַריבערטראָגן מיטן געדאַנק אין XVIII-טן יאָרהונדערט, כּדי צו פֿאַרשטיין די באַציונג פֿון פֿאָלק צום געזעץ. מען דאַרף זיך דערמאַנען אַלע שרעקן און אכזריותן, וועלכע זענען באַגאַנגען געוואָרן אין יענער עפּאָכע דורך די אַלמעכטיקע אַריסטאָקראַטן, זייער אָפּהוזקן פֿון פשוטן המון, כּדי צו פֿאַרשטיין די מאַגישע ווירקונג, וואָס עס האָבן געהאַט אויפֿן פשוטן פֿאָלקסמענטש די ווערטער: „גלייכהייט פֿאַרן געזעץ

אונטערוואַרפן זיך דעם געזעץ, אָן חילוק פון אָפּשטאַמונג און פאַרמעגן". מיטן פּשוטן פאָלקס-מענטש איז מען זיך ביז דאַן באַגאַנגען ערגער ווי מיט בהמות; ער האָט זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו קיין משפּט אָדער אַ שוץ, און אַרויסגעבראַכט פון די כּלים דורך די אומדערהערטע מעשים פון אַריסטאָקראַט, פּלעגט ער אים דערהרגענען פון נקמה און באַצאָלן יערפּאַר מיטן לעבן. דאָס געזעץ אָבער האָט, לכל הפּחות אין טעאָריע, אָנערקענט די גלייכהייט פון אַריסטאָקראַט און דעם פאָלקס-מענטש אין זייערע פּערזענלעכע רעכט. ווי דאָסדאָזיקע געזעץ האָט נישט אויסגעזעען, האָט עס אָבער צוגעזאָגט צו מעסטן מיט דער זעלבער מאָס דעם אַריסטאָקראַט און דעם פּשוטן פאָלקס-מענטשן, עס האָט פּראָקלאַמירט די גלייכהייט פון רייכן און אָרימען פאַרן געריכט. מיר ווייסן איצט, אַז די דאָזיקע הבטחה איז געווען אַ ליגנט, — אָבער אין יענער תּקופה איז זי געווען אַ טריט פאָרויס, אַ געוויסע הנחה פאַר דער גערעכטיקייט. דעריבער, ווען די בורזשואַזיע האָט זיך געפונען אין סכּנה, האָבן אירע רעטער, די ראָבעספּיערס און דאַנטאָנס, געשטיצט אויף די ווערק פון די פילאָזאָפן פון דער בורזשואַזיע, די רוססאָס און וואָלטערס, פּראָקלאַמירט „דאָס באַטראַכטן דאָס געזעץ אַלס גלייך פאַר אַלעמען". דאָס פאָלק, אויסגעשעפּט דורך דעם לאַנגן און בלוטיקן קאַמף, זעענדיק פאַר זיך אַ גוט-אָרגאַניזירטן קעגנער, איז איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן. עס האָט אונטערגעשטעלט דעם האַלז אונטערן יאָך פון געזעץ, כּדי צו באַפרייען זיך פון דער הפקרות פון צופעליקע הערן.

זייט דאַן עקספּלואַטירט די בורזשואַזיע מיט גרויס התמדה דעמדאָזיקן פּרינציפּ. דאָס געזעץ און די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג מאַכן אויס אַלץ, וואָס עס האָט געגעבן די פילאָזאָפיע פון XIX-טן יאָרהונדערטס — דעמדאָזיקן יאָרהונדערטס פון דער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע האָט געפּריידיקט איר פילאָזאָפיע אין די שולן, זי האָט געשאַפן איר וויסנשאַפט, איר קונסט; זי האָט אומעטום אַריינגעפירט דאָס געזעץ, ווי דער צבועק שטעקט אומעטום זיינע תּפילות. איר ענערגיע האָט דערפירט דאָס פאָלק דערצו, אַז אין מאָמענט, ווען עס דערוואַכט זיין באַוווסטזיין, ווען עס שטרעבט צו פרייהייט און צו פאַרניכטן יעדע מאַכט, ווענדט עס זיך צו זיינע הערשער מיט אַ בקשה, זיי זאָלן אים אונטערשטיצן דורך ענדערן די געזעצן, וועלכע ועגן געשאַפן געוואָרן דורך דידאָזיקע זעלבע הערשער.

* *

*

אבער אין משך פון לעצטן יארהונדערט האט זיך א סך געענדערט אין דערדאזיקער הינזיכט. אלץ אפטער און אפטער טרעפן זיך מענטשן, וועלכע זאגן זיך אפ צו פאלגן דאס געזעץ, אויב מען וועט זיי נישט קלאר מאכן זיין אפשטאם, צי איז עס נויטווענדיק, פונוואנען האט זיך גענומען די פליכט צו אנערקענען אים און זיך אים אונטערצווארפן. די אנקומענדיקע רעוואלוציע — א „רעוואלוציע", און נישט קיין פשוטער אויפשטאנד, שוין צוליב דעם אליין, וואס היינטיקע צייט קריטיקירן די מורדים אלע יסודות פון דער היינטיקער געזעלשאפט און קודם־כל יענעם פעטיש, פאר וועלכן זי בוקט זיך, — דעם געזעץ.

זיי אנאליזירן די אנטשטייונג פון געזעץ און איבערצייגן זיך, אז אין זיין יסוד ליגן אדער גאט — דאסדאזיקע באשעפעניש פון ווילדנס סטיכישן שרעק, — אדער א בלוטיקער נצחון, וואס איז דערגרייכט געווארן דורך פייער און שווערד. זיי דערלערנען דעם כאראקטער פון געזעץ און איבערצייגן זיך, אז זיין כאראקטעריסטישער שטריך איז — אומבאוועגלעכקייט, אינערציע, און נישט עוואלוציע, בעת די מענטשהייט אנטוויקלט זיך אומאויפהערלעך. זיי באמיען זיך צו דערגיין, דורך וואס ווערט אונטערגעשטיצט דאס געזעץ, און עס שטייען אויף פאר זיי די שרעקן פון חיזאנטיזם, די אכזריותן פון דער אינקוויזיציע, די פאלטערן פון מיטלאלטער, קייטן, די האק פון תליון, די פינצטערע קעלערס פון די תפיסות, ליידן, קרעכצן, געוויין און קולות. אין אונזער צייט איז דאס זעלבע: די האק, די ביקס, דער שטריק און תפיסה. פון איין זייט דער ארעסטירטער, אריינגעזעצט ווי א ווילדע חיה אין אן אייזערנער שטייג, דערפירט ביז דער פולער אויסשעפונג פון די גייסטיקע און מאראלישע כוחות, פון דער צווייטער — דער ריכטער, וואס פארמאגט נישט קיין שום מענטשלעך געפיל, וואס לעבט אין דער וועלט פון יורידישע פיקציעס, וועלכער שיקט מענטשן אויפן עשאפאט מיט קאלטער רויקייט און תאווה פון א משוגענעם, וואס באגרייפט נישט אפילו, ווי טיף ער איז געפאלן.

מיר האבן פאר זיך א גאנצע מחנה געזעצגעבער, וועלכע גיבן

אַרויס געזעצן און גיבן זיך דערביי נישט אָפּ קיין דין וחשבון וועגן דעם, וואָס זיי טוען, וועלכע נעמען אָן אַ געזעץ וועגן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פון די שטעט, נישט האָבנדיק קיין מינדסטן באַגריף וועגן היגיענע, וועלכע גיבן אַרויס באַפעלן וועגן באַוואָפענען דאָס מיליטער, נישט זייענדיק באַקאַנט מיט קיין זיין סיסטעם ביקסן, וועלכע באַהאַנדלען רעפאָרמען וועגן פאָלקס-בילדונג און דערציונג, נישט קענענדיק געבן קיין אָנשטענדיקע דערציונג זייערע אייגענע קינדער. אָבער אַרויסגעבנדיק געזעצן אויף רעכטס און אויף לינקס, פאַרגעסן זיי קיינמאָל נישט צוצוטראַכטן שטראָפן פאַר קבצנים, געוויסע לעזן די פראַגע וועגן תפיסה־שטראָף, וועגן פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע און וועגן פאַרפאָלגן די־יעניקע, וועלכע וואַרפן זיך נישט אונטער זייערע פאָדערונגען. מיר האָבן פאַר זיך אַ תפיסה־שומר, וואָס פאַרלירט אומפאַרמיידלעך יעדעס מענטשלעכע געפיל, אַ זשאַנדאַרם, וואָס איז דרעסירט נישט ערגער פאַר אַ שפּיר־הונט, אַן אַגענט, וואָס קוועלט אָן פון זיינע אויפטועך, מסירות, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס העלדנטאַט, זנות, וואָס איז דערהויבן צו אַ סיסטעם. די עקלהאַפטסטע זייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור, די נידעריקסטע פעלערן ווערן אונטערגעהאַלטן און באַגינסטיקט צוליבן טריומף פון געזעץ.

מיר זעען דאָס אַלץ און אָט דעריבער, אָנשטאָט איבערצוחזרן זינלאָז די אַלטע פאָרמול: „אַכטונג צום געזעץ”, זאָגן מיר — „פאַראַכטונג צום געזעץ און צו אַלע זיינע אַטריבוטן!” די עקלהאַפטע און פחדנותדיקע ווערטער: „אונטערוואַרפן זיך דעם געזעץ”, פאַרבייטן מיר דורך די ווערטער: „נעגירן אַלע געזעצן און אַרויסטרעטן קעגן זיי!”. דערמאַנט זיך נאָר די פאַרברעכנס, וועלכע זענען באַגאַנגען געוואָרן אין נאָמען פון געזעץ, וועגט אָפּ דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, וואָס איז דורך אים בעטון געוואָרן, — און איר וועט דערזעען, אַז מיר זענען גערעכט.

## II.

דאָס געזעץ איז אויפגעקומען לפי־ערך נישט לאַנג צוריק; גאַנצע יאָרהונדערטן האָט די מענטשהייט געלעבט, נישט האָבנדיק קיין שום געזעצן, נישט קיין געשריבענע, נישט אפילו קיין אויסגעקריצטע אויף שטיינער באַם אַריינגאַנג אין די טעמפּלען. אין יענער עפּאָכע פלעגן די באַציִונגען צווישן די מענטשן באַשטימט ווערן דורך מנהגים און געוווינהייטן, וועלכע פלעגן געאַכט ווערן דערפאַר, ווייל מען פלעגט זיי שטרענג אָפּהיטן. יעדער פלעגט פון דער פריסטער קינדהייט זיך איינגעוווינען זיי פאָלגן צוגלייך מיט דער פעיקייט צו דערווערבן פאַר זיך שפּייז דורך יאַכט, פּי־צוכט און ערד־אַרבעט. אַלע מענטשלעכע געזעלשאַפטן זענען דורכגעגאַנגען די דאָזיקע פּרימיטיווע פאַזע. און אויך איצט האָט נישט די גרעסטע טייל מענטשהייט געשריבענע געזעצן. די קליינע שבטים לעבן אויך איצט לויט זיינע מנהגים, זיי האָבן זייער „געוויינלעכע רעכט", ווי עס רעדן די יוריסטן, זייערע סאָציאַלע געוווינהייטן, און דאָס איז אינגאַנצן גענוג כדי אויפצוהאַלטן גוטע באַציִונגען צווישן די מיטגלידער פון די איינצלנע דערפער, שבטים און געמיינדעס. דאָס זעלבע קומט אויך פאָר באַ די קולטורעלע פעלקער; מחוץ די גרויסע שטעט ווערן די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן די איינוווינער באַשטימט נישט דורך געשריבענע געזעצן פון די געזעצגעבער, נאָר לויט די אוראַלטע מנהגים, וועלכע האָבן באַקומען בירגער־רעכט. אין רוסלאַנד, איטאַליע, שפּאַניע און אפילו אין דער גרעסטער טייל פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן נישט די פּויערים קיין שום פאָרשטעלונג נישט וועגן געשריבענעם געזעץ. זיי שטויסן זיך אָן אויף אים בלויז באַ זייערע באַציִונגען מיט דער מלוכה; אָבער אין זייערע קעגנזייטיקע באַציִונגען, אָפטמאָל זייער קאָמפּליצירטע, באַנוצן זיי זיך מיט די אַלטע מנהגים.

* *

*

אויספאָרשנדיק די מנהגים פון די פּרימיטיווע פעלקער, באַמערקן מיר, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון צוויי גרונט-פאַרשידענע שטרעמונגען.

אַ דאַנק דעם, וואָס דער מענטש לעבט אין אַ געזעלשאַפט, אַרבעטן זיך אין אים אָן געפילן און געוווינהייטן, וואָס זענען נויטווענדיק אויף צו דערהאַלטן די געזעלשאַפט און פאַרמערן די ראַסע. אָן סאָציאַלע געפילן, אָן אַ שטרעבונג צו סאָלידאַרישקייט, וואָלט אַ געמיינזאַם לעבן נישט געווען מעגלעך. זיי האָט געשאַפן נישט דאָס געזעץ: זיי האָבן עקזיסטירט פריער פאַר אַלע געזעצן. נישט די רעליגיע האָט זיי פּראָקלאַמירט: זיי האָבן עקזיסטירט פריער ווי אַלע רעליגיעס און זיי טרעפן זיך בײַ אַלע חיות, וועלכע וווינען אין טשערעדעס. דידאָזיקע געפילן און שטרעבונגען אַנטוויקלען זיך פון זיך אַליין, אַ דאַנק דער נויטווענדיקייט, פּונקט ווי יענע געוווינהייטן פון די חיות, וועלכע מען האָט אָנגערופן אינסטינקטן; זיי זענען דער רעזולטאַט פון דער נאַטירלעכער עוואָלוציע און זיי שטיצן אונטער די געזעלשאַפט אין איר קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ. די ווילדע הערן אויף אויפצופרעסן איינע די צווייטע און קומען צום אויספיר, אַז זיי לוינט בעסער זיך באַהעפטן צו אַ וועלכער-נישט-צום קולטור, איידער האַלטן זיך בײַ דער רעכט צו נאַשן איינמאָל אין יאָר מענטשלעך פלייש. צווישן שבטים, וואָס זענען אינגאַנצן אומאָפּהענגיק, וואָס אָנערקענען נישט נישט קיין געזעצן, נישט קיין מאַכט, ווערן אַלץ ווינציקער און ווינציקער די מאָרדן צוליב קליינינקייטן, ווײַל די געוווינהייט צו אַ געמיינזאַם לעבן האָט אין זיי אויסגעאַרבעט געוויסע געפילן פון ברידערלעכקייט און סאָלידאַרישקייט. די גאַסטפרײַנטלעכקייט פון די פּרימיטיווע פעלקער, די אַכטונג צום מענטשלעכן לעבן, דאָס געפיל פון קעגנזײַטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מוטיקייט און מיטגעפיל, וואָס דערגייען ביז זעלבסטאָפּפערונג, — דידאָזיקע אַלע אייגנשאַפטן אַנטוויקלען זיך בײַם מענטש נישט געקוקט אויף די געזעצן, אומאָפּהענגיק פון דער רעליגיע, ווי בײַ אַלע געזעלשאַפטלעכע חיות. דידאָזיקע געפילן און געוווינהייטן זענען דעם מענטש נישט אייגן (ווי דאָס פאַרזיכערן די גייסטלעכע און מעטאַפיזיקער), נאָר זענען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון לעבן אין געמיינשאַפט.

* *

*

אָבער באַגלייך מיט דידאָזיקע מנהגים, אָן וועלכע עס איז אוממעגלעך דאָס לעבן פון די געזעלשאַפטן און די דערהאַלטונג פון דער ראַסע, קומען אויך אין מענטשלעכע אַסאָציאַציעס אויך אַנדערע שטרעבונגען, ליידנשאַפטן און פאַרלאַנגען, און במילא אויך אַנדערע מנהגים. די שטרעבונג צו הערשן איבער די מיטמענטשן און אַרויפצוצווינגען אויף זיי זייערע פאַרלאַנגען, די שטרעבונג צו פאַרכאַפּן די אַרבעטס־פּראָדוקטן פון די שכנישע שבטים, די שטרעבונג צו פאַרשקלאַפן מענטשן, צווינגען זיי צו אַרבעטן און פּראָדוצירן אַלדאָס נויטווענדיקע, כדי אַליין זיך אָפּגעבן מיט תּענוגים און ליידיקגיין, — אָט וואָס עס רופט אַרויס צום לעבן די צווייטע עגאָיסטישע שטרעמונג, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אונזערע זיטן און מנהגים. דער גייסטלעכער, — דערדאָזיקער שאַרלאַטאַן, וועלכער עקספּלואַטירט די עם־הארצות פון פאָלק און אַליין באַפרייט פון דער אַבערגלויבערישער שרעק פאַרן טייוול, באַמיט ער זיך איינצורעדן זי אַנדערע, און דער מיליטער־מאַן — דערדאָזיקער מוטיקער, וועלכער העצט אַנדערע אויף אָנצופאַלן און צו רויבן, כדי אַליין צו פאַרכאַפּן וואָס מער רויב און קנעכט, האָבן אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כּוחות, כדי אונטערצוואַרפן אונטער זייער הערשאַפט די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן און פאַרשפּרייטן די־יעניקע מנהגים, וועלכע האָבן געדאַרפט זיכערן זייער הערשאַפט איבער די מאַסן. אויסנוצנדיק די זאָרגלאָזיקייט, די קליינמוטיקייט, די שרעק און אינערטישקייט פון המון, האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַרפעסטיקן יענע מנהגים, וועלכע דינען אויך היינט אַלס אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זייער הערשאַפט.

צום דאָזיקן ציל האָבן זיי מיט אַ באַזונדערער התמדה עקספּלואַטירט דעם גייסט פון רוטינע, וואָס איז אייגן דעם מענטש און וואָס נעמט אָן אַ דערשטוינלעכע אַנטוויקלונג באַ קינדער, ווילדע פעלקער און חיות. אַ מענטש, וואָס איז אָנגעשטעקט מיט אַבערגלויבן, האָט מורא פאַר אַלע בייעסן און בוקט זיך פאַר אַלץ וואָס אַלט. „אונזערע טאַטעס האָבן זיך געהאַלטן באַ די און די קוקן, זיי האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן, אונז דערצויגן און געווען מער אָדער ווייניקער גליקלעך ; גייט אין זייערע

דרכים ז׳" — זאָגן די אַלטע צו די יונגע, ווען דידאָזיקע לעצטע שטרעבן איינצופירן עפּעס נייעס. דאָס אומבּאַקאַנטע שרעקט זיי; זיי קלאַמערן זיך אין דעם פאַרגאַנגענעם אויב דידאָזיקע פאַרגאַנגענהייט פאַרמאָגט אפילו נישט מער ווי אָרימקייט, אונטערדריקונג און קנעכטשאַפט. מען דאַרף באַמערקן, אַז וואָס דער מענטש איז אומגליקלעכער, אַלץ מער האָט ער מורא צו ענדערן זיין לאַגע צוליב דער מורא צו ווערן נאָך אומגליקלעכער. אַ שטראַל פון האָפנונג און אַ שאָטן פון ווילשטאַנד מוזן פריער באַזוכן זיין אָרים שטיבל, כדי ער זאָל נעמען שטרעבן צו בעסערס, קריטיקירן זיין פריערדיק לעבן און רייסן זיך צו ענדערונגען. כל-זמן די האָפנונג וועט נישט געבוירן ווערן אין זיין נשמה, כל-זמן ער וועט זיך נישט באַפרייען פון דער אפּוטרופּסות פון יענע, וועלכע עקספּלואַטירן געשיקט זיין אַבערגלויבן און מורא, ביז דאַן וויל ער בעסער נישט ענדערן זיין לאַגע. ווי נאָר די יוגנט באַמיט זיך אַריינצופירן געוויסע ענדערונגען, שלאָגן די אַלטע אַלאַרם און טרעטן אַרויס קעגן די נאָוואַטאָרן. יעדער ווילדער וועט ליבער אויסוויילן דעם טויט, איידער עובר זיין אויף די מנהגים פון זיין לאַנד, ווייל פון סאַמע קינדווייז האָט מען אים איינגערעדט, אַז די קלענסטע אָפּווייכונג פון די פעסטגעשטעלטע מנהגים וועט אים ברענגען אומגליק און וועט ווערן די סיבה פון אונטערגאַנג פאַר זיין גאַנצן שטאַם. און אויך אין אונזער צייט פאַלן אונטער דערדאָזיקער מורא אַ מאַסע פּאָליטישע טוער, עקאָנאָמיסטן און, כלומרשט רעוואָלוציאָנערן, און קלאַמערן זיך אין אָוועקגייענדיקן עבר. וויפיל היציקע נאָוואַטאָרן זוכן פּרעצעדענטן און שטרעבן בלינד אָפּצוקאָפּירן די פריערדיקע רעוואָלוציעס.

דערדאָזיקער גייסט פון רוטינע, וואָס ווערט געבוירן דורך אַבערגלויבן, קליינמוטיקייט און פּחדנות איז אין אַלע צייטן געווען אַ מעכטיקער געווער אין די הענט פון די אונטערדריקער; אין די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן האָבן אים די גייסטלעכע און מיליטער-הויפּטן געשיקט עקספּלואַטירט, באַמיענדיק זיך צו פאַראייביקן יענע מנהגים, וועלכע האָבן זיי געקאָנט זיכערן די מאַכט איבער די שבטים.

* *

*

כל־זמן די הויפּטן האָבן געקאָנט האַלטן אין זייערע הענט די־
מאַכט איבערן פאָלק, געשיקט עקספּלואַטירנדיק זיין קאָנסערוואַטיוון
גייסט; כל־זמן די נאַטירלעכע אומגלייכקייט צווישן די מענטשן האָבן
זיך נישט פאַרגרעסערט אויף צען און אפילו אויף הונדערט מאָל אַ
דאַנק דער קאָנצענטראַציע פון מאַכט און קאַפּיטאַל — איז נישט נייטיק
געווען קיין געזעץ, און געריכטן מיט שטראָפן, וועלכע האַלטן אים
אויף.

ווען די געזעלשאַפט האָט זיך אָבער צעטיילט אויף צוויי פיינט־
לעכע קלאַסן, פון וועלכע איינער האָט געוואָלט איינשטעלן זיין הער־
שאַפט, דער צווייטער האָט געשטרעבט אויסצומיידן זיין יאָך, האָט זיך
צווישן זיי אַנטוויקלט אַ קאַמף. אין אונזער צייט באַמיט זיך דער זיגער
צו פאַרפעסטיקן אַ געשעענעם פאַקט, שטעלן אים אויסער יעדן ספק,
מאַכן אים הייליק און פאַרערט, באַנוצנדיק צום דאָזיקן צוועק אַלץ, וואָס
איז הייליק פאַר די באַזיגטע.

דאָס געזעץ באַווייזט זיך אויף דער סצענע; עס ווערט סאַנקציאָ־
נירט דורכן גייסטלעכן, און דער מיליטער־מאַן שטעלט אין זיין רשות
זיין שווערד. דאָס געזעץ שטרעבט איינצופונדעווען די מנהגים, וואָס
זענען גוט פאַר דער הערשנדיקער מינדערהייט, און די מיליטערישע
קראַפט נעמט אויף זיך די פליכט אונטערצוהאַלטן אַ פולשטענדיקע גע־
האָרכזאַמקייט דעם געזעץ. דידאָזיקע נייע פונקציע ווערט אין די הענט
פון די מיליטער־לייט אַ ניי געווער אויף צו פאַרפעסטיקן זייער מאַכט;
זיי זענען שוין נישט קיין גראָבע מיליטערישע מאַכט: זיי באַשיצן דאָס
געזעץ.

ווען דאָס געזעץ וואָלט אָבער פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זאַמלונג
פאַרשריפטן, וואָס זענען גוט בלויז פאַר די הערשנדיקע קלאַסן, וואָלט
עס נישט אָקצעפּטירט געוואָרן, און קיינער וואָלט זיך אים נישט אונטער־
געוואָרפן. דעריבער האָבן די געזעצגעבער געלייגט אין יסוד פון זייער
קאָדעקס די ביידע שטרעמונגען פון די מנהגים, וועגן וועלכע מיר האָבן
גערעדט: די פּרינציפּן פון מאָראַל און סאָלידאַרישקייט, וועלכע זענען
אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם געמיינזאַמען לעבן, און די פּרינציפּן,

האָט סאַנקציאָנירן די אומגלייכהייט. די מנהגים, וואָס זענען נויטווענדיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט, זענען געשיקט דורכגעפלאָכטן אין דאָזיקן קאָדעקס מיט די פּרינציפּן, וואָס זענען גוט פאַר די הערשנ־דיקע קלאַסן און פאָדערן צו זיך די זעלבע אַכטונג מצד דעם פאָלק. — „זאָלסט נישט טויטן!" זאָגט דער קאָדעקס און „צאָל דעם גייסטלעכן", גיט ער גלייך צו. — „זאָלסט נישט גנבענען", — זאָגט דער קאָדעקס און גלייך נאָכדעם: „אויב דו וועסט נישט צאָלן דעם שטייער, וועט מען דיר אָפּשניידן די האַנט".

אָט דאָס איז דאָס געזעץ; זיין צווייזייטיקן כאַראַקטער האָט ער אויפגעהיט ביז אויף היינטיקן טאָג. זיין אָפּשטאַמונג איז די שטרעבונג פון די הערשנדיקע קלאַסן צו פאַראייביקן די מנהגים, וועלכע זענען קינסטלעך אָנגעוואָרפן דעם פאָלק פאַר זייער טובה וועגן. זיין כאַראַקטער איז די געשיקטע פאַרפלעכטונג פון נוציקע מנהגים פאַר דער געזעלשאַפט — מנהגים, וועלכע נייטיקן זיך נישט אין קיין געזעצן, כדי מען זאָל זיי אָפּהיטן, — מיט מנהגים, וועלכע גיבן אַלע פּריווילעגיעס די הערשנדיקע קלאַסן, זענען שעדלעך פאַר די מאַסן און ווערן אויסגעפירט בלויז אונ־טער דער מורא פון שטראָף.

דאָס געזעץ, פּונקט ווי דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל — דידאָזיקע פּרוכט פון שווינדל און געוואַלט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער שוץ פון דער מאַכט, — האָט נישט קיין רעכט אויף אַכטונג. געבוירן דורך געוואַלט און אַבערגלויבן, געשאַפן צוליב די אינטערעסן פון גייסטלעכן, זיגער און רייכן עקספּלואַטאַטאָר, דאַרף דאָס געזעץ פאַרניכטעט ווערן אין יענעם טאָג, ווען דאָס פאָלק וועט וועלן צערייסן זיינע קייטן.

מיר וועלן זיך אין דעם איבערצייגן, ווען מיר וועלן אין ווייטער־דיקן קאַפּיטל שטודירן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון געזעץ אונטער דער שוץ פון רעליגיע, מאַכט און דעם מאָדערנעם פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים.

# III.

מיר האָבן געזעען, אַז דאָס געזעץ שטאַמט אָפּ פון איינגעפונדע־ווטע מנהגים און געוווינהייטן, און אַז עס שטעלט פאָר מיט זיך פון אָנ־הייב אָן אַ געשיקטע פאַרפלעכטונג פון געזעלשאַפטלעכע מנהגים, וועלכע זענען נייטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מענטשלעכער ראַסע, מיט אַנ־דערע מנהגים, וועלכע זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן דורך די־יעניקע, וועל־כע עקספּלואַטירן פאַר זייער נוצן וועגן די פאָלקס־אַבערגלויבנס און רעכט פון שטאַרקן. דערדאָזיקער טאָפּלטער כאַראַקטער פון געזעץ באַ־שטימט זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג באַ די קולטור־פעלקער. אָבער אין דער צייט, וואָס דער מהות פון די געזעלשאַפטלעכע מנהגים, די פאַר־שריבענע אין די געזעצן, מאַכט דורך אין משך פון די יאָרהונדערטער אַ פּאַמעלעכע און אומבאַדייטנדיקע פאַרענדערונג, — אַנטוויקלט זיך די צווייטע טייל מנהגים זייער שנעל לטובת די הערשנדיקע און לרעה פון אונטערדריקטע קלאַסן.

בלויז פון צייט־צו־צייט גיט זיך איין אַרויסצורייסן באַ די הערשנ־דיקע קלאַסן אַ וואַסער נישט איז געזעץ, וועלכעס גיט, אָדער ריכטיקער, דאַרף געבן אַ געוויסע גאַראַנטיע פאַר די פאַרטיילטע. אָבער דאָסדאָזי־קע געזעץ טוט תמיד בלויז איינס: עס אַנולירט אַ פריערדיק געזעץ, וועלכעס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויסשליסלעך אין די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן. „די בעסטע געזעצן, זאָגט באָקל, זענען געווען די־יעניקע, וועלכע האָבן לגמרי אַנולירט די פריערדיקע געזעצן". אָבער וויפיל אוממענטשלעכע אָנשטרענגונגען, וויפיל שטראָמען בלוט האָט גע־קאָסט דאָס פאַרניכטן יעדן איינעם פון יענע אינסטיטוטן, מיט דער הילף פון וועלכע די הערשנדיקע קלאַסן האַלטן דאָס פאָלק אין אייזערנע קייטן! כדי צו פאַרניכטן די לעצטע רעשטלעך פון דער קנעכטשאַפט און פון די פעאָדאַלע רעכט, כדי צו ברעכן די קראַפט פון דער קעניג־לעכער קאַמאַריליע, האָט פראַנקרייך געדאַרפט איבערלעבן פיר יאָר אומאויפהערלעכע רעוואָלוציע און צוואַנציק יאָר מלחמות. כדי צו אַנולירן דעם נישטיקסטן פון די אומגערעכטסטע געזעצן, וועלכע זענען אונז

איבערגעגעבן געוואָרן בירושה דורכן עבר, זענען נייטיק צענדליקער יאָרן פון פאַרביטערטן קאַמף; און דידאָזיקע געזעצן פאַרשווינדן בלויז אין עפּאָכעס פון רעוואָלוציעס.

*    *

*

די סאָציאַליסטן האָבן אונז שוין מערערע מאָל קלאָר געמאַכט, וואָס איז דער גענעזיס פון קאַפּיטאַל און זערוויזן, אַז ער איז די פּרוכט פון מלחמות, רויבעריי, קנעכטשאַפט, לייב-אייגנטום, שווינדל און הייגט-צייטיקע עקספּלואַטאַציע. זיי האָבן דערוויזן, ווי אַזוי ער איז אויסגע-האָדעוועט געוואָרן מיטן בלוט פון פאָלק, און ווי אַזוי ער האָט ביסלעכ-ווייז דעראָבערט די גאַנצע וועלט. איצט דאַרפן זיי אונז געבן די געשיכטע פון דער גענעזיס און אַנטוויקלונג פון געזעץ.

דער פאָלקס-געדאַנק האָט שוין אויך דאָ, ווי תמיד, איבערגעיאָגט די קאַבינעט-געלערנטע; ער האָט געשאַפן די פילאָזאָפיע פון דערדאָ-זיקער געשיכטע און אוועקגעשטעלט אירע ערשטע וועג-צייכנס.

צוגעטראַכט, כדי אָפּצוהיטן די פּרוכט פון רויבעריי, פאַרכאַפּונג און עקספּלואַטאַציע, האָט דאָס געזעץ דורכגעמאַכט די זעלבע אַנטוויקלונגס-פאַזעס, ווי דער קאַפּיטאַל. דערדאָזיקער צווילינג איז געגאַנגען האַנט אין האַנט, דערנערנדיק זיך מיט די ליידן און דער אָרימקייט פון דער מענטשהייט. זייער געשיכטע איז כמעט די זעלבע אין אַלע אייראָפּעישע לענדער. ס'איז גענוג צו וואַרפן אַן אויבנאויפיקן בליק אויף דער אַנט-וויקלונג פון געזעץ אין פראַנקרייך אָדער דייטשלאַנד, כדי צו באַקענען זיך אין אַלגעמיינע שטריכן מיט די פאַזעס פון זיין אַנטוויקלונג כמעט אין אַלע אייראָפּעישע לענדער.

צוערשט איז דאָס געזעץ געווען אַן אָפּמאַך אָדער אַ נאַציאָנאַלער קאָנטראַקט. אויפן מאַרס פעלד האָבן די אַרמיי און דאָס פאָלק אָנגענו-מען דעמדאָזיקן קאָנטראַקט; דאָס מאַי-פעלד פון די שווייצאַרישע פּרי-מיטיווע געמיינדעס איז אַ דענקמאָל פון יענער עפּאָכע, נישט געקוקט אויף די ענדערונגען, וועלכע עס האָט דורכגעמאַכט אַ דאַנק דעם אריינ-מישן זיך פון דער בורזשואַזער און צענטראַליזירנדיקער ציוויליזאַציע. געוויס, דערדאָזיקער קאָנטראַקט איז נישט תמיד געווען אַ פרייוויליקער הסכם; דער רייכער און שטאַרקער האָבן שוין אין יענער עפּאָכע גע-

שטרעבט אַרויפצוצווינגען אויף אַלץ זייער מאַכט. דאַן אָבער פלעגן זייערע דעראָבערישע פרווון אָנטרעפן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די פאָלקסמאַסן, וועלכע דערמאַנען זיי אָן אויפהער וועגן זייער קראַפט.

אין דער מאָס, וואָס די קירכע און דער סעניאָרהאָבן פאַרשקלאַפט דאָס פאָלק, האָט זיך די רעכט אַרויסצוגעבן געזעצן אַרויסגעגליטשט פון די הענט פון דער גאַנצער נאַציע און איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די פּריווילעגירטע. די קירכע האָט פאַרברייטערט אירע רעכט; אונטערשטיצט דורך די הערשער, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן אין אירע פייער-פעסטע קופערטס, איז זי אַלץ מער און מער אַריינגעדרונגען אין פּריוואַטן לעבן און אונטערן אויסרייד פון ראַטעווען די נשמות, האָט זי געלייגט אירע הענט אויף דער פּראַצע פון די קנעכט; זי האָט גענומען שטייערן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און פאַרברייטערט איר יוריסדיקציע; זי האָט פאַרגרעסערט די צאָל פאַרברעכנס און שטראָפן און זיך באַרייכערט אויפן חשבון פון די באַגאַנגענע פאַרברעכנס, ווייל אַלע שטראָפן זענען געפלאָסן אין אירע קופערטס. די געזעצן האָבן זיך אויפגעהערט צו רעכענען מיט נאַציאָנאַלע אינטערעסן: „ס'האָט זיך געדאַכט, זיי ווערן אַרויסגעגעבן דורך אַ פאַרזאַמלונג פון רעליגיעזע פאַנאַטיקער, און נישט פון קיין געזעצגעבער", באַמערקט איינער אַ ספּעציאַליסט פון דער געשיכטע פון פראַנצויזישע רעכט.

אין דער זעלבער צייט האָט דער סעניאָר פאַרברייטערט זיינע רעכט און פאַרשפּרייט זיין מאַכט אויף די פּויערים און שטאָטישע באַלמעלאָכעס; ער איז געוואָרן אַ ריכטער און געזעצגעבער. אין X יאָרהונדערט האָבן אַלס איינציקע מקורים פון עפנטלעכער רעכט געדינט טראַקטאָרן, וואָס באַשטימען די פאַרשידענע אָפּצאָלן פון די קנעכט און פון סעניאָרס וואַסאַלן. די געזעצגעבער פון יענער עפּאָכע — דאָס זענען אַ באַנדע רויבער, וועלכע פלעגן זיך אָרגאַניזירן, כדי צו באַרויבן און אונטערדריקן דאָס פאָלק, וועלכעס איז געוואָרן אַלץ פרידלעכער און פרידלעכער, וואָס מער עס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ערד-אַרבעט. זיי האָבן עקספּלואַטירט פאַר זייער טובה וועגן דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס איז אייגן אַלע פעלקער; זיי האָבן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט די גערעכטס-מאַכט, זיי האָבן פאַרוואַנדלט דאָס דורכפירן די גערעכטיקייטס-פּרינציפּן אין אַ הכנסה-קוואַל און זיי פלעגן אַרויסגעבן געזעצן, וואָס האָבן געדאַרפט דינען אַלס שטיצע פאַר זייער הערשאַפט.

דידאַזיקע געזעצן, צונויפגעקליבענע און קלאַסיפיצירטע דורך די

רעכט-געלערנטע, האָבן טאַקע געדינט אַלס יסוד פון אונזערע היינטיקע קאָדעקסן. און מען לייגט אונז נאָך פאָר צו אַכטן דידאָזיקע קאָדעקסן — דידאָזיקע ירושה פון גייסטלעכן און באַראָן?

* *

*

דער ערשטער רעוואָלוציע, דער רעוואָלוציע פון די קאָמונעס, איז געלונגען צו פאַרניכטן בלויז אַ טייל פון דידאָזיקע געזעצן. די כאַרטיעס פון די באַפרייטע קאָמונעס זענען מערסטנטייל געווען אַ קאָמפראָמיס צווישן דער סעניאָראַל'ער און עפיסקאָפאַלער געזעצגעבונג און די נייע באַציונגען, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין די טיפענישן פון דער קאָמונע גופא. אָבער סאַראַ אונטערשיד עס איז דאָ צווישן יענע געזעצן און אונזערע היינטיקע געזעצן! די קאָמונע האָט זיך נישט דערלויבט צו זעצן אין תפיסות און שיקן צו דער גיליאָטינע אירע בירגער צוליב דער מלוכה; זי האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס זי פלעגט פאַרטרייבן די אַלע, וועלכע פלעגן זיך פאַרבינדן מיט די פיינט פון דער קאָמונע. מערסטנטיילס פלעגט זי פאַר די אַזויגערופענע „פאַרברעכנס" אַרויפלייגן שטראָפן; אין די קאָמונעס פון XII יאָרהונדערט האָט מען זיך געהאַלטן פאַר יענעם נאַטירלעכן און איצט פאַרגעסענעם פרינציפ, אַז די גאַנצע קאָמונע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פאַרברעכנס פון יעדן פון אירע מיטגלידער. די געזעלשאַפט פון יענער צייט האָט געקוקט אויף אַ פאַרברעכן, ווי אויף אַ צופעליקייט אָדער אומגליק — אַזוי איז ביז אויף היינטיקן טאָג דער קוק פון אַ רוסישן פויער, — זי האָט נישט אָנערקענט קיין פערזענלעכע נקמה, וועלכע ווערט געפרעדיקט דורך דער ביבל, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די שולד פאַר יעדן פאַרברעכן פאַלט אינגאַנצן אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט. עס איז נייטיק געווען די גאַנצע מעכטיקע השפעה פון דער ביזאַנטינישער קירכע, וועלכע האָט אַריבערגעטראָגן אויפן מערב די ראַפינירטע אכזריות פון די מזרח-דעספאָטן, כדי אַריינצוברענגען אין די מנהגים פון די גאַלן און דייטשן טויט-שטראָף און פייניקונגען; עס איז נייטיק געווען די גאַנצע השפעה פון רוימישן בירנערלעכן קאָדעקס, דעמדאָזיקן צעפאַלונגס-פראָדוקט פון אימפעראַטאָרישן רוים, כדי אַריינצופירן די יסודות פון אומבאַגרענעצטן ערד-אייגנטום און פאַרניכטן די קאָמוניסטישע מנהגים פון די פרימיטיווע פעלקער.

מיר ווייסן, אַז די פרייע קאָמונעס האָבן געמוזט אומקומען: זיי זענען געוואָרן דאָס רויב פון דער קעניגלעכער מאַכט. אין דער מאָס, וואָס די קעניגלעכע מאַכט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן איז די געזעצגעבעריש מאַכט קאָנצענטרירט געוואָרן אין די הענט פון אַ הייפל הויפלייט. מען פלעגט זיך ווענדן צום פאָלק בלויז כדי צו סאַנקציאָנירן די שטייערן, וועלכע דער קעניג פלעגט באַשטימען. די פּאַרלאַמענטן, וועלכע פלעגן אין משך פון צוויי יאָרהונדערטן צונויפגערופן ווערן לויטן קאַפּריז פון הויף, „פון עקסטרעגע ראַטן", „זיצונגען פון נאָטאַבלען", ווי די מיניסטאָרן פלעגן קוים אויסהערן די „אָנקלאַגעס" פון די קעניגלעכע אונטערטאַנען, — אָט דאָס זענען געווען זייערע געזעצגעבערישע אָרגאַנען. שפּעטער, ווען די גאַנצע מאַכט האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון איין פּערזאָן, וואָס האָט דערקלערט „איך בין די מלוכה", — פלעגן אין די „געהיימע ווינקלען פון קעניגלעכן ראַט", אָפּהענגיק פון דער מאָמענט-פאַנטאַזיע פון אַ מיניסטער אָדער אַ קעניג אַ בעל-גאווה, פאַבריצירט ווערן פאַרשידענע דעקרעטן, וועלכע אַלע אונטערטאַנען האָבן געמוזט פאָלגן אונטער דער דראָאונג פון טויט-שטראָף. די געריכטס-גאַראַנטיעס זענען פאַרניכטעט געוואָרן, דאָס פאָלק איז געוואָרן אַ קנעכט פון דער קעניגלעכער מאַכט און פון אַ הייפל הויפלייט; מען האָט אָנגעווענדט די שרעקלעכסטע שטראָפן: פערטלען, שייטערהויפנס און אַלערליי פּייניקונגען, — אַ פּראָדוקט פון דער קראַנקער פאַנטאַזיע פון די מאָנאַכן און ווילד-משוגענע, וועלכע האָבן געפונען פאַרגעניגן אין די ליידן פון זייערע קרבנות, — אָט וואָס עס איז אויפגעקומען אין יענער עפּאָכע.

* *

*

די גרויסע רעוואָלוציע האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער פאַרניכטונג פון די געזעצן, וועלכע עס האָבן אונז איבערגעלאָזט בירושה דער פעאָדאַליזם און די קעניגלעכע מאַכט. צעשטערנדיק אייניקע טיילן פון אַלטן בנין, האָט די רעוואָלוציע איבערגעגעבן די געזעצגעבערישע רעכט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט אויך פון איר זייט געגומען אויפבויען אַ נייע געביידע פון געזעצן, וואָס זענען באַשטימט געווען צו ווערן דער יסוד און די שטיצע פון איר הערשאַפט איבער די מאַסן. אין אירע פּאַרלאַמענטן גיט די בורזשואַזיע אַרויס אַן

אומגעהייערע צאָל געזעצן, און בערג פּאַפּיר קלויבן זיך צו מיט אַן אומ־געוויינלעכער שנעלקייט. אָבער וואָס, אייגנטלעך, שטעלן פאָר מיט זיך דידאָזיקע געזעצן?

זייער גרעסטע טייל האָט דעם ציל צו שיצן דאָס פּריוואַט־אייגנטום, ד. ה. דאָס אָנזאַמלען רייכטימער דורך עקספּלואַטירן דעם ברודער; זיי שטרעבן אויפצועפענען פאַרן קאַפּיטאַל אַ ניי פעלד פאַר עקספּלואַטאַציע, צו סאַנקציאָנירן נייע פאָרמען, וועלכע די עקספּלואַטאַציע נעמט אָן אין דער מאָס, אין וועלכער דער קאַפּיטאַל פאַרכאַפּט אַלץ נייע און נייע געביטן פון מענטשלעכן לעבן: אייזנבאַנען, טעלעגראַף, עלעקטרישע באַלייכטונג, שווער־אינדוסטרי, ליטעראַטור, וויסנשאַפט און אַז. וו. די איבעריקע געזעצן פאַרפאָלגן דעם זעלבן ציל; זיי שטיצן אונטער די רעגירונגס־מאַשין, וועלכע גאַראַנטירט דעם קאַפּיטאַל די עקספּלואַטאַציע און די מעגלעכקייט צו פאַרכאַפּן אַלע רייכטימער. די געריכטס־מאַכט, די פּאָליציי, די אַרמיי, די פאָלקס־בילדונג, די פינאַנסן — אַלץ דינט איין־און־דעמזעלבן גאָט: דעם קאַפּיטאַל, אַלץ שטרעבט צו פאַרלייכטערן די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער דורכן קאַפּיטאַליסט. אַנאַליזירט די געזעצן, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר די לעצטע אַכציק יאָר, — און איר וועט זיך איבערצייגן אין דעם. די באַשיצער פון געזעץ זאָגן, אַז זיין מיסיע באַשטייט אין באַשיצן די רעכט פון איינצלנע פערזאָנען, אָבער אינדעראמתן פאַרנעמט דידאָזיקע באַשיצונג אין אונזער געזעצגעבונג דאָס לעצטע אָרט; אין אונזער געזעלשאַפט פאַרקלענערן זיך קענטיק די צאָל אָנפאַלן אויף איינצלנע פערזאָנען צוליב פערזענלעכער נקמה אָדער אכזריות. איצט דערמאָרדעט מען מערסטנטיילס צוליב רויב, און נישט צוליב פערזענלעכער נקמה, און אויב די צאָל ענלעכע פאַרברעכנס ווערט קלענער מיט יעדן טאָג, דאַרפן מיר דערפאַר דאַנקבאַר זיין נישט דער געזעצגעבונג, נאָר דער הומאַניטאַרער אַנטוויקלונג פון אונזער געזעלשאַפט און אירע סאָציאַלע געוווינהייטן. זאָל מען מאָרגן נאָך פאַרניכטן אַלע געזעצן, וועלכע באַשיצן די רעכט פון די איינצלנע פערזאָנען, זאָל מען אויפהערן פאַרפאָלגן פאַר ענלעכע פאַרברעכנס, און די צאָל אָנפאַלן, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון פערזענלעכער נקמה אָדער אכזריות, וועט לחלוטין נישט גרעסער ווערן.

* *

*

מען וועט אונז אפשר דערווידערן, אַז פאַר די לעצטע פופציק יאָר איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גענוגנדיקע צאָל ליבעראַלע געזעצן. ס'איז אָבער גענוג אַריינצודרינגען אין תוך פון דידאָזיקע געזעצן כדי מיר זאָלן פאַרשטיין, אַז זיי שאַפן בלויז אָפּ די געזעצן, וועלכע זענען צו אונז איבערגעגאַנגען פון דעם באַרבאַריער פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער. אַלע ליבעראַלע געזעצן, אַלע ראַדיקאַלע פּראָגראַמען קאָנען אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער: פאַרניכטן די געזעצן, וואָס זענען געוואָרן אַ שטער אפילו פאַר דער בורזשואַזיע אַליין אויך, און זיך אומקערן צו דער פרייהייט פון די קאָמונעס אין XII יאָרהונדערט, וואָס איז פאַרשפּרייט אויף אַלע בירגער. דאָס אָפּשאַפן טויט-שטראָף, אַ געריכט פון געשווירענע פאַר אַלע „פאַרברעכנס" (אַ געריכט פון געשווירענע, אַ ליבעראַלערס פאַרן היינטיקן, האָט עקזיסטירט אין XII יאָרהונדערט), אַ געוויילטער מאַגיסטראַט, דאָס רעכט איבערצוגעבן צום געריכט באַאַמטע, דאָס אָפּשאַפן די שטענדיקע אַרמיי, פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פרייע בילדונג, מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס מען שרייבט צו דעם היינטיקן ליבעראַליזם, איז אַן אומקער צו דער פרייהייט, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז דאַן, כל-זמן די קירכע און דער קעניג האָבן נישט אַרויפגעלייגט זייערע קייטן אויף דער מענטשהייט.

* *

*

דאָס פּראָטעזשירן די עקספּלואַטאַציע, — דירעקט דורך אַרויסגעבן געזעצן וועגן אייגנטום-רעכט און אומדירעקט אין אונטערשטיצן די מלוכה, אָט אין דעם איז דער מהות פון די היינטיקע קאָדעקסן, אָט דאָס איז די עיקרדיקע זאָרג פון די טייער-באַצאָלטע שפּיצלעך פון אונזער געזעצגעבונג. אָבער ס'איז שוין צייט זיך אָפּגעבן אַ דין-וחשבון וועגן דעם, וואָס עס שטעלן פאָר מיט זיך אין דער ווירקלעכקייט די געזעצן. די געזעצן, וועלכע זענען צוערשט אַ זאַמלונג מנהגים, וואָס זענען נויטווענדיק כדי אָפּצוהיטן די געזעלשאַפט, — זענען איצט געוואָרן אויסשליסלעך אַ

געצייג אויף אונטערצוהאַלטן די עקספּלואַטאַציע און די הערשאַפט פון לײדיקגײיערישע גבירים איבער די אַרבעטנדיקע מאַסן. די קולטורעלע מיסיע פון מערב איז איצט גלייך נול, איר איינציקע באַשטימונג איז — אונטערשטיצן די עקספּלואַטאַציע.

אָט וואָס עס זאָגט אונז די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון געזעץ. צי דען דאַרפן מיר זיך בוקן פאַרן בלויזן נאָמען פון געזעץ! געוויס נישט! עס האָט נישט קיין רעכט אויף אונזער אַכטונג, פּונקט אַזוי ווינציק, ווי דער קאַפּיטאַל, דערדאָזיקער פּראָדוקט פון רויבעריי. די רעוואָלוציאָנערן פון XIX יאָרהונדערט וועלן ראשית כל דאַרפן איבערגעבן דעם אויטאָ-דאַ-פע אַלע עקזיסטירנדיקע געזעצן, ווי זיי וועלן דאָס טון מיט די דאָקומענטן אויף אייגנטום.

# IV.

שטודירנדיק די מיליאָנען געזעצן, וועלכע לאָסטן איבער דער מענטשהייט, זעען מיר, אַז זיי קאָנען געטיילט ווערן אויף דריי עיקרדיקע קאַטעגאָריעס: שוץ פון אייגנטום, שוץ פון דער רעגירונג, שוץ פון איינצלנע פּערזאָנען. אַנאַליזירנדיק דידאָזיקע דריי קאַטעגאָריעס, קומען מיר צום פאָלגנדיקן לאָגישן און נויטווענדיקן אויספיר: **דאָס געזעץ איז פרוכטלאָז און שעדלעך.**

וואָס שייך דער שוץ פון אייגנטום, ווייסן די סאָציאַליסטן זייער גוט איר ווערט. די געזעצן וועגן אייגנטום-רעכט גאַראַנטירן נישט נישט די איינצלנע פּערזאָנען, נישט דער געזעלשאַפט דאָס געניסן די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט. פאַרקערט, זיי נעמען צו באַם פּראָדוצירער אַ טייל פון זיין פּראָדוקציע און גיבן אָפּ צו געוויסע פּריווילעגירטע יענע טייל פּראָדוקטן, וועלכע דידאָזיקע אויסדערוויילטע האָבן צוגערויבט באַ די פּראָדוצענטן אָדער באַ דער געזעלשאַפט. ווען דאָס געזעץ שטעלט פעסט די רעכט פון אַ באַשטימטער פּערזאָן אויף אַ וואָסער נישט איז שטוב, שטעלט ער פעסט זיין רעכט נישט אויף קיין כאַטקע, וועלכע ער אַליין האָט אויסגעבויט, און נישט אויף אַ הויז, וועלכעס ער האָט אויפגעשטעלט מיט דער הילף פון עטלעכע פריינט, — קיינער וואָלט גאַרנישט אָפּגעפרעגט באַ אים זיין דאָזיקע רעכט. דאָס געזעץ שטעלט פעסט די רעכט

פון דערדאָזיקער פּערזאָן אויף אַ הויז, וועלכעס איז נישט קיין פּראָדוקט פון זיין אַרבעט, ערשטנס דערפאַר, ווייל עס האָבן אים געבויט די־יעניקע, וועלכע ער האָט נישט באַצאָלט די גאַנצע ווערט פון זייער אַרבעט, און צווייטנס דערפאַר, וואָס דאָס הויז שטעלט פאָר מיט זיך אַ געזעלשאַפטלעכע ווערט, וועלכע ער וואָלט נישט געקאָנט שאַפן אַליין ; דאָס געזעץ שטעלט פעסט די רעכט פון דערדאָזיקער פּערזאָן אויף אַ טייל געזעלשאַפטלעך פאַרמעגן, וואָס געהערט אַ ל ע מ ע ן און קיינעם נישט באַזונדער. די ווערט פון הויז הענגט פולקאָם אָפּ דערפון צי עס איז פאַרוואָרפן ערגעץ־ווו אין סיביר אָדער עס געפינט זיך אין צענטר פון אַ גרויסער שטאָט ; דאָ האָט עס באַקומען אַ ווערט אַ דאַנק דער פּראַצע פון עטלעכע צענדליק דורות, וועלכע האָבן געגרינדעט דידאָזיקע שטאָט, זי באַצירט, באַזאָרגט מיט וואַסער, גאַז, שיינע בולוואַרן, אויסגעבויט אוניווערזיטעטן, טעאַטערס, געשעפטן, אייזנבאַנען און אַלערליי פאַרקער־מיטלען. אָנערקענענדיק די רעכט פון אַ וועלכער נישט איז פּערזאָן אויף אַ האָטער נישט איז הויז אין פּאַריז, לאָנדאָן אָדער רואַן, גיט איר דאָס געזעץ — אומגערעכט — איבער אַלס אייגנטום אַ טייל פּראָדוקטן פון דער אַרבעט פון דער גאַנצער מענטשהייט. דווקא דערפאַר, וואָס אַזאַ פאַראייגענונג שטעלט פאָר מיט זיך אַ הימלשרייענדיקע אומגערעכטיקייט (אַלע איבעריקע פאַרמעגן פון אייגנטום טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער), האָט מען געמוזט, כדי זי צו סאַנקציאָנירן, אַנטקעגנשטעלן דעם געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד פון דער מענטשהייט און דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס איז אייגן אַלע מענטשן, אַ גאַנצן אַרסענאַל פון געזעצן און אַ צאָלרייכע אַרמיי זעלנער, פּאָליציי־לייט און ריכטער.

אַ העלפט פון אונזערע געזעצן, — די בירגערלעכע קאָדעקסן פון אַלע לענדער, — האָבן פאַר אַ ציל מיטצוהעלפן דערדאָזיקער פאַרייגענונג, אונטערצושטיצן דידאָזיקע מאָנאָפּאָליע פון אייניקע אויסדערוויילטע לרעה פון דער גאַנצער מענטשהייט. דריי פערטל פּראָצעסן, וועלכע ווערן באַטראַכט אין אונזערע געריכטן, זענען אַמפּערייען צווישן די מאָנאָפּאָליסטן — גנבים, וואָס טיילן דעם רויב. די גרעסטע טייל פון אונזערע קרימינעלע געזעצן פאַרפאָלגן דעם זעלבן ציל: זיי שטרעבן איינצוהאַלטן דעם אַרבעטער אין צושטאַנד פון פולשטענדיקער הכנעה לגבי דעם באַלעבאָס און זיי העלפן מיט דער עקספּלואַטאַציע.

עס איז אָבער נישטאָ קיין איין געזעץ, וועלכעס זאָל נעמען אויף זיך די פאַרפּליכטונג צו גאַראַנטירן דעם פּראָדוצירער די פּראָדוקטן פון

זיין פראַצע. דאָס איז אַזוי פשוט און נאַטירלעך אַריין אין די געוווינ־הייטן און זיטן פון דער מענטשהייט, אַז דאָס געזעץ האָט אַפילו נישט קיין טראַכט געטון וועגן דעם, אַן אָפענער רויב מיט געווער אין דער האַנט איז אין אונזער צייט אומדענקבאַר; אַרבעטס־מענטשן נעמען נישט צו איינער באַם צווייטן די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט; אין פאַל פון וועלכע־נישט־איז מיספאַרשטענדנישן, ווענדן זיי זיך נישט צום געזעץ, נאָר צו דער מיטהילף פון אַ דריטער פּערזאָן; אויב עמעץ דערוועגט זיך צו פאַראייגענען די פּראָדוקטן פון פרעמדער אַרבעט, איז דאָס גראָד דער באַלעבאָס — דער אייגנטימער, וועלכער פּראָקלאַמירט זיינע רעכט אויף דער גרעסטער טייל. וואָס שייך דער מענטשהייט בכלל, האָט זי אָן ספּעציעלע געזעצן תמיד אָנערקענט און געאַכטערט די רעכט פון יעדן איינעם אויף די פּראָדוקטן פון זיין אַרבעט.

דידאָזיקע אַלע געזעצן וועגן די אייגנטום־רעכט, וועלכע פילן אויס גאַנצע בענד און וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צו דער פרייד פון אונזערע אַדוואָקאַטן, פאַרפאָלגן איינאייניציקן ציל: שיצן די אומגערעכטע פאַראייגענונג פון די מאָנאָפּאָליסטן די אַרבעטס־פּראָדוקטן פון דער גאַנצער מענטשהייט, און דעריבער האָבן זיי נישט קיין שום עקזיסטענץ־באַרעכ־טיקונג; די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן פעסט באַשלאָסן באַפרייען זיך פון זיי אין טאָג פון דער רעוואָלוציע. מיטן פולן באַוווסטזיין פון אונזער גערעכטיקייט וועלן מיר פאַרברענען אַלע געזעצן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו די אַזוי גערופענע „אייגנטום־רעכט“, אַלע דאָקומענטן אויף אייגנטום, אַלע אַרכיוון, — מיט איין וואָרט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום דאָזיקן אינסטיטוט, וועלכער איז אַ שאַנד־פלעק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט פּונקט ווי די שקלאַפעריי און די פאַנשטשינע פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן.

* * *

אַלץ, וואָס מיר האָבן געזאָגט בנוגע די געזעצן וועגן אייגנטום־רעכט, איז גילטיק אויך פאַר דער צווייטער קאַטעגאָריע געזעצן, — צו די קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצן, צו די געזעצן, וואָס שטיצן אונטער די רעגירונג.

דאָס איז אַ גאַנצער אַרסענאַל געזעצן, פאַראָרדנונגען און אַז. וו.,

וואָס שיצן די פּאַרשידענע פאָרמען פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגי־רונג, פון אונטער וועמענס יאָך עס שטרעבן צו באַפרייען זיך אַלע מענטשלעכע געזעלשאַפטן. מיר ווייסן אויסגעצייכנט — די אַנאַרכיסטן האָבן אונז דאָס נישט איינמאָל אויפגעוויזן דורך אַ שאַרפער קריטיק פון עק־זיסטירנדיקע רעגירונגס־פאָרמען, — אַז די איינציקע מיסיע פון אַלע רעגירונגען, — מאָנאַרכיסטישע, קאָנסטיטוציאָנעלע און רעפּובליקאַנישע, איז צו שיצן און אונטערשטיצן דורך באַוואָפנטער קראַפט די פּריווילע־גיעס פון די באַזיצנדיקע קלאַסן: דער אַריסטאָקראַטיע, דער גייסטלעכ־קייט און דער בורזשואַזיע. די גרעסטע טייל פון אונזערע געזעצן, — די „עיקרדיקע״ געזעצן, די געזעצן וועגן שטייערן, אָפּצאָלן, דער אָר־גאַניזאַציע פון די מיניסטעריומס און זייערע קאַנצעלאַריעס, וועגן דער אַרמיי, דער פּאָליציי, דער קירכע און אַז. וו. — מען קאָן זיי אַנציילן צו טויזנט צענדליק טויזנט אין יעדן לאַנד, — האָט דעם איינציקן ציל אונטערצושטיצן, באַנייען און אַנטוויקלען די רעגירונגס־מאַשין, וועלכע זאָרגט, פון איר זייט, אויסשליסלעך וועגן די פּריווילעגיעס פון די באַ־זיצנדיקע קלאַסן. דרינגט אַריין אין זין פון דידאָזיקע אַלע געזעצן, פאָלגט נאָך זייערע האַנדלונגען פון טאָג צו טאָג, און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז מען דאַרף זיי אַלע פאַרניכטן, — אַלע, אָנהייבנדיק פון די, וועלכע האָבן איבערגעענטפערט די קאָמונעס, געפּענטעטע איבער די הענט און פיס, אין דער מאַכט פון גייסטלעכן, פון בורזשואַ און פּרע־פעקט, און ענדיקנדיק מיט יענער באַרימטער קאָנסטיטוציע (דער ניינ־צענטער און צוואַנציקסטער פון די צייטן פון 1780־טן יאָר), וועלכע האָט אונז געגעבן אַ פּאַרלאַמענט פון אידיאָטן און רויבער, וועלכע פירט אונז צו דער דיקטאַטור פון אַ וועלכן־נישט־איז אַוואַנטוריסט אָדער צו דער הערשאַפט פון אַ געקרוינטן פּלוט.

מיט איין וואָרט. בנוגע די געזעצן פון דערדאָזיקער קאַטעגאָריע קאָן נישט זיין קיין שום ספק. נישט נאָר די אַנאַרכיסטן, נאָר אויך אַלע מער אָדער ווייניקער רעוואָלוציאָנער געשטימטע בורזשוען זענען געקומען צום אויספיר, אַז אַלע געזעצן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אָרגאַניזאַ־ציע פון דער רעגירונג, דאַרפן פאַרברענט ווערן.

* *

*

בלייבט נאָך איבער די דריטע קאַטעגאָריע געזעצן, די „חיכטיקסטע“, חייל מיט איר זענען צונויפגעבונדן אַ סך פּאַראָורטיילן: די געזעצן װעגן באַשיצן די רעכט פון איינצלנע פּערזאָנען, װעגן שטראָפן און װעגן פּאַרהיטן „פּאַרברעכנס“. אויב מען רעכנט זיך איצט מיטן געזעץ, איז נאָר אַ דאַנק דעם, װאָס דידאָזיקע דריטע קאַטעגאָריע געזעצן אָנערקענט מען אַלס אומבאַדינגט נויטװענדיק אויף צו פּאַרזיכערן די פולע זיכערקייט די איינצלנע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. דאָס זענען יענע געזעצן, װעלכע האָבן זיך אַנטװיקלט פון די מנהגים, װאָס זענען אומבאַדינגט נייטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון מענטשלעכע געזעלשאַפטן און זענען געשיקט עקספּלואַטירט געװאָרן דורך די הערשנדיקע קלאַסן אויף צו עקספּלואַטירן זייער הערשאַפט. די מאַכט פון די שבטים, עלטסטע, פון די רייכע פאַמיליעס אין די קאָמונעס און פון קעניג האָט זיך באַזירט אויף דעם, װאָס דידאָזיקע מענטשן האָבן ז'ערפילט די פונקציעס פון ריכטער; און ביז אויף היינטיקן טאָג, װען מען שטעלט פעסט די נויטװענדיקייט פון דער רעגירונג, װייזט מען דער עיקר אָן אויף איר פונקציע אַלס הויפּט-ריכטער. — „אָן דער רעגירונג װעלן זיך די מענטשן אויסשעכטן“, זאָגן די דאָרפישע חכמים, — „געװיס, — זאָגט באָרק, — דער ציל פון יעדער רעגירונג איז צו געבן יעדן באַשולדיקטן צװעלף ערלעכע געשװוירענע ריכטער“.

אָבער נישט געקוקט אויף אַלע עקזיסטירנדיקע פּאַראָורטיילן, מוזן די אַנאַרכיסטן דערקלערן בקול רם, אַז אויך דידאָזיקע קאַטעגאָריע געזעצן איז פונקט אַזוי אומנייטיק און אפילו שעדלעך, װי די פריערדיקע.

צװיי דריטל און אפילו דריי פערטל פון די אַזויגערופענע „פּאַרברעכנס“ װערן באַגאַנגען מיטן ציל צו פאַרכאַפּן די רייכטימער, װעלכע געהערן אַ צװייטער פּערזאָן. דידאָזיקע קאַטעגאָריע „פּאַרברעכנס און זינד“ װעט פאַרשװינדן אין יענעם טאָג, װען עס װעט אויפהערן צו עקזיסטירן פּריװאַט-אייגנטום.

„אָבער, — װעט מען אונדז זאָגן, עס געפינען זיך דאָך צװישן אונדז מענטשן — חיות, װעלכע װעלן באַדראָען דאָס לעבן פון די בירגער, זיי װעלן גיין אויף מעסערס בײַ דער קלענסטער קריגעריי, זיי װעלן

נקמה נעמען פאַר דער קלענסטער באַליידיקונג דורך מאָרד, אויב עס וועלן נישט זיין קיין געזעצן און שטראָפן, וואָס זאָלן זיי האַלטן אין צוים". אָט דאָס איז דער רעפריין, וועלכן מען חזרט כסדר איבער, ווי נאָר מיר זאָגן אַרויס אַ ספק בנוגע דער רעכט פון דער געזעלשאַפט אָנצווענדן שטו[illegible]ן. אויף דעם קאָנען מיר ענטפערן דורך פאָלגנדיקן פעסטגעשטעלטן פאַקט: די שטרענגקייט פון די שטראָפן פאַרקלענערט נישט די צאָל „פאַרברעכנס". הענגט, פערטלט, — אויב איך געפעלט דאָס, — די מערדער, די צאָל מאָרדן וועט דערפון נישט קלענער ווערן. און דעריבער — שאַפט אָפּ טויט-שטראָף; וועט, לכל הפחות, זיין ווינציקער מיט איין מאָרד. די סטאַטיסטיק און די רעכטסגעלערנטע אָנערקענען, אז דאָס מילדער מאַכן די שטראָפן האָט נאָך קיינמאָל נישט געפירט צו אַ פאַרגרעסערטער צאָל אַטענטאַטן אויפן לעבן פון די בירגער.

פון דער צווייטער זייט זעט מען, אַז אַ גוט גערעטעניש, ביליק ברויט, וואַרעמקייט, זון — פאַרקלענערן די צאָל מאָרדן. די סטאַטיסטיק האָט דערוויזן, אַז די צאָל פאַרברעכנס וואַקסט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם פּרייז פון די לעבנס-מיטלען און איז אָפּהענגיק פון אַ גוט אָדער שלעכט וועטער. איך זאָג נישט, אַז די סיבה פון אַלע מאָרדן איז — דער הונגער. אָבער אַ גוט גערעטעניש, די ביליקייט פון לעבנס-מיטלען מאַכט די מענטשן ווינציקער אומגליקלעכער און מער לעבנספריידיק; זיי גיבן זיך נישט אָפּ מיט פינצטערע געדאַנקען און ליידנשאַפטן און טייטן נישט צוליב נאַרישקייטן קיין מענטשן.

חוצדעם ווייסן מיר, אַז די שרעק פאַר דער שטראָף האָט נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעהאַלטן קיין איין מערדער פון זיין טאַט. דער, וואָס האָט באַשלאָסן צו טייטן זיין שכן צוליב נקמה אָדער נויט, זאָרגט זיך קנאַפּ וואָס וועגן די פאָלגן פון זיין פאַרברעכן: נישטאָ קיין איין מערדער, וואָס זאָל נישט גלייבן אין דער מעגלעכקייט אויסצומיידן די שטראָף. אגב, זאָל נאָר יעדערער אַנאַליזירן דעם מהות פון פאַרברעכן און שטראָף, זאָל ער נאָר אַריינדרינגען אין זייערע מאָטיוון און פאָלגן און אויב ער איז פעיק צו דענקען, נישט אַרונטערפאַלנדיק אונטער דער ווירקונג פון פניותדיקע אידעען, וועט ער אומפאַרמיידלעך קומען צום פאָלגנדיקן אויספיר:

נישט נאָר אין דער געזעלשאַפט פון דער צוקונפט, ווו דער מענטש וועט באַקומען אַ גוטע בילדונג, ווו די אַנטוויקלונג פון אַלע זיינע פעיקייטן און די מעגלעכקייט זיי אָנצווענדן אויף דער געליבטער זאַך

וועלן אים פאַרשאַפן אַזאַ געניוס, אַז פון שרעק אים צו פאַרלירן וועט ער נישט באַגיין קיין מאָרד, נאָר אפילו אין אונזער געזעלשאַפט, מיט יענע טרויעריקע פּראָדוקטן פון אָרימקייט, וועלכע מיר זעען אין די שענקען פון די גרויסע שטעט, — וועט זיך די צאָל פאַרברעכנס נישט פאַרגרעסערן אין יענעם טאָג, ווען די מערדער וועט אויפהערן צו דראָען אַ שטראָף; ס'איז אפילו מעגלעך, אַז זי וועט זיך פאַרקלענערן, ווייל עס וועט אויסקומען אַראָפּצורעכענען די צאָל מאָרדן, וועלכע עס באַגייען רעצידיוויסטן, פאַרחיהשטע אין אונזערע תפיסות".

* *

*

די פאַרטיידיקער פון דער מאַכט רעדן מיט אונז תמיד וועגן דער גוטער ווירקונג פון געזעץ און וועגן דער היילנדיקער אייגנשאַפט פון די שטראָפן. האָבן זיי אָבער שוין אַמאָל פּרובירט פאַרגלייכן דעם נוצן, וועלכע עס ברענגען כּלומרשט די געזעצן און די שטראָפן, מיט דער פאַרדאָרבנדיקער ווירקונג פון די שטראָפן אויף דער מענטשהייט? זאָלן זיי זיך נאָר פאָרשטעלן, וויפיל נידעריקע ליידנשאַפטן עס האָבן אויפגעוועקט אין די צוקוקער יענע שרעקלעכע פּייניקונגען, וועלכע די פאַרברעכער פלעגן איבערלעבן אויף אונזערע גאַסן. ווער האָט געכאַוועט און אַנטוויקלט אין מענטש די אינסטינקטן פון אכזריות (אינסטינקטן, וועלכע זענען אומבאַקאַנט די חיות און וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם מענטש אין דער אכזריותדיקסטער חיה), אויב נישט דער קעניג, דער ריכטער און דער גייסטלעכער; באַוואָפנט מיטן געזעץ האָבן זיי ווילד געפייניקט זייערע קרבנות: געבראָכן זייערע ביינער, אויסגעדרייט די ענד-גלידער, געשניטן שטיקער לעבעדיק פלייש, פאַרגאָסן די פרישע וווּנדן מיט קאָכעדיקער סמאָלע — און דאָס אַלץ כּדי אונטערצוהאַלטן זייער מאַכט און אין נאָמען פון געזעץ! זאָלן זיי נאָר אַריינקוקן אין מעכטיקן שטראָם פון אויסגעלאַסנקייט, וואָס ווערט אַריינגעטראָגן אין אונזער געזעלשאַפט דורך דעם סיסטעם פון מסירות, וועלכע ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער קלינגענדיקער מטבע פון דער רעגירונג, אונטער דעם אויסרייד פון אַנטדעקן פאַרברעכנס. זאָלן זיי גיין צו די אַרעסטירטע און אַ קוק טון, וואָס ווערט פון מענטש, וועלכער ווערט באַרויבט פון דער פרייהייט, אין דער פאַרדאָרבנדיקער אַטמאָספער פון אונזערע תפיסות;

זאָלן זיי באַגרייפן, אַז וואָס מער מען רעפאָרמירט אונזערע אַרעסט־הייזער, אַלץ עקלהאַפטער ווערן זיי און אַז היינטיקע מוסטער־תפיסות ווירקן פאַרדאַרבנדיקער, ווי די קעלערן פון די מיטלאַלטערלעכע שלעסער. זאָלן זיי נאָכפאָלגן די פאַרדאַרבונג פון געדאַנק, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן אין אונזער געזעלשאַפט דורך די אונטערטעניקייטס־אידעען, — דעמדאָזיקן יסוד פון געזעץ, — דורך די אידעען פון שטראָף און דער מאַכט, וואָס האָט די רעכט צו משפטן און באַשטראָפן; זאָלן זיי זיך פאָרשטעלן די גאַנצע פאַרדאַרבנדיקע ווירקונג, וואָס עס האָבן די אַמטן פון אַ תליון, אַ תפיסה־שומר, אַ מסור, — מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס עס ברענגט דערדאָזיקער קאָמפּליצירטער בנין, וואָס הייסט געזעץ און מאַכט. זאָלן זיי אַריינדרינגען אין דעם אַלעם; און דאַן וועלן זיי מסכים זיין מיט אונז, אַז דאָס געזעץ און די שטראָף־מיטלען זענען שוידערלעכע זאַכן, וועלכע מוזן פאַרשווינדן.

פעלקער, ווינציקער קולטורעלע און, במילא, ווינציקער אָנגעשטעקטע דורך פאָראורטיילן וועגן דער גויטוועגדיקייט פון דער מאַכט, פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אַז יענער, וועלכן מען רופט אָן „פאַרברעכער", איז איינדעראמתן אַן אומגליקלעכער מענטש; זיי ווייסן, אַז עס האָט קיין ציל נישט צו שמייסן, שמידן אין קייטן, מאַכן פוילן אין תפיסות אָדער פאַרמשפטן צו טויט־שטראָף אַ פאַרברעכער; מען דאַרף אים העלפן, לינדערן זיינע ליידן דורך ברידערלעכער זאָרג, זיך באַגיין מיט אים, ווי מיט אַ גלייכן, באַזעצן אים צווישן רייגע מענטשן. מיר האָפן, אַז די צוקונפטיקע רעוואָלוציע וועט אַ געשריי טון צו דער מענטשהייט:

— „לאָמיר פאַרברענען די גיליאָטינעס, לאָמיר צעשטערן די תפיסות, לאָמיר פאַרטרייבן די ריכטער, די פּאָליציאַנטן, די מוסרים — זיי זענען אַן עקלהאַפט געזינדל; לאָמיר זיך באַגיין ווי מיט ברידער מיט די־יעניקע, וועלכע די ליידנשאַפטן האָבן דערפירט צו פאַרברעכן; לאָמיר שטערן די גרויסע פאַרברעכער, דידאָזיקע עקלהאַפטע פּראָדוקטן פון דער בורזשואַזער לײדיקגייערישקייט, אַרויסצושטעלן זייערע פעלערן אונטער צוציענדיקע פאָרמען, — און דאַן וועלן אין אונזער געזעלשאַפט כמעט נישט זיין קיין פאַרברעכנס!

אַ חוץ דאָס פּוסט־און־פּאַסעווען העלפן צו צו פאַרברעכנס דאָס געזעץ און די מאַכט: דאָס געזעץ וועגן דעם אייגנטום־רעכט, די געזעצן וועגן דער רעגירונג, די געזעצן וועגן פאַרברעכנס און שטראָפן און די־

מאַכט, וועלכע נעמט אויף זיך די פליכט אַרויסצוגעבן געזעצן און זעען זיי זאָלן אויסגעפירט ווערן״.

נידער מיט די געזעצן, נידער מיט די ריכטער! פרייהייט, גלייכהייט און סאָלידאַריטעט, — אַט דאָס זענען די פרינציפן, יענע אומצעשטרייטבאַרע דאָגמע, וועלכע מיר קאָנען אַנטקעגנשטעלן די אַנטיסאָציאַלע אינסטינקטן פון אַ געוויסער טייל פון אונזער געזעלשאַפט.

# די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג

## I.

די היינטיקע רעגירונגען מוזן פאַלן, כדי די פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט זאָלן אויפהערן זיין סתם ווערטער און אָננעמען אַ רעאַלע פאָרם. אַלע אַרטן רעגירונג, וועלכע מיר האָבן ביז איצט געהאַט, זענען בלויז געווען פאַרשידענע פאָרמען פון אונטערדריקונג און זיי דאַרפן פאַרביטן ווערן דורך אַ נייער גרופּירונגס־פאָרם; דאָס זענען מודה די אַלע מיטגלידער פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע זענען מער אָדער ווייניקער רעוואָלוציאָנער געשטימט. און מען דאַרף גאָרנישט זיין קיין נאָוואַטאָר, כדי צו קומען צום דאָזיקן אויספיר; די חסרונות פון די היינטיקע רעגירונגען און די אוממעגלעכקייט זיי איבערצואַנדערשן זענען אַזוי קלאָר, אַז זיי וואַרפן זיך אין די אויגן יעדן באַאָבאַכטער, וואָס פאַרמאָגט נאָר דעם מינדסטן פאַרשטאַנד. מיר ווייסן, אַז אין געוויסע עפּאָכעס איז זייער לייכט אַראָפּצוּוואַרפן אַ רעגירונג. עס זענען דאָ מאָמענטן, ווען די רעגירונגען פאַלן איין, ווי קאָרטן־שטיבעלעך, כמעט ווי פון זיך אַליין פון קלענסטן אָנגריף פון מורדישן פאָלק. דאָס האָבן מיר געזען אין 1848־טן און אין 1870 יאָר; מיר וועלן דאָס זען אין דער באָענטסטער צוקונפט.

אַראָפּוואַרפן די רעגירונג — אָט־דאָס איז דער ענדציל פאַר אַ רעוואָלוציאָנער — אַ בורזשוי. פאַר אונז אָבער איז דאָס בלויז אַן אָנהייב פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ווען די מלוכהשע מאַשין וועט פּלאַצן, ווען די הערארכיע פון די באַאַמטע וועט זיין דעזאָרגאַניזירט, און די זעלנער וועלן פאַרלירן דעם צוטרוי צו זייערע עלטסטע, מיט איין וואָרט, ווען די אַרמיי פון די קאַפּיטאַל־באַשיצער וועט זיין באַזיגט, —

לעט זיך אַנטפּלעקן פאַר אונז די גרויסע אַרבעט פון צעשטערן די אינ־סטיטוטן, וועלכע שטרעבן פאַראייביקן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קנעכטשאַפט. לאָמיר אָננעמען, אַז די פרייהייט אין האַנדלונגען איז שוין דעראָבערט, — וואָס־זשע וועלן דאַן טון די רעוואָלוציאָנערן?

אויף דערדאָזיקער פראַגע ענטפערן בלויז די אַנאַרכיסטן: „נידער מיט דער רעגירונג, זאָל לעבן די אַנאַרכיע!" אָבער אַלע אַנדערע פּראָ־קלאַמירן: „אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג". די חלוקי־דעות צווישן זיי קומען פאַר בלויז בנוגע דער פאָרם, וועלכע מען וועט דאַרפן געבן דער רעגירונג, וואָס איז געוויילט דורך אַלגעמיינע וואַלן, אין דער רעגירונג אָדער אין דער קאָמונע. איינִיקע ווידער זאָגן זיך אַרויס פאַר אַ רעוואָ־לוציאָנערער דיקטאַטור.

* *
*

„אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג!" ווי מאָדנע עס קלינגען דידאָזיקע צוויי ווערטער פאַר די, וועלכע פאַרשטייען וואָס עס דאַרף זיין אַ סאָציאַ־לע רעוואָלוציע און וואָס איז אַזוינס אַ רעגירונג. דידאָזיקע צוויי ווער־טער זענען סותר איינס דאָס צווייטע, זיי פאַרניכטן זיך קעגנזייטיק. מיר ווייסן, וואָס עס שטעלט פאַר מיט זיך אַ דעספּאָטישע רעגירונג; — שטיין שטאָל אין אייזן פאַר דער רעאַקציע קעגן דער רעוואָלוציע, שטרעבן צו דעספּאָטיזם — אָט דאָס איז דער מהות פון יעדער רעגירונג; אָבער קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעען קיין רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, רעוואָלוציע איז דער סינאָנים פון „אומאָרדנונג", פון אַראָפּ־וואַרפן אין עטלעכע שעה הונדערט־יעריקע אינסטיטוטן, מיט געוואַלט צעשטערן די איינגעשטעלטע פאָרמען פון אייגנטום, פאַרניכטן די קאַסטעס, פּלוצלינג איבעראַנדערשן די קוקן אויף זיטלעכקייט, ריכטיקער אויף דער צביעות, וואָס פאַרנעמט איר אָרט, אַ סינאָנים פון פערזענלעכער פרייהייט און פרייהייט פון האַנדלונגען, — מיט איין וואָרט די נעגאַציע פון דער רעגירונג, דעמדאָזיקן סינאָנים פון „אָרדנונג", קאָנסערוואַטיזם, פון איינ־האַלטן די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוטן, דאָס פאַרלייקענען די פריוואַט־איניציאַטיוו און די פרייהייט פון האַנדלונגען. און פונדעסטוועגן רעדט מען צו אונז כסדר וועגן דאָזיקן „ווייסן דראָזל", ריכטיק ווי אַ „רעוואָ־לוציאָנערע רעגירונג" איז די געוויינלעכסטע זאַך אויף דער וועלט, אַ

זאַך, וואָס איז פּונקט אַזוי אַלעמען באַקאַנט, ווי אַ קעניגרייך, אימפּעריע און דאָס פּויפּסטום.

די רעוואָלוציאָנערן פון דער בורזשואַזיע מוזן פריידיקן דידאָזיקע אידעע; דאָס איז זייער פאַרשטענדלעך. מיר ווייסן, וואָס באַ זיי הייסט אַ רעוואָלוציע. דאָס איז — אונטערטינקעווען די בורזשואַזיע רעפּובליק; דאָס הייסט, אַז די אַזוי גערופענע רעפּובליקאַנער פאַרכאַפּן די ריוחדיקע שטעלעס, וועלכע געפינען זיך איצט אין די הענט פון די באָנאַפּאַרטיסטן און ראָיאַליסטן; דאָס הייסט אַנולירן די חתונה צווישן דער קירכע מיט דער מלוכה, און זי פאַרבייטן דורך אַ קאָנקובינאַט; דאָס הייסט סעקוועסטרירן דעם קירכע־פאַרמעגן לטובת דער מלוכה, ריכטיקער, לטובת די פאַרוואַלטער מיט דידאָזיקע פאַרמעגנס; ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז אַ רעפערענדום. אָדער דאָס, וואָס די רעוואָלוציאָנערן־סאָציאַליסטן זענען געוואָרן אַפּאָסטאָלן פון דערדאָזיקער אידעע — איז לחלוטין אומבאַגרייפלעך, אויב מען זאָל נישט דערלאָזן די פאָלגנדיקע צוויי הנחות. אָדער אירע פאַרטיידיקער זענען אַזוי אָנגעשטעקט מיט די בורזשואַזע פאָראורטיילן, וועלכע זיי האָבן געשעפּט, ס'קאָן זיין אפילו אומבאַוווּסטזיניק, אין דער ליטעראַטור און דער עיקר אין געשיכטע, וועלכע איז ספּעציעל פאַבריצירט געוואָרן פאַר דער בורזשואַזיע דורך דער בורזשואַזיע גופא, זיי זענען אַזוי דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון קנעכטשאַפט, מיט דערדאָזיקער פרוכט פון לאַנגע יאָרהונדערטער פאַנשטשינע, אַז זיי זענען אפילו נישט פעיק זיך פאָרצושטעלן, אַז זיי קאָנען זיין פריי. אָדער די אָנהענגער פון דערדאָזיקער אידעע ווילן גאַרנישט יענע רעוואָלוציע, וועגן וועלכער זיי הערן נישט אויף צו רעדן: זיי ווילן זיך באַפרידיקן מיט אַ געוויסער ענדערונג פון די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוטן, אַבי דאָס זאָל זיכערן פאַר זיי די מאַכט. זיי קעמפן מיט דער רעגירונג בלויז דערפאַר, כדי וואָס גיכער צו פאַרנעמען איר אָרט. מיט זיי וועלן מיר זיך גאָרנישט אַמפּערן. לאָמיר זיך דורכרעדן מיט די־יעניקע, וועלכע בלאָנדזשען אויפריכטיק.

לאָמיר אַנאַליזירן די ערשטע פון די צוויי פראָקלאַמירטע פאָרמען פון אַ „רעוואָלוציאָנערער רעגירונג" — אַ געוויילטע רעגירונג.

* *

*

די קעניגלעכע מאכט איז אראפגעווארפן, די ארמיי פון די קאפּיטאל-פּארטייידיקער איז באזיגט, אומעטום הערשט א יוירונג, א דראנג צו ארבעטן פאַרן כלל, א שטרעבן צו גיין פאָרויס. עס קומען אויף נייע אידעען, עס איז קלאָר די נויטוועגדיקייט פון ראדיקאַלע ענדערונגען, — מען דאַרף האַנדלען, מען דאַרף צוטרעטן צו דער אומברחמנותדיקער ארבעט פון צעשטערן, כדי פריי מאַכן דעם וועג פאַרן נייעם לעבן. וואָס-זשע לייגט מען אונז פאָר צו טון ? — רופן דאָס פאָלק צו וואַלן, פּראָקלאַמירן א רעגירונג און איבערגעבן איר די ארבעט, וועלכע יעדער איינער פון אונז קאָן טון אַליין, דורך זיין אייגענער איניציאַטיוו.

דאָס האָט טאַקע געטון פּאַריז נאָכן 18-טן מערץ 1871-סטן יאָר.— „כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, — האָט מיר געזאָגט מיינס א פריינט.— די דאָזיקע וואונדערבאַרע מאָמענטן פון באַפרייונג. כ'בין אראָפּגעגאַנגען פון מיין קליין צימערל אין לאַטייבישן קוואַרטאַל, כדי אריינצוגיין אין דאָזיקן גרויסן קלוב אונטערן אָפענעם הימל, כדי אויסצומישן זיך מיטן המון, וואָס האָט פאַרגאָסן די פּאַריזער גאַסן. אַלע האָבן באַהאַנדלט כלל-ענינים; יעדע פּערזענלעכע זאָרג איז אויף א צייט באַזייטיקט געוואָרן: עס האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן קויפן און פאַרקויפן, אַלע זענען גרייט געווען מיט לייב און לעבן צו וואַרפן זיך אין דער אומבאַקאַנטער צוקונפט. אפילו בורזשועס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורכן אַלגעמיינעם שוווּנג און מיט יובל צוגעקוקט, ווי עס קומט אָן א נייע וועלט. „אויב עס איז נייטיק א סאָציאַלע רעוואָלוציע, — וועלן מיר זי דורכפירן: זאָל אַלץ ווערן א פאַרמעגן פון כלל; מיר זענען גרייט !" די עלעמענטן פון רעוואָלוציע זענען געווען אויבנאויף: מען האָט זיי געדאַרפט אָנווענדן אין לעבן. קומענדיק אינאָוונט אהיים, האָב איך א טראַכט געטון: „ווי שיין איז די מענטשהייט ! מען קען זי נישט און מען טראַכט אויס אויף איר בלבולים !" דערנאָך זענען אָנגעקומען וואַלן, עס זענען באַשטימט געוואָרן די מיטגלידער פון דער קאָמונע און ביסלעכווייז איז אויסגעלאָשן געוואָרן די קראַפט פון זעלבסטאָפּפערונג און דער אימפּעט צו ארבעט. יעדער איינער האָט זיך גענומען פאַר זיין געוויינלעכער אַרבעט, זאָגנדיק: „איצט האָבן מיר אַן ערלעכע רעגירונג, לאָמיר זי לאָזן

האַנדלען ווי זי וויל״... מיר ווייסן, ווי עס האָבן אויסגעזעען די רעזולטאַטן.

אַנשטאָט צו האַנדלען זעלבשטענדיק, גיין פאָרויס, מוטיק אַנטקעגנגיין דער נייער אָרדנונג, האָט דאָס פאָלק איבערגעגעבן זיינע הערשער די רעכט אויף איניציאַטיוו. אָט־דאָס איז דער ערשטער רעזולטאַט — דער אומאויסמיידלעכער רעזולטאַט פון די וואַלן. וואָס־זשע וועלן טון דידאָזיקע הערשער, באַשאַנקען מיטן אַלגעמיינעם צוטרוי?

* *

*

קיינמאָל נאָך זענען וואַלן נישט געווען אַזוי פריי, ווי אין מערץ 1871־סטן יאָר. אפילו די שונאים פון דער קאָמונע האָבן דאָס אָנערקענט. קיינמאָל נאָך זענען וויילער נישט געווען אַזוי דורכגעדרונגען מיטן פאַרלאַנג אַוועקצושטעלן בײַם רודער פון דער רעגירונג די בעסטע מענטשן, די מענטשן פון דער צוקונפט, רעוואָלוציאָנערן. און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטון. אַלע באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערן זענען געווײלט געוואָרן דורך אַ איבערוויגנדיקער מערהייט; די יאַקאָבינער, בלאַנקיסטן, אינטערנאַציאָנאַליסטן — אַלע דריי רעוואָלוציאָנערע פראַקציעס האָבן געהאַט זייערע פאָרשטייער אין ראַט פון דער קאָמונע. די וואַלן האָבן נישט געקאָנט געבן קיין בעסערע רעגירונג.

מיר ווייסן, ווי אַזוי האָבן אויסגעזעען די רעזולטאַטן. פאַרשפּאַרט אין שטאָטראַט, פאַרפּליכטעט צו האַנדלען, האַלטנדיק זיך אָן די פאָרמען, וועלכע זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די פריערדיקע רעגירונגען, האָבן דידאָזיקע הייסע רעוואָלוציאָנערן, דידאָזיקע רעפאָרמאַטאָרן פאַרלוירן די פעיקייט צו שאַפן וואָס־נישט־איז. נישט געקוקט אויף זייער ליידנשאַפטלעכן פאַרלאַנג, אויף זייער מוטיקייט, האָבן זיי אפילו נישט געקאָנט אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון פאַריז. איצט באַשולדיקט מען אין דעם איינצלנע פערזאָנען; אָבער די סיבה פון דורכפאַל ליגט נישט אין זיי, נאָר אין דער סיסטעם גופא.

באמת, אַ קערפּערשאַפט, וואָס ווערט געווײלט בײַ אַלגעמיינער שטים־רעכט, וועט אין בעסטן פאַל באַשטיין פון פאָרשטייער מיט מיטלמעסיקע באַגריפן, וואָס זענען אין געגעבענעם מאָמענט פאַרשפּרייט אין די מאַסן; אָבער אין אָנהייב רעוואָלוציע פאַרשטייען נישט אפילו דידאָזיקע

פאָרשטייער, וואָס מען דאַרף טון און זיי וויסן לחלוטין נישט. ווי אַזוי נעמט מען זיך צו דער אַרבעט. אַך, ווען די גרעסטע טייל פון דער באַציע אָדער פון דער קאָמונע וואָלט זיך געקאָנט צונויפרעדן פאַרן אָנהייב פון דער באַוועגונג און פעסטשטעלן, וואָס צו טון, ווי נאָר די רעגירונג וועט אַראָפּגעוואָרפן ווערן! ווען דערדאָזיקער טרוים פון די קאַבינעט-אוטאָפּיסטן וואָלט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן, וואָלטן מיר קיינמאָל נישט געהאַט קיין בלוטיקע רעוואָלוציעס: ווען דער פאַרלאַנג פון דער מערהייט וואָלט קלאָר אַרויסגעזאָגט געוואָרן, וואָלט די מינדערהייט פון דער באַציע פרייוויליק זיך אונטערוואָרפן דעמדאָזיקן פאַרלאַנג. אָבער פאַקטיש קומט אַרויס אַנדערש. די רעוואָלוציע ברעכט אויס אַ סך פריער, איידער עס קאָן פעסטגעשטעלט ווערן אַן אַלגעמיינער הסכם. און די, וועלכע פאַרשטייען, וואָס מען דאַרף טון אויפן צווייטן טאָג נאָכן אויפרייס, מאַכן אויס אין דאָזיקן מאָמענט אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט. די גרעסטע טייל פאָלק שטעלט זיך פאָר בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן דעמדאָזיקן ציל, וועלכן זי שטרעבט צו פאַרווירקלעכן, און זי ווייסט נישט, וועלכע וועגן עס פירן צו זיין דערגרייכונג. דער פּראַקטישער באַשלוס וועט קלאָר ווערן ערשט אין יענעם מאָמענט, ווען עס וועלן זיך אָנהייבן די ענדערונגען: ער וועט זיין אַ פּראָדוקט פון דער רעוואָלוציע גופא, אַ פּראָדוקט פון דעם פאָלקס אַרבעט, אָדער ער וועט זיין גאָרנישט, אַן אויסטראַכטעניש פון איינצלנע פערזאָנען, אַבסאָלוט אומפעיקע צו געפינען יענעם באַשלוס, וועלכער דאַרף געבוירן ווערן דורכן לעבן פון פאָלק גופא.

* *

*

דידאָזיקע לאַגע רופט זיך אומפאַרמיידלעך אָפּ אויף דער קערפערשאַפט, וועלכע איז אויסגעוויילט געוואָרן דורך אַלגעמיינע וואַלן, אויב זי איז אפילו נישט אָנגעשטעקט מיט די פעלערן, וואָס זענען אייגן בכלל אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונגען. די פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער אידעע פון אַ געגעבענער עפּאָכע זענען צו קנאַפּ אין צאָל און זיי ווערן בטל צווישן די פאָרשטייער פון די רעוואָלוציאָנערע שולן פון עבר און די פאַרטיידיקער פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. דידאָזיקע מענטשן דאַרפן זיין אין די רעוואָלוציע-טעג צווישן פאָלק, כדי

גרייט צו פאַרשפּרייטן זייערע אידעען, ברענגען די מאַסן אין באַוועגונג און פאַרניכטן די אינסטיטוטן פון עבר; אָנשטאָט דעם זיצן זיי דאָ, צוגעשמידט צום זיצונגס-זאַל און פירן אומענדלעכע אַמפּערייען, באַמיענדיק זיך אַרויסצורייסן הנחות בײַ די מעסיקע און איבערצייגן זייערע קעגנער, וואָס נאָר די פאַרווירקלעכונג פון דער נייער אידעע קאָן זיי פאַרוואַנדלען אין אירע אָנהענגער. די רעגירונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרלאַמענט מיט אַלע חסרונות פון די בורזשואַזע פאַרלאַמענטן. די דאָזיקע „רעוואָלוציאָנערע" רעגירונג ווערט אַן אומבאַזיגבאַרע שטערונג פאַר דער רעוואָלוציע און דאָס פאָלק, אויב עס וויל אויפהערן טאָפּטשען זיך אויף אַן אָרט, דאַרף פאַרלאָזן די־יעניקע, וועלכע ער האָט נאָך געכסן באַגריסט, ווי זײַנע אויסדערוויילטע. דאָס איז שוין אָבער נישט אַזוי לײַכט. די נײַע רעגירונג האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ גאַנצע היעראַרכיע אַדמיניסטראַטאָרן כּדי צו פאַרברייטערן איר מאַכט און אַרויפצווינגען איר הערשאַפט אויפן פאָלק, איצט וועט זי שוין פרייוויליק נישט אָפּטרעטן איר פּלאַץ. שטרעבנדיק אײַנצוהאַלטן די מאַכט אין אירע הענט, קלאַמערט זי זיך אין איר מיט דער גאַנצער ענערגיע פון אַ יונגער רעגירונג, וואָס איז נאָך נישט צעפרעסן פון עלטער-שוואַכקייט. זי איז גרייט אַנטקעגנצושטעלן קראַפט — קראַפט און כּדי זי אַראָפּצוּוואַרפן, מוז מען זיך ווידער נעמען צום געווער, מאַכן אַ נײַע רעוואָלוציע, — און דאָס אַלץ צוליב דעם, כּדי צו באַפרייען זיך פון די־יעניקע, אויף וועמען מען האָט אַרויפגעלייגט אַזויפיל האָפענונגען!

און אָט איז שוין די רעוואָלוציע צעפאַלן! נאָכדעם ווי זי האָט פאַרלוירן אַזוי פיל צייט אויף וואַרטן, וועט זי איצט פאַרלירן אירע כּוחות אויף מחלוקת צווישן די אָנהענגער פון דער נייער רעגירונג און יענע, וועלכע האָבן באַגריפן די נויטווענדיקייט צו באַפרייען זיך פון איר! און דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס קיינער וויל נישט פאַרשטיין פאָלגנדיקן פשוטן אמת: דאָס נײַע לעבן פאָדערט נײַע פאָרמען, מען קאָן נישט מאַכן קיין רעוואָלוציע, קלאַמערנדיק זיך אין די אַלטע פאָרמען, רעוואָלוציע און רעגירונג לאָזן זיך נישט אײַנשפּאַנען צוזאַמען, אײַנס, — אונטער וואָסער פאָרם זי זאָל נישט דערשײַנען, — פאַרניכטעט תּמיד דאָס צווייטע; מחוץ דער אַנאַרכיע איז נישטאָ קיין רעוואָלוציע!

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן דער צווייטער פאָרם פון דער „רעוואָלוציאָנערער רעגירונג" — דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור.

# II.

דאָס געפאַר, וואָס דראָט דער רעוואָלוציע, ווען עס הערשט איבער איר אַ געוויילטע רעגירונג, איז אַזוי קלאָר, אַז אַ גאַנצע שולע רעוואָלוציאָנערן האָט זיך לגמרי אָפּגעזאָגט פון דערדאָזיקער אידעע. זיי פאַרשטייען, אַז דאָס מורדישע פאָלק קאָן נישט דורך וואַלן פּראָקלאַמירן אַ רעגירונג, וואָס זאָל נישט זיין קיין פאָרשטייער פון דער פאַרגאַנגענהייט און זאָל נישט שטערן דעם פאָלק דורכצופירן יענע גראַנדיעזע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און זיטלעכע איבערקערעניש, וועלכע מיר רופן אָן — סאָציאַלע רעוואָלוציע. זיי זאָגן זיך ענדגילטיק אָפּ פון געדאַנק וועגן אַ „לעגאַלער" רעגירונג, לכל הפחות אין פעריאָד פון דער מרידה קעגן דער לעגאַליטעט, און זיי פּראָקלאַמירן די „רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור".

יענע פּאַרטיי, — זאָגן זיי, — וועלכע וועט אַראָפּוואַרפן די רעגירונג, וועט אַליין וועלן פאַרנעמען איר אָרט. זי וועט פאַרכאַפּן די מאַכט אין אירע הענט און וועט האַנדלען אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן. זי וועט אָננעמען אַלע נייטיקע מיטלען, כדי צו פאַרזיכערן דערפאָלג דער מרידה, זי וועט צעשטערן די אַלטע אינסטיטוטן און זי וועט אָרגאַניזירן די שוץ פון דער טעריטאָריע. אַלע, ווער עס וועט נישט וועלן אָנערקענען איר מאַכט, וועט מען שיקן אויף דער גיליאָטינע; אַלע, סיי פאָלקסמענטשן, סיי בורזשוען, וועלכע וועלן זיך אָפּזאָגן צו פאָלגן אירע באַפעלן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיטן ציל צו רעגולירן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע, — וועלן אויך געשיקט ווערן אויף דער גיליאָטינע!" אָט ווי עס טראַכטן די קומענדיקע ראָבעספּיערס, וועלכע האָבן פון דער גרויסער עפּאָפּיי פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איינגעחזרט בלויז דעם ירידה-פעריאָד און די רעדעס פון די רעפּובליק-פּראָקוראָרן.

*           *
*

מיר, אַנאַרכיסטן, האָבן אַרויסגעטראָגן אַן ענדגילטיקן אורטייל איבער דער דיקטאַטור, סיי פון איין פּערזאָן, סיי פון אַ וועלכער־נישט־איז איין פּאַרטיי, אין תּוך גענומען איז איינס און דאָס זעלבע. מיר ווייסן, אַז איין פּערזאָן אָדער איין גרופּע קאָנען נישט געבן קיין געהעריקע ריכטונג דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מיר ווייסן, אַז די רעוואָלוציע און די רעגירונג זענען זאַכן, וואָס בינדן זיך נישט צוזאַמען; אַז איינס מוז טייטן דאָס צווייטע, ווי עס זאָל נישט אויסזעען די רעגירונגס־פאָרם: דיקטאַטור, קעניגטום אָדער פּאַרלאַמענט. מיר ווייסן, אַז די קראַפט פון אונזער פּאַרטיי ליגט אין פאָלגנדיקער הויפּט־פאָרמול: — „בלויז אַ פרייע איניציאַטיוו פון פאָלק קאָן שאַפן עפּעס ווערטפולס און פעסטס, און יעדע מאַכט שטרעבט צו טייטן דידאָזיקע איניציאַטיוו". און דעריבער, ווען אונזערע אידעען וואָלטן נישט דאַרפן אַדורכגיין דאָס רייניקונגס־פייער פון פאָלק, כדי פאַרווירקלעכט צו ווערן, ווען מיר וואָלטן געווען די באַלעבאַטים פון יענער כיטרע־קונציקער צוטראַכטעניש, — דער רעגירונג, — וועלכע דערלויבט יעדן צו האַנדלען אין הסכם מיט זיין פאַנטאַזיע, וואָלטן די בעסטע פון אונז שוין אין אַ וואָך אַרום פאַרדינט טויט־שטראָף. מיר ווייסן, אַז יעדע דיקטאַטור, ווי ערלעך עס זאָלן נישט זיין אירע כוונות, פירט צום טויט פון דער רעוואָלוציע. מיר ווייסן, לסוף, אַז די אידעע פון דער דיקטאַטור איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער שעדלעכער פּראָדוקט פון רעגירונגס־פעטישיזם, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן רעליגיעזן פעטישיזם תּמיד געשטרעבט צו פאַראייביקן די קנעכט־שאַפט.

אָבער איצט וועגדן מיר זיך נישט צו די אַנאַרכיסטן. מיר ווילן רעדן מיט יענע רעוואָלוציאָנערן, די אָנהענגער פון דער רעגירונג, וועלכע זענען אָנגעשטעקט מיט פאָראורטיילן, וואָס די דערציונג האָט איינגעוואָרצלט אין זיי, וועלכע בלאָנדזשען אויפריכטיק און הערן גערן אויס אונזערע מאַטיוון. מיר וועלן זיך שטעלן אויף זייער שטאַנדפּונקט, און מיר וועלן רעדן מיט זיי.

* *

*

די פאַרטייִדיקער פון דיקטאַטור באַמערקן נישט אַליין, אַז אונטערשטיצנדיק דעמדאָזיקן פאַראורטייל, גרייטן זיי צו דעם באָדן פאַרן טריאומף פון זייערע קעגנער. איך וואָלט געעצהט ראָבעספּיערס אָנהענגער גוט צו געדענקען זיינע פאָלגנדיקע ווערטער. אין פּרינציפּ האָט ער אַנערקענט די דיקטאַטור. אָבער... — „מער פאַר אַלץ האָב מורא פאַר דער דיקטאַטור", — האָט ער שאַרף איבערגעריסן מאַנדאַרן, ווען דערדאָזיקער האָט פּרובירט רעדן וועגן איר. „אַ דיקטאַטאָר וואָלט געווען בריסאָ!" יאָ, בריסאָ, דערדאָזיקער כיטרער זשיראָנדיסט, דער פאַרביסענער קעגנער פון די פאָלקס-שטרעבונג צו גלייכהייט, אַ הייסער פאַרטייִדיקער פון אייגנטום (וועלכעס ער אַליין האָט אַמאָל אָנגערופן — גנבה), בריסאָ, וועלכער וואָלט רויק פאַרשפּאַרט אין תפיסה מאַראַטן און אַלע מעסיקע יאַקאָבינער.

אָבער דידאָזיקע ווערטער באַציִען זיך צום יאָר 1792! אין יענער עפּאָכע איז שוין פראַנקרייך דריי יאָר געווען אַרומגעכאַפּט פון דער רעוואָלוציע! פאַקטיש האָט שוין קיין קעניגלעכע מאַכט נישט עקזיסטירט, מען האָט איר נאָר געדאַרפט דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ; דער פעאָדאַלער רעזשים איז שוין געווען פאַרניכטעט. און נישט געקוקט אויף דעם, אפילו אין יענער עפּאָכע, ווען די רעוואָלוציע האָט פריי און דרייסט געטריבן אירע כוואַליעס, האָט פונדעסטוועגן דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנער בריסאָ געהאַט אַלע שאַנסן פּראָקלאַמירט צו ווערן אַלס דיקטאַטאָר! טאָ וואָס וואָלט שוין געווען פריער, אין 1789 יאָר? מיראַבאָ וואָלט געשטעלט געוואָרן בראש פון דער רעגירונג! מיראַבאָ, דערדאָזיקער מענטש, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט זיין רעדנער-קונסט, זי פאַרקויפט דעם קעניג, — אָט אין וועמענס הענט עס וואָלט אין יענער עפּאָכע איבערגעגאַנגען די מאַכט. ווען דאָס מורדישע פאָלק — שטיצנדיק זיך אויף באַגנעטן, — וואָלט נישט פּראָקלאַמירט זיין מאַכט און וואָלט זיך נישט באַנוצט מיט די בצחונות פון דער, זשאקעריע, כדי צו מאַכן אילוזאָריש יעדע מאַכט, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אין פּאַריז אָדער אין די דעפּאַרטאַמענטן.

אָבער דער רעגירונגס-פאַראורטייל פאַרבלענדט אַזוי די-יעניקע,

וועלכע טראַכטן וועגן דיקטאַטור, אַז זיי גרייטן ליבער צו די דיקטאַטור פון אַ וועלכן־נישט־איז נייעם בריסאָ אָדער נאַפּאָלעאָן, איידער זיך אָפּזאָגן פון געדאַנק אָנצוּוואַרפן אַ נייעם הערשער דער מענטשהייט, וועלכע צערייסט אירע קייטן.

*　　　*

די געהיימע געזעלשאַפטן פון די צייטן פון דער רעסטאַווראַציע און פון לודאָוויק־פיליפּן האָבן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דיקטאַטור־פּרינציפּ און האָבן אונטערגעהאַלטן דעם־דאָזיקן פאָראורטייל. די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער פון יענער עפּאָכע האָבן, שטיצנדיק זיך אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן, געמאַכט אַ גאַנצע ריי פאַרשווערונגען, כדי אַראָפּצוּוואַרפן די קעניגלעכע מאַכט און פּראָקלאַמירן אַ רעפּובליק. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון וועגן דעם, סאַראַ טיפע ענדערונג עס דאַרף פאָרקומען אין פראַנקרייך אפילו נאָר צוליב דעם, כדי עס זאָל איינגעשטעלט ווערן אַ בורזשואַזער רעפּובליקאַנישער רעזשים, האָבן זיי געמיינט, אַז מיט דער הילף פון בלויזער קאָנספּיראַציע וועט זיי געלונגען אַראָפּצוּוואַרפן דעם קעניג, פאַרכאַפּן די מאַכט און פּראָקלאַמירן אַ רעפּובליק. אין משך פון דרייסיק יאָר האָבן די־דאָזיקע געהיימע געזעלשאַפטן געאַרבעט מיט גרענעצלאָזער זעלבסט־אָפּפערונג, מיט דערשטוינלעכער עקשנות און העלדישקייט. אויב די רעפּובליק איז געווען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון פעברואַר־אויפשטאַנד אין 1848־סטן יאָר, דאַרף זי דאַנקען דערפאַר די געהיימע געזעלשאַפטן און זייער פלייסיקע פּראָפּאַגאַנדע דורך מעשים אין משך פון דרייסיק יאָר. ווען נישט זייער זעלבסטאָפּפערישע אַרבעט, וואָלט די רעפּובליק געווען אַן אוממעגלעכקייט נאָך איצט.

*　　　*

*

זיי האָבן געקלערט צו פאַרכאַפּן די מאַכט און זיך פאַרפעסטיקן ווי אַ רעפּובליקאַנישע דיקטאַטור. אָבער ווי מען האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן האָט זיך זיי דאָס נישט איינגעגעבן. ווי תמיד איז די קעניג־

לעכע מאַכט אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן נישט דורך פאַרשווערונגען. די קאָנספּיראַטאָרן האָבן נאָר צוגעגרייט איר מפּלה. זיי האָבן ברייט פאַרשפּרייט אין די מאַסן די אידעע פון דער רעפּובליק און אַ דאַנק זייערע העלדן און מאַרטירער איז זי געוואָרן דעם פאָלקס אַן אידעאַל. אָבער דער לעצטער אָנגריף, דער אַנטשיידנדיקער קלאַפּ, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער מאַכט פון דער בורזשואַזער קעניגלעכער מאַכט, איז געווען צו שטאַרק, ער זאָל זיין אַ טאַט פון די געהיימע געזעלשאַפט: דאָס איז געווען אַן אָנגריף פון גאַנצן פאָלק.

מיר חייסן, ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזעען די רעזולטאַטן. די פּאַרטיי, וואָס האָט צוגעגרייט דאָס פאַלן פון דער קעניגלעכער מאַכט, — איז אפילו נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער שוועל פון דעם שטאָט-ראַט. מענטשן, צו פאָרזיכטיקע, כדי אויסצושטעלן זיך די געפאַרן פון דער קאָנספּיראַציע, אָבער באַרימטערע, מעסיקערע, וועלכע וואַרטן אָפּ אַ פּאַסיקן מאָמענט אויף צו פאַרכאַפּן די מאַכט, — דידאָזיקע מענטשן האָבן פאַרנומען יענע ערטער, וועלכע די קאָנספּיראַטאָרן האָבן דעראָבערט אונטערן דונער פון די האַרמאַטן. די פּובליציסטן, אַדוואָקאַטן, געשליפענע צינגער, וועלכע האָבן געאַרבעט כדי צו שאַפן זיך אַ נאָמען, אין דער צייט, ווען די עכטע רעפּובליקאַנער האָבן געשמידט וואָפן אָדער געשמאַכט אין קאַטאָרגע, זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט. געוויסע פון זיי, די באַרימטסטע, זענען גערופן געוואָרן צו דער מאַכט דורך פאַרשידענע ליידיקגייערס; אַנדערע האָבן זיך אַליין געוואָרפן, און זענען צוגענומען געוואָרן בלויז דערפאַר, ווייל זייער נאָמען האָט גאָרנישט געזאָגט דעם המון, אָדער, ריכטיקער, געגעבן אַ פּראָגראַם, וואָס איז צוגעפּאַסט צו אַלע געשמאַקן.

זאָל מען אונז נישט זאָגן, אַז דאָס זענען געווען פעלערן, אַ מאַנגל אין פּראַקטישן שכל מצד דער האַנדלענדיקער פּאַרטיי; אַז אַנדערע וועלן מאַכן בעסער... ניין, טויזנט מאָל ניין! די האַנדלענדיקע פּאַרטיי בלייבט הינטערן באָרט, און די אינטריגאַנטן און געשליפענע צינגער פאַרכאַפּן אין זייערע הענט די מאַכט — דאָס איז פּונקט אַזאַ אומפאַרמיידלעך געזעץ, ווי די געזעצן פון די באַוועגונגען פון די הימל-קערפּערס. דידאָזיקע פּלוידערער זענען פּאָפּולערער אין יענער מאָסע, וועלכע מאַכט דעם לעצטן אָנגריף. זיי וועלן באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען; זיי וועלן באַגריסט ווערן דורך אַלעמען, און דער עיקר דורך די שונאים פון דער רעוואָלוציע, וועלכע עס לוינט זיך אַרויסרוקן נישטיקייטן; אַלס

הערשער וועלן אַרויסגערוקט ווערן די קעגנער פון דער באַוועגונג אָדער מענטשן לגמרי פאַרעווט.

אַ מענטש, וועלכער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער קאָנספּיראַטיווער סיסטעם, אַ מענטש, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבן פאַרברענגט אין תפיסה צוליב זיין טרייִשאַפט צו דעמדאָזיקן סיסטעם, האָט ערב זיין טויט געוואָרפן דער וועלט די פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך אַ גאַנצן פּראָגראַם: *נישט קיין גאָט, נישט קיין לערער!*

## III.

דער הויפּט-פעלער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען אָנגעוואַקסן אין די טיפענישן פון דער רעפּובליקאַנישער בורזשואַזיע זייט 1820-סטן יאָר, באַשטייט אין פאָלגנדיקן: זיי מיינען, אַז די רעגירונג קאָן אַראָפּגעוואָרפן ווערן דורך געהיימע געזעלשאַפטן און אַז דידאָזיקע געזעלשאַפטן קאָנען פאַרנעמען איר אָרט. אַלע ווייטערדיקע פאַקטן האָבן געהאָלפן קלאָר צו מאַכן דעמדאָזיקן פעלער, סאַראַ זעלבסטאָפּפערונג, סאַראַ עקשנות, סאַראַ זעלבסטפאַרגעסונג עס האָבן אַרויסגעוויזן די געהיימע רעפּובליקאַנישע געזעלשאַפטן פון דער יונגער איטאַליע, סאַראַ ריזן-אַרבעט, וויפיל קרבנות, קרבנות — פאַר וועלכע עס ווערן בלייך די העלדישע מעשים פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, וויפיל קעמפער עס זענען באַגראָבן געוואָרן אין די קאַזעמאַטן פון די עסטרייכישע פעסטונגען, אומגעקומענע דורך מעסערס און קוילן פון די תלינים! — און דאָס אַלץ האָבן געירשנט פאַרשידענע טעלערלעקערס פון דער בורזשואַזיע און פון די קעניגלעכע מקורבים.

דאָס זעלבע איז אין רוסלאַנד. איך גלייב נישט צי מען וועט געפינען אין דער געשיכטע נאָך אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל האָבן דערגרייכט אַזעלכע ריזיקע רעזולטאַטן (באַזיצנדיק אַזעלכע אומבאַדייטנדיקע מיטלען), ווי דער אויספיר-קאָמיטעט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל ענערגיע און קראַפט. און פונדעסטוועגן וואָלט געווען נאַיוו צו גלייבן, אַז דער אויספיר-קאָמיטעט וועט ווען-נישט-איז שטיין אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג.

מענטשן פאַרזיכטיקע, וועלכע האָבן זיך געשאָפן נעמען אין דער צייט, בעת די רעוואָלוציאָנערן האָבן געשמאַכט אין די שאַכטעס און אומגעקומען אין סיביר, — אינטריגאַנטן, געשליפענע צינגער, אַדוואָקאַטן און ליטעראַטן, וועלכע פלעגן פאַרגיסן טרערן איבער דעם פרישן קבר פון די העלדן און פלעגן זיך דערקלערן אַלס פריינט פון פאָלק, — אָט ווער עס וועט פאַרנעמען דאָס וואַקאַנטע אָרט פון דער רעגירונג און וועט גראָב אַ געשריי טון צוריק! צו יענע „אומבאַקאַנטע”, וועלכע האָבן צוגעגרייט די רעוואָלוציע.

* *

*

דאָס איז אומפאַרמיידלעך, דאָס קאָן נישט זיין אַנדערש. נישט קיין געהיימע געזעלשאַפטן און אפילו נישט קיין רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס דערלאַנגען די רעגירונגען דעם אַנטשיידנדיקן קלאַפּ. זייער פונקציע, זייער היסטאָרישע מיסיע באַשטייט אין דעם, כדי צוצוגרייטן די מוחות צו דער רעוואָלוציע. אָבער ווען זייערע אידעען זענען שוין געננוג פאַרשפּרייט, — עס העלפן צו אויסערלעכע באַדינגונגען, — קומט פאָר דער לעצטער אָנגריף נישט דורך דער גרופּע איניציאַטאָרן, נאָר דורך די מאַסן, וועלכע געפינען זיך מחוץ פון יעדער אָרגאַניזאַציע. דעם 31-סטן אויגוסט איז פּאַריז געווען טויב צו בלאַנקאָס אַלע רופן. אין פיר טעג אַרום האָט ער פּראָקלאַמירט דאָס פאַלן פון דער רעגירונג; אָבער שוין נישט די בלאַנקיסטן זענען געווען די איניציאַטאָרן פון דערדאָזיקער באַוועגונג, נאָר דאָס פאָלק גופא. די רעגירונג איז געפאַלן, און דער המון האָט באַגריסט די שרייערס, וואָס זייערע נעמען האָבן אָן אויפהער געקלונגען אין זיינע אויערן אין משך פון די צוויי לעצטע יאָר. ווען די רעוואָלוציע איז גרייט אויסצוברעכן און אין דער לופט פילט זיך אַ געשפּאַנטקייט, ווען דער דערפאָלג איז כמעט ווי געזיכערט, פאַרייניקן זיך צו דער באַוועגונג טויזנטער נייע מענטשן, אויף וועלכע די געהיימע געזעלשאַפטן האָבן נישט געהאַט קיין דירעקטע ווירקונג. זיי עסן זיך איין אין איר ווי די קראָען, וועלכע זענען זיך צונויפגעפלויגן אויפן שלאַכטפעלד צו טיילן דעם רויב. זיי דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ און גלייך הייבן זיי אָן צו זוכן נייע הערשער נישט צווישן די קאָנספּיראַטאָרן, די ערלעכע און אומקאָמפּראָמיסלעכע, נאָר צווישן מענטשן אָן איבערצייגונ-

נען, צווישן די ווינט־הענדלעך. וועגן דעם, אז מען קאָן זיך באַגיין אָן הערשער, טראַכטן זיי גאָרנישט.

די קאָנספּיראַטאָרן, אונטערשטיצנדיק די פּאַראָורטיילן וועגן דיקטאַטור, אַרבעטן אומבאַוווסטזיניק אויף דעם, אַז די מאַכט זאָל איבערגיין אין די הענט פון זייערע קעגנער.

*　*

*

אויב אָבער דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן גערעדט איז ריכטיק בנוגע רעוואָלוציעס, אָדער ריכטיקער — בנוגע פּאָליטישע אויפשטאַנדן, — איז דאָס נישט דער ערך ריכטיקער בנוגע דער רעוואָלוציע, וועגן וועלכער מיר טרוימען, — וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דערלויבן אַ וועלכע נישט איז רעגירונג זיך פאַרפעסטיקן, דערלויבן עס זאָל אויפקומען אַ שטאַרקע מאַכט, וואָס איז פעיק אַרויפצווינגען איר הערשאַפט, — הייסט פאַרצוימען פאַר דער רעוואָלוציע דעם וועג פון אירע ערשטע טריט. דער נוצן, וועלכן דידאָזיקע רעגירונג ברענגט, איז גלייך נול — אָבער זיין שאָדן איז נישט אָפּצושאַצן.

אינדערעמתן, וואָס פאַרשטייען מיר אונטער דערדאָזיקער רעוואָלוציע? דאָס איז שוין נישט קיין ענדערונג פון הערשער. זי באַדייט, אַז דאָס פאָלק פאַרכאַפּט אַלע געזעלשאַפטלעכע רייכטימער. דאָס איז די פאַרניכטונג פון יעדער מאַכט, — אַ מאַכט, וואָס האָט אומאויפהערלעך געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אָבער צי דען קאָן די דאָזיקע גראַנדיעזע עקאָנאָמישע רעוואָלוציע דורכגעפירט ווערן דורך דעקרעטן, וואָס שטאַמען פון דער רעגירונג? מיר ווייסן, אַז דער פּויליִשער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטאָר, קאָשטשושקאָ, האָט נאָך אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט דעקרעטירט דאָס אָפּשאַפן פון פּערזענלעכער קנעכטשאַפט, — אָבער די קנעכטשאַפט האָט נאָך דעם עקזיסטירט נאָך אַכציק יאָר. מיר ווייסן, אַז דער קאָנווענט, דער אַלמעכטיקער קאָנווענט, דער שרעקלעכער קאָנווענט, — ווי זיינע אָנהענגער פלעגן אים אָנרופן, — האָט דעקרעטירט די פאַרטיילונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע ערד־שטחים, וועלכע מען האָט אָפּגענומען בײַ די סעניאָרן. דערדאָזיקער דעקרעט, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע, איז געבליבן אַ טויט אות, ווייל כדי אים דורכצופירן אין לעבן, וואָלט דער דאָרפישער פּראָלעטאַריאַט געדאַרפט

מאַכן אַ נייע רעוואָלוציע, אָבער רעוואָלוציעס ווערן נישט געמאַכט דורך דעקרעטן. כדי דאָס פאָלק זאָל פאַרכאַפן אַלע געזעלשאַפטלעכע רייכטימער, דאַרף עס זיך פירן פריי, עס דאַרף אַראָפוואַרפן די קנעכטשאַפט, צו וועלכער עס איז שוין צו שטאַרק געוווינט, עס דאַרף האַנדלען לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו און גיין דרייסט פאָרויס, נישט וואַרטנדיק אויף קיין שום באַפעלן. דאָס אַלץ שטערט אָבער אַ דיקטאַטור, ווי ערלעך עס זאָלן נישט זיין אירע כוונות; אָבער זי אַליין איז נישט פעיק צו פירן די רעוואָלוציע אפילו אויף אַ טריט פאָרויס.

* *

*

אויב אָבער די רעגירונג, — זאָל זי אפילו זיין אַן אידעאַל פון אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, — איז נישט פעיק צו שאַפן אַ נייע קראַפט, איז נישט פעיק צוצוהעלפן אין דער צעשטערונגס־אַרבעט, דאַרפן מיר אוודאי נישט אויסרעכענען אויף איר בא דער אויפבוי־אַרבעט. די עקאָנאָמישע איבערקערעניש — דער דאָזיקער רעזולטאַט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועט זיין אַזוי גרויס און טיף און זי וועט אַזוי ענדערן אַלע קעגנזייטיקע באַציונגען, וואָס באַזירן איצט אויף אייגנטום און טויש, — אַז איינעם אָדער עטלעכע פערזאָנען וועט זיין אוממעגלעך אויסצואַרבעטן יענע סאָציאַלע פאָרמען, וועלכע דאַרפן זיך אויספאָרמירן אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט. בלויז די קאָלעקטיווע אַרבעט פון גאַנצן פאָלק קאָן אויסאַרבעטן דידאָזיקע נייע סאָציאַלע פאָרמען, בלויז די עלאַסטישקייט פון קאָלעקטיוון געדאַנק פון אַ גאַנץ לאַנד קאָן באַפרידיקן די אומענדלעכע פאַרשידנאַרטיקייט פון באַדינגונגען און באַדערפענישן, וועלכע וועלן אויסוואַקסן אין טאָג, ווען עס וועט אונטערגיין דאָס פריוואַט־אייגנטום. יעדע אויסערלעכע מאַכט וועט בלויז זיין אַ שטערונג פאַר דער אָרגאַנישער אַרבעט; זי וועט זיין אַ מקור פון שנאה און מחלוקת.

ס'איז שוין לאַנג צייט זיך אָפצוזאָגן מיטן געדאַנק וועגן אַ ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ר רעגירונג, שוין צייט זיך אָפצוזאָגן פון דאָזיקן טרוים, וואָס האָט שוין נישט איינמאָל אונדז אָפגענאַרט. שוין צייט צו פאַרשטיין די פאָליטישע אַקסיאָמע, אַז די רעגירונג קאָן נישט זיין רעוואָלוציאָנער. מען רעדט צו אונדז וועגן קאָנווענט; מען דאַרף אָבער נישט

פאַרגעסן, אַז יענע מיטלען, וועלכע דער קאָנווענט האָט אָנגענומען, און וועלכע האָבן געטראָגן אַ וועלכן נישט איז רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, זענען נאָר געווען אַ סאַנקציע פון די פאַקטן, וועלכע דאָס פאָלק האָט שוין געהאַט דורכגעפירט, ווייל עס האָט זיך אין יענער צייט נישט גערעכנט מיט קיין שום רעגירונג. דער קאָנווענט, פונקט ווי אַלע געוועזענע און קומענדיקע רעגירונגען, איז בלויז געווען אַ שטערונג פאַר דער שעפערישער אַרבעט פון פאָלק.

* * *

די פאַקטן, וועלכע עס גיט אונז די געשיכטע, זענען אַזוי איבערצייגנדיק; די אומזיניקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, די אומנויציקייט פון דעם אַלץ, וואָס ווערט אָנגערופן מיטן דאָזיקן נאָמען, זענען אַזוי קלאָר, אַז מען קאָן נישט, וואָלט זיך געדאַכט, דערקלערן, פאַרוואָס אַ געווויסע שול, וואָס באַטראַכט זיך אַלס סאָציאַליסטישע, פאַרטיידיקט מיט אַזאַ היץ די אידעע פון אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. אָבער, אין תוך גענומען, איז דאָס גאַנץ פאַרשטענדלעך. די זאַך איז די, וואָס די אָנהענגער פון דערדאָזיקער שול, וויפיל זיי זאָלן זיך נישט אָנרופן סאָציאַליסטן, קוקן גאַנץ אַנדערש אויף דער קומענדיקער רעוואָלוציע. פאַר זיי, — ווי פאַר אַלע ראַדיקאַלע בורזשועזן, — איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע אַ זאַך פון דער ווייטער צוקונפט, און וועגן איר עקזיסטענץ קאָן גאָר איצט קיין רייד נישט זיין. זיי טרוימען, נישט האָבנדיק דעם מוט זיך מודה צו זיין אין דעם, וועגן גרינדן אַ רעגירונג ענלעך צו די רעגירונגען אין דער שווייץ אָדער אין די פאַריייניקטע שטאַטן, וועלכע באַמיען זיך איבערצוגעבן דער מלוכה דאָס אַלץ, וואָס זיי רופן אָן „עפנטלעכע דינסט". דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט צווישן ביסמאַרקס אידעאַל און דעם אידעאַל פון אַ שניידער, וועלכער טרוימט צו באַקומען דאָס אָרט פון אַ פּרעזידענט אין די פאַריייניקטע שטאַטן. דאָס איז אַ קאָמפּראָמיס צווישן די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען פון די מאַסן און די אַפּעטיטן פון דער בורזשואַזיע. דידאָזיקע „סאָציאַליסטן" וואָלטן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט אַ פולע עקספּראָפּריאַציע, זיי האָבן אָבער קיין העזה נישט צוצוטרעטן צו איר, זיי לייגן זי אָפּ אויפן קומענדיקן יאָר-

הונדערט און לאנג נאך פארן אנהייב פון דער שלאכט טרעטן זיי צו אונטערצוהאנדלען מיט די פריינט.

פאר אונז אבער איז קלאר, אז דער מאמענט צו דערלאנגען דער בורזשואזיע א טויט-קלאפ איז אנגעקומען, אז ס'איז שוין נישט ווייט די צייט, ווען דאס פאלק וועט פארכאפן אלע געזעלשאפטלעכע רייכטימער און עס וועט דערפירן צו פולער מאכטלאזיקייט דעם קלאס עקספלואטאטארן. און דעריבער וועלן מיר אן שום וואקלענישן זיך ארייננווארפן אין דער סאציאלער רעוואלוציע. און אזוי ווי יעדע רעגירונג, מיט וועלכן נאמען זי זאל זיך נישט אנרופן, וועט אונז זיין נאר א שטערונג, וועלן מיר אראפקערן פון אונזער וועג אלע כבוד-זוכער, וועלכע וועלן בדעה האבן צו שאפן זיך מיטן גורל פון פאלק.

# אַלע זענען סאָציאַליסטן!

זינט די אידעען פון סאָציאַליזם האָבן גענומען אַריינדרינגען אין די אַרבעטער-מאַסן, לאָזט זיך באַמערקן פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע דערשיינונג. די שונאים פון סאָציאַליזם האָבן באַגריפן, אַז דאָס בעסטע מיטל צו דערשטיקן די דאָזיקע שטרעמונג באַשטייט אין דעם, אָנצוגיין אַלס איר אָנהענגער און זיי דערקלערן זיך שנעל אַלס סאָציאַליסטן. רעדט זיך דורך מיט איינעם פון יענע דיקע בורזשויען, וועלכע עקספּלואַטירן אומבאַרחמנותדיק דעם אַרבעטער, די אַרבעטערין און דאָס קינד. רעדט זיך דורך מיט אים וועגן דער עקלהאַפטער אומגלייכהייט מיט וועלכער עס זענען פאַרטיילט די רייכטימער, וועגן די קריזיסן און דער אָרימקייט, וועלכע זיי ברענגען מיט זיך; רעדט זיך דורך מיט אים וועגן דער נייטיקייט צו ענדערן דעם רעזשים פון אייגנטום כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער; און אויב אייער בורזשוי, אויב ער יאָגט זיך נאָך דערפאָלג אין פּאָליטיק, און דער עיקר, אויב איר זענט זיין וויילער, וועט ער אייך שנעל ענטפערן:

— אָבער דערלויבט, איך בין אויך אַ סאָציאַליסט! — די סאָציאַלע פראַגע, שפּאָר-קאַסעס, נאָרמירן די אַרבעט; — איך טייל פולשטענדיק אייערע געדאַנקען בנוגע דעם אַלעם, אָבער, איר ווייסט וואָס? מען קאָן נישט אַלץ ענדערן אין איין טאָג. לאָמיר האַנדלען פּראַקטיש! — און, פאַרלאָזנדיק אייך, גייט ער „פּראַקטיש“ אַרומנעמען „זיינע אַרבעטער“, פאַרויסזעענדיק די היזקות, וועלכע עס וועט אים פאַרשאַפן אין דער נאָענטער צוקונפט די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע.

פריער וואָלט ער אייך געוויזן די פּלייצע. איצט חיל ער אייך איינרעדן, אַז ער טיילט פולשטענדיק אייערע געדאַנקען; אַזוי אַרום

האָפּט ער לייכטער אייך בייצוקומען, ווען עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט.

דידאָזיקע דערשיינונג לאָזט זיך באַזונדערס באַמערקן נאָך די וואַלן אין 1881 יאָר, אין פראַנקרייך. ס'איז גענוג געווען אויפצוועקן אין אַ וואַל-פאַרזאַמלונג די פראַגע וועגן סאָציאַליזם, כדי די, וועלכע האָבן געוואָלט געוויילט ווערן, זאָל זיך תיכף דערקלערן אַלס אָנהענגער פון סאָציאַליזם, — פון אמתן סאָציאַליזם, — פאַרשטייט זיך, פון סאָציאַליזם פון פּלוטעס און שווינדלער.

צוויי דריטל דעלעגאַטן האָבן געגעבן צו וויסן די וויילער, אַז אין פּאַרלאַמענט האָבן זיי בדעה צו פאַרנעמען זיך מיט דער סאָציאַלער פראַגע. קלעמאַנסאָ האָט זיך דערקלערט אַלס סאָציאַליסט; גאַמבעטאַ איז נאָענט געווען דערצו; ווען ער זאָל נישט פאַרויסזען דאָס העכסטע גליק צו דריקן ווען-נישט-איז די האַנט אַ וועלכן נישט איז קעניג, וואָלט ער זיך געוויס אָפן דערקלערט אַלס סאָציאַליסט. ביסמאַרק האָט זיך טאַקע נישט געוואַקלט; ער האָט זיך אויסגעגעבן אַלס הייסער סאָציאַליסט, אַלס סאָציאַליסט פאַר עקסעליאַנס; אין ענגלאַנד איז גאַנץ אָפּט אויסגעקומען צו הערן, אַז ווען לאָרד ביקאָנספילד וואָלט געלעבט לענגער, וואָלט ער „געלייזט די סאָציאַלע פראַגע". אַלע, נישט אויסשליסנדיק די פּאָפּעס, זענען פאַרנומען דערמיט. די פּרעדיקער באַם בערלינער הויף לויבן אין הימל אַריין דעם סאָציאַליזם, און אין פראַנקרייך גיבן מאָנאַכן אַרויס אַ זשורנאַל, אין וועלכן זיי דערקלערן זיך אַלס קענער פון אמתן סאָציאַליזם.

מיט איין וואָרט, אַלע זענען סאָציאַליסטן! דער בירזשעוויק, וואָס ספּעקולירט אויף דער האָסע און בעסע פון תבואה-פּרייזן, כדי צו קויפן בריליאַנטן זיין ווייב; דער באַלעבאָס, וואָס דערפ'רט די אַרבעטער-ינס צו שווינדזוכט און די קינדער צו פולער אויסשעפּונג; די הערשער, וועלכע אַרעסטירן אין בערלין און הענגען אין פּעטראָגראַד; די זשאַנדאַרן, וועלכע מאַכן רעוויזיעס — אַלע, אויב זיי נישטערן אפילו אין אייערע פּאַפּירן, אויב זיי אַרעסטירן און הענגען סאָציאַליסטן, פאַרניכטן אַרבעטערינס און קינדער, באַלעבאַטעווען אין פּאָליטיק און פינאַנסן, — טוען זיי דאָס, כדי צו דערנענטערן דעם טריומף פון סאָציאַליזם!

* *

*

און פונדעסטוועגן געפינען זיך נאך סאציאליסטן, וועלכע זענען אזוי נאיוו, אז זיי דיכטן נצחון-הימנען באם זעען דאסדאזיקע בילד. — „מיין הער, דער און דער האט זיך דערקלערט אלס סאציאליסט; גאמ-בעטא האט אנערקענט די עקזיסטענץ פון דער סאציאלער פראגע! אט האט איר א פרישן באווייז, אז אונזער אידעע דערארבערט אן ארט פאר זיך", — איילן זיי זיך צו דערקלערן אין זייערע צייטונגען. — ריכטיק, ווי מיר נייטיקן זיך אין א וועלכע נישט איז סאנקציע, וואס דערווייזט, אז די אידעען פון סאציאליזם געפינען א ברייטע פארשפרייטונג צווישן פאלק!

אונז אבער פרייט לחלוטין נישט דאסדאזיקע בילד. פון איין זייט איבערצייגט עס אונז אין דעם, אז די בורזשואזיע ארגאניזירט א פאר-שווערונג קעגן סאציאליזם און שטרעבט אנצווענדן לגבי אים יענע פאליטיק פון שווינדל, וועלכע זי האט אמאל אנגעווענדט לגבי דער רעפובליקאנישער אידעע, און פון דער צווייטער זייט ווייזט עס אונז, אז די, וועלכע מיר האבן אמאל באטראכט אלס סאציאליסטן, האבן זיך איצט אפגעווארפן פון די הויפט-אידעען פון סאציאליזם און זענען איבערגע-גאנגען אין לאגער פון דער בורזשואזיע, אייבהאלטנדיק פאר זיך, כדי צו פארמאסקירן זייער איבערגאנג, דעם נאמען סאציאליסטן.

* *

*

אין וואס, אייגנטלעך, איז באשטאנען די אידעע, אויף וועלכער עס באזירט דער סאציאליזם?

— די נויטווענדיקייט צו פארניכטן דעם ארבעטס-לוין, דאס פריוואט-אייגנטום אויף ערד, הייזער, פראדוציר-געצייג, מיט איין ווארט, אויפן געזעלשאפטלעכן קאפיטאל. דער, וואס האט נישט אנערקענט דידאזיקע עיקרדיקע אידעע, האט זי נישט פארווירקלעכט אין זיין פריוואט-לעבן, זיך אפזאגנדיק פון וועלכער-נישט-איז עקספלואטאציע, — האט זיך נישט געקאנט האלטן פאר א סאציאליסט.

— „צי אַנערקענט איר, אַז ס'איז נייטיק צו פאַרניכטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום? — צי אַנערקענט איר, אַז ס'איז נייטיק עקספּראָפּריאירן דעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל לטובת אַלעמען? — צי פאַרפּליכטעט איר זיך צו לעבן אין הסכּם מיט דידאָזיקע פּרינציפּן?"

אָט וואָס מען פלעגט אַמאָל פרעגן, איידער מען פלעגט אייך אויס־שטרעקן די האַנט, ווי אַ סאָציאַליסט.

פאַרשטייט זיך, אַז שטעלנדיק אייך דידאָזיקע פראַגן, האָט מען אייך נישט געפרעגט, צי אָנערקענט איר די נייטיקייט צו פאַרניכטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום אין צוויי הונדערט אָדער צוויי טויזנט יאָר אַרום! ווער וועט זיך שטעלן סתּם אין דער וועלט אַריין פראַגן וועגן דעם, וואָס מען וועט דאַרפן טון אין צוויי הונדערט יאָר! ווען מען פלעגט רעדן וועגן פאַרניכטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום, פלעגט מען אָנערקענען די נויט־ווענדיקייט, אַז דאָס זאָל תּיכּף פאַרווירקלעכט ווערן, און מען פלעגט באַשליסן צו מאַכן די ערשטע פּרווון אין דעם מאָמענט, ווען עס וועט אָנקומען די קומענדיקע רעוואָלוציע. — „די קומענדיקע רעוואָ־לוציע" — פלעגן רעדן די סאָציאַליסטן מיט צען יאָר צוריק (און די, וועלכע זענען פאַרבליבן סאָציאַליסטן, חזרן דאָס איבער אויך איצט), — „די קומענדיקע רעוואָלוציע דאַרף נישט זיין קיין פּשוטע ענדע־רונג פון דער רעגירונג, אַן ענדערונג, וואָס ווערט באַגלייט דורך געוויסע פאַרבעסערונגען אין דער מלוכהשער־מאַשין: דאָס וועט זיין אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע".

דאָס באַוווּסטזיין, אַז מען דאַרף זיך גרייטן צו דער עקספּראָפּריאַ־ציע אין דעם טאָג, ווען עס וועט אַנטשטיין די קומענדיקע רע־וואָלוציע האָט געבילדעט די הויפּט־אידעע פון די סאָציאַליסטן; אָט מיט וואָס זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט פון די־יעניקע, וועלכע האָבן מודה געווען, אַז ס'איז נייטיק צו פאַרבעסערן אַ ביסל די לאַגע פון די אַרבעטער און זענען גרייט אָנערקענען, אַז דער קאָמוניזם איז דער אידעאַל פון דער קומענדיקער געזעלשאַפט, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט דערלאָזן דעם געדאַנק וועגן זיין תּיכּפדיקער פאַרווירק־לעכונג.

גלייבנדיק אין דידאָזיקע אידעען, זענען די סאָציאַליסטן געווען זיכער, אַז מען וועט זיי נישט פאַרבייטן מיט זייערע קעגנערס. זיי זענען געווען זיכער, אַז מיטן נאָמען „סאָציאַליסט" וועלן זיך נישט באַנוצן די־

יעניקע, וועלכע שטרעבן בראָסט-פּשוט אונטערצוהאַלטן די היינטיקע עקספּלואַטאַציע.

איצט האָט זיך דאָס אַלץ געענדערט.

צווישן דער בורזשואַזיע גופא האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נעסט מיט וואַנטורסטן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, אַז נישט צוטשעפּענדיק צו זיך דאָס פלעטל „סאָציאַליסט”, איז אוממעגלעך צו דערגרייכן די מאַכט. מען האָט געדאַרפט געפינען אַ מיטל, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין געצוווּנגען אָנערקענען זיי אַלס מיטגלידער, הגם זיי האָבן נישט אָנגענומען אירע פּרינציפּן. אין זעלבן דינען האָבן געאַרבעט די-יעניקע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונטערדריקן דעם סאָציאַליזם קאָן מען נאָר דורך אַריינטרעטן אין די רייען פון זיינע אָנהענגער, פאַרקריפּלענדיק זיינע פּרינציפּן און שטויסנדיק אויף אַ פאַלשן וועג זיין טאַקטיק.

צום באַדויערן האָבן זיך געפונען סאָציאַליסטן, סאָציאַליסטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָבן געוואָלט גריפירן אַרום זיך וואָס מער פּובליקום; זיי האָבן גערן אַריינגענומען אין זייערע רייען אַלעמען, וועלכע האָבן מסכים געווען צוטשעפּען צו זיך דאָס פ ל ע ט ל „סאָציאַליסט”, און האָבן בּרייט געעפנט די טירן פאַר אַלעמען, וועלכע האָבן כלומרשט אָנגענומען דעם נייעם גלויבן. זיי האָבן זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון דער עיקרדיקער אידעע פון סאָציאַליזם און אונטער זייער שוץ האָבן זיי געשאַפן אַ נייעם מין סאָציאַליסטן, וועלכער האָט אויפגעהיט פון דער אַלטער פּאַרטיי בלויז דעם נאָמען.

ענלעך צו יענעם רוסישן זשאַנדאַרם-פּולקאָווניק, וועלכער האָט געזאָגט צו איינעם פון אונזערע פריינט, אַז ער קניט פאַרן קאָמוניסטישן אידעאַל, מער נישט, אַזוי ווי דערדאָזיקער אידעאַל קאָן פאַרווירקלעכט ווערן ערשט אין 200 אָדער גאָר אין 500 יאָר אַרום, דאַרף מען פאַרפאָלגן און צונעמען די פרייהייט בּאַ אַלעמען, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פּראָפּאַגאַנדירן דעם קאָמוניזם; איך חזר איבער, ענלעך צו יענעם זשאַנדאַרם-פּולקאָווניק דערקלערן די נייע סאָציאַליסטן, אַז מען דאַרף אָפּלייגן אין דער לאַנגער צוקונפט אַריין דאָס פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום ווי אויך די עקספּראָפּריאַציע, פאַרגעסן דידאָזיקע אַלע פאַנטאַזיעס און אוטאָפּיעס, צוטרעטן צו די רעפאָרמען, וועלכע לאָזן זיך פאַרווירקלעכן, און זיך נישט רעכענען מיט די-יעניקע, וועלכע שטייען פעסט פאַר דער אידעע פון עקספּראָפּריאַציע און זיי שטערן דורכדעם די פּראַקטישע דורכפירונג פון די רעפאָרמען. — „לאָמיר צוגרייטן, זאָגן זיי, דעם באָדן

נישט פאר דער עקספראפריאציע פון דער ערד, נאר פאר פארכאפן די מלוכה-מאשין, און דאן לאמיר זיך נעמען פארבעסערן די לאגע פון די ארבעטער. לאמיר צוגרייטן פאר דער קומענדיקער רעוואלוציע נישט די דעראבערונג פון די ווארשטאטן, נאר די דעראבערונג פון די מוניציפאליטעטן".

ריכטיק ווי די בורזשואזיע — אויב דער קאפיטאל זאל נאר בלייבן אין אירע הענט, — וועט זיי דערלויבן צו מאכן סאציאליסטישע עקספערימענטן, ווען זיי זאל אפילו געלינגען צו פארכאפן די מאכט! ריכטיק ווי עס איז מעגלעך צו דעראבערן די מוניציפאליטעטן, נישט דעראבערנדיק פריער די ווארשטאטן!

* *

*

די רעזולטאטן פון דעם אלעם לאזן זיך שוין פילן.

איצט, ווען איר האט פאר זיך איינעם פון די דאזיקע נייע סאציאליסטן, ווייסט איר נישט מיט וועמען איר האט צו טון: מיט עפעס א הער, פון דעם מין וואס דער רוסישער זשאנדארם-פולקאווניק, אדער מיט אן אמתן סאציאליסט. זיי אלע אנערקענען, אז ווען נישט-איז, — אין טויזנט יאר ארום, אפשר, — דארף דאס אייגנטום ווערן א קאלעקטיוו; אבער איצט פארנעמען זיי זיך מיט ווילן עפעס א מיטגליד פון פארלאמענט, וועלכער וועט פאדערן בא אים צו פארקלענערן די צאל ארבעטס-שעהן. דער חילוק צווישן דעם סאציאליזם פון דעם זשאנדארם-פולקאווניק און דעם סאציאליזם פון די נעא-סאציאליסטן איז כמעט נישט אנצוכאפן: אלע זענען סאציאליסטן! דער ארבעטער, וועלכער האט נישט די מעגלעכקייט נאכצופאלגן דרייסיק צייטונגען, וועט אינגיכן נישט ויסן, ווו זענען די סאציאליסטן און ווו דער פארקריפלער פון דער סאציאליסטישער אידעע. אין טאג פון דער רעוואלוציע וועלן די ארבעטער מוזן איבערטראגן א סךליידן. פארגיסן א סך בלוט, איידער זיי וועלן באגרייפן, ווער זענען זייערע פריינט און ווער — זייערע פיינט.

# דער גייסט פון אויפשטאנד*)

אין לעבן פון דער מענטשהייט טרעפן תקופות, ווען די רעוואָלוציע ווערט אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, ווען זי איז אומפאַרמיידלעך. נייע אידעען וואַקסן אָן מיט יעדן טאָג, שטרעבן קומען צום אויסדרוק און געפינען אָן אָנווענדונג אין לעבן. אָבער אויף יעדן שריט און טריט שטויסן זיי זיך אָן מיט דער אינערטישקייט פון די אָנהענגער פון אַלטן רעזשים און גייען אויס אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספער פון די אַלטע פאָראורטיילן און טראַדיציעס פון עבר. דער קוק, וואָס איז אָנגענומען אין אונזער געזעלשאַפט אויף דער פּאָליטישער אָרדנונג פון די מלוכות, אויף די געזעצן פון סאָציאַלער גלייכגעוויכט, אויף די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קעגנזייטיקע באַציונגען פון די בירגער, האַלט נישט אויס די מינדסטע קריטיק; ער ווערט צעקלאַפּט יעדן טאָג, בײַ יעדן פּאַסיקן צופאַל, סיי אין ווערק פון פילאָזאָפן, סיי אין טאָג־טעגלעכע שמועסן, —

---

*) מיין קוק אויף דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אונטערשיידט זיך שאַרף פון אָפיציעלן. פאַר די היסטאָריקער, וועלכע פאַלן כורעים פאַר דער בורזשואַזיע, האָט זיך די גרויסע דראַמע אָפּגעשפּילט כמעט אינגאַנצן אין די גרויסע שטעט, דער עיקר, אויף דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרענע. אמת, די באַפעלקערונג פון די דערפער שטייט אויף אין עטלעכע חדשים נאָך דעם, ווי פּאַריז האָט איר געגעבן דעם ערשטן סיגנאַל דורך איינגעמען באַסטיליע; זי צינדט אונטער די פּאַלאַצן פון די אַריסטאָקראַטן, און מיט דעם ענדיקט זיך אַלץ. עס זענען, פאַרשטייט זיך, אויך נאָכדעם געווען אויפשטאַנדן, אָבער מען קאָן זיי נישט צוגעבן קיין באַדייטונג, ווייל זיי פלעגן געמאַכט ווערן דורך „באַנדיטן", אונטער־

סיי אין פּראַקטיקע סאַלאָנען, סיי אין אָרימע שענקען. די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס פאַלן איין; אַלטע געביידעס, חורבות, אין וועלכע דאָס לעבן איז געוואָרן אוממעגלעך, — לאָזן זיי נישט אַנטוויקלען זיך די שפּראָצלעך, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען אין די שפּאַלטן פון זייערע האַלב-צעשטערטע ווענט.

עס פילט זיך אַ באַדערפעניש אין עפּעס נייעס. דער זיטלעכער קאָדעקס, לויט וועלכן די גרעסטע טייל מענטשן האָט זיך ביז איצט געפירט אין זייער טאָג-טעגלעכן לעבן, האָט פאַרלוירן יעדע באַדייטונג, איז געוואָרן אַ בולטער אומזין.

אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָך דאָ גאָרנישט לאַנג צוריק געאַכטעט, מיט וואָס מיר האָבן שלום געמאַכט, ווערט איצט אָנערקענט אַלס הימל-שרייענדיקע אומגערעכטיקייט; די זיטלעכקייט פון נעכטן איבעראַשט מיט איר שרעקלעכער אומזיטלעכקייט. די צוזאַמענשטויסן צווישן די נייע אידעען און די אַלטע טראַדיציעס ווערן אַלץ אָפטער און פאַרביסענער; זיי טראָגן אַריין מחלוקת אין אַלע קרייזן פון דער געזעלשאַפט און אפילו אין דער פאַמיליע. דער זון הייבט אָן אַ קאַמף מיטן פאָטער; עס כאַפּט אים אָן אַ שרעק פון דעם אַלעם, וואָס דער פאָטער האָט געהאַלטן פאַר

---

געקויפטע דורך דער קאָנטער-רעוואָלוציע. האָבן דען ערלעכע רעפּובליקאַנער, פּאַטריאָטן, געקאָנט אונטערהאַלטן די אומאָרדנונג, ווען די „גרויסע פּרינציפּן פון 1789-סטן יאָר" זענען שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן, און די רעוואָלוציע איז אַרויסגעטרעטן אויפן ריכטיקן וועג אַ דאַנק דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג און דעם קאָנווענט!

לויט מיין מיינונג איז פאַרקערט: די אויפשטאַנדן פון די פּויערים אין די דערפער און פון די קבצנים אין די שטעט פאַרשטאַרקן זיך זייטן 1788-סטן יאָר, זיי ווערן צאָלרייכער אין די דערפער און האָבן אַלס ציל צו פאַרניכטן די פעאָדאַלע רעכט גלייך אין די ערשטע חדשים פון 1789-סטן יאָר; זיי דויערן אָן אָן איבעררייס ביזן 1793-סטן יאָר. אויב די בורזשואַזיע האָט איבעראַשט מיט איר דרייסטקייט אין מאַי, יוני און יולי 1789-סטן יאָר, אויב דעם 4-טן אויגוסט האָט די אַריסטאָקראַטיע געשפּילט די שיינע קאָמעדיע פון „ברענגען אַלס קרבן זייערע רעכט אויפן מזבח פון פאָטערלאַנד". — דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס

נאַטירלעך זיין לעבן לאַנג; די טאָכטער ווערט אויפגעבראַכט פון יענע
פּרינציפּן, וועלכע די מוטער באַמיט זיך איר איבערצוגעבן, אַלס רעזול-
טאַט פון איר לאַנגיעריקער דערפאַרונג. דאָס פאָלקס-באַוווסטזיין, דאָס
פאָלקס-געוויסן זענען טאָג-טעגלעך מורד קעגן אַלע עקלדיקייטן, וואָס קו-
מען פאָר אין דער סביבה פון די פּריווילעגירטע און ליידיקגייערישע
קלאַסן, קעגן די פאַרברעכנס, וועלכע ווערן באַגאַנגען אין נאָמען פון
שטאַרקערנס רעכט, כּדי איינצוהאַלטן אין זיינע הענט די פּריווילעגיעס.
די יעניקע, וועלכע דאַרשטן נאָכן טריומף פון דער גערעכטיקייט און
שטרעבן דורכפירן אין לעבן די נייע אידעען, מוזן מודה זיין, אַז זייערע
מסירת-נפשדיקע און הומאַניטאַרע אידעען, — די אידעען, וועלכע זע-
נען בכוח צו ברענגען דער מענטשהייט באַפרייונג, זענען נישט צו פאַר-
ווירקלעכן בײַ דער הייַנטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג: זיי אָנערקע-
נען די נויטווענדיקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערן שטורעם, וועלכער וועט
רייניקן די וועלט פונם שימל, וואָס האָט זי באַדעקט, וועט אַריינבלאָזן
ניי לעבן אין די פאַרגליווערטע הערצער און וועט ברענגען דער מענטש-

ייט פעברואַר איז גאַנץ פראַנקרייך אַרומגעכאַפּט געווען דורכן אויפ-
שטאַנד; די פּויערישע באַפעלקערונג האָט נישט געצאָלט קיין שטייערן
און מורד געווען קעגן די סעניאָרן; די שטאָטישע אָרימקייט איז שוין
גרייט געווען צום אַנטשיידנדיקן אויפרייס. דער אויפשטאַנד אין פּאַריז,
פון 11-טן ביזן 14-טן יולי 1789-סטן יאָר, דער אויפשטאַנד אין שטראַס-
בורג און אין אַנדערע גרויסע שטעט — זענען נישט קיין פּשוטע מרידות,
נישט קיין פּראָטעסטן קעגן בעקקערס פאַלן: דאָס זענען אמתע אויפשטאַנדן
פון די אָרימע קעגן די רייכע, אויפשטאַנדן, מיט וועלכע די בורזשואַזיע
האָט זיך געקאָנט באַנוצן כּדי אַראָפּצוואַרפן די קעניגלעכע מאַכט.

דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין די שטעט און דערפער אין
1789-סטן יאָר, הערט נישט אויף אין משך פון די גאַנצע פיר יאָר פון
דער רעוואָלוציע. אומאויפהערלעכע בונטן אין די דערפער, אומאויפהער-
לעכע אויפשטאַנדן אין די שטעט.

כּדי זיך איבערצוצייגן אין דעם, איז גענוג זיך ווענדן צו גריגאָ-
ריס באַריכט, וועלכן ער האָט פאָרגעשטעלט אין פעאָדאַלן קאָמיטעט אין
פעברואַר אָדער יאַנואַר 1790-כטן יאָר. פון אים זעען מיר, אַז די זשאַ-
קעריע האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן. דער דעקרעט פון 18-טן

הייט איידלקייט, מסירת־נפשדיקייט און העראָיזם, אָן וועלכע די געזעלשאַפט שטעקט זיך אָן מיט פעלערן און ווערט צעפאַלן.

אין תקופות פון ווילדן געיעג נאָך רייכקייט, אין תקופות פון פיבערדיקע ספּעקולאַציעס און קריזיסן, פון פלוצלינגדיקע קראַכן פון גרויסע אונטערנעמונגען און פון אַן אילוזאָרישער אַנטוויקלונג פון עטלעכע פּראָדוקציע־צווייגן, אין תקופות פון שנעלן וווּקס פון שענדלעכע רייכטימער און פון נישט קיין ווינציקער שנעלערער פאַרשווענדונג זייערער, — הייבט די געזעלשאַפט אָן צו באַגרייפן, אַז די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וועלכע פירן אָן מיט דער פּראָדוקציע און מיטן סחורות־טויש, גיבן נישט יענעם ווילשטאַנד, וועלכן זיי זענען באַרופן צו גאַראַנטירן. אָנשטאָט אָרדנונג ברענגען זיי כאַאָס, אָנשטאָט ווילשטאַנד — נויט, אומזיכערקייט אין מאָרגנדיקן טאָג; אָנשטאָט דער האַרמאָניע פון די אינטערעסן ברענגען זיי צו אַן אומאויפהערלעכער מלחמה, צו אַ מלחמה פון עקספּלואַטאַטאָר מיטן פּראָדוצירער, צווישן די עקספּלואַטאַטאָרן און פּראָדוצירער צווישן זיך. די געזעלשאַפט איז צעפאַלן אויף צוויי פייַנטלעכע לאַגערן און גלייכצייטיק זיך צעטיילט אויף טויזנט קליינע גרופּעס, וועלכע פירן

---

יוני 1790־סטן יאָר באַווייזט אונז, אַז די זשאַקעריע האָט אומפּאַרמיידלעך געמוזט ווייטער דויערן, כּדי צו פאַרניכטן די אויסקויף־ראַטעס און דערשלאָגן זיך דערצו, מען זאָל צוריק אָפּגעבן די קאָמונעס די ערד, וועלכע די סעניאָרן האָבן פאַרכאַפּט. דערדאָזיקער דעקרעט האָט פאַרגעשריבן אויפצוהיטן געוויסע „גייסטלעכע און פעאָדאַלע מעשרס", ווי אויך דאָס צאָלן לייב־אייגענעם אָפּצאָל, דעם תבואה־אָפּצאָל, נאַטוראַלע אָפּצאָלן און אַנדערע אָפּצאָלן, וואָס זענען צאָלבאַר אין נאַטור, און האָט גלייכצייטיק פאַרווערט אַלעמען צו שטערן אויף וואָסער אופן דאָס זאָל נישט זיין דאָס אויפמאָנען די מעשרס, סיי דורך דעם געשריבענעם וואָרט, סיי דורך שמועסן, סיי דורך דראָונגען, אונטער דער דראָונג צו ווערן באַשטראָפט אַלס שטערער פון דער עפנטלעכער רו". דערדאָזיקער דעקרעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צען חדשים אַרום נאָך דער באַרימטער נאַכט פון 4־טן אויגוסט, כמעט אין אַ יאָר אַרום נאָכן איינעמען באַסטיליע, ווייזט אונז, וואָס דער פויער וואָלט באַקומען, ווען די זשאַקעריע וואָלט ווייטער נישט געדויערט.

און דעריבער, מיט וואָסער. שטראָם שמוץ טען זאָל נישט באַגיסן

צווישן זיך אַ פאַרביטערטן קאַמף. פאַרמאַטערט פון אומאויפהערלעכע מלחמות, פאַלנדיק אונטער דער לאַסט פון אָרימקייט און נויט, זוכט זי אינטענסיוו אַ נייע אָרגאַניזאַציע; זי פאָדערט אַנטשלאָסן אַ פולשטענדיקע רעאָרגאַניזאַציע פון רעזשים פון אייגנטום, פּראָדוקציע און טויש און פון אַלע עקאָנאָמישע באַציונגען, וועלכע פליסן אַרויס דערפון.

די רעגירונגס-מאַשין, וועלכע איז באַרופן אונטערצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג, פונקציאָנירט נאָך. אָבער בײַ יעדן אומדריי פון אירע פאַרזשאַווערטע רעדער שטרויכלט זי און שטעלט זיך אָפּ. איר אַרבעט ווערט אַלץ מער און מער באַשווערט, און די אומצופרידנקייט, וועלכע אירע פעלערן רופן אַרויס, האַלט אין איין וואַקסן. יעדן טאָג קומען אויף נייע פאָדערונגען, — „רעפאָרמירט דאָס, מאַכט איבער יענץ!" שרייט מען פון אַלע זייטן, — „מלחמה, פינאַנסן, שטייערן, גע-

---

דאָס פאָלק, — מסתמא, כדי אָפּצוזאָלן דעם געהעריקן צינז דעם אקאַדעמישן סטיל. — איז ער זייער נאָענט צום אמת, ווען ער דערמאָנט וועגן פינף, זעקס זשאַקעריעס, וועלכע זענען פאָרגעקומען איינע נאָך דער צווייטער אין משך פון דער רעוואָלוציע. אין דער אמתן האָט דער פויערים-אויפשטאַנד געדויערט מער ווי פיר יאָר, — פון 1788-סטן ביזן 1793-סטן יאָר, — ביזן קאָנווענט, וועלכער האָט אָנערקענט די געשעענע פאַקטן, און ווענדנדיק זיך צו די פריערדיקע דעקרעטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די פעאָדאַלע רעכט און דעם געמיינדע-באָדן, — האָט ער באַשלאָסן אומצוקערן די קאָמונעס די ערד-שטחים, וועלכע די סיניאָרן האָבן פאַרכאַפּט און זיי איבערגעבן אין רשות פון די פויערים, סיי די אייגנטימער, סיי די פּראָלעטאַריער, און ער האָט ענדגילטיק צעשטערט נישט נאָר די פעאָדאַלע רעכט, נאָר אויך דעם אויסקויף פון דידאָזיקע רעכט, וועלכן עס האָט פעסטגעשטעלט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. ענלעך צו אַלע זשאַקעריעס, איז דערדאָזיקער אויפשטאַנד נישט געווען נישט קיין אַלגעמיינער, נישט קיין אומאויפהערלעכער. ער איז דאָ שטיל געוואָרן, דאָ זיך ווידער צעפלאַקערט; ער פלעגט זיך אויסלעשן אין איין אָרט, כדי זיך אָנצוצינדן אויף אַ צווייטס.

ווען נישט דערדאָזיקער אויפשטאַנד, וואָס איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך אויפשטאַנדן אין די שטעט, וואָלט די רעוואָלוציע געווען אוממעגלעך. נישט אומזיסט האָט דער גרויסער היסטאָריקער פון XVIII-טן

ריכטן, פּאָליציע, — אַלץ דאַרף רעאָרגאַניזירט און אָװעקגעשטעלט װערן אויף נייע יסודות", זאָגן די רעפאָרמאַטאָרן. אָבער אַלע פאַרשטייען, אַז מען קאָן נישט איבערמאַכן בלויז איין-איינציקע זאַך; אַלץ דאַרף רעאָרגאַניזירט װערן מיטאַמאָל; אָבער װי אַזוי טרעט מען צו צו דער אַרבעט, בעת די געזעלשאַפט איז אָפן צעטיילט אויף צװיי פייַנטלעכע לאַגערן? באַפרידיקן איין טייל אומצופרידענע הייסט שאַפן נייע.

די רעגירונגען זענען נישט פעיק צוצוטרעטן צו רעפאָרמען, װייל צוליב דעם װאָלטן זיי געדאַרפט איבערגיין אויף דער זייט פון דער רעװאָלוציע; גלייכצייטיק זענען זיי צו הילפלאָז, כדי אָפן אַרויפצוטרעטן אויפן װעג פון רעאַקציע; אָט פאַרװאָס זיי באַנוצן זיך מיט האַלבע מיטלען, װעלכע קאָנען קיינעם נישט באַפרידיקן און זיי שאַפן בלויז נייע אומצופרידנקייטן. די מיטלמעסיקייטן, װעלכע פאַרכאַפן אין איבערגאַנגס-

---

יאָרהונדערט, שלאָסער, געזאָגט צום אַבבאַט גריגאָרי: „װי אַזוי האָט ראָבעספּיער געקאָנט האַלטן אין זיינע הענט גאַנץ פראַנקרייך!" אויף דעם האָט גריגאָרי אים געענטפערט מיט װערטער, װאָס כאַראַקטעריזירן העל די לאַגע פון יענער צייט: — „ראָבעספּיער! האָט ער אויסגערופן, אָבער יעדעס דאָרף האָט דאָך געהאַט זיין אייגענעם ראָבעספּיער!" ער האָט געדאַרפט צוגעבן: — „זיין אייגענעם מאַראַט, זיין אייגענעם קלוב אומצוימבאַרע!"

בלויז אַ דאַנק דעם איז געמאַכט געװאָרן אַ סוף צו דער אומבאַגרענעצטער מאַכט. די פויערים האָבן געמאַכט אויפשטאַנדן, פאַרפאָלגנדיק זייערע אייגענע צילן; די שטאָטישע סאַנקיולאָטן, שטרעבנדיק אָנצוטאַפּן אין דער פינצטער אַ װעג צו אַ בעסערער צוקונפט, האָבן אַראָפּגעװאָרפן איין רעגירונג נאָך דער צװייטער, נישט דערלאָזנדיק אַזוי אַרום עס זאָל זיך פאַרפעסטיקן אַ שטאַרקע מאַכט; אין דער זעלבער צייט האָט די בורזשואַזיע געבויט איר רעװאָלוציע אויף דער פאָלקס-רעװאָלוציע; זי האָט אַראָפּגעװאָרפן די קעניגלעכע מאַכט און אַריינגעכאַפּט אין אירע הענט די הערשאַפט איבערן לאַנד. די-יעניקע, װעלכע װילן נישט מודה זיין, אַז זייערע בורזשואַזע פאָרגענגער האָבן געמאַכט זייער רעװאָלוציע שטיצנדיק זיך אויף די פאָלקס-מאַסן, װאָלטן זיך געדאַרפט װענדן צו די געשיכטס-קװעלן, און נישט באַנוגענען זיך מיט איבערגעדרוקטע ציטאַטן פון מאָניטער און דער פאַרלאַמענטאַרישער געשיכטע בישע און רו.

עפּאָכעס דעם רודער מיט דער רעגירונגס־שיף, טראַכטן בלויז וועגן איינס: ווי באַמיען זיך וואָס גיכער רייך ווערן, פּראָוויזאָרישע א נאָענטע מפּלה. באַלאַגערט פון אַלע זייטן, פאַרטיידיקן זיי זיך אומגעשיקט, זיי לאַווירן, טוען אָפּ איין נאַרישקייט נאָך דער צווייטער און לסוף רייסן זיי איבער דעם לעצטן רעטונגס־פאָדים: זיי דערטרינקען דעם רעגירונגס־פּרעסטיזש אין זייער נאַרישקייט און אין זייער באַנקראָט.

אין אַזעלכע תּקופות איז די רעוואָלוציע אומפאַרמיידלעך. זי איז א סאָציאַלע נויטווענדיקייט; די לאַגע ווערט רעוואָלוציאָנער.

* *

*

שטודירנדיק דעם גענעזיס און די אַנטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען, געפינען מיר אין די ווערק פון אונזערע היסטאָריקער, אין קאַפּיטל: „די סיבות פון דער רעוואָלוציע‟, א מערקווירדיק בילד פון דער לאַגע פון דער געזעלשאַפט ערב די געשעענישן. דאָרט האָבן מיר, — אי די אָרימקייט פון פאָלק, אי דאָס פעלן פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט, אי די צוואַנג־מיטלען פון דער רעגירונג, אי מוראדיקע סקאַנדאַלן, וועלכע אַנטפּלעקן פאַר אַלעמען די עקלהאַפטע פעלערן פון דער געזעלשאַפט, אי נייע אידעען, וועלכע ווילן קומען צום וואָרט און שטויסן זיך כּסדר צונויף מיט דעם באַנקראָט פון די קאָרשטייער פון אַלטן רעזשים. שטודירנדיק דאָסדאָזיקע בילד קומען מיר צום אויספיר, אַז די רעוואָ־

---

זיי וואָלטן דאַן באַגריפן, אַז זייערע אבות, וועלכע זענען אַזוי קאָרעקט אין דער אָפּיציעלער געשיכטע, האָבן זיך נישט קרעמפּירט פונאַנדער־צושיקן איבער די דערפער העצנדיקע פּאַמפלעטן „מיטן שטעמפּל פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג‟ און וועררבירן פאַר זייערע מאַניפעסטאַציעס אַנטיילנעמער פון די באַזוכער פון די הינטערשטאַטישע שענקען. טען האָט זיך אויך נישט קרעמפּירט צו באַליידיקן יענע יאַקאָבינער (פאַר אים זענען אַלע רעוואָלוציאָנערן געווען יאַקאָבינער!), וועלכע פלעגן דורכפירן וואַלן מיט דער הילף פון שטעקנס; ער האָט פאַרגעסן, אַז נאָר א דאַנק זיי איז ער שוין מער נישט קיין אונטערטאַן פון זיין מאַיעסטעט דעם קעניג.

לוציע איז באמת געווען אומפאַרמײדלעך, און דער אײנציקער אויסוועג איז געווען: דער וועג פון אויפשטאַנד.

לאָמיר, למשל, באַטראַכטן די לאַגע פון דער געזעלשאַפט ביזן 1789-סטן יאָר. דער פויער קלאָגט זיך אויף די שטײערן און אָפּצאָלן און באַהאַלט אין זײַן האַרץ אַן איביקע שנאה צום סעניאָר, מאַנאַך, אויפקויפער, „קולאַק", אינטענדאַנט. דער בירגער קלאָגט זיך אויף דעם פאַרלוסט פון די מוניציפאַלע פרײַהײטן און גיסט אויס אויפן קעניגס קאָפּ אַ גאַנצן שטראָם קללות.

דאָס פאָלק באַרעדט די קעניגין, ווערט אויפגעבראַכט דורך די דערציילונגען וועגן די האַנדלונגען פון די מיניסטאָרן און חזרט כּסדר איבער, אַז די שטײערן זענען אומדערטרעגלעך און די אָפּצאָלן רוינירן, די גערעטענישן זענען שלעכטע און די ווינטערן שטרענג, לעבנס-מיטלען זענען טײַער און די „קולאַקעס" אומגעזעטיקט, די דאָרפישע אַדוואָקאַטן פרעסן אויף דעם פויערס שניט און די וואַלד-שומרים שפּילן די ראָל פון קלײנע קיסרימלעך. די פּאָסט איז שלעכט אָרגאַניזירט און די באַאַמטע צו פויל... מיט אײן וואָרט אַלע קלאָגן זיך, קײן זאַך טויג נישט. „ווײַטער קאָן דאָס אַזוי נישט גײן, דאָס וועט זיך שלעכט ענדיקן!" — רעדט מען פון אַלע זײַטן.

אָבער פון דידאָזיקע פרידלעכע רײד ביזן אויפשטאַנד איז אַ מהלך; צווישן זײ ליגט אַ גאַנצער תהום, יענער תהום, וועלכער טײלט אָפּ בײַ דער גרעסטער טײל מענטשן די באַטראַכטונג פון דעם טאַט, דעם געדאַנק פון ווילן, דעם פאַרלאַנג פון דער האַנדלונג. ווי אַזוי איז מען אַריבערגעטרעטן איבערן דאָזיקן תהום? דידאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך נעכטן, רײכערנדיק אַ ביפּקע, רויק געקלאָגט אויף זײער גורל, געשאָלטן די זשאַנדאַרן און גלײַכצײַטיק הכנעהדיק זיך געבוקט פאַר זײ, — ווי אַזוי האָבן זײ זיך פּלוצלינג אַנטשלאָסן נעמען די פלעקענער און גײן פאַגראָמירן די פּאַלאַצן פון סעניאָר, דידאָזיקע שרעק פונגם נעכטן? אַ דאַנק וועלכן כּשוף זענען דידאָזיקע מענטשן, וועלכע די פרויען האָבן פאַראַכט און מיט רעכט אָנגערופן פּחדנים, ווי אַזוי זענען זײ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין העלדן, וועלכע גײען אונטער קוילן און גראַנאַטן דערקעמפן זײערע רעכט? דורך וואָסער נס זענען דידאָזיקע ווערטער, וועלכע זענען אַזוי פיל מאָל אַרויסגערעדט געוואָרן און אָפּגעשטאָרבן אין דער לופט ווי דאָס צוועק-

לאָזט קלינגען פון די גלאָקן, — ווי אַזוי זענען דידאַקטיקע ווערטער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין מ ע ש י ם ?

*　　　*

*

דער ענטפער איז זייער אַ פשוטער.

— די אַרבעט פון דער מינדערהייט, אַן אַרבעט אָן אומאויפהער־לעכע און דורכהאַפטיקע, האָט געבראַכט צו דערדאָזיקער ענדערונג. דרייסטקייט, מסירת־נפשדיקייט, די פעיקייט זיך מקריב צו זיין פונקט אַזוי אָנשטעקנדיק, ווי פחדנות, הכנעה און פאַניק.

וועלכע פאָרמען וועט אָננעמען די אַגיטאַציע? — די פאַרשידנ־אַרטיקסטע, אַלע, וועלכע וועלן איר דיקטירט ווערן דורך די באַדינגונ־גען, מיטלען, טעמפעראַמענטן. דאָ אַ פינצטערע און שטרענגע, דאָ אַ העזהדיקע, אָבער תמיד אַ דרייסטע, דאָ אַ קאָלעקטיווע, דאָ אַ ריין־אינדיווידועלע, באַנוצט זי זיך מיט אַלערליי מיטלען, מיט אַלע דערשיי־נונגען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, כדי צו וועקן דעם געדאַנק, פאַרשפרייטן און פאָרמולירן די אומצופרידנקייט, אויפוועקן אַן אייביקע שנאה צו די עקספּלואַטאַטאָרן, לעכערלעך מאַכן די הערשער, אויפווייזן זייער שוואַכקייט און, דער עיקר, תמיד און אומעטום וועקן דרייסטקייט און דעם גייסט פון מרידה.

## II.

ווען אין לאַנד גרייט זיך צו אַ רעוואָלוציע, אָבער דער גייסט פון אויפשטאַנד איז נישט גענוג שטאַרק בײַ די מאַסן, כדי צו קומען צום אויסדרוק אין שטורמישע מאַניפעסטאַציעס, מרידות און אויפשטאַנדן, — דאַן קאָן די מינדערהייט בלויז דורך מעשים וועקן דרייסטקייט און דראַנג צו אומאָפּהענגיקייט, אָן וועלכע עס לאָזט זיך נישט דענקען קיין איין רעוואָלוציע.

מענטשן, דרייסטע און נישט־קאָרומפּירטע, וועלכע באַנוגענען זיך נישט בלויז מיט ווערטער, מאַכן נישט שלום מיט דער סתירה צווישן

וואָרט און טאַט, ווײַלן ליבער איוס תּפֿיסה, פֿאַרשיקונג און טויט איידער אַ לעבן, וואָס שטייט אין סתּירה צו זייערע פּרינציפּן, מענטשן, וועלכע זאָגן: — „מען דאַרף האָבן העזה, כּדי צו זיגן”, — אָט דאָס זענען יענע איינזאַמע „פּיאָנערן”, וועלכע הייבן אָן די שלאַכט אַ סך פֿריער, איידער די מאַסן זענען גענוג אויפֿגערייצט, כּדי אָפֿן אויפֿצוהייבן די פֿאָן פֿון אויפֿשטאַנד און גיין מיט געווער אין האַנט דעראָבערן זייערע רעכט.

צווישן די קלאָג-רייד, שמועסן און טעאָרעטישע אַמפּערייען רייסט זיך פּלוצלינג דורך עפּעס אַ טאַט, אַרויסגערופֿן דורך דער העכסטער אויפֿגעבראַכטקייט. אַ טאַט אַן אינדיווידועלער אָדער אַ קאָלעקטיווער, וועלכער דינט אַלס בולטער סימן פֿון די הערשנדיקע שטרעבונגען. מעגלעך, אַז צוערשט וועלן זיך די מאַסן באַציִען צו איר גלײַכגילטיק. פֿאַלנדיק כּורעים פֿאַר דער דרייסטקייט פֿון די איינצלנע פּערזאָנען אָדער פֿון אַ גאַנצער גרופּע, הערן זיי זיך צו צו די רייד פֿון די פֿאַרשטאַנדיקע און פֿאַרזיכטיקע מענטשן, וועלכע אײַלן זיך צו דערקלערן דעמדאָזיקן טאַט אַלס „משוגעת” און זאָגן, אַז „היץ-קעפּ, משוגעים, וועלן אומברענגען דעם גאַנצן ענין”. זיי האָבן אויסגערעכנט, דידאָזיקע פֿאַרשטאַנדיקע און פֿאַרזיכטיקע מענטשן, אַז זייער פּאַרטיי, רויִק ווייטער-פֿירנדיק איר אַרבעט, וועט אין הונדערט, צווייהונדערט און אפֿשר דריי הונדערט יאָר אַרום דעראָבערן די גאַנצע וועלט, — און פּלוצלינג רייסט זיך אַרײַן עפּעס אומגעריכטס: ד. ה. יענץ, וואָס עס האָבן נישט נישט דערוואַרט זיי, דידאָזיקע פֿאַרשטאַנדיקע און פֿאַרזיכטיקע. דער, וואָס איז כאָטש אַ ביסל באַקאַנט אין דער געשיכטע און פֿאַרמאָגט די פֿעיִקייט אָפּצוגעבן זיך אַ דין-וחשבון אין זײַנע געדאַנקען, ווייסט אויסגעצייכנט, אַז די טעאָרעטישע פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער רעוואָלוציע גייט אומפֿאַרמיידלעך איבער אין מעשׂים אַ סך פֿריער, ווי דאָס ווילן די טעאָרעטיקער; פֿונדעסטוועגן ווערן די פֿאַרשטאַנדיקע טעאָרעטיקער אויפֿגעבראַכט דורך די מעשׂים פֿון די משוגעים, זיי לייגן זיי אַרײַן אין חרם און פֿאַרטרײַבן פֿון זייער מיט. אָבער דידאָזיקע משוגעים וועקן אויף אַ געהיימע סימפּאַטיע באַם פֿאָלק, וועלכעס באַגייסטערט זיך מיט זייער דרייסטקייט און איז גרייט צו פֿאָלגן זייער בײַשפּיל. מערסטנטיילס גייען זיי שטאַרבן אין די תּפֿיסות און אויף קאַטאָרגע, אָבער תּיכּף באַווײַזן זיך נײַע משוגעים, וועלכע פֿירן ווייטער זייער אַרבעט. די טעורישע אויסדריקן פֿון אומלעגאַלן פּראָטעסט, האַנדלונגען, וועלכע ווערן

אַרויסגערופן דורך אויפגעבראַכטקייט און נקמה־דורשט, ווערן אַלץ אָפטער.

בלייבן אינדיפערענט איז שוין איצט אוממעגלעך. מענטשן, וועלכע האָבן זיך צוערשט אפילו נישט פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס די „משוגעים" ווילן, מוזן זיך איצט אָפּגעבן וועגן דעם אַ דין־וחשבון, קלאָר מאַכן זייערע אידעען און שטרעבונגען און זיך שטעלן אויף דעם אָדער יענעם צד. די האַנדלונגען פון דידאָזיקע „משוגעים" ציען צו די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, און אין עטלעכע טעג טוען זיי אויף מער, ווי טויזנטער בראָשורן. די נייע אידעען דרינגען אַריין אין באַוווסטזיין און דערגאָבערן אַלץ מער און מער אָנהענגער.

*     *

*

די פראָפּאַגאַנדע דורך מעשים וועקט אויף דעם גייסט פון מרידה און דרייסטקייט.

דער אַלטער רעזשים מיט זיינע ריכטער, פּאָליציאַנטן, זשאַנדאַרן און זעלנער האָט אויסגעזען צו זיין אומדערשיטערלעך, אָבער אויך די באַסטיליע איז געווען אומצוטריטלעך אין די אויגן פון אומבאַוואָפנטן פאָלק, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט פאַר אירע הויכע ווענט, באַפעסטיקטע מיט אָנגעלאָדענע האַרמאַטן, גרייטע צו שיסן. אָבער אינגיכן באַמערקט מען, אַז דער הערשנדיקער רעזשים איז נישט אַזוי שטאַרק, ווי דאָס האָט זיך אויסגעדאַכט. איין דרייסטער טאַט איז געווען גענוג, כּדי צו צעשטערן אין עטלעכע טעג די רעגירונגס־מאַשין, כּדי אַ וואַקל צו טון דעמדאָזיקן ריז. איין דרייסטער דראַנג האָט געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ אַ גאַנצע פּראָווינץ, און די שרעקלעכע אַרמיי האָט געמוזט אָפּטרעטן פאַרן הייפל פויערים, באַוואָפנטע מיט שטיינער און פלעקענער. דאָס פאָלק באַמערקט, אַז דאָס פאַרזעעניש איז נישט אַזוי שרעקלעך: עטלעכע ענערגישע אָנשטרענגונגען, און זי וועט אומקומען. אין די הערצער וואַקסט די האָפנונג און, — נעמט עס אין אַכט, — אויב יאוש רופט אַמאָל אַרויס מרידות, ווערט אָבער די רעוואָלוציע געשאַפן נאָר דורך דער האָפנונג, דער האָפנונג צו זיגן.

די רעגירונג באַמיט זיך צו בלייבן פעסט אויף די פיס; זי וויל נישט אַרויסווייזן איר שוואַכקייט און זי ווילדעוועט זיגלאָז. אָבער אויב

פריער האָבן די רעפּרעסיעס געקאָנט טויטן די ענערגיע פון די אונטער־דריקטע, האָבן זיי איצט, אין די אויפגערייצטע תקופות, אַ פאַרקערטע ווירקונג. די רעפּרעסיעס רופן אַרויס נייע אויסברוכן. נייע פּראָטעסטן, אינדיווידועלע אָדער קאָלעקטיווע; זיי דערפירן די מורדים ביז הערואיזם און ביסלעכווייז פאַרשפּרייטן זיך און פאַרשטאַרקן זיך די רעוואָלוציאָנערע מעשים.

אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי וואַקסט אַ דאַנק דעם צופלוס פון נייע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך פריער באַצויגן צו איר פיינטלעך אָדער זיי זענען געווען לחלוטין אינדיפערענט. אין דער רעגירונג און צווישן די הערשנדיקע און פּריווילעגירטע קלאַסן איז פאָרגעקומען אַ ריס: איינע שטייען פעסט פאַר אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד, די צווייטע זאָגן זיך אַרויס פאַר הנחות, די דריטע, לסוף, זענען גרייט זיך אָפּזאָגן אויף אַ צייט פון זייערע פּריווילעגיעס, כדי צו באַרויקן די מורדים, האָפנדיק אין דער נאָענטער צוקונפט ענדגילטיק צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד. די פאַרבינדונג צווישן דער רעגירונג און די פּריווילעגירטע קלאַסן איז איבערגעריסן.

די הערשער קאָנען, פאַרשטייט זיך, זיך ווענדן צום לעצטן מיטל: צו דער ווילדסטער רעאַקציע, אָבער איצט איז שוין שפּעט; דער קאַמף וועט דורך דעם ווערן בלויז פאַרביסענער, און די קומענדיקע רעוואָלוציע וועט זיך באַגיסן מיט בלוט. פון דער צווייטער זייט מוטיקט די מורדים די קלענסטע הנחה מצד די הערשנדיקע קלאַסן, ווייל זי ווערט געמאַכט צו שפּעט, אָדער ריכטיקער, זי ווערט אַרויסגעריסן מיט כוח. דאָס פאָלק, וועלכעס וואָלט זיך פריער באַפרידיקט מיט דערדאָזיקער הנחה, באַמערקט, אַז דער שונא גיט זיך אונטער; עס זעט פאַר דעם נצחון און עס פילט, ווי עס וואַקסט זיין כוח; מענטשן, וועלכע האָבן זיך פריער אונטער דער לאַסט פון אָרימקייט און ליידן באַנוגנט בלויז מיט זיפצן, הייבן שטאָלץ אויף דעם קאָפּ און גייען מוטיק אויסקעמפן אַ בע־סערע צוקונפט.

לסוף ברעכט אויס די רעוואָלוציע, און וואָס פאַרביסענער עס איז געווען דער קאַמף, אַלץ שטורמישער וועט זיין די רעוואָלוציע.

* *

*

די ריכטונג, וועלכע די רעוואָלוציע וועט אָננעמען, הענגט, פאַרשטייט זיך, אָפּ פון דער גאַנצער סומע פאַרשידענע באַדינגונגען, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם קאַטאַקליזם. אָבער זי קאָן באַשטימט ווערן אויף פאַרויס לויט דער קראַפט פון די רעוואָלוציאָנערע מעשים, וועלכע זענען געטון געוואָרן אין צוגרייטנדיקן פעריאָד דורך פאַרשידענע פּאַרטייען.

אַזאַ און אַזאַ פאַרטיי האָט גענוי אויסגעאַרבעט די טעאָריעס, וועלכע זי פּרעדיקט, און אַקטיוו פּראָפּאַגאַנדירט מיט דער פעדער און וואָרט איר פּראָגראַם. אָבער אירע שטרעבונגען זענען נישט גענוג שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרן דורך מעשים, וואָס זאָלן זיין די פאַרווירקלעכונג פון אירע עיקרדיקע אידעען און פּרינציפּן. זי האָט נישט אונטערגענומען קיין שום אַנטשלאָסנס קעגן אירע געפערלעכסטע שונאים, זי האָט נישט אָנגעגרירט די אינסטיטוציעס, וועלכע זי וועט דאַרפן צעשטערן; זי איז געווען שטאַרק דורך דער טעאָריע, וועלכע זי האָט געשאַפן, זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין מעשים; זי האָט נישט געקאָנט אויפוועקן דעם גייסט פון מרידה און ווענדן אירע האַנדלונגען קעגן דעם, וואָס דאַרף באַקומען אַן אַנטשידענעם קלאַפּ אין מאָמענט ווען עס וועט אויסברעכן די רעוואָלוציע. און אָט, דידאָזיקע פאַרטיי איז געבליבן אַ ביסל אין שאָטן; מיט איר נאָמען זענען נישט פאַרבונדן קיין מעשים, וואָס דער קלאַנג וועגן זיי זאָל האָבן דערגאַנגען ביז צו די פאַרוואָרפנסטע כאַטקעס; אירע שטרעבונגען זענען נישט אַריינגעדרונגען אין די פאָלקסמאַסן, זיי זענען נישט דורכגעגאַנגען דורכן רייניקונגס־פייער פון המון און דער גאַס, זיי האָבן נישט געפונען קיין קלאָרע פאָרמול, וועלכע ווערט אויסגעדריקט דורך עטלעכע ווערטער, וועלכע ווערט די לאָזונג פון גאַנצן פאָלק.

די שרייבערס, די פאָרשטייער פון דערדאָזיקער פאַרטיי, זענען באַקאַנט די לייענער אַלס דענקער, אָבער זיי האָבן נישט קיין רעפּוטאַציע, נישט קיין פעיקייטן פון מענטשן פון טאַט; אין יענעם טאָג, ווען דאָס פאָלק וועט אַרויס אין גאַס, וועט זי גיין נאָך די־יעניקע, וועמענס טעאָרעטישע אידעען זענען, אפשר, ווינציקער קלאָר, די שטרעבונגען ווינציקער איידל, אָבער וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין מעשים.

יענע פאַרטיי, וועלכע האָט געפירט אַ מער ברייטע אַגיטאַציע און האָט אַרויסגעוויזן מער לעבן און דרייסטקייט, וועט זיך שטעלן בראש פון דער באַוועגונג אין יענעם מאָמענט, ווען מען וועט דאַרפן האַנדלען, ווען מען וועט דאַרפן מאַכן די רעוואָלוציע. אָבער אויב זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין דרייסטקייט צו לאָזן הערן וועגן זיך דורך רעוואָלוציאָנערע מעשים אין צוגרייטנדיקן פעריאָד, אויב זי פאַרמאָגט נישט קיין גענוגנדיקע איבערצייגונגס-קראַפט, כדי איינצופלאַנצן אין איינצלנע אינדיווידואומס אָדער גרופעס דאָס געפיל פון זעלבסטפאַרגעריינג און אַן אומבאַזיגבאַרן פאַרלאַנג צו פאַרווירקלעכן זייערע אידעען, — ווען דערדאָזיקער פאַרלאַנג וואָלט עקזיסטירט, וואָלט זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַנדלונג אַ סך פריער, איידער דאָס פאָלק וואָלט אַרויס אויף דער גאַס, — אויב איר פאָן איז נישט געוואָרן די פאָן פון פאָלק און אירע שטרעבונגען זענען נישט גענוג קאָנקרעט און פאַרשטענדלעך, דידאָזיקע פאַרטיי וועט נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן קיין איין פונקט פון איר פראָגראַם, זי וועט באַזיגט ווערן דורך אַקטיווע פאַרטייען.

אָט וואָס עס דערציילט אונז די געשיכטע וועגן די תקופות האַרט פאַר די רעוואָלוציעס. די רעוואָלוציאָנערע בורזשואַזיע האָט דאָס אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען: שטרעבנדיק צו פאַרניכטן דעם מאָנאַרכיסטישן רעזשים, האָט זי נישט פאַרנאַכלעסיקט קיין איינעם פון די אַגיטאַציע-מיטלען, כדי אויפצוּוועקן דעם גייסט פון מרידה. דער פראַנצויזישער פויער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט דאָס אינסטינקטיוו באַגריפן, ווען ער האָט געקעמפט פאַר דער פאַרניכטונג פון די פעאָדאַלע רעכט. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געהאַלטן בײַ די זעלבע פרינציפּן, ווען ער האָט געשטרעבט אויפצוּוועקן צווישן די שטאָטישע אַרבעטער דעם מרידה-גייסט און אים ווענדן קעגן דעם נאַטירלעכן שונא פון אַרבעטס-געבער, — קעגן רויבער, וועלכער האָט פאַרכאַפּט אין זיינע הענט די מיטלען און געצייג פון דער פּראָדוקציע.

# III.

ס׳וואָלט געווען אינטערעסאַנט און נייטיק אויסצופאָרשן די אַגיטאַציע-מיטלען, וועלכע די רעוואָלוציאָנערן האָבן אָנגעווענדט אין פאַרשידענע עפּאָכעס, כדי צו דערנענטערן דעם אָנקום פון דער רעוואָלוציע, קלאָר מאַכן די מאַסן די באַדייטונג פון די קומענדיקע געשעענישן, אָנווייזן דעם פאָלק זיינע הויפּט-שונאים און דערוועקן אין אים דעם גייסט פון דרייסטקייט און מרידה. מיר ווייסן אויסגעצייכנט, פאַרוואָס די און די רעוואָלוציע איז געווען אומפאַרמיידלעך, אָבער בלויז אינסטינקטיוו קאָנען מיר זיך דערקלערן דעם פּראָצעס, ווי אַזוי די רעוואָלוציע ווערט געבוירן.

אין פרייסן האָט דער הויפּט-שטאַב אַרויסגעגעבן פאַר דער אַרמיי אַ גאַנץ וויסנשאַפטלעך בוך וועגן דעם, ווי אַזוי אונטערצודריקן פאָלקס-אויפשטאַנדן, דערזאָרגאַניזירן בונטן, אַריינטראָגן מחלוקת צווישן די קעמפער און צעשטויבן זייערע כוחות. איצט וויל מען דערלאַנגען פאַראַמאָל זיכערע קלעפּ, מען וויל שטיקן דאָס פאָלק לויט כללים. די אויספאָרשונג, וועגן וועלכער מיר האָבן נאָר-וואָס גערעדט, וואָלט געקאָנט געבן אַן ענטפער אויף דעמדאָזיקן בוך און אויף אַ סך אַנדערע, וועלכע באַהאַנדלען די זעלבע פראַגן, ס׳קאָן זיין אפילו מיט ווינציקער ציניזם. זי וואָלט אונז באַוויזן, ווי אַזוי צו דעזאָרגאַניזירן די רעגירונג, ווי אַזוי צעשטויבן אירע כוחות, ווי אַזוי אויפצוהייבן דעם זיטלעכן ניוואָ פון פאָלק, וואָס איז דערדריקט פון דלות און יאָך.

ביז איצט איז נאָך גאָרנישט געטון געוואָרן אין דערדאָזיקער ריכטונג. די היסטאָריקער האָבן אונז געגעבן אַ בולט בילד פון די גרויסע מאָמענטן אין דער עוואָלוציע פון דער מענטשהייט אין איר שטרעבונג צו פרייהייט, זיי האָבן זיך אָבער כמעט ווי נישט אָפּגעשטעלט אויף די פּעריאָדן, וואָס פאַר די רעוואָלוציעס. פאַרנומען מיט אָנוואַרפן דאָס בילד פון דער דראַמע גופא, רעדן זיי נאָך דרך-אַגבדיק וועגן פּראָלאָג. אונז אָבער אינטערעסירט מער פאַר אַלץ דערדאָזיקער פּראָלאָג.

*     *
*

סאַראַ פאַרכאַפּנדיק, גראַנדיעז און פּרעכטיק בילד עס שטעלן פאַר מיט זיך די אָנשטרענגונגען פון די גרויסע קעמפער, וועלכע האָבן צוגע-גרייט די רעוואָלוציעס! סאַראַ אומדערמידלעכקייט עס האָבן אַרויסגעוויזן די פּויערים און אייניקע טוער פון דער בורזשואַזיע אין זייער אַרבעט ביזן 1789-סטן יאָר; סאַראַ עקשנותדיקן קאַמף עס האָבן געפירט די רעפּובליקאַנער, אָנהייבנדיק פון דער רעסטאַוראַציע פון די בורבאָנען אין 1815-טן יאָר ביז זייער מפּלה אין 1830-סטן יאָר; סאַראַ מסירת-נפש עס האָבן אַרויסגעוויזן ד געהיימע געזעלשאַפטן אין זייער טעטיקייט בעת דער הערשאַפט פון גראַבן בורזשוא לודאָוויק-פיליפּ! סאַראַ אימה עס יאָגן אָן אויף אונז די פאַרשטערונגען, וועלכע די איטאַליענער האָבן געמאַכט, מיטן ציל אַראָפּצוואַרפן דעם עסטרייכישן יאָך, — פון זייערע העראָישע פּרוון, פון די נישט-אויסצודריקנדיקע ליידן פון זייערע מאַרטירער, ווי פינצטער און גראַנדיעז עס וואָלט געווען די טראַגעדיע, וועלכע באַשרייבט אַלע פאַרפאָלגונגען, וועלכע עס האָט געהאַט אויסצו-שטיין די געהיימע אַרבעט פון דער רוסישער יוגנט, וועלכע גראָבט זיך אונטער אונטער דער רעגירונג, וועלכע שטרעבט איבערצואַנדערשן דעם קאַפּיטאַליסטישן און אַגראַרן רעזשים, — אַן אַרבעט, וועלכע דויערט פון 1860-סטן יאָר ביז אונזער צייט! וויפיל איידלסטע געשטאַלטן וואָלטן דאָס אויפגעשטאַנען פאַרן הײנטיקן סאָציאַליסט, ווען ער וואָלט דורכגע-לייענט דידאַקטיק דראַמעס; וויפיל מסירת-נפש און הערלעכע זעלבסט-פאַרגעסונג וואָלט ער דערזעען אין זיי, סאַראַ רעוואָלוציאָנערע דערציונג, נישט נאָר קיין טעאָרעטישע, נאָר אויך אַ פּראַקטישע, וואָלטן זיי געקאָנט געבן אונזער דור!

מיר וועלן זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט אַזאַ אויספאָרשונג. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט עטלעכע ביישפּילן, דורך וועלכע מיר וועלן ווייזן מיט וועלכע מיטלען עס האָבן זיך באַנוצט אונזערע פאָטערס פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע.

לאָמיר וואַרפן אַן אייליקן בליק אויף איינעם פון די פּעריאָדן, וואָס פאַרן 1789-סטן יאָר, און לאָזנדיק אין אַ זייט דעם געניעם אַנאַליז פון די באַדינגונגען, וועלכע האָבן געשאַפן סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונ-

דערט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט אָנ־ווייזן אויף אייניקע אופנים פון אַגיטאַציע, וועלכע אונזערע פאָרגענגער האָבן באַנוצט.

* *
*

די רעוואָלוציע פון 1789—1793־סטן יאָר האָט אונז געגעבן צוויי גרויסע דערשיינונגען. דאָס אָראָפּוואַרפן די קעניגלעכע מאַכט און דאָס דערשיינען פון דער בורזשואַזיע באַם רודער פון דער רעגירונג, פון איין זייט; די ענדגילטיקע פאַרניכטונג פון דער קנעכטשאַפט און די אָפּ־צאָלן פאַר דער ערד אין די דערפער, פון דער צווייטער. דידאָזיקעביידע דערשיינונגען זענען ענג פאַרבונדן צווישן זיך, איינס אָן אַנדערן איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן. דידאָזיקע צוויי שטרעמונגען לאָזן זיך מערקן אין דער אַגיטאַציע פון דער פאַרגאַנגענער רעוואָלוציע: די אַגיטאַציע קעגן דער קעניגלעכער מאַכט צווישן דער בורזשואַזיע, די אַגיטאַציע קעגן די סעניאָרן־רעכט צווישן די פויערים.

לאָמיר וואַרפן אַן אייליקן בליק אויף דידאָזיקע ביידע שטרעמונגען.

די צייטונג האָט אין יענער תקופה נישט געהאַט יענע באַדייטונג, וועלכע זי האָט באַקומען איצט; איר אָרט האָבן פאַרנומען בראָשורן, פאַמפלעטן און בלעטלעך פון דריי, פיר זייטלעך. די בראָשורן פלעגן פאַרשפרייטן צווישן די מאַסן די אידעען פון די פילאָזאָפן און עקאָנאָ־מיסטן, די פאָרגענגער פון דער רעוואָלוציע; די פאַמפלעטן און פלוג־בלעטלעך האָבן מיטגעהאָלפן דער אַגיטאַציע, ווענדנדיק דעם גאַנצן גיפט פון זייער סאַרקאַזם אויף די דריי הויפט־שונאים פון פאָלק: אויפן קעניג און זיין הויף, אויף דער אַריסטאָקראַטיע און דער גייסטלעכקייט.

טויזנטער פלוג־בלעטלעך רעדן וועגן דער אויסגעלאַסנקייט פון דער קעניגין, וועגן דער פאַרדאָרבנקייט און די פאַרברעכערישע פאַרווייַ־לונגען פון הויף, זיי רייסן אָראָפּ פון אים די גענאַרערישע שלייערן, לאָכן אים אויס און שטרעבן אָפּצודעקן זיין גאַנצע נידערטרעכטיקייט און נאַרישקייט.

דעם קעניגס ליבעס־געשיכטעס, די הויף־סקאַנדאַלן, די משוגענע פאַרשווענדערישקייט, דער באַרימטער Pacte de Famine — (הונגער־

קאָנטראַקט) דער בונד צווישן די הערשער און די אויפקויפער פון תבואה, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן מיטן ציל רייך צו ווערן דורך אויסהונגערן דאָס פאָלק, — אָט וועגן וואָס עס רעדן די פאַמפלעטן. זייערע מחברים שטייען תמיד אויף דער וואך און נוצן אויס יעדע געלעגנהייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, כּדי צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ זייערע שונאים. ווי נאָר מען נעמט רעדן אין דער געזעלשאַפט וועגן אַ וועלכן-נישט-איז געשעעניש, — קומען תּיכּף דער פאַמפלעט און דאָס פלוג-בלאַט צו געבן איר זייער אויסטייטשונג. זיי זענען באַקוועמער ווי אַ צייטונג פאַר אַזאַ אַרט אַגיטאַציע. אַ צייטונג איז אַ גאַנצע אונטערנעמונג; דאָס אָפּשטעלן זי קאָן שטעלן אין אַ שווערער לאַגע די גאַנצע פּאַרטיי, און דעריבער מוז מען זיך פאַרטראַכטן איידער מען באַשליסט זיך אויף עפּעס ריזיקאַלישס. אָבער דער פאַמפלעט און דאָס פלוג-בלאַט קאָמפּראָמיטירן בלויז דעם מחבר און דעם טיפּאָגראַף. — אָבער פּרובירט זיי נאָר געפינען!...

די מחברים פון דידאַקטיק בלעטלעך האָבן קודם-כּל געדאַרפט זיך באַפרייען פון דער צענזור. דאָן פלעגט מען נאָך נישט באַנוצן דאָס פיינע שפּיצל פון היינטיקן יעזויטיזם, די געריכטלעכע פאַרפאָלגונג פון דער פּרעסע, וועלכע נעמט צו יעדע פרייהייט באַם רעוואָלוציאָנערן שרייבער; די מחברים און טיפּאָגראַפן פלעגט מען אַרעסטירן לויט געהיימע באַפעלן, לויט גראָבע, אָבער, לכל הפּחות, אָפענע „lettres de cachet“(*).

און דעריבער פלעגן די מחברים דרוקן זייערע פאַמפלעטן אָדער אין אַמסטערדאַם, אָדער ערגעץ אַנדערש, — „א י ן ה ו נ ד ע ר ט ק י ל אָ מ ע ט ע ר פ ו ן ב אַ ס ט י ל י ע, א ו נ ט ע ר ן ב ו י ם פ ו ן ד ע ר פ ר י י ה י י ט“. זיי האָבן זיך נישט זשענירט אין זייערע אָנפאַלן; זיי פלעגן זידלען דעם קעניג, די קעניגין און אירע געליבטע, די הויכע באַאַמטע און די אַריסטאָקראַטן. מיט דערדאָזיקער אומלעגאַלער פּרעסע האָט זיך די פּאָליציי, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט קיין עצה געבן; וויפיל זי האָט נישט רעווידירט די בוך-האַנדלונגען, וויפיל זי האָט נישט אַרעסטירט די צייטונגס-פאַרקויפער, — די מחברים פלעגן נישט אַריינפאַלן אין זייערע הענט און רויק ווייטער פירן זייער אַרבעט.

---

*) אַזוי האָבן געהייסן די קעניגלעכע באַפעלן פון פאַרשיקן עמעצן. (איבערז.)

* *

*

דאָס ליד, אַ צו אמתעס, כדי אָפּגעדרוקט צו ווערן, און עס פלעגט דעריבער גיין פון מויל צו מויל פון איין עק פראַנקרייך צום צווייטן, — איז תמיד געווען איינס פון די דערפאָלגרייכסטע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען. עס פלעגט זיך אַרויפוואַרפן אויף די מאַכט־אָרגאַנען און אַלגעמיין־אָנער־קענטע אויטאָריטעטן, פלעגט אויסלאַכן די געקרוינטע פּערזאָנען, פלעגט אומעטום, אפילו אין פאַמיליע־קרייז, זייען פאַראַכטונג צו דער קעניגלעכער מאַכט, שנאה צו דער גייסטלעכקייט און אַריסטאָקראַטיע, האָפענונג אויף דעם שנעלן אָנקום פון דער רעוואָלוציע.

אָבער דער עיקר פלעגן די אַגיטאַטאָרן באַנוצן מעלדונגען, וועלכע זיי פלעגן אויסהענגען אין די גאַסן. די מעלדונג פלעגט צווינגען רעדן וועגן זיך, פלעגט אַרויסרופן מער שמועסן און אומרוען, איידער אַ פּאַמפלעט אָדער אַ בראָשור. און די מעלדונגען, געדרוקטע אָדער געשריבענע, פלעגן זיך באַווייזן בײַ יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט פאָרקומען עפּעס אַזוינס, וואָס אינטערעסירט די געזעלשאַפט. מען פלעגט זיי אַראָפּרייסן, אָבער אויף צומאָרגנס פלעגן זיי זיך ווידער באַווייזן און פלעגן אַרײַנברענגען אין ווילדן צאָרן די הערשער און זייערע אַגענטן. — „אייערע אבות זענען נישט אַרײַנגעפאַלן אין אונזערע הענט, אָבער איר וועט נישט אויסמיידן אונזער נקמה!” לייענט היינט דער קעניג אויף די בלעטלעך, וועלכע זענען פונאַנדערגעקלעפּט אויף די ווענט פון זײַן פּאַלאַץ. מאָרגן וויינט די קעניגין פון כּעס, זעענדיק, אַז אויף די גאַסן הענגען מעלדונגען, וועלכע דערציילן וועגן די קלענסטע פּרטים פון איר שענדלעך לעבן. דאַן איז שוין געוואַקסן אין פאָלק די שנאה, — וועלכע עס האָט שפּעטער געבראַכט צום אויסדרוק, — צו דער פרוי, וועלכע איז גרייט געווען צו פאַרניכטן גאַנץ פּאַריז, אַבי צו בלייבן קעניגין און אײַנהאַלטן אין אירע הענט די מאַכט.

ווילן די הויף־לייט פייערן דעם געבורט פון דאָפין, — דראָען די מעלדונגען אונטערצוציבדן די שטאָט, זיי רופן אַרויס אַ פּאַניק און גרייטן צו די מוחות צו עפּעס אויסערגעוויינלעכס. אָדער עס באַווייזן זיך פּלוצלינג אין גאַס מעלדונגען, וואָס זענען מודיע, אַז דעם און דעם טאָג פון יענעם און יענעם יום־טוב „ו ע ט ד ע ר ק ע נ י ג מ י ט ד ע ר ק ע נ י ג י ן

אָפּגעפירט װערן אונטער אַ שמירה אויף דעם גרעװער פּלאַץ, דערנאָך אין שטאָט-ראַט, כּדי זיך מתװדה צו זיין, און לסוף װעלן זיי אַרויפגיין אויפן עשאַפאָט און װעלן פאַרברענט װערן לעבעדיקערהייט". אַז דער קעניג רופט צונויף אַ פאַרזאַמלונג פון נאָטאַבלען, װערן תּיכּף אויפגעהאָנגען מעלדונגען: „אַ נייע גרופּע קאָמעדיאַנטן, אנגאַזשירט דורכן ה' קאַלאָן (דער פרעמיער-מיניסטער) װעט אָנהייבן אירע פאָרשטעלונגען דעם 29-סטן דעם און דעם חודש און װעט געבן אַן אַלעגאָרישן באַלעט „די פּאַס פון די דאַנאַידן".

אָדער, װערנדיק אַלץ גיפטיקער און בייזער, דרינגען די מעלדונגען אַריין אין דער לאָזשע פון דער קעניגין און זענען איר מודיע, אַז די טיראַנען װעלן אינגיכן געטויט װערן.

אָבער די מעלדונגען זענען, דער עיקר, געװענדט קעגן די אויפקויפער פון תּבואה, קעגן די הױפּט-אַרענדאַטאָרן און אינטענדאַנטן. און יעדעס מאָל, װען עס לאָזט זיך מערקן אין פאָלק אַ פאַרשטאַרקטע געררייצטקייט, דערקלערן זיי אַ באַרטאָלאָמייער-נאַכט פאַר די אינטענדאַנטן און הױפּט-אַרענדאַטאָרן. דער פאַבריקאַנט, דער תּבואה-הענדלער, דער אינטענדאַנט, װעלכע דאָס פאָלק האַסט, — װערן דורך דידאָזיקע מעלדונגען פאַראורטיילט אין נאָמען פון „פאָלקס-ראַט", פון „פאָלקס-פאַרלאַמענט" און אַז. װ.; און בעתן איפשטאַנד װעט די פאָלקס-נקמה זיכער טרעפן יענע עקספּלואַטאַטאָרן, װעמענס נעמען עס האָבן זיך צום אָפטסטן געטראָפן אין די מעלדונגען.

װען עס זאָל מעגלעך זיין צונויפצוזאַמלען די גאַנצע אומגעהייערע צאָל מעלדונגען, װעלכע האָבן זיך באַװיזן אין משך פון די צען, פופצן יאָר װאָס פאַר דער רעװאָלוציע — װאָלטן מיר דאַן פאַרשטאַנען, סאַראַ ריזיקע באַדייטונג עס האָט געהאַט דערדאָזיקער אַרט אַגיטאַציע אויף צוצוגרייטן דעם אַלגעמיינעם װוילשטאַנד. דידאָזיקע מעלדונגען, שפּילעװדיקע און חוזקדיקע צום אָנהייב, זענען געװאָרן אַלץ מער דראָענדיק װאָס נענטער עס האָט זיך אָנגערוקט דער סוף; תּמיד לעבעדיקע און שאַרפזיניקע, תּכיד גרייט אָפּצורופן זיך אויף יעדע דערשיינונג פון דער טאָג-פּאָליטיק און ענטפערן אויף די אָנפראַגעס פון די מאַסן, — האָבן זיי אַרויסגערופן אין פאָלק אַן אומצופרידנקייט, אָנגעװיזן אים אויף זיינע הױפּט-שונאים, געװעקט בײַ די פויערים, אַרבעטער און דער בורזשואַזיע

נקמה־דורשט און פראָקלאַמירט דעם נאָענטן טאָג פון באַצאָלונג, דעם טאָג פון באַפרייונג.

*　　*
*

עקזעקוציעס איבער אָפּבילדונגען פון פאַרברעכערס איז געווען זייער אַ פאַרשפּרייטער מנהג אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דאָס איז געווען איינס פון די פאַרשפּרייטסטע אַגיטאַציע־מיטלען. יעדעס מאָל, ווען אין פאָלק פלעגט זיך מערקן אַ שטאַרקע גערייצטקייט, פלעגט מען אויף דער גאַס אַרויסטראָגן דעם שונאס אָפּבילדונג פון איצטיקן מאָמענט, אַ ליאַלקע, וועלכע מען פלעגט הענגען, פאַרברענען אָדער פערטלען. — „קינדעריי!" וועלן זאָגן יונגע אַלטע, וועלכע האַלטן זיך פאַר פאַרשטאַנדיק. זאָלן זיי אָבער וויסן, אַז דער אָנפאַל אויף דעם בנין, ווו עס זענען פאָרגעקומען די וואַלן אין 1789־סטן יאָר, די עקזעקוציע פון פולאַנען און בערטיע, וועלכע האָבן אינגאַנצן געענדערט דעם כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע, — זענען נאָר געווען אַ פאַרווירקלעכונג פון דעם, וואָס די אַגיטאַטאָרן האָבן צוגעגרייט און איינגעפלאַנצט אין פאָלק מיט דער הילף פון עקזעקוציעס איבער שטרויענע ליאַלקעס.

לאָמיר באַטראַכטן עטלעכע ביישפּילן. דאָס פּאַריזער פאָלק האָט פיינט געהאַט מאָפּון, איינעם פון די געליבטע מיניסטאָרן פון לודוויק דעם XVI. איז אָט, איינמאָל באַווייזט זיך אויף דער גאַס אַ המון, עס הערן זיך געשרייען און עמעצער מעלדעט: „לויטן באַשלוס פון פּאַרלאַמענט, ווערט ה. מאָפּו, דער קאַנצלער פון פראַנקרייך, פאַרמשפּט צום טויט דורך פאַרברענען, און זיין אַש דאַרף צעזייעט ווערן מיטן ווינט!" גלייך נאָכדעם גייט דאָס פאָלק אַוועק צו דער סטאַטוע פון הענריק IV מיט אַ ליאַלקע, וועלכע שטעלט פאָר דעם קאַנצלער מיט אַלע זיינע אויסצייכנונגען, און פאַרברענט דידאָזיקע ליאַלקע אונטער דער צושטימונג פון אַלע אָנוועזנדיקע. אַ צווייט מאָל הענגט מען אויף אויף דער לאַמטער די אָפּבילדונג פון אבבאַט טערריי אין אַ קיטל און ווייסע הענטשקעס. אין רואַן פערטלט מען מאָפּוס אָפּבילדונג און אַזוי ווי די זשאַנדאַרן דערלאָזן נישט דעם המון זיך צוזאַמענקלייבן, באַנוצט זיך דער המון דערמיט, וואָס ער הענגט מיט די פיס אינדערהייך די אָפּבילדונג

פון אָפּקויפער, פון וועמענס נאָז, אויערן און מויל עס שיט זיך ווי אַ גערדיכטער רעגן — ווייץ.

אָט דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע! אַ פּראָפּאַגאַנדע אַ סך אַ ווירקנדיקע־רע, איידער די אַבסטראַקטע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז צוטריטלעך פאַר אַ קליינער צאָל אויסדערוויילטע.

* *

*

כדי צוצוגרייטן די אויפשטאַנדן, וועלכע זענען פאָרויסגעגאַנגען דער גרויסער רעוואָלוציע, האָט מען געדאַרפט צוגעוויינען דאָס פאָלק אַרויסצוגיין אין גאַס. הויך אויסדריקן זיינע קוקן אין עפנטלעכע ערטער, נישט מורא האָבן פאַר דער פּאָליציי, פאַרן מיליטער און דער קאַוואַלעריע. דעריבער זאָגן זיך די רעוואָלוציאָנערן פון יענער עפּאָכע נישט אָפּ פון קיין איינעם פון די מיטלען, וועלכע זענען געווען אין זייער רשות, כדי אַרויסצושלעפּן דאָס פאָלק אויף דער גאַס און אַרויסרופן געזעמלעך.

זיי נוצן אויס יעדע דערשיינונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי אין פּאַריז, סיי אין דער פּראָווינץ. ווען די געזעלשאַפטלעכע מיינונג צווינגט דעם קעניג צו דערווייטערן אַן אומבאַליבטן מיניסטער, הייבן זיך אָן פייערונגען און אילומינאַציעס. כדי צוצוציען דעם המון אָרדנט מען איין פייערווערקן, מען לאָזט ראַקעטעס. אויב עס פעלט אויס געלט, שטעלט מען אָפּ, לויט דעם גבית־עדות פון די צייט־מענטשן, די דורכגייער און „העפלעך, אָבער פעסט בעט מען אַ ביסל געלט, כדי פרייליך צו מאַכן דעם עולם". ווי נאָר עס קלייבט זיך צונויף אַ המון, הייבן די אָראַטאָרן אָן צו רעדן, זיי דערקלערן און קאָמענטירן די געשעענישן; אינגיכן בילדן זיך אויס גאַנצע קלובן אונטערן אָפענעם הימל. דאָס מיליטער, וואָס איז אָראָפּגעקומען פונאַנדערטרייבן דעם המון, דערוועגט זיך נישט אָנצוווענדן געוואַלט קעגן דידאָזיקע פרידלעך־געשטימטע מענטשן, און די פייערווערקן און די ראַקעטעס, וועלכע רייסן אויף אין דער לופטן אונטער די פריידיקע אויסגעשרייען און דאָס געלעכטער פון פאָלק, קילן אָפּ די צו היציקע אָרדנונגס־היטער.

אין די פּראָווינציעלע שטעט באַווייזן זיך מיטאַמאָל אויף די גאַסן קוימענקערערס, וועלכע שטעלן פאַר און לאַכן אויס אַ זיצונג פון פּאַר־

לאמענט, אויף וועלכער עס איז אַנוועזנדיק דער קעניג. עס הערן זיך געלעכטערס; דער המון באַגעגנט פריילעך מענטשן, מיט פּאַרסאַזשעטע פּנימער, וועלכע שטעלן פאַר דעם קעניג אָדער די קעניגן. אַקראָבאַטן און זשאָנגליאָרן קלייבן צונויף אויף די פּלעצער אַ טויזנטקעפּיקן עולם און ווילן זייערע צושויער מיט קאָמישע דערציילונגען, וועלכע פאַר־טשעפּען די הערשער און די רייכע. די ליידנשאַפטן צעהיצן זיך, די אויפרעגונג וואַקסט, און ווי צו יענעם הערשער אָדער רייכן, וועלכער פאַלט אַריין אין דעם מאָמענט אין די הענט פון המון: ער וועט דורך אים צעריסן ווערן.

* *

*

אַבי דער געדאַנק זאָל אַרבעטן אין דערדאָזיקער ריכטונג, וועט שוין יעדער פעיקער מענטש געפינען אַ סך באַקוועמע געלעגנהייטן, כדי אַרויסצורופן געזעמלעך, צונויפקלייבן אויף די גאַסן אַ המון פון פלוי־דערער און לצים צוערשט, און דערנאָך פון מענטשן, וועלכע זענען גרייט צו האַנדלען, וועלכע זענען גרייט זיך מקריב צו זיין, באַזונדערס דאַן, ווען די גערייצטקייט פון המון איז צוגעגרייט דורך דער לאַגע און דורך פאַרצווייפלטע מעשים פון משוגעים.

די רעוואָלוציאָנערע לאַגע און די אַלגעמיינע אומצופרידנקייט פון איין זייט, די מעלדונגען, וועלכע ווערן אויסגעהאָנגען אויף די ווענט, די פּאַמפלעטן, לידער און די עקזעקוציעס איבער די אָפּבילדונגען פון דער צווייטער — מוטיקן דאָס פאָלק און גיבן אים צו דרייסטקייט; ביסלעכווייז ווערן די געזעמלעך אויף די גאַסן אַלץ אָפטער און נעמען אָן אַ מער דראָענדיקן כאַראַקטער. היינט איז מען אָנגעפאַלן אין אַ פינצ־טער געסל אויפן פאַריזער אַרכיעפּיסקאָפּ, נעכטן האָט מען שיער נישט דערטרונקען עפּעס אַ גראַף אָדער אַ הערצאָג; די מאַכט־פאַרשטייער טרעפט מען און מען באַגלייט זיי מיט פייפעריי און הוקעריי. מיט איין וואָרט, די אויסדרוקן פון פאָלקס־אויפרעגונג ווערן אַלץ אָפטער און פאַרשידנאַרטיקער, און זיי גרייטן צו דעם טאָג, ווען עס וועט געבוג זיין דער קלענסטער פונק, כדי דידאָזיקע געזעמלעך זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין בונט, און דער בונט — אין רעוואָלוציע.

— „דאָס זענען אויפשטאַנדן פון המון, אויפשטאַנדן פון אויס־

װורפן און לײדיקגײערס". — זאָגן איצט אונזערע ערלעכע היס־טאָריקער.

— יאָ, ריכטיק, די בורזשואזע רעװאָלוציאָנערן האָבן זיך געזוכט פאַרבינדעטע נישט צװישן פּאַרמעגלעכע מענטשן, װעלכע פלעגן אין די סאַלאָנען זידלען די הערשער, און במעשה בײגן פאַר זײ די פּלײצע; אין די היגטערשטאָטישע שענקען, װעלכע האָבן אַ שלעכטן שם, פלעגן זײ צונױפקלײבן פאַר זיך חברים, באַװאָפנטע מיט שטעקנס, װען עס פלעגט זיך האַנדלען װעגן אָנפאַלן אױף זײן הײליקײט, דעם פּאַריזער אַרכיעפּיסקאָפּ.

## IV.

װען די רעװאָלוציאָנערן פון מעשים װאָלטן זיך באַנוגנט מיט אָנפאַלן אױף אײנצלנע הערשער און אױף די רעגירונגס־אינסטיטוטן, נישט אָנרירנדיק די עקאָנאָמישע אינסטיטוטן, װאָלט דען די גרױסע רעװאָ־לוציע געקאָנט זײן דאָס, װאָס זי איז געװען אינדעראמתן — אַן אַלגע־מײנער אױפשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן, — פון די פּויערים און אַרבעטער קעגן די פּריװילעגירטע קלאַסן? צי װאָלט דען די רעװאָלוציע געדױערט פיר יאָר? װאָלט זי דען געשטעלט אױף די פיס גאַנץ פראַנקרײך? װאָלט זי דען געפונען אין זיך יענע אומבאַזיגבאַרע קראַפט, װעלכע זי האָט אַנטקעגנגעשטעלט די קיסרים?

געװיס נישט! די היסטאָריקער קאָנען זינגען לויב־געזאַנגען פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, פאַרן קאָנװענט און אַלע „הערן פון דריטן שטאַנד", — אָבער מיר װײסן אין װאָס עס גײט. מיר װײסן, אַז די רעװאָלוציע װאָלט דערגרײכט בלױז אַ מינימאַלע קאָנסטיטוציאָנעלע באַגרענעצונג פון דער קעניגלעכער מאַכט און זי װאָלט נישט אָנגע־רירט דעם פעאָדאַלן רעזשים, װען דאָס גאַנצע פּויערישע פראַנקרײך װאָלט נישט געמאַכט קײן מרידה און װאָלט נישט אױפגעהאַלטן אין לאַנד אין משך פון פיר יאָר אַ מאָנאַרכיע — די פרײװיליקע רעװאָלוציאָ־נערע אַרבעט פון אײנצלנע גרופּעס און אידיװידואומען, װעלכע האָבן זיך באַפרײט פון װעלכער־נישט־איז רעגירונגס־אַפּוטרופּסות. מיר װײסן, אַז דער פּויער װאָלט פאַרבליבן דעם סעניאָרס אַ לאַסט־בהמה, װען די זשאַקעריע װאָלט נישט געװילדעװעט פון 1788־סטן ביזן 1799־סטן יאָר, — ביז

יענער צייט, ווען דער קאָנווענט איז געצווונגען געווען צו סאַנקציאָנירן דורכן געזעץ דאָס, וואָס די פויערים האָבן שוין געהאַט דערגרייכט: פאַרניכטן אָן אויסלייז-געלט די פאַנשטשינע אָפּצאָלן און אומקערן די קאָמונעס אַלע רייכטימער, וועלכע די רייכע האָבן אָפּגענומען בײַ זיי בײַם אַלטן רעזשים. אומזיסט וואָלטן מיר דערוואַרט גערעכטיקייט פון די קאָנווענט-זיצונגען; זיי וואָלטן גאָרנישט געגעבן דעם פאָלק, ווען די סאַנקיולאָטן און די שלעפּערס וואָלטן נישט געוואָרפן אויף דער פאַרלאַמענט-וואָג זייערע פּיקעס און שטעקנס.

* *

*

אָבער נישט די אַגיטאַציע קעגן די מיניסטאָרן, נישט דאָס אויסהענגען אין פאַריז מעלדונגען, וועלכע זענען געווענדט קעגן דער קעניגין, וואָלטן נישט בעקאָנט צוגרייטן דעם אויפשטאַנד אין די דערפער. דערדאָזיקער אויפשטאַנד איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַלגעמיינעם צושטאַנד אין לאַנד, דער רעזולטאַט פון דער אַגיטאַציע, וועלכע עס האָבן געפירט מענטשן, וואָס זענען אַרויס פון פאָלק און האָבן געווענדט זייערע אָנפאַלן אויף זיינע אוממיטלבאַרע שונאים: דעם סעניאָר, דעם גלח, דעם אייגנטימער, דעם תבואה-אויסקויפער און דעם גראָבן בורזשוא.

דערדאָזיקער אָרט אַגיטאַציע איז נאָך ווייניקער באַקאַנט, איידער יענער, וועגן וועלכן מיר האָבן גאָר-וואָס גערעדט. מיר באַזיצן די געשיכטע פון פאַריז, אָבער מיט דער געשיכטע פון דאָרף האָט זיך נאָך קיינער ערנסט נישט פאַרנומען; די געשיכטע קען נישט דעם פויער; אָבער די ווייניקע ידיעות, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אונז, גיבן אונז וועגן אים אַ געוויסע פאָרשטעלונג.

די פאַמפלעטן און פלוג-בלעטלעך פלעגן נישט אַריינדרינגען אין דאָרף; די פויערים זענען דאַן געווען, על פי רוב, אַנאַלפאַבעטן, די פּראָפּאַגאַנדע איז געפירט געוואָרן מיט דער הילף פון פשוטע און פאַרשטענדלעכע בילדער, געדרוקטע אָדער געצייכנטע. אויף דידאָזיקע בילדער פלעגט מען אָנשרייבן עטלעכע ווערטער, — און דאָס איז געווען גענוג, כדי דער פאָלקס-דמיון זאָל שאַפן גאַנצע ראָמאַנען, אין וועלכע עס האָבן געשפּילט אַ ראָלע דער קעניג, די קעניגין, גראַפן, קורטיזאַנקעס, סעניאָרן, דידאָזיקע „וואַמפּירן“, וועלכע זייגן אויס דאָס בלוט פון

פאָלק". דידאָזיקע בילדער פלעגן אַרומגיין פון דאָרף צו דאָרף און געזייען אומרו אין די מוחות.

פון צייט־צו־צייט פלעגט מען אויסהענגען אויף די ביימער מעל־דונגען, וועלכע פלעגן רופן צום אויפשטאַנד, פאַרויסזאָגן דעם גיכן אָנקום פון בעסערע טעג און דערציילט וועגן די בונטן, וועלכע פלאַקערן אויף אומאויפהערלעך אין אַלע עקן פון פראַנקרייך.

אין די דערפער פלעגן זיך אונטערן נאָמען „זשאַק" בילדן געהיימע געזעלשאַפטן, וועלכע פלעגן אונטערצינדן די שייערן פון סעניאָר, פלעגן פאַרניכטן זיינע גערעטענישן און אפילו אים טויטן. אָפט פלעגט מען געפינען אין עפּעס אַ פּאַלאַץ אַ טויטן גוף, אַ דורכגעשטאָכענעם מיט אַ מעסער, וואָס טראָגט דעם אויפשריפט: „מצד די זשאַקעס!" ס'פלעגט טרעפן, אַז מען פלעגט אָנפאַלן אויף אַ סעניאָר, וואָס פאָרט אויף זיין שווער־באַוועגלעכער קאַטש באַם ברעג פון אַ גרובן. מיט דער הילף פון קוטשער פלעגט מען אים בינדן, אַריינלייגן אין זיין קעשענע אַ פּאַפּיר מיט דער אויפשריפט: „מצד די זשאַקעס!" און אים אַריינוואַרפן אין גרובן.

אָדער מען פלעגט אַוועקשטעלן אויף פּרשת־דרכים אַ תּליה מיט אַן אויפשריפט: אויב דער סעניאָר וועט זיך דערוועגן אויפצומאָנען די שטייערן, וועט מען אים אויפהענגען אויף דערדאָזיקער תּליה; ווער עס וועט זיך דערוועגן צאָלן דעם סעניאָר וועט האָבן דעמזעלבן סוף! און דעם פּויער, וועלכן די מאַכט פלעגט נישט צווינגען, פלעגט נישט אַריינ־טראָגן קיין שטייערן און פלעגט זיין צופרידן, וואָס ער האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט באַפרייען זיך פון דאָזיקן צינז. ער פלעגט זיך ביסלעכ־ווייז צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז מען קאָן נישט אַריינטראָגן קיין שטיי־ערן, נישט פאָלגן דעם סעניאָר, און אינגיכן פלעגט ער שוין אַליין נישט וועלן צאָלן און דורך דראָונגען פלעגט ער צווינגען דעם סעניאָר אָפּצו־זאָגן זיך פון אויפמאָנען וועלכע־נישט־איז שטייערן.

אין די דערפער פלעגן זיך כסדר באַווייזן מעלדונגען, וואָס פלעגן מודיע זיין, אַז פון היינט אָן ווערט אָפּגעשאַפט דאָס אויפמאָנען שטייערן, אַז מען דאַרף פאַרברענען די פּאַלאַצן און די באָדן־ביכער, אַז דער „פאָלקס־ראַט" האָט אַרויסגעגעבן אַן עדיקט אין דעם זינען. — „ברויט! אָפּשאַפן די שטייערן און אָפּצאָלן!" אָט דאָס איז יענע לאָזונג, וועלכע פלעגט אַרומגיין איבער אַלע דערפער. פאַרשטענדלעך און נאָענט פאַר אַלעמען, פלעגט זי אַריינדרינגען אין דער נשמה פון דער מוטער,

װעמענס קינדער עס האָבן שױן נישט געגעסן אין משך פון דרײַ טעג, זי פלעגט דורכדרינגען דעם מוח פון פױער, װעלכער פלעגט פאַרפאָלגט װערן דורך דער מאַכט, װעלכע פלעגט מיט געװאַלט אַרױסרײַסן בײַ אים פאַרלעגענע שטײַערן און אָפּצאָלן. „נידער מיט די אױפקױפער!" — און זײַערע שפּײַכלערס פלעגן אױפגעריסן װערן, די פורן מיט תבואה פלעגן פאַרכאַפּט װערן, און דער בונט פלעגט גײן פון פּראָװינץ צו פּראָװינץ. „נידער מיט דעם צאָל אױף לעבנס־מיטלען!" — און די שלאַגבײמער פלעגן פאַרברענט װערן, און די שטעט, װעלכע האָבן קײן געלט נישט געהאַט, פלעגן פון זײער זײַט אױפשטײן קעגן דער צענטראַלער מאַכט, װאָס פאָדערט פון זײ די אָפּצאָלן. — „פאַרברענט די שטײַער־רשימות, די קאַסע־ביכער, די מוניציפּאַליטעט־רשימות!" — און אין יולי 1789־סטן יאָר האָבן געברענט די קאַנצעליאַרישע פּאַפּירן, די מאַכט איז דעזאָרגאַניזירט געװאָרן, די סעניאָרן האָבן עמיגרירט, און די רעװאָלוציע האָט אַרומגעכאַפּט מיט איר פײַערדיקן רינג דאָס גאַנצע לאַנד.

אַלץ, װאָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּאַריז, איז בלױז געװען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם, װאָס עס איז פאָרגעקומען אין די פּראָװינצן, אַן אָפּקלאַנג פון דער רעװאָלוציע, װעלכע האָט געבושעװעט אין יעדער שטאָט, אין יעדן דאָרף, װעלכע דאָס פאָלק איז גרײט געװען צו װענדן נישט קעגן דער צענטראַלער רעגירונג, נאָר קעגן זײַנע אוממיטלבאַרע פײַנט: די עקספּלואַטאַטאָרן, דידאָזיקע פּיאַװקעס, װאָס האָבן זיך אײַנגעזױגן אין זײַן אָרגאַניזם.

*

*

מיט אײן װאָרט, די רעװאָלוציע פון 1788־סטן — 1793־סטן יאָר האָט אונז געװיזן, װי אַזױ די פאָלקס־רעװאָלוציע (אַ רעװאָלוציע דער עיקר אַן עקאָנאָמישע, װי אַלע פאָלקס־רעװאָלוציעס) דעזאָרגאַניזירט די מלוכה.

אין פראַנקרײַך האָט זיך געמערקט אַ רעװאָלוציאָנערע שטימונג אַ סך פריער פאַרן 1789־סטן יאָר, אָבער דער גײַסט פון אױפשטאַנד איז נאָך נישט גענוג רײַף געװען, כּדי די רעװאָלוציע זאָל אױסברעכן. און די רעװאָלוציאָנערן האָבן געװענדט אַלע זײַערע אָנשטרענגונגען אױף דער אַנטװיקלונג פון דאָזיקן גײַסט פון אומגעהאָרכזאַמקײט און דרײסט־

קייט, דעם גייסט פון אייביקער שנאה צו דער הערשנדיקער סאָציאַלער אָרדנונג.

אין דער צייט, וואָס די בורזשואַזיע רעוואָלוציאָנערן האָבן געווענדט זייערע אָנפאַלן קעגן דער רעגירונג, די רעוואָלוציאָנערן פון פאָלק, — יענע, וואָס די געשיכטע האָט אפילו נישט אויפגעהיט זייערע נעמען, — האָבן צוגעגרייט זייער אייגענעם אויפשטאַנד, זייער אייגענע רעוואָלוציע און האָבן געווענדט אַלע זייערע האַנדלונגען קעגן די סעניאָרן, די אַגענטן פון דער מלוכה-קאַסע און די פאַרשידענע מינים עקספּלואַטאַטאָרן.

אין 1788-סטן יאָר האָבן אומאויפהערלעכע פאָלקס-בונטן אָנגעזאָגט די דערנענטערונג פון דער רעוואָלוציע. דער קעניג און די בורזשואַזיע האָבן זיך באַמיט אונטערדריקן זי מיט הנחות, צי האָבן אָבער געקאָנט אָפּהאַלטן די פאָלקס-כוואַליע די גענעראַל-שטאַטן, די יעזויטישע הנחות פון 4-טן אויגוסט, די נעבעכדיקע עדיקטן פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג? — מיט אַזעלכע מיטלען קאָן מען באַרויקן פּאָליטישע אומרוען, דאָס איז אָבער צו ווייניק, כדי איינצושטילן אַ פאָלקס-אויפשטאַנד. די כוואַליע האָט זיך געהויבן אַלץ העכער; שטרעבנדיק איינצושלינגען דאָס אייגנטום, האָט זי אונטערגעגראָבן די מלוכה. זי האָט אוממעגלעך געמאַכט די פאַרפעסטיקונג פון אַ וועלכער-נישט-איז רעגירונג, און דער פאָלקס-אויפשטאַנד, וואָס איז געווענדט קעגן די סעניאָרן און די רייכע, האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס אין פיר יאָר אַרום זענען פאַרניכטעט געוואָרן די קעניגלעכע מאַכט און דער אַבסאָלוטיזם.

דאָס איז דער גאַנג פון אַלע גרויסע רעוואָלוציעס. אַזוי וועט זיין דער גאַנג און די אַנטוויקלונג פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע, אויב זי וועט זיין — אין וואָס מיר ספקן נישט, פאַרשטייט זיך, — נישט קיין פשוטע ענדערונג פון דער רעגירונג, נאָר אַן אמתע פאָלקס-רעוואָלוציע, אַ קאַטאַקליזם, וועלכער וועט רעאָרגאַניזירן דעם אייגנטום-רעזשים.

# טעאָריע און פּראַקטיק

ווען מיר רעדן וועגן דער נייער אָרדנונג, וועלכע וועט, לויט אונזער מיינונג, איינגעשטעלט ווערן נאָך דער קומענדיקער רעוואָלוציע, ענטפערט מען אונז געוויינלעך:

— „דאָס אַלץ איז — טעאָריע; לאָמיר זי אויף אַ צייט לאָזן אין אַ זייט און לאָמיר זיך פאַרנעמען מיט פּראַקטישע ענינים (מיט לעזן די פראַגן וועגן די וואַלן, למשל). לאָמיר צוגרייטן דעם איבערגאַנג פון דער מאַכט אין די הענט פון אַרבעטער־קלאַס און דאַן וועלן מיר זען, וואָס די רעוואָלוציע קאָן געבן".

אָבער אין דידאָזיקע ווערטער איז דאָ עפּעס נישט דערזאָגטס, און דאָס צווינגט צו ספקן אין דער גערעכטיקייט און אפילו אין דער אויפריכטיקייט פון דידאָזיקע רייד. די זאַך איז די, וואָס יעדער איינער פון די, וואָס דערווידערן אונז, האָט זיך זיין באַשטימטע טעאָריע וועגן דעם, ווי אַזוי עס דאַרף זיך אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אויפן צווייטן טאָג נאָך דער רעוואָלוציע אָדער, ריכטיקער, אין טאָג פון דער רעוואָלוציע. זיי אַלע באַנוצן זייערע טעאָריעס, האַלטן זיך פעסט בא זיי און פּראָפּאַגאַנדירן זייערע אידעען; זייערע האַנדלונגען זענען אַ לאָגישער פועל־יוצא פון זייערע איבערצייגונגען.

די ווערטער: — „באַהאַנדלט נישט קיין טעאָרעטישע פראַגן" באַדייטן, אין תוך גענומען, פאָלגנדיקס: — „דערווידערט נישט א ו נ ז ע ר טעאָריע און העלפט אונז זי פאַרווירקלעכן".

באמת, איר וועט נישט געפינען קיין איין אַרטיקל אין אַ צייטונג, אין וועלכן עס זאָלן נישט קומען צום אויסדרוק די קוקן פון מחבר אויף דעם, ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען אין דער צוקונפט די אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. די ווערטער: „אַרבעטער־מלוכה", „די מלוכה אָרגאַני־

זירט די פּראָדוקציע און דעם סחורות-טויש״. „קאָלעקטיוויזם״ (וואָס באַנוגנט זיך מיט דעם קאָלעקטיוון אייגנטום אויף דעם פּראָדוקציע-געצייג און וואָס זאָגט זיך אָפּ צו שטעלן אין רשות פון כּלל אַלע פּראָדוקטן), „די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי״, א. אַז. וו., — דידאָזיקע אַלע ווערטער געפינט מען כּסדר אין אַלע צייטונגען און בראָשורן. די-יעניקע, וועלכע שטעלן זיך אַרויס, אַז זיי גיבן נישט צו קיין שום באַדייטונג די „טעאָריעס״, פּראָפּאַגאַנדירן אינדעראמתן זייערע טעאָריעס. און אין דער צייט, וואָס מיר מיידן אויס ענלעכע באַטראַכטונגען און אַמפּערייען, פאַרשפּרייטן די אַנדערע זייערע אידעען און קאָנצעפּציעס. זייען בייע פעלערן, מיט וועלכע מיר וועלן מוזן פירן אַ קאַמף. ס׳איז גענוג צו דערמאַנען דאָס בוך „די קווינטעסענץ פון סאָציאַליזם״, פון שעפלע, דעם עסטרייכישן עקס-מיניסטער, וועלכער שטרעבט, אונטערן אויסרייד פון פאַרטיידיקן דעם סאָציאַליזם, צו ראַטעווען די בורזשואַזע אָרדנונג בעתן פאַרשטייענדיקן חורבן. דאָסדאָזיקע בוך, אין וועלכן עס פילט זיך אַזוי שטאַרק דער עקס-מיניסטער, האָט, אמת, נישט געהאַט קיין דערפאָלג צווישן די דייטשע און פראַנצויזישע אַרבעטער; אָבער זיינע אידעען, צוגעפּראַוועט מיט אייניקע רעוואָלוציאָנערע פראַזן, ווערן טאָג-טעגלעך פּראָפּאַגאַנדירט.

און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. דער מענטשלעכער שכל קאָן נישט צוטרעטן צו צעשטערן עפּעס, כּל-זמן ער האָט נישט זאָל זיין כאָטש אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם, מיט וואָס ער וועט פאַרבייטן דאָס צעשטערטע. — „מען וועט איינשטעלן אַ רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור״, זאָגן איינע. — מען וועט אויסרופן אַ רעגירונג, וואָס באַשטייט פון אַר-בעטער, און מען וועט זי באַפולמעכטיקן צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע״, זאָגן די אַנדערע, „אין די באַפרייטע קאָמונעס וועט אַלץ געשטעלט ווערן אין רשות פון כּלל״, זאָגן די דריטע. אָבער אַלע אָן אויסנאַם האָבן זיך געמאַכט אַ באַשטימטן באַגריף וועגן יענער צוקונפט, צו וועל-כער זיי שטרעבן, און דאָס רופט זיך אָפּ באַוווּסטזיניק אויפן אופן, ווי אַזוי זיי האַנדלען אין צוגרייטנדיקן פּעריאָד.

מיר געווינען גאָרנישט דערפון, וואָס מיר מיידן אויס אַמפּערייען וועגן „טעאָרעטישע פראַגן״; פאַרקערט, כּדי צו זיין „פּראַקטיש״ דאַרפן מיר זיי שטעלן אויפן סדר היום און מיט אַלע כּוחות פאַרטיידיקן אונזער אידעאַל פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם.

* *

*

אויב מיר וועלן דידאָזיקע פראַגן נישט באַהאַנדלען איצט, אין פעריאָד פון לפי-ערכדיקן שטילשטאַנד, טאָ ווען וועלן מיר דאָס טון? אין טאָג פון דער רעוואָלוציע, צווישן די זיך-רויכערנדיקע באַרי־קאַדעס, אויף די חורבות פון אַלטן בנין, ווען די טירן וועלן שוין זיין ברייט אָפן פאַר דער צוקונפט? ווען מען וועט דאַרפן האָבן אַ באַשטימטן באַשלוס און אַ פעלזן-פעסטן פאַרלאַנג אים צו פאַרווירקלעכן? — דאַן וועט שוין קיין צייט נישט זיין צו רעזאָנירן, מען וועט דאַרפן האַנדלען, האַנדלען תיכף-ומיד, אין דעם אָדער אין יענעם זינען.

די פאַרגאַנגענע רעוואָלוציעס האָבן דעם פראַנצויזישן פאָלק נישט געגעבן דאָס, וואָס עס האָט פון זיי דערוואַרט, נישט דערפאַר, פאַרשטייט זיך, וואָס ער האָט פריער צו פלייסיק באַהאַנדלט דעם ציל פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע. דאָס באַשטימען דעמדאָזיקן ציל און דאָס באַהאַנדלען דעם וויטערדיקן האַנדלס-אופן האָט דאָס פאָלק געלאָזט פאַר זיינע פירער, וועלכע האָבן אים אומבאַדינגט אָפגענאַרט. נישט די עק־זיסטענץ פון אַ באַשטימטער טעאָריע האָט געשטערט דעם פאָלק צו האַנדלען, נאָר דאָס פעלן פון אַ וועלכער-נישט-איז טעאָריע. די בור־זשואַזיע האָט אין 1848 און אין 1870-סטן יאָר אויסגעצייכנט געוווּסט, וואָס זי וועט טון אין יענעם טאָג, ווען דאָס פאָלק וועט אַראָפוואַרפן די רעגירונג. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט פאַרכאַפן די מאַכט, צווינגען דאָס פאָלק דורך וואַלן צו סאַנקציאָנירן איר רעגירונג, באַוואָפענען דעם קליי־נעם בורזשואַ קעגן פויער און אַרבעטער און האַבנדיק אין איר רשות דאָס חייל, האַרמאַטן, פאַרקערס-מיטלען און געלט, וועט זי קאָנען זיך אַן עצה געבן מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן, אויב זיי וועלן זיך דערוועגן פאָדערן זייערע רעכט. די בורזשואַזיע האָט געוווּסט, וואָס זי וועט טון אין טאָג פון דער רעוואָלוציע.

אָבער דאָס פאָלק האָט דאָס נישט געוווּסט. אין פּאָליטישע פראַגן איז עס בלינד געגאַנגען אין די שפּורן פון דער בורזשואַזיע; אין 1848-סטן יאָר האָט עס איר נאָכגעזאָגט: „די רעפּובליק און די אַלגעמיינע וואַל־רעכט”; אין מערץ 1871-סטן יאָר האָט עס צוזאַמען מיט דער קליין־בורזשואַזיע פראָקלאַמירט די קאָמונע. נישט אין 1848-סטן, נישט אין

1871-סטן יאָר האָט עס נישט געהאַט די מינדסטע פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי צוצוטרעטן צו לייזן די עיקרדיקסטע פראַגע, די פראַגע וועגן ברויט און אַרבעט. „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט", דידאָזיקע לאָזונג פון 1848-סטן יאָר, (אַ שאָטן, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק אויפגעשטאַנען תחית-המתים אַ דאַנק די דייטשע קאָלעקטיוויסטן אין אַ ביסל אַ געענדערטער פאָרם), איז אויף אַזוי ווייט געווען אומבאַשטימט און צעשוווּמען, אַז ער האָט גאָרנישט געערדט צום פאָלקס-מוח; דאָס זעלבע קאָנען מיר זאָגן וועגן קאָלעקטיוויזם פון אינטערנאַציאָנאַל אין 1869-סטן יאָר אין פראַנקרייך. ווען מען וואָלט אין מערץ 1871-סטן יאָר געפרעגט די אַלע, וועלכע האָבן געאַרבעט באַ דער פאַרווירקלעכונג פון דער קאָמונע, ווי אַזוי מען זאָל צוטרעטן צי לייזן די פראַגע וועגן ברויט און אַרבעט, — סאַראַ שרעקלעכע קאַקאָפאָניע פון קעגנזעצלעכע ענטפערן וואָלט מען געהערט! האָט מען געדאַרפט אין נאָמען פון דער פאַריזער קאָמונע פאַרכאַפּן די וואַרשטאַטן? האָט מען געדאַרפט אָנרירן די הייזער און דערקלערן זיי אַלס אייגנטום פון דער מורדישער שטאָט? האָט מען געדאַרפט פאַרכאַפּן אַלע לעבנס-מיטלען און זיי פונאַנדערטיילן? האָט מען געדאַרפט דערקלערן אַלע רייכטימער פון פאַריז אַלס אייגנטום פון גאַנצן פראַנצויזישן פאָלק און זיך באַנוצן מיטן דאָזיקן מעכטיקן מיטל, כדי צו באַפרייען די גאַנצע נאַציע? — אויף קיין איינער פון דידאָזיקע פראַגן האָט דאָס פאָלק נישט געקאָנט געבן קיין באַשטימטן ענטפער. דער אינטערנאַציאָנאַל, פאַרנומען מיט אומאויפהערלעכן קאַמף, האָט נישט באַוויזן גרינדלעך צו באַהאַנדלען דידאָזיקע אַלע פראַגן. — „איר פאַרנעמט זיך מיט טעאָריעס", פלעגט מען זאָגן צו אַלעמען, ווער עס פלעגט נאָר צוטרעטן זיי לייזן, און די סאָציאַלע רעוואָלוציע פלעגט מען באַשטימען דורך צעשוווּמענע און אומקלאָרע ווערטער: פרייהייט, גלייכהייט און סאָלידאַריטעט.

* *
*

מיר זענען ווייט פון געדאַנק אויסצואַרבעטן אַ פולשטענדיקן פּראָגראַם אויפן פאַל פון אַ רעוואָלוציע. אַזאַ פּראָגראַם וואָלט נאָר אויפגעהאַלטן די אַרבעט; זי וואָלט געדינט אַלס סיבה פאַר פאָלגנדיקע מיני סאָפיזמען: — „אויב מיר קאָנען נישט איצט פאַרווירקלעכן אונזער

פּראָגראַם, לאָמיר וואַרטן און היטן אונזער טייער בלוט פאַר אַ מער פּאָסי-קער געלעגנהייט".

מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז יעדע פאָלקס-באַוועגונג איז אַ טריט פאָרויס צו דערנענטערן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. זי וועקט אויף דעם גייסט פון מרידה און לערנט אויס צו קוקן אויף דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג (אָדער ריכטיקער אויף דער עקזיסטירנדיקער אומאָרדנונג), ווי אויף עפּעס וואַקלדיקס און אומבאַשטענדיקס. בלויז אַ דייטשער פּאַרלאַמענטאַריסט, — מיט זיין נאַרישער גאווה, — איז פעיק צו פרעגן: „וואָס האָט געגעבן די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס האָט געגעבן די קאָמונע?" אויב פראַנקרייך איז איצט דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע, אויב דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז אַ רעוואָלוציאָנער לויט זיין שכל און טעמפּעראַמענט, — איז דאָס צו דערקלערן נאָר דורכדעם, וואָס עס האָט דורכגעלעבט אַזוי פיל רעוואָלוציעס, — רעוואָלוציעס, וועלכע דאָקטרינערן און עס-הארצים אַנערקענען נישט.

מיר דאַרפן קלאָר און גענוי פעסטשטעלן דעם צ י ל, צו וועלכן מיר שטרעבן, און נישט נאָר באַשטימען דעמדאָזיקן ציל. נאָר אים באַשטעטיקן דורך וואָרט און טאַט, מאַכן אים פאַרן אייגנטום פון גאַנצן פאָלק, כדי אין טאָג פון אויפשטאַנד זאָל ער זיך אַרויסרייסן פון אַלע מיילער. טון דידאָזיקע אַרבעט איז אַ סך נויטווענדיקער און שווערער, ווי מען נעמט דאָס אָן; אויב אונזער ציל שטייט אפילו ווי לעבעדיק פאַר די אויגן פון אַ קליינער צאָל אויסדערוויילטע, איז זי לחלוטין נישט קלאָר פאַרן גרעסטן טייל פאָלק, אויף וועלכן עס ווירקט אומאויפהערלעך די בורזשואַזע, די ליבעראַלע, די קאָמונאַליסטישע, די קאָלעקטיווע א. אַז. וו., א. אַז. וו. פרעסע.

פון דאָזיקן ציל הענגט אָפּ אונזער אופן פון האַנדלען, סיי איצט סיי אין דער צוקונפט. דער חילוק צווישן אַ קאָמוניסט-אַנאַרכיסט, אַ קאָלעקטיוויסט-אויטאָריטאַריסט, אַ יאַקאָבינער און אַ קאָמוניסט-אויטאָנאָמיסט באַשטייט נישט נאָר אין זייער פאַרשטיין דעם קומענדיקן אידעאַל. דער-דאָזיקער חילוק וועט קומען צום אויסדרוק נישט נאָר אין טאָג פון דער רעוואָלוציע, ער מערקט זיך אויך איצט אין יעדער קלייניקייט, אין דער אָפּשאַצונג פון יעדער האַנדלונג, פון יעדן וואָרט. אין טאָג פון דער רעוואָלוציע וועט דער קאָלעקטיוויסט-מלוכהניק זיך אַוועקזעצן אין פּאַריזער שטאָט-ראָט און ער וועט פון דאָרט אַרויסגעבן דעקרעטן בנוגע

רעאָרגאַניזירן דעם רעזשים פון אייגנטום; ער וועט זיך באַמיען פאַרפעסטיקן אַלס שטרענגע רעגירונג, וואָס מישט זיך אַריין אין אַלע דערשיינונגען פון פאָלקס־לעבן, ביז די קלענסטע קלייניקייטן. דער קאָמונאַליסט־אויטאָנאָמיסט וועט אויך איילן אין שטאָט־ראַט, ער וועט זיך אויך דאָרט פאַרפעסטיקן ווי אַ רעגירונג, און ער וועט זיך באַמיען איבערצוחזרן די געשיכטע פון דער קאָמונע פון 1871־סטן יאָר, פאַרווערנדיק דעם פאָלק אָנצורירן דאָס הייליקע אייגנטום אַזוי לאַנג, ביז דער ראַט פון דער קאָמונע וועט דאָס נישט געפינען אַלס רעכטצייטיק. און דער קאָמוניסט־אַנאַרכיסט וועט תיכף פאַרכאַפּן די וואַרשטאַטן, הייזער, תבואה־שפּייכלערס, מיט איין וואָרט — אַלע געזעלשאַפטלעכע רייכטימער, ער וועט אָרגאַניזירן אין יעדער קאָמונע, אין יעדער גרופּע די פּראָדוקציע און דעם געמיינזאַמען פאַרברויך, און ער וועט זיך באַמיען באַפרידיקן אַלע באַדערפעניש פון די גרופּעס און קאָמונעס.

דערדאָזיקער חילוק שפּיגלט זיך אָפּ אין די קלענסטע דערשיינונגען פון אונזער לעבן, אויף אונזער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. יעדער מענטש שטרעבט איינשטעלן אַ געוויסן הסכם צווישן זיינע האַנדלונגען אין יענעם ציל, צו וועלכן ער שטרעבט; און דעריבער עקזיסטירן צווישן קאָמוניסט־אַנאַרכיסט, דעם קאָלעקטיוויסט־מלוכהניק און דעם קאָמונאַליסט־אויטאָנאָמיסט אומאויסגלייכלעכע חלוקי־דעות בנוגע זייער האַנדלונגס־אופן אין געגעבענעם מאָמענט.

* *

*

דערדאָזיקער חילוק עקזיסטירט, און מיר מוזן זיך מיט אים רעכענען. זאָל יעדער אָפן אַרויסזאָגן זיין ציל און זיינע אידעען; זיי וועלן באַהאַנדלט ווערן אויף די פאַרזאַמלונגען פון די גרופּעס, און פון די צוזאַמענשטויסן פון די קעגנזעצלעכע מיינונגען און קוקן וועט זיך אויסאַרבעטן אַן אַלגעמיינע אידעע, צו וועלכער עס וועט צושטיין אַ גרויסער טייל פאָלק.

אויך איצט זענען דאָ עטלעכע פּונקטן, אויף וועלכע עס קומען זיך צונויף אַלע גרופּן; דאָס איז דער קאַמף מיטן קאַפּיטאַל און מיטן פאַרטיידיקער פון קאַפּיטאַל — מיט דער רעגירונג. אַלע אויפריכטיקע סאָציאַליסטן, ווי אַזוי עס זאָל נישט אויסזען דער אידעאַל פון דער צו־

...ונפטיקער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, קומען זיך צונויף אויף דעם, אַז די עקספּראָפּריאַציע פון קאַפּיטאַל וועט זיין דער רעזולטאַט פון דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע. יעדער סאָציאַליסט, צו וועלכער פּאַרטיי ער זאָל נישט געהערן, דאַרף אונטערשטיצן דעם קאַמף, וואָס גרייט צו די עקספּראָפּריאַציע. וואָס אָפּטער עס וועלן זיך צונויפטרעפן פאַרשידענע גרופּעס, וואָס מער זיי וועלן באַהאַנדלען די פראַגן און דערשיינונגען, וואָס אינטערעסירן זיי, אַלץ גיכער וועט פאָרקומען דער הסכם בנוגע דעם, וואָס מען זאָל אונטערנעמען בעת דער רעוואָלוציע.

און אויב מיר ווילן, אַז אין טאָג פון אָפּרעכענונג זאָל דאָס פאָלק איינשטימיק אַרויסשטעלן אונזער פאָדערונג, מוזן מיר אומאויפהערלעך פאַרשפּרייטן אונזערע אידעען און קלאָר אַרויסשטעלן אונזער אידעאַל פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט. אויב מיר ווילן זיין פּראַקטיש, מוזן מיר זיך פאַרנעמען מיט דעם, וואָס די רעאַקציאָנערן רופן אָן „אוטאָפּיעס און טעאָריעס“. די טעאָריע און די פּראַקטיק מוזן אויסמאַכן איין גאַנצעס, כדי דער זיג זאָל זיין אויף אונזער זייט.

# די עקספּראָפּריאַציע

## I.

נישט נאָר רעוואָלוציאָנערן רעדן שוין היינט וועגן דעם, אַז אייראָפּע געפינט זיך ערב דער גרויסער רעוואָלוציע. די בורזשואַזיע הייבט אָן באַגרייפן די אמתע לאַגע און זי רעדט וועגן דעם אין אירע צייטונ־גען*). Times ווידמעט דערדאָזיקער פראַגע גאַנצע אַרטיקלען. חוזק־מאַכנדיק פון די־יעניקע, וועלכע פּראָפּאַגאַנדירן ספּאַרטאַנישע טוגנטן, לאַדט דערדאָזיקער הויפּטשטאָטישער אָרגאַן איין די בורזשואַזיע אַ טראַכט צו טון וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער אין אונזער געזעלשאַפט און מאַכן זיי אייניקע הנחות, ווייל זיי האָבן די פולע רעכט צו זיין אומצו־פרידן. Le Journal de Geneve דערקלערט, אַז די רעפּובליק האָט זיך צו ווייניק באַשעפטיקט מיט דער סאָציאַלער פראַגע. אַנדערע צייטונגען, וועלכע מיר מיאוסן זיך אפילו אָנצורופן, די אָרגאַנען פון דער גרויס־בורזשואַזיע, פאַרגיסן ביטערע טרערן איבערן גורל פון די באַלעבאַטים, וועלכע וועלן אינגיכן דאַרפן אַליין אַרבעטן און זיי קאָנסטאַטירן, אַז דער שטראָם פון דער פאָלקס־פיינטשאַפט צו די רייכע ווערט אַלץ מעכטיקער און דראָענדיקער.

די געשעענישן אין דער הויפּט־שטאָט פון עסטרייך, די טיפע אומצופרידנקייט אויף צפון פון פראַנקרייך, די געשעענישן אין אירלאַנד און רוסלאַנד, די פאָלקס־באַוועגונג אין שפּאַניע און טויזנטער אַנדערע סימנים, די סאָלידאַריטעט צווישן די פראַנצויזישע אַרבעטער און די

---

*) אָנגעשריבן אין נאָוועמ־בער 1892־טן יאָר.

אַרבעטער פון אַנדערע לענדער, דידאָזיקע געהיימע פאַרבינדונג, וועלכע צווינגט צו שלאָגן האַרמאָניש די הערצער פון אַלע אַרבעטער און וועלכע פאַרייניקט זיי אין איין אומצעררייסבאַרס גאַנצעס, — אַ שרעקלעכער בונד, וועמענס כּוח עס באַשטייט שוין נישט בלויז אין איין קאָמיטעט, — אָט וואָס עס באַשטעטיקן אונזערע פאַרויסזאָגונגען.

לסוף, די אינערלעכע לאַגע אין פראַנקרייך, וועלכע לעבט ווידער איבער אַזאַ פאַזע, ווען אַלע פאַרטייען, וועלכע שטרעבן איבערצונעמען די מאַכט, זענען גרייט אויסציען איינע דער צווייטער די האַנט, כּדי אָפּצושלאָגן דעם קלאַפּ, די פאַרשטאַרקטע טעטיקייט פון די דיפּלאָמאַטן, וועלכע זאָגן פאָרויס די דערנענטערונג פון אַן אייראָפּעישער מלחמה, וועלכע איז שוין אַזוי פיל מאָל אויסגעמיטן געוואָרן און דעריבער איז זי איצט געוואָרן אומפאַרמיידלעך; די אַלגעמיינע מרידה פון פאָלק אין חרובן און באַזיגטן לאַנד; — דידאָזיקע אַלע פאַקטן, וועלכע קומען פאָר אין אונזער צייט, וואָס איז אַזוי רייך מיט געשעענישן, דערווייזן, אַז דער טאָג פון דער רעוואָלוציע דערנענטערט זיך.

* *

*

די בורזשואַזיע פאַרשטייט דאָס און זי גרייט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם פאָלקס-שטראָם — קראַפט און אכזריות, ווייל זי קען נישט און וויל נישט קענען קיין אַנדערע מיטלען. זי וועט זיך אַנטקעגנשטעלן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט און זי וועט מקריב זיין דאָס לעבן פון הונדערט צוויי הונדערט טויזנט אַרבעטער, מיטן לעבן פון אַ פופציק טויזנט אַר-בעטער-פרויען און קינדער, כּדי אונטערצוהאַלטן איר הערשאַפט. זי וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום אכזריותן און מערדערייען. זי האָט דאָס דערוויזן אין 1790-סטן יאָר אויפן מאַרס-פעלד, אין 1831-סטן אין ליאָן, אין 1848-סטן און 1871-סטן אין פאַריז. כּדי צו ראַטעווען זייער קאַפּיטאַל און לאָזן פאַר זיך דאָס רעכט זיך אָפּצוגעבן דער פוסט-און-פאַסטיקייט און פאַרדאָרבנקייט, וועלן דידאָזיקע מענטשן גיין אויף אַלץ.

זייער טאַקטיק איז שוין פעסטגעשטעלט. — צי דען קאָנען מיר דאָס זעלבע זאָגן וועגן אונזערער?

פאַר דער בורזשואַזיע איז דער מערדעריי-סיסטעם — אַ גאַנצער פּראָגראַם; זי זאָרגט בלויז וועגן דעם. עס זאָלן זיין זעלנער — פּראָג-

צויזן, דייטשן אָדער טערקן, — וועלכע זאָלן מסכים זיין זי אויסצופירן. די בורזשואַזיע שטרעבט אונטערצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג, פאַרלענגערן דעם סטאַטוס קוואָ, זאָל זיין כאָטש אויף פופצן יאָר. — און דעריבער באַשטייט פאַר איר די גאַנצע פראַגע אין אַ פשוטן באַוואָפנטן קאַמף. גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע בײַ די אַרבעטער: זיי שטרעבן אומצוואַנדערשן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג; זייער אויפגאַבע איז נישט אַזוי פשוט. די בלוטיקע שלאַכט, וועלכע עס שטייט אונז פאַר אויסצוהאַלטן, איז בלויז איין עטאַפּ אין אונזער קאַמף מיטן קאַפּיטאַל. מיר וועלן גאַרנישט דערגרייכן, אויב מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט טעראָריזירן די בורזשואַזיע און די לאַגע וועלן מיר לאָזן די זעלבע. אונזער ציל איז אַ סך ברייטער, די שטרעבונגען — טיפער.

אונז שטייט פאַר אַ סוף צו מאַכן צו דער עקספּלואַטאַציע פון מענטשן, פאַרניכטן די אומגלייכהייט, די פאַרדאַרבנקייט און פאַרברעכנס, וועלכע שטאַמען פון דער פּוסט-און פאַסטער עקזיסטענץ פון איינע גלייכצייטיק מיט דער עקאָנאָמישער, גייסטיקער און עטישער קנעכטשאַפט פון די אַנדערע. עס שטייט אונז פאַר אַ שווערע אויפגאַבע. אָבער אַזוי ווי די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן האָבן געלאָזט בירושה די דאָזיקע אויפגאַבע פאַר אונזער דור, אַזוי ווי ס'איז אויסגעפאַלן אויף אונזער גורל די היסטאָרישע נויטווענדיקייט צו אַרבעטן איבער איר לייזונג, וועלן מיר זיך נעמען פאַרן דאָזיקן ענין. מיר וועלן נישט דאַרפן טאַפּן אין דער פינצטער נאָך דער דאָזיקער לייזונג. זי איז אונז דיקטירט געוואָרן דורך דער געשיכטע גלייכצייטיק מיט דער אויפגאַבע גופא. זי ווערט שוין פּראָקלאַמירט אין אַלע אייראָפּעישע לענדער און זי שטעלט פאַר מיט זיך די השלמה פון דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אונזער יאָרהונדערט. די דאָזיקע לייזונג איז — עקספּראָפּריאַציע און אַנאַרכיע.

אויב דאָס סאָציאַלע רייכטום וועט פאַרבלייבן אין די הענט פון די-יעניקע, וועלכע באַזיצן עס איצט, אויב די וואַרשטאַטן, ווערפן און די פאַבריקן וועלן נישט אויפהערן צו זיין אַן אייגנטום פון די באַלעבאַטים, אויב די אייזנבאַנען וועלן פאַרבלייבן אין די הענט פון די קאָמפּאַניעס אָדער איינצלנע פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיי פאַרכאַפּט, אויב די שטאָטישע הייזער און די ווילעס פון די רייכע וועלן פאַרבלייבן דאָס אייגנטום פון זייערע איצטיקע באַלעבאַטים אַנשטאָט אָפּגעגעבן צו ווערן אומזיסט אין רשות פון אַלע אַרבעטנדיקע; אויב אַלע רייכטימער, וועלכע

זענען אָנגעקליבן אין די בענק און רייכע הייזער, וועלן תּיכּף נישט איבערגיין אין רשות פון כּלל, — אַלע האָבן דאָך געאַרבעט אויף צו שאַפן זיי, — אויב דאָס מורדישע פאָלק וועט נישט פאַרכאַפּן אַלע לעבנסמיטלען, וועלכע זענען צונויפגעזאַמלט אין די גרויסע שטעט, און עס וועט נישט אָרגאַניזירן זייער פונאַנדערטיילונג צווישן אַלע נויטבאַדערפטיקע; לסוף, אויב די ערד וועט בלייבן דאָס אייגנטום די באַנקירן און וווכערער, צו וועלכע זי געהערט איצט פאַקטיש, אויב די גרויסע גיטער וועלן נישט אָפּגענומען ווערן בא די גוטבאַזיצער און מען וועט זיי נישט אָפּגעבן צו די-יעניקע, ווער עס וויל אַליין באַאַרבעטן די ערד, אויב עס וועט זיך פאַרפעסטיקן אַ קלאַס הערשער, וועלכער וועט אָנפירן מיט די אונטערטאַנען — וועט דער אויפשטאַנד נישט זיין קיין רעוואָלוציע און מען וועט אַלץ מוזן אָנהייבן פונסניי. אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך אויף אַ מאָמענט דעם שווערן יאָך, וועט דער אַרבעטער ווידער מוזן איינבייגן זיין האַלז אונטערן זעלבן יאָך, ווידער איבערטראָגן די בייטש פון באַלעבאָס, די חוצפּהדיקע גאווה פון די מאַכט-האָבער, די פאַרדאַרבנקייט און פאַרברעכנס פון די ליידיקגייערישע קלאַסן, — שוין נישט רעדנדיק וועגן ווייסן טעראָר, וועגן פאַרשיקונגען, עקזעקוציעס און דעם ווילדן טאַנץ פון די בלוט-פאַרשיכּורטע מערדער איבער די טויטע גופים פון די אַרבעטער.

עקספּראָפּריאַציע — אָט וואָס עס דאַרף זיין די לאָזונג פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע, אויב זי וויל דערפילן איר היסטאָרישע מיסיע. אַ פולע עקספּראָפּריאַציע פאַר די אַלע, ווער עס האָט כאָטש די קלענסטע מעגלעכקייט צו עקספּלואַטירן דעם מענטש. שטעלן אין רשות פון דער גאַנצער נאַציע דאָס אַלץ, וואָס קאָן דינען אין די הענט פון אַ יחיד אַלס עקספּלואַטאַציע-מיטל.

אַ לעבן אין פרייער אַרבעט, אַ מענטש, וואָס איז נישט געצוווּנגען צו פאַרקויפן זיין אַרבעט און פרייהייט צו די-יעניקע, ווער עס קלויבט אָן רייכטימער, אויסנוצנדיק די אַרבעט פון קנעכט, — אָט וואָס עס דאַרף געבן די צוקונפטיקע רעוואָלוציע.

*

מיט צען יאָר צוריק איז דערדאָזיקער פּראָגראַם (לכל הפּחות, זיין עקאָנאָמישע טייל) געווען אָנגענומען דורך אַלע סאָציאַליסטן. דער, וואָס פלעגט זיך אָנרופן סאָציאַליסט, פלעגט אים אָנערקענען אַן שום באַוואָרעניש. אָבער זינט דאַן האָבן די ריטערס פון דער אינדוסטרי אַזוי פלייסיק עקספּלואַטירט דעם סאָציאַליזם אין זייערע אייגענע אינטערעסן, זיי האָבן אַזוי אָפּגענאַרט דעמדאָזיקן פּראָגראַם, אַז איצט אָנערקענען אים אין זיין אורשפּרינגלעכן געשטאַלט בלויז די אַנאַרכיסטן.

דעמדאָזיקן פּראָגראַם האָט מען פאַרקריפּלט, אָנגעפּראָפּט מיט פּוסטע פראַזן, וועלכע יעדער קאָן קאָמענטירן צו זיין אייגענעם נוצן און האָבן אים צוגעפּאַסט נישט צו די געשמאַקן פון די אַרבעטער, — אויב אַרבעטער נעמען אָן דעם סאָציאַליזם, נעמען זיי אים געוויינלעך אָן אינגאַנצן, — נאָר צו די געשמאַקן פון דער בורזשואַזיע, כדי אַריינצודרינגען אין אירע רייען. דעריבער פאַלט די ריזיקע אַרבעט פון פאַרשפּרייטן און אַנטוויקלען די עקספּראָפּריאַציע-אידעען בלויז אויף די אַנאַרכיסטן. זיי דאַרפן נישט האָפן אויף קיין שום הילף.

ס'וואָלט געווען אַ גראָבער טעות צו מיינען, אַז די אידעע פון עקספּראָפּריאַציע איז אַריינגעדרונגען אין באַוווסטזיין פון אַלע אַרבעטנדיקע און איז געוואָרן איינע פון יענע איבערצייגונגען, פאַר וועלכע אַן ערלעכער מענטש איז גרייט זיך מקריב צו זיין. ס'הייבט זיך נישט אָן ! מיליאָנען מענטשן האָבן קיינמאָל גאָרנישט געהערט וועגן עקספּראָפּריאַציע, און אויב זיי האָבן יאָ געהערט, איז נאָר פון מויל פון אירע קעגנער. און אפילו צווישן אירע אָנהענגער, ווי קליין עס איז די צאָל פון די-יעניקע, וועלכע פאַרשטייען זי און האָבן זי אויסגעפּאָרשט פון אַלע שטאַנדפּונקטן ! מיר ווייסן, געוויס, אַז די אידעע פון עקספּראָפּריאַציע וועט באַקומען די גרעסטע צאָל אָנהענגער בעת דער רעוואָלוציע גופא, ווען אַלע וועלן זיך אינטערעסירן מיט דער כלל-זאַך, ווען לייענען, רעדן, האַנדלען, און ווען די פּרעציז און קלאָר אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען וועלן זיין בכוח צו פאַרכאַפּן די מאַסן. ווען בעת דער רעוואָלוציע וואָלטן געווען בלויז צוויי פּאַרטייען : די בורזשואַזיע און דאָס פאָלק, וואָלט דאָס גאַנצע פאָלק אָנגענומען די אידעע פון עקספּראָפּריאַציע, ווי

נאָר די קלענסטע גרופּע וואָלט זי פאַרגעליינגט. אָבער אַ חוץ דער בור־זשואַזיע האָט נאָך די סאָציאַלע רעוואָלוציע אויך אַנדערע שונאים. — אַלע זייטיקע פּאַרטייען, וועלכע זענען אַנטשטאַנען צווישן דער בורזשו־אַזיע און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן; אַלע, וואָס זענען ביזן מאַרך פון די ביינער דורכגעזאַפּט מיט שרעקעוודיקייט פון געדאַנק, מיטן דאָזיקן אומפאַרמיידלעכן פּועל־יוצא פון יאַרהונדערטן־לאַנגער פאַרערונג און הכנעה צו דער מאַכט; לסוף, די אַלע, וועלכע וועלן זיך באַמיען בעת דעם שטורעם צו ראַטעווען אַ טייל פון זייערע פּריווילעגיעס און זיי וועלן אַליין מורד זיין קעגן יענע פּריווילעגיעס, וועלכע זיי זענען גרייט מקריב צו זיין אויף אַ צייט, — כדי, פאַרשטייט זיך, דערנאָך ווידער זיי באַקומען; — די דאָזיקע אַלע פאַרמיטלער, וועלן מיט דער גאַנצער ענער־גיע, וואָס איז זיי אייגן, צווינגען דאָס פאָלק אַרויסצולאָזן פון האַנט דעם רויב און זיך באַנוגענען מיט דעראָבערן זיין שאָטן. טויזנטער מענטשן וועלן מיטפילנדיק רעדן צום פאָלק, אַז ס'איז בעסער צו נעמען אַ ביסל, איידער אַלץ צו פאַרלירן; די דאָזיקע מענטשן וועלן צווינגען דאָס פאָלק צו פאַרלירן צייט אומזיסט, אויסצושעפּן זיין רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַ־מענט אויף אַ פרוכטלאָזן קאַמף מיט אומבאַדייטנדיקע מענטשן און באַרישקייטן און וועלן אים שטערן אַנטשלאָסן צוצוטרעטן צו צעשטערן די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוטן; זיי וועלן וועלן שפּילן די ראָל פון ראָבעספּיערס אַנשטאָט, — ווי מען האָט דאָס געטון די פויערים פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, — צו פאַרכאַפּן דאָס סאָציאַלע רייכטום, גרינדן אויף אים זיינע רעכט און תיכף פאַרווענדן עס לטובת דעם גאַנצן פאָלק.

מיר מוזן תיכף צוטרעטן פלייסיק פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פון עקספּראָפּריאַציע, כדי אָפּצושלאָגן דאָס געפאַר; אונזערע אַלע ווערטער און מעשים דאַרפן אַרויספליסן פון דער דאָזיקער הויפּט־אידעע; דער באַגריף פון עקספּראָפּריאַציע דאַרף אַריינדרינגען אין אַלע ווייטסטע ווינ־קעלעך פון לאַנד; ער דאַרף באַהאַנדלט ווערן אין יעדן דאָרף און ער דאַרף ווערן פאַר יעדן אַרבעטער, פאַר יעדן פויער אַן עיקרדיקע טייל פון באַגריף אַנאַרכיע. דאַן, און נאָר דאַן, וועט זיך דאָס וואָרט „עקס־פּראָפּריאַציע“ אַרויסרייסן אין טאָג פון דער רעוואָלוציע פון אַלעמענס מיילער, וועט ווערן אַ שרעקלעכע פאָדערונג פון גאַנצן פאָלק; דאַן וועלן מיר זיין זיכער, אַז דאָס בלוט פון פאָלק וועט נישט פאַרגאָסן ווערן אומזיסט.

דידאָזיקע אידעע דאַרף אָנפירן מיט דער אַרבעט פון די אַגראַר־כיסטן אין אַלע לענדער. די צייט איז קורץ, אָבער דאָס גיט אונז נייע כוחות, אַ נייעם צופלוס פון ענערגיע; אויב מיר וועלן נישט זיין בכוח צו דערגרייכן דעם ציל, וועלכן מיר האָבן פאַר זיך געשטעלט, וועלן די אָנשטרענגונגען און קרבנות פון פאָלק ווידער גיין לאיבוד.

## II.

איידער מיר וועלן איבערגעבן אינזער קוק אויף דער עקספּראָפּריאַציע מוזן מיר ענטפערן אויף איין דערווידערונג, וועלכע מען מאַכט אונז תמיד, אַ דערווידערונג, וואָס האַלט נישט אויס קיין שום קריטיק. אָבער די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וואָס איז זייער פאַרשפּרייט אין אונזער געזעלשאַפט, — דידאָזיקע פּסעוודאָ־וויסנשאַפט פון דער בורזשואַזיע, — זינגט אומאויפהערלעך לויב־געזאַנגען פאַרן פּריוואַט־אייגנטום: — „זעט נאָר, זאָגט זי, סאַראַ וואונדער עס טוט אויף דער פּויער, ווי נאָר ער ווערט אַן אייגנטימער פון זיין באַאַרבעטער ערד; זעט נאָר, ווי פלייסיק ער באַאַרבעט זיין שטיקל ערד, סאַראַ גערעטענישן ער ציט ארויס פון דער אומפּרוכטבאַרסטער ערד! זעט נאָר, סאַראַ דערפּאָלגן עס האָט דערגרייכט די אינדוסטרי זינט זי איז אַריבער אין פּריוואַטע הענט! דידאָזיקע אַלע וואונדער האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער עקזיסטענץ פון פּריוואַט־אייגנטום!"

אָבער נאָך דידאָזיקע ווערטער קומען נישט די עקאָנאָמיסטן צום נאַטירלעכן אויספיר: „די ערד געהערט דעם, ווער עס באַאַרבעט זי!", נאָר זיי איילן זיך צו זאָגן; „די ערד געהערט דעם גוטסבאַזיצער, וועלכער וועט זי באַאַרבעטן מיט דער הילף פון באַטראַקעס!" אַ סך לאָזן זיך כאַפּן אויף דער ווענדקע פון דידאָזיקע באַטראַכטונגען און חזרן זיי איבער, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך איבער זייער באַדייטונג. וואָס שייך אונז „אוטאָפּיסטן", שטרעבן מיר, — טאַקע דערפאַר, ווייל מיר זענען „אוטאָפּיסטן", — אַריינצודרינגען אין גוף הענין, אנאַליזירן דידאָזיקע פראַגן און אַט צו וואָסערן אויספיר זענען געקומען.

מיר פאַרזיכערן, אַז דער פּויער הייבט אָן בעסער באַאַרבעטן די ערד, ווי נאָר זי ווערט זיין אייגנטום. אָבער מיט וועמען פאַרגלייכן זי

הערן עקאָנאָמיסטן דעם קליינעם ערד-אייגנטימער ? — מיטן ערדארבעטער — דעם קאָמוניסט ? למשל, מיט איינער פון יענע „דוכאָבאָרן"־געמיינדעס, וועלכע קלויבן זיך אריבער אויף די ברעגעס פון אמור, שטעלן אין רשות פון כלל זייער לעבעדיקן אינווענטאר און די אַרבעט פון זייער יוגנט, אקערן, איינשפּאַנענדיק אין אַקער צו פיר, צו פינף פּאָר אָקסן, זיי בויען מיט געמיינזאַמע כוחות זייערע הייזער און אין א יאָר ארום ווערן זיי רייך און געניסן פון ווילשטאַנד, בעת דער איינזאַמער עמיגראַנט, וועלכער האָט זיך באַמיט אַפּצוריייניקן זיין זומפּיק שטיקל ערד בעט, ווי א נדבה, בא דער מלוכה עטלעכע פונט מעל ? אָדער מיט איינער פון יענע אמעריקאַנער געמיינדעס, וועלכע Nordhof האָט באַשריבן, וועלכע גיבן זייערע מיטגלידער דירה, בגדים און דערנערונג און באַשטימען פאַר יעדן איינעם צו הונדערט דאָלאַר אויף איינצוקויפן מוזיקאַלע אינסטרומענטן, קונסט-ווערק און לוקסוס-זאַכן, וועלכע געפינען זיך נישט אין די שפּייכלערס פון דער קאָמונע ?

ניין ! אויסזוכן און דערקלערן סתירותדיקע פאַקטן, כדי צו באַשטעטיקן אָדער אָפּצוואַרפן די אייגענע היפּאָטעזע, — דאָס איז גוט פאַר דאַרווינען ; די אָפיציעלע וויסנשאַפט וויל זיי בעסער נישט קענען. זי באַנוגנט זיך דערמיט, וואָס זי פאַרגלייכט דעם פויער-אייגנטימער מיטן קנעכט, מיטן האַלב-שותף, מיטן אַרענדאַטאָר !...

אָבער דער קנעכט, באַארבעטנדיק די ערד פון זיין באַלעבאָס, האָט געוווּסט, אַז פון געראַטעניש, וועלכן ער וועט צונויפקלייבן, וועט ער באַקומען בלויז א ביסל קאָרן און גראַטשיכע, — פונקט אַזוי פיל, כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער, אַז וויפיל ער וועט זיך נישט איינרייסן בא דער אַרבעט, וועט ער פרילינג-צייט מוזן צומישן געגוזנפוס צום מעל, ווי דאָס טוען ביז אויף היינטיקן טאָג די רוסישע פויערים, ווי דאָס פלעגן טון די פראַנצויזישע פויערים ביזן 1789-סטן יאָר ; ער האָט געוווּסט, אַז ווי נאָר ער וועט א ביסל פאַרבעסערן זיין לאַגע, — וועט ער גלייך ווערן דער ציל פאַר זיין באַלעבאָס פאַרפאָלגונגען. און דער פויער פלעגט אַרבעטן וואָס ווינציקער, ער פלעגט באַאַרבעטן די ערד וואָס ערגער. איז דען א וווּנדער, וואָס זיינע אייניקלעך, וועלכע ווייסן, אַז די פרוכט פון זייער אַרבעט וועט געהערן זיי, באַאַרבעטן פלייסיקער זייערע פעלדער ?

די לאַגע פון האַלב-שותף איז א ביסל בעסער אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פונם קנעכט. ער ווייסט, אַז די העלפט געראַטעניש וועט מען

מוזן אָפּגעבן דעם אייגנטימער פון דער ערד, אָבער דערפאַר וועט די צווייטע העלפט געהערן צו אים. און נישט געקוקט אויף די־דאָזיקע באַדינגונגען — נידעריקע טעכניק פון אונזער שטאַנדפּונקט, לחלוטין נאַטירלעכע און גערעכטע. לויט דער מיינונג פון די עקאָנאָמיסטן, — קליגט ער זיך אַריינצוברענגען פאַרפּולקאָמונגען אין דער באַאַרבעטונג פון דער ערד, פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך בלויז אַ דאַנק זיין אַרבעט.

נאָך אַ טריט פאָרויס אין היגזיכט פון פאַרבעסערן די ערד־באַאַרבעטונג מאַכט דער אַרענדאַטאָר, אויב די באַדינגונגען פון דער אַרענדע זענען נישט צו שווער און דער אָפּמאַך איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ גענוג גרויסע צאָל יאָרן, אויב ער האָט די מעגלעכקייט אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט אָדער ער האָט אומזאַץ־קאַפּיטאַל. לסוף, דער פויער־אייגנטימער, אויב ער איז נישט פאַרקראָכן ביז איבער די אויערן אין חובות באַם קויפן זיין נחלה, אויב ער קאָן מאַכן כאָטש וועלכע־נישט־איז אָפּשפּאָרונגען, באַאַרבעט זיין ערד בעסער פאַרן קנעכט, פאַרן האַלב־שותף, אָדער פאַרן אַרענדאַטאָר. ער ווייסט, אַז אַראָפּרעכענענדיק די שטייערן און דעם לייבן־חלק פאַרן קרעדיטאָר, וועט דאָס גאַנצע גערעטעניש, וועלכעס ער האָט באַקומען מיט שווערער פּראַצע, געהערן צו אים.

אָבער וואָס פאַר אַן אויספיר קאָן מען מאַכן פון די־דאָזיקע פאַקטן? — קיין שום אויספיר נישט, סיידן דעם, אַז קיינער האָט נישט ליב צו אַרבעטן פאַר אַנדערע, און אַז די ערד וועט קיינמאָל גוט נישט באַאַרבעט ווערן, כל זמן דער ערדאַרבעטער וועט וויסן, אַז די בעסטע טייל פון זיין גערעטעניש וועט דינען אויף דערנערן עפּעס אַ ליידיק־גייער — אַ סעניאָר, אַ בורזשוי, אַ קרעדיטאָר, אָדער אויף באַצאָלן די מלוכה־שטייערן. מען דאַרף זיין אַ מענטש שוין מיט צו באַאיינפלוסטע מיינונגען, כדי צו געפינען אין די־דאָזיקע פאַקטן די מינדסטע סיבה אויף צו פאַרגלייכן דאָס פּריוואַט־אייגנטום מיטן קאָלעקטיוון באַזיץ; זיי האָבן נישט אין זיך קיין שום סיבות דערצו.

פונדעסקוועגן וועלן מיר מאַכן פון דידאָזיקע פאַקטן געוויסע אויספירן.

די אַרבעט פונם האַלב־שותף, פונם אַרענדאַטאָר און, דער עיקר, פון קליינעם אייגנטימער איז אינטענסיווער איידער די אַרבעט פון אַ קנעכט אָדער אַ לייב־אייגענעם. און פונדעסטוועגן בליט נישט די ערד־אַרבעט נישט באַם האַלב־שותף, נישט באַם אַרענדאַטאָר און אפילו נישט באַם קליינעם אייגנטימער. מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק האָט מען געמיינט, אַז אין דעם קליינעם ערד־באַזיץ ליגט די לייזונג פון דער אַגראַר־פראַגע; אין יענער עפּאָכע האָט דער פויער־אייגנטימער באמת געבנאָסן אַ געווויסן ווילשטאַנד, וועלכער האָט זיך באַזונדערס בולט אויסגעטיילט אויפן פאָן פון דער שרעקלעכער אָרימקייט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אָבער דער גאָלדענער צייטאַלטער פון קליינעם ערד־באַזיץ איז איינגיכן פאַרשווינדן. דער פויער, וואָס באַזיצט אַ קליין שטיקל ערד, קומט קוים אויס. ער פאַרזינקט אין חובות און ווערט אַ רויב פאַרן וווכערער און פאַרן הענדלער מיט בהמות און ערד. די וועקסלען און היפּאָטעקן רויגירן דאָס דאָרף אַ סך מער נאָך, ווי די שווערע שטייערן, וועלכע עס נעמט די מלוכה און די געמיינדע. דאָס קליין־אייגנטום איז אויסגעשעפּט, און אויב דער פויער טראָגט נאָך דעם נאָמען פון אַן אייגנטימער, איז ער אָבער איינדערעמאַתן אַ קנעכט פון די באַנקירן און די וווכערער. ער מיינט, אַז ער וועט סוף־כל־סוף פּטור ווערן פון די חובות, אָבער זיי וואַקסן אַלץ. עטלעכע הונדערט מענטשן לעבן אַ טאָג, און מיליאָנען מענטשן קומען אום אין די הענט פון די וווכערער און זיי וועלן זיך באַפרייען פון דאָזיקן יאָך ערשט אין טאָג פון דער רעוואָלוציע.

אָבער פונוואַנען שטאַמט דער דאָזיקער פעסטגעשטעלטער פאַקט, וואָס איז דערוויזן געוואָרן דורך סטאַטיסטישע ציפערן, — וועלכער לייקנט אָפּ אַלע טעאָריעס וועגן דעם ווויל פון פּריוואַט־אייגנטום?

מיט וואָס דערקלערט ער זיך? — די דערקלערונג קאָן מען נישט זוכן אין דער קאָנקורענץ פון אַמעריקע, — דער דאָזיקער פאַקט איז פאַראויסגעגאַנגען דער דאָזיקער קאָנקורענץ; זי ליגט אפילו נישט אויסשליסלעך אין די שטייערן: פאַרקלענערט זיי, וועט דער פּראָצעס זיך

פארלאנגזאמען, אָבער זיך נישט אָפּשטעלן. די דעו קלערונג פון דאָזיקן פאַקט באַשטייט אין דעם, וואָס נאָכן פופצניאָרהונדערטיקן שטילשטאַנד האָט זיך די ערדאַרבעט אין אייראָפּע באַדייטנדיק פאַרבעסערט פאַר די לעצטע פופציק יאָר; זי ליגט טיילווייז אין די כסדר־וואַקסנדיקע באַדער־פעניש פונם ערדאַרבעטער גופא, אין דער לייכטקייט פון באַקומען הלוואות און אין די אויסצאָלונגען אויף ראַטעס, וואָס עס לייגן אים פאַר די בענק, די וואַרשטאַטן, די מעקלערס און די וווכערער, כדי אים אַריינ־צוציען אין זייערע נעצן; זי באַשטייט, לסוף, אין די הויכע פרייזן אויף ערד, וועלכע די רייכע האָבן פאַרכאַפּט טיילווייז פאַר זייערע גיטער, טיילווייז פאַר די באַדערפעניש פון דער אינדוסטרי און דעם האַנדל.

לאָמיר אַנאַליזירן דעם ערשטן פון דידאָזיקע פאַקטאָרן, דעם באַ־דייטנדיקסטן פון אונזער שטאַנדפונקט. כדי דער פויער זאָל זיך קענען באַנוצן מיט די דערגרייכונגען פון דער ערדאַרבעט און קאָנקורירן מיט די־יעניקע, וועלכע באַאַרבעטן די ערד מיט דער הילף פון מאַשינען און פאַרגרעסערן זייערע גערעטענישן מיט דער הילף פון כעמישער באַמיס־טיקונג, מוז ער האָבן אַ קאַפּיטאַל, וועלכער זאָל אים דערלויבן אַריינ־צופירן געוויסע פאַרפּולקאָמונגען אינם אופן פון באַאַרבעטן זיין ערד. אָן אַ גרונד־קאַפּיטאַל איז לחלוטין אוממעגלעך זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט. די ווירטשאַפט ווערט צעפּאָרן, דאָס פערד ווערט אַלט, די קו הערט אויף צו געבן מילך, דאָס אַקעראייזן ווערט טעמפּ: מען דאַרף זיי פאַרבייטן, פאַרריכטן. אָבער חוצדעם מוז מען איינקויפן אייניקע פאַר־פּולקאָמטע געצייגן, באַמיסטיקן די ערד. דערצו דאַרף מען האָבן עט־לעכע טויזנט רובל, און זיי וועט דער פויער קיינמאָל נישט באַ־קומען.

— וואָס־זשע טוט ער דאַן? נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האַלט זיך באַ דעם „סיסטעם פון איינציקן יורש", וועלכער האָט פאַר־וויסט פראַנקרייך, קאָן ער נישט אויסקומען. דאַן שיקט ער זיין זון אין שטאָט, — פאַרגרעסערן דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, — פאַרזעצט זיין ערד, פאַרזינקט אין חובות און ווערט אַ קנעכט, — אַ קנעכט פון באַנ־קיר, ווי ער איז פריער געווען דער קנעכט פון סעניאָר.

אָט אַזוי זעט איצט אויס דער גורל פון קליין־אייגנטום. די־יעניקע, וועלכע זינגען אים לויב־געזאַנגען, האָבן פאַרשפּעטיקט אויף אַ האַלבן יאָרהונדערט: זיי באַהאַנדלען פאַקטן, וועלכע זענען פאַרגעקומען מיט פופציק יאָר צוריק; זיי קענען נישט די היינטיקע ווירקלעכקייט.

די ווערטער: „ערדאַרבעט איז אוממעגלעך אָן אַ גרונד־קאַפּי־
טאַל", — אַנטהאַלטן אין זיך אַ גאַנצן סיסטעם, און עס וואָלט נישט געשאַדט, אַז די „נאַציאָנאַליזאַטאָרן פון דער ערד" זאָלן זיך פאַרטראַכטן איבער אים.

זאָלן מאָרגן הענרי דזשאָרדזשס אַנהענגער אָפּנעמען בײַ די ענגלישע לאָרדן זייערע גיטער. זיי פאַרטיילן צווישן די, וועלכע ווילן זיי אַליין באַאַרבעטן, זאָלן זיי פאַרקלענערן דעם ערענדע־אָפּצאָל אָדער לגמרי אים אָפּשאַפן; — עס וועט אַנטשטיין אַ לפי־ערכדיקער ווילשטאַנד אויף צוואַנציק, דרייסיק יאָר; אָבער דערנאָך וועט מען אַלץ דאַרפן ווידער אָנהייבן פון סניי.

די ערד פאָדערט אַ כּסדרדיקע זאָרג אַרום זיך. מען קאָן אומגע־הייער פאַרגרעסערן די גערעטענישן, אויב מען זאָל אָפּרייניקן די ערד פון די שטיינער, זי אויסטרוקענען, צעאַקערן, באַמיסטיקן, אויסבעסערן די וועגן. מען דאַרף אַ סך אַרבעטן, כּדי צו באַפרידיקן די כּסדר־אַנוואַקסנדיקע פאָדערונגען פון דער אַלץ זיך־פאַרגרעסערנדיקער באַפעלקערונג.

דאָס פאָדערט באַדייטנדיקע הוצאות און אַ גרויסע אַרבעט, וועלכע קאָן נישט אויסגעפירט ווערן דורך איין פאַמיליע, — אַט פאַרוואָס די ערדאַרבעט פּראָגרעסירט נישט. כּדי צו באַקומען פאַרגרעסערטע גערע־טענישן מוז מען אַמאָל אויסגעבן אויף אויסצוטריקענען איין העקטאַר לאַנד פון פיר ביז פינף טויזנט אַרבעטס־טעג (צוואַנציק טויזנט פראַנק). דאָס איז גאַנץ צוגענגלעך פאַר אַ קאַפּיטאַליסט, אָבער לחלוטין נישט לויט די כּוחות פון אַ קליינעם אייגנטימער בײַ יענע נעבעכדיקע אָפּשפּאָרונגען, וועלכע אים גיט זיך איין צו מאַכן. זיך אָפּזאָגנדיק פון דעם נויטווענ־דיקסטן, די ערד בעט דעם מענטש, ער זאָל איר געבן זײַן באַלעבנדיקע אַרבעט און זי זאָגט צו דערפאַר צו באַשיטן אים מיט אַ רעגן פון גאָל־דענע זאַנגען — און דער מענטש גייט נישט. ער זיצט אין אינדוסטריע־לע קאַזאַרמעס און אַרבעט אויס וווּנדערבאַרע געוועבן פאַר אינדישע ראַ־דזשעס, אַפריקאַנישע שקלאַפן־הענדלער, פאַר די באַנקירישע ווייבער; ער וועבט אַ גאַנץ לעבן בגדים פאַר די עגיפּטער, פאַר טורקעסטאַנער

טאָטערן, און ער איז צופרידן, ווען עס קומט אויס אַרומצוגיין מיט פאַרלייגטע הענט אַרום די שווייגנדיקע פאַבריקן, — און די ערד, וועלכע קאָן געבן חיונה און אפילו ווילשטאַנד מיליאָנען מענטשן, בלייבט נישט באַאַרבעט. פליי איז אויף היינטיקן טאָג אַ לוקסוס-זאַך פאַר צוואַנציק מיליאָן אין פראַנקרייך.

אַ חוץ די, וועלכע באַאַרבעטן זי טאָג-טעגלעך, פאָדערט די ערד אין געוויסע פעריאָדן די אַרבעט פון מיליאָנען הענט, כדי צו באַמיסטיקן די פעלדער, ריין מאַכן זיי פון שטיינער, שאַפן מיט דער הילף פון די נאַטירלעכע כוחות פון דער נאַטור אַ פרוכטבאַרן באָדן און אַראָפּנעמען רעכטצייטיק אין די שייערן די שפּעדיקע געראַטענישן. זי בעט בײַ דער שטאָט, זי זאָל איר צושיקן אַרבעטס-הענט, מאַשינען, מאָטאָרן, און די מאָטאָרן, מאַשינען און די הענט בלייבן אין שטאָט, איינע — זיך אָפּגעבנדיק דער ליידיקגייערײַ, די אַנדערע — אַרבעטנדיק אויף צו באַפרידיקן די גאווה פון די רייכע.

דאָס פּריוואַט-אייגנטום איז ווייט נישט קיין מקור פון רייכטום פאַרן לאַנד; פאַרקערט, עס דינט אַלס טאָרמאַז פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ערדאַרבעט. אין דער צייט, וואָס די געלערנטע אַנטדעקן נייע וועגן אויף צו פאַרפולקאָמען די ערדאַרבעט, געפינט זיך די ערד-באַאַרבעטונג אין אַ שלעכטן צושטאַנד כמעט אין גאַנץ אייראָפּע, — צוליב דעם פּריוואַט-אייגנטום.

צי איז דען דערפון געדרונגען, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע דאַרף פאַרניכטן אַלע גרענעצן פון קליין-אייגנטום, צעשטערן די גערטנער און סעדער און איבעראַקערן די גאַנצע ערד מיט פאַרפולקאָמט געצייג, כדי צו געבן אַלע מענטשן דאָס פּראָבלעמאַטישע גוטס פון דער גרויס-ווירטשאַפט, ווי דאָס טרוימען די רעפאָרמאַטאָרן, די אָנהענגער פון דער מאַכט?

מיר זענען, פאַרשטייט זיך, קעגן דעם. מיר וועלן נישט אָנרירן די ערד פון פויער, וועלכער באַאַרבעט זי אַליין, מיט דער הילף פון זיינע קינדער, נישט אָנקומענדיק צו לוין-אַרבעט. מיר וועלן אָבער עקספּראָפּריאירן אַלע ערד-שטחים, וועלכע ווערן נישט באַאַרבעט דורך די הענט פון די-יעניקע, וועלכע באַזיצן זיי איצט. ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט זיין אַ געשעענער פאַקט, ווען די שטאָטישע אַרבעטער וועלן אַרבעטן נישט פאַרן באַלעבאָס, נאָר כדי צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דער גאַנצער מענטשהייט, — וועלן מחנות אַרבעטער, פריילעכע און

צופרידענע, זיך אַ לאָז טון אין דאָרף אַריין באַארבעטן די עקספּראָפּרי־אירטע פעלדער, און אין עטלעכע טעג וועלן ערטער, באַוואַקסענע מיט היידעקרויט, פאַרוואַנדלט ווערן אין פרוכטבאַרע טאָלן, וועלכע ברענגען רייכטום פאַרן גאַנצן לאַנד, וועלכע שטעלן צו פאַר אַלע — „נעם, ס'וועט נאָך בלייבן" — שפּעדיקע און פאַרשידנאַרטיקע גערעטענישן, וועלכע עס וועלן געבן, געבן אָן אַ סוף — די ערד, די ליכט און די וואַרעמקייט. צי דען מיינט איר, אַז דער קליין־איינגנטימער וועט דאַן נישט באַגרייפן די מעלות פון אַ געמיינשאַפטלעכער ווירטשאַפט, אַז ער וועט נישט וועלן ווערן קיין מיטגליד פון אונזער פאַרצווייגטער פאַמיליע?

איצט, בעתן אַראָפּנעמען די גערעטענישן שיקט די שטאָט אין דאָרף אַריין טויזנטער אַרבעטס־הענט, די לאַנדאַנער אָרימקייט גייט מהנותוויז העלפן די קענטישע ערדאַרבעטער; אַזאַ הילף דאַרף מען געבן דעם דאָרף נישט אַזוי בעתן צונויפקלייבן די גערעטענישן, ווי בעתן באַארבעטן די ערד. די ערדאַרבעט אַלס אַ פּעריאָדישע פּראָדוקציע, פאָדערט צייטנווייז אַ צופלוס פון אַרבעטס־הענט און דערי־בער, ווען די ערד וועט באַארבעט ווערן אויף אַ געמיינשאַפטלעכן אופן, וועט זי ווערן די פאַרבינדונגס־רינג צווישן דעם דאָרף און דער שטאָט: זי וועט זיי צונויפגיסן אין איין אַלגעמיינעם גאָרטן, וואָס ווערט באַארבעט דורך איין אַלגעמיינער פאַמיליע.

די צוקונפט געהערט נישט דעם פּריוואַט־איינגנטום, נישט דעם פּויער, וואָס איז צוגעשמידט צו זיין נעבעכדיקן שטיקל ערד, וועלכעס קאָן אים קוים דערנערן: זי געהערט דער קאָלעקטיווער ערד־באַארבעטונג. ערשט דאַן וועלן מיר אַרויסציען פון דער ערד אַלץ, וואָס זי קאָן אונז געבן.

* *

*

לאָמיר זיך ווענדן צו דער אינדוסטריע, אפשר וועלן מיר דאַן זען, אין וואָס עס באַשטייט דער חויל פון פּריוואַט־איינגנטום?

מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן גענוי אויף די צרות, וועלכע דאָס פּריוואַט־איינגנטום און דער קאַפּיטאַל פאַרשאַפן דער אינדוסטריע. די סאָציאַליסטן האָבן דאָס גוט אויסגעפאָרשט. די אָרימקייט פון אַרבעטער, די אומזיכערקייט מיטן מאָרגנדיקן טאָג, הונגער, קריזיסן, אַרבעטסלאָזי־

קייט, עקספּלואַטאַציע פון פרויען און קינדער, די אַנטאַרטונג פון דער מענטשהייט, דער שעדלעכער לוקסוס פון די לײדיקגײיערישע קלאַסן און די אַראָפּדריקונג פון אַרבעטער צו דער לאַגע פון אַ לאַסט-בהמה, וואָס האָט נישט קיין מעגלעכקייט געניסן פון וויסן, קונסט און וויסנשאַפט, — דאָס אַלץ איז צו גוט באַקאַנט, און מיר וועלן דאָ וועגן דעם נישט רעדן. אויסערלעכע מלחמות פאַרן עקספּאָרט און די העגעמאָניע אויף די וועלט-מאַרקן, אינערלעכע מלחמות, קאָלאָסאַלע אַרמייען, מוראדיקע ביודזשעטן, די פאַרניכטונג פון גאַנצע דורות, די אויסגעלאַסנקייט פון די ליידיקגייערישע קלאַסן, די פאַלשע ריכטונג פון דער וויסנשאַפט, פון דער קונסט, פון די עטישע פּרינציפּן, רעגירונגען, וואָס זענען געוואָרן נויטווענדיק, כּדי צו קעמפן מיט די פאָלקס-אויפשטאַנדן, — דאָס געזעץ מיט זיינע פאַרברעכנס, תּלינים און ריכטער; אונטערדריקונג, הכנעה, קנעכטשאַפט, וואָס פירן צו פאַרדאַרבנקייט, — אָט דאָס זענען די פּרוכטן פון פּריוואַט-אייגנטום און פון זיין אומפאַרמיידלעכן פּועל-יוצא — די מאַכט, וועלכע איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון געציילטע אויסדער-וויילטע.

אָבער אפשר, נישט געקוקט אויף דידאַזיקע פעלערן, אויף דידאָזיקע צרות, טוט אונז דאָס פּריוואַט-אייגנטום וועלכע-נישט-איז טובות, וועלכע האַלטן אין גלייכגעוויכט דאָס גאַנצע שלעכטס, וועלכע עס ברענגט? ס'קאָן זיין, אַז אונזערע הערשער זענען גערעכט, ווען זיי זאָגן, אַז בײַ דער מענטשלעכער נאַרישקייט איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל אונטערצו-האַלטן די געזעלשאַפט? אפשר האָבן מיר אים צו דאַנקען פאַרן אינ-דוסטריעלן און וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס פון אונזער יאָרהונדערט? די „געלערנטע“ באַשטעטיקן עס. לאָמיר אָבער אַ קוק טון, אויף וואָס זענען געגרינדעט זייערע באַהויפּטונגען, וואָס זענען זייערע אַרגומענטן?

זייערע אַרגומענטן? — אָט איז דער איינציקער, וועלכן זיי ברענגען: „זעט, זאָגן זיי, סאַראַ דערפאָלגן עס האָט דערגרייכט די אינ-דוסטרי פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, זינט זי האָט זיך באַפרייט פון די קייטן פון דער רעגירונג און די קאָרפּאָראַציעס! זעט דידאָזיקע אייזנבאַנען, טעלעגראַפן, מאַשינען, וואָס יעדע איינע פון זיי פאַרבייט די אַרבעט פון הונדערט, צווייהונדערט מענטשן, וועלכע אַרבעטן אויס אַלץ, אָנהייבנדיק פון אַ שוואונג-ראָד, וואָס וועגט עטלעכע הונדערט טאָן, ביז די פיינסטע שפּיצן! דאָס אַלץ האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם פּריוואַט-אייגנטום און דעם ריווח-דורשט פון איינצלנע פּערזאָנען“.

געווים, די דערגרייכונגען פון דער אינדוסטרי פאַר די לעצטע הונדערט יאָר זענען ריזיק, און דעריבער האָט זיך איצט געשאַפן אַ נויטווענדיקייט געהערן צו ענדערן די פּראָדוקטן-פאַרטיילונג. אָבער צי דען האָט מען דידאָזיקע דערגרייכונגען צו פאַרדאַנקען דעם אינטערעס צו דער זאַך און דער ענערגיע מצד די רייכע? צי דען זענען נישט געווען קיין אַנדערע, מער וויכטיקע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געקאָנט נישט נאָר ברענגען צו די זעלבע רעזולטאַטן, נאָר אויך פאַרניכטן די שעדלעכע ווירקונג פון דער גיריקייט פון די אינדוסטריעלער?

דידאָזיקע פאַקטאָרן זענען אונז באַקאַנט: ערשטנס, דער דאַמפּמאַשין, — אַ באַקוועמער, אַ באַוועגלעכער, תמיד אַ גרייטער צו אַרבעטן, וואָס האָט רעוואָלוציאָניזירט די אינדוסטרי, דערנאָך די אַנטשטייונג פון דער כעמישער אינדוסטרי, וואָס איר ניוואָ, זאָגן די טעכנאָלאָגן, דינט אַלס מאָסשטאַב פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון דער נאַציע. דערדאָזיקער אַרט אינדוסטרי איז אַ פּראָדוקט פון אונזער יאָרהונדערט; דערמאַנט זיך נאָר, וואָס איז געווען די כעמיע אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט! לסוף, דער שטראָם נייע אידעען, וועלכער איז אַנטשטאַנען סוף XVIII-טן יאָרהונדערט, האָט באַפרייט דעם מענטש פון די מעטאַפיזישע קייטן, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו מאַכן פיזישע און מעכאַנישע אַנטדעקונגען, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק געענדערט די אינדוסטרי. ווער וועט זיך דערוועגן צו זאָגן נאָך דעם אַלעם, אַז דאָס פאַרניכטן דאָס מייסטערשאַפט און די צעכן האָבן געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג אויף דער אינדוסטרי, ווי די גרויסע אַנטדעקונגען פון אונזער יאָרהונדערט? ווער וועט באַהויפּטן, אַז אַ וואָסער-נישט-איז אַרט קאָלעקטיווער פּראָדוקציע וואָלט, בײַ די זעלבע אַנטדעקונגען, נישט געבראַכט צו גלענצנדערע רעזולטאַטן, ווי דאָס פּריוואַט-אייגנטום.

די ביאָגראַפיעס פון די גרויסע מענטשן באַווייזן אונז, אַז זייערע אַנטדעקונגען זענען נישט אַרויסגערופן געוואָרן דורכן גייעג נאָך פאַרדינסט. די גרעסטע טייל געלערנטע זענען געשטאָרבן פון הונגער. מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דער קאַפּיטאַל און דאָס פּריוואַט-אייגנטום האָבן תמיד געדינט אַלס טאָרמאָז פאַר דער פּראַקטישער אָנווענדונג פון נייע דערפינדונגען.

באַהויפּטן, אַז דאָס פּריוואַט־אייגנטום האָט אין דערדאָזיקער הינזיכט אַן איבערגעוויכט לגבי דעם קאָלעקטיוון באַזיץ, וואָלט מען געקאָנט נאָר אין דעם פאַל, ווען עס וואָלט דערוויזן געוואָרן, אַז דער קאָלעקטיווער באַזיץ שטערט די דערגרייכונגען פון דער אינדוסטרי. אָבער דערווייזן קאָן מען דאָס נישט, שוין צוליב דעם אַליין נישט, וואָס קיין איינער האָט נישט געזעען קיין איין קאָמוניסטישע גרופּע, וועלכע זאָל באַזיצן אַ גענוגנדיקן קאַפּיטאַל אויף צו פירן אַ גרויס־אינדוסטרי און זי זאָל שטערן אָנצווענדן נייע דערפינדונגען. פאַרקערט, ווי אומפולקאָמען עס זאָלן נישט זיין דידאָזיקע אַסאָציאַציעס, קאָאָפּעראַציעס א. אז. וו., קאָן מען זיי נישט פאָרוואַרפן, אַז זיי זענען געווען טויב צום פּראָגרעס פון דער אינדוסטרי.

מיר קאָנען אָנווייזן אויף אַ סך פעלערן פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס, וועלכע טראָגן אַ קאָלעקטיוון כאַראַקטער. אָבער — אַ מאָדנע דערשיינונג — דער הויפּט־פאָרוואורף, וועלכן מיר קאָנען זיי מאַכן, באַשטייט אין דעם, וואָס *זיי זענען נישט געווען גענוג קאָלעקטיוו*. די גרויסע אַקציאָנערע קאָמפּאַניעס, וועלכע לייגן דורך וועגן דורך בערג־קייטן, וואַרפן מיר פאָר, אַז זיי האָבן געשאַפן אַ נייעם אַרט אַנאָנימען פּאַטראָנאַט און זיי האָבן באַנייעט מיט מענטשלעכע ביינער יעדן מעטער פון זייערע קאַנאַלן און טונעלן; די אַרבעטער־קאָרפּאָראַציעס וואַרפן מיר פאָר, אַז זיי האָבן געשאַפן אַ פּריווילעגירטע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע עקספּלואַטירט אירע ברידער. אָבער נישט די, נישט יענע קאָנען נישט באַשולדיקט ווערן אין אינערטנעקייט און פיינטלעכקייט צו די דערפאָלן פון דער אינדוסטרי. דער איינציקער אויספיר, וועלכן מיר קאָנען מאַכן פון דער טעטיקייט פון די קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן ביז איצט עקזיסטירט, באַשטייט אין דעם, אַז וואָס ווינציקער דער עגאָיזם און דער פּערזענלעכער אינטערעס ווערן אָקעגנגעשטעלט דעם קאָלעקטיוון אינטערעס, אַלץ בעסער איז פאַר דער זאַך.

* *

*

דערדאָזיקער אייליקער אַנאַליז דערווייזט אונז, ווי איבערפלעכלעך עס זענען אַלע מאָטיוון לטובת דעם פריוואַט-אייגנטום. לאָמיר אָבער לאָזן די דאָזיקע פראַגע אין אַ זייט. לאָמיר בעסער זיך באַמיען פעסטצושטעלן, אויף וועלכן אופן עס וועט פאָרקומען דער איבערגאַנג פון סאָציאַלן רייכטום אין רשות פון פאָלק, לאָמיר קלאָר אַרויסזאָגן די היינטיקע שטרעבונגען פון דער מענטשהייט און אויפווייזן, וועלכע פאָרמען עס וועט אָננעמען די עקספראָפריאַציע בעת דער קומענדיקער רעוואָלוציע.

## III.

די פראַגע וועגן עקספראָפריאַציע איז איצט די וויכטיקסטע, און דעריבער לייגן מיר פאַר אונזערע חברים זי דורכשטודירן און באַהאַנדלען פון אַלע שטאַנדפונקטן. פון דעם, ווי אַזוי עס וועט דורכגעפירט ווערן די עקספּראָפּריאַציע, הענגט אָפּ דער דערפאָלג אָדער דער צייטווייליקער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע.

באמת, יעדער פון אונז ווייסט, אַז יעדער פרווו פון אַ רעוואָלוציע וועט פון פאָראויס פאַראורטיילט ווערן, אויב זי באַפרידיקט נישט די אינטערעסן פון דער מערהייט. אַ מענטש קאָן נישט לעבן בלויז מיט אידעאַלן, דערהויבענע געדאַנקען, שיינע פראַזעס; קודם-כל מוז ער האָבן ברויט. אויב די פאָלקס-מאַסן וועלן אויפן צווייטן טאָג נאָך דער רעוואָלוציע האָבן אין זייער רשות בלויז פוסטע ווערטער, אויב זיי וועלן נישט זיין זיכער, אַז די לאַגע וועט זיך פאַר זיי ענדערן צום בעסערן, אויב דער קאַמף וועט בלויז ברענגען צו אַן ענדערונג פון פערזאָנען און פאָרמולעס — וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען. עס וועט בלויז זיין מיט איין אַנטוישונג מער! און אונז וועט ווידער אויסקומען זיך נעמען פאַר דער אומדאַנקבאַרער סיזיפוס-אַרבעט.

די רעוואָלוציע וועט נישט זיין קיין פוסטער קלאַנג, די רעאַקציע

וועט נישט קאָנען גלייך אויף מאָרגן אומקערן אונז צום עבר בלויז אין דעם פאַל, אויב דאָס פאָלק וועט וועלן פאַרטיידיקן די דעראָבערטע רעכט, אויב דאָס פאָלק וועט זיין זיכער, אַז אַלע הונגעריקע און אונטערדריקטע וועלן ווערן זאַט און פריי. דערמאָנט זיך נאָר די נאַיווע רעפּובליקאַנער פון 1848-סטן יאָר, וועלכע האָבן געגלייבט דער צייטווייליקער רעגירונג און איר געגעבן אַ טערמין פון דריי חדשים אויף אַרויסצוגעבן די צוגעזאָגטע געזעצן — דריי חדשים פאָלקס-אָרימקייט. דאָס פאָלק איז מסכים געווען צו וואַרטן און הונגערן, און ווען די צייט איז פאַריבער, האָט די רעגירונג אָנשטאָט דאָס צוגעזאָגטע אים געענטפערט מיט מאַסן-פאַרשיקונגען און ביקסן-זאַלפן. אומגליקלעכע, זיי האָבן געמיינט, אַז אין משך פון די דריי שווערע חדשים פון וואַרטן וועט די רעגירונג באַווייזן אַרויסצוגעבן רעטונגס-געזעצן, וועלכע וועלן פאַרוואַנדלען די אונטערדריקטע אין פרייע מענטשן און וועלן זיי זיכערן אַרבעט און ברויט. צו וואָס אָבער בעטן דער רעגירונג, — איז דען נישט זיכערער געווען צו נעמען? צו וואָס אַרויסשטעלן פאַר אַלעמענס אויגן די אייגענע אָרימקייט, — וואָלט דען נישט בעסער געווען אַ סוף מאַכן צו איר. מסירת-נפש איז אַן אײדל געפיל, אָבער אָוועקוואַרפן אויף גאָטס באַראָט אַלע אומגליקלעכע, וועלכע גייען נאָך אונז, איז נישט קיין מסירת-נפש, נאָר אַ בגידה. זאָלן די קעמפער אומקומען, אָבער זייער טויט זאָל זיין פרוכטבאַר! זאָלן דרייסטע מענטשן זיך מקריב זיין, אָבער זייערע קרבנות דאַרפן ברענגען נוצן דעם פאָלק!

* *

*

בלויז אַ פולע עקספּראָפּריאַציע קאָן באַפרידיקן אַלע ליידנדיקע און אונטערדריקטע. זי דאַרף איבערגיין פון טעאָריע צו פּראַקטיק. אָבער כדי צו פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום און אומקערן דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגן דעם פאָלק, מוז די עקספּראָפּריאַציע דורכגעפירט ווערן אין ברייטן פאַרנעם, — אַנדערש וועט מען זי אָננעמען אַלס רויבעריי, און נישט פאַר אַ התחלה פון דער סאָציאַלער רעאָרגאַניזאַציע. מיר וואָלטן אַרויסגעוויזן אַ פולשטענדיקע אומקענטניש פון די היסטאָרישע געזעצן, ווען מיר וואָלטן זיך איינגערעדט, אַז אַ גאַנץ לאַנד קאָן פאַראַמאָל ווערן אַ טעטיקייטס-פעלד פאַר אונזערע עקספּערימענטן.

פראַנקרייך, אייראָפּע, די גאַנצע וועלט — קאָנען נישט אין איין מאָמענט ווערן אַנאַרכיסטן, לויטן דריי פון אַ כשוף-שטעקעלע; אָבער דאָס משוגעת פון די הערשער, זייער גאווה, די מלחמות, דער באַנקראָט פון איין זייט און די אומאויפהערלעכע פּראָפּאַגאַנדע פון דער צווייטער וועלן שטערן די גלייכגעוויכט און אַרויסרופן אויפרייסן. עס וועט קומען די רעוואָלוציע און מיר וועלן דאַרפן האַנדלען. וויפיל מאָל זענען שוין רעוואָלוציאָנערן פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע אומגעריכט; די געשעענישן פלעגן דורכפליסן און זיי פלעגן זיי נישט קאָנען אויסנוצן פאַר דער זאַך.

ווען עס וועלן אָנקומען די טעג פון אויפשטאַנד, — און פון אונז הענגט אָפּ זיי צו דערנענטערן, — ווען גאַנצע געביטן, ווען די גרויסע שטעט מיט זייערע פאָרשטעט וועלן זיך באַפרייען פון די הערשער, וועלן מיר, פאָלגנדיק אונזער פּראָגראַם, צוטרעטן צו האַנדלען: די פּראָדוקציע-מיטלען וועלן אינגאַנצן איבערגיין אין רשות פון דער געמיינדע, געזעל-שאַפטלעך גוטס, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך פּריוואַטע פּערזאָנען, וועט אומגעקערט ווערן זיין געזעצלעכן באַלעבאָס — דעם פאָלק, — דאַן וועט יעדער איינער באַקומען זיין חלק, די אינדוסטרי וועט פריי אויס-אַרבעטן אַלדאָס נייטיקע, און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן וועט נעמען פליסן מיט נייער ענערגיע אין דער נייער קאַריערע. מיר מוזן פאַרכאַפּן די גערטנער און פעלדער, וועלכע גיבן אונז לעבנס-מיטלען; די שפּייכ-לערס און געשעפטן, ווי עס ווערן אויפגעהיט אַלע פּראָדוקטן פון דער אַרבעט; די וואַרשטאַטן און פאַבריקן, וועלכע שטעלן אונז צו שטאָפן, מעטאַלן, אַרטיקלען פון ערשטן געברויך און לוקסוס-אַרטיקלען; די פאַר-טיידיקונגס-מיטלען, די אייזנבאַנען און אַנדערע פאַרקער-מיטלען, וועלכע גיבן אונז די מעגלעכקייט צו טוישן זיך מיט פּראָדוקטן מיט די שכנות-דיקע פרייע געמיינדעס; מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן, כדי צו פאַרטיידיקן זיך, — אַנדערש זענען מיר פאַרמשפּט אויף אַ זיכערן טויט, ווי אַ פיש, וועלכער וועט דערשטיקט ווערן אָן וואַסער אין ים פון לופט, וואָס רינגלט אים אַרום.

לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען דעם גראַנדיעזן שטרייק פון די אייזנ-באַן-מאַשיניסטן, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אויסגעבראָכן אין אַמעריקע. כמעט די גאַנצע געזעלשאַפט האָט אָנערקענט די גערעכטיקייט פון זייערע פאָדערונגען; אַלעמען האָט דערעסן די חוצפה פון די אייזנ-באַן-קאָמפּאַניעס, און דער עולם האָט טריומפירט, וואָס די אַנגעשטעלטע

דערכענען זיך אָפּ מיט זיי ווי ס'געהער צו זיין. אָבער ווען די אייזנבאַנען און לאָקאָמאָטיוון זענען איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די אַרבעטער, ווען די אייזנבאַן-פאַרבינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן, די פּרייזן אויף לעבנסמיטלען און אַנדערע סחורות זענען פאַרטאָפּלט געוואָרן, האָט די עפנטלעכע מיינונג תיכף געענדערט דעם פראָנט. „מיר ווילן בעסער דעם יאָך פון די אייזנבאַן-קאָמפּאַניעס, וועלכע באַגנבענען אונז, איידער די הפקרות פון דידאָזיקע אויסוווּרפן, שטרייקער, צוליב וועלכע מיר וועלן אוודאי אינגיכן שטאַרבן פון הונגער"! מיר טאָרן דאָס נישט פאַרגעסן! די גערעכטיקייטס-אינסטינקטן פון המון דאַרפן פּונקט אַזוי באַפרידיקט ווערן, ווי אַלע זיינע פאָדערונגען און באַדערפעענישן.

ס'איז נישט גענוג צו אָנערקענען דעמדאָזיקן פּרינציפּ טעאָרעטיש, מען דאַרף אים דורכפירן אין לעבן.

*

מען זאָגט אָפט צו אונז: „פּרובירט אָנרירן דעם פויערס שטיקל ערד, דאָס הייזל פון אַרבעטער, און איר וועט זען, אַז זיי וועלן אייך באַגעגענען מיט געביילטע פויסטן און מיט ווידלעס אין די הענט!" ריכטיק! מיר האָבן דאָך אָבער שוין געזאָגט, אַז מיר וועלן נישט אָנרירן נישט דאָס שטיקל ערד פון פויער, נישט דאָס הייזל פון אַרבעטער; מיר וועלן נישט אָנרירן אונזערע בעסטע פריינט, וועלכע וועלן אינגיכן, אַליין נישט וויסנדיק וועגן דעם, ווערן אונזערע פאַרבינדעטע. די עקספּראָפּריאַציע וועט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט ווערן פון זייער טובה וועגן, מיר ווייסן, אַז עס עקזיסטירט אַ דורכשניטלעכער הכנסה-ניוואָ, אונטער וועלכן מען גענישט אַ געוויסע שפע. אין יעדער שטאָט, אין יעדן לאַנד איז דערדאָזיקער דורכשניטס-ניוואָ פאַרשידן; דער פאָלקס-אינסטינקט האָט קיין טעות נישט; אָן סטאַטיסטישע טאַבעלעס, אָן דיקע בענדער מיט בענויע ציפער וועט דאָס פאָלק וויסן צו פאַרכאַפּן אַלץ, וואָס געהערט צו אים. אין אונזער געזעלשאַפט האָט אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט פאַרכאַפּט די בעסטע טייל פון פאָלקס-פאַרמעגן, האָט זיך געלאָזט אויסבויען פּאַלאַצן, האָט אַריינגעטראָגן אין בענק אויף איר נאָמען געלט, אַלערליי ווערט-פּאַפּירן, די דאָזיקע פרוכט פון דער גאַנצער געזעלשאַפטס אַרבעט. דאָס אַלץ מוזן מיר פאַרכאַפּן אין אונזערע הענט, און דאַן וועלן

מיר מאָמענטאַל באַפרייען דעם אומגליקלעכן פויער, וועלכער שטאַרבט פון הונגער אויף זיין פאַרמשקנט שטיקל ערד, דעם קליינהענדלער, וועלכער לעבט אין אייביקער שרעק באַם געדאַנק וועגן דער אומפאַרמיידלעכער רויִנירונג, און דאָס גאַנצע הונגעריקע, אונטערדריקטע פאָלק. אין טאָג פון דער עקספּראָפּריאַציע דאַרף דאָס פאָלק פאַרשטיין, אַז פון אים אַליין הענגט אָפּ צי ער זאָל בלייבן פריי אָדער ווידער אַריינפאַלן אין אָרימקייט און אייביקער באַאומרויִקונג. צי דען וועט ער מיט דער פריערדיקער נאַיווקייט ווידער אויסוויילן אַ צייטווייליקע רעגירונג פון שיינרעדנער און פלינקע יונגען? צי וועט ער דערנאָך נישט חרטה האָבן, וואָס ער האָט פאַרביטן די אַלטע הערשער מיט נייע? זאָל דאָס פאָלק אַליין נעמען אין די הענט זיינע ענינים, אויב עס וויל עפּעס־וואָס דערגרייכן; — זאָל עס זיי איבערגעבן אין די הענט פון זיינע דעלעגאַטן, אויב עס געפעלט אים דאָס ווערן אָפּגענאַרט!

* *

*

בלויז דאָס שכלדיקע פאַרשטיין איז ווינציק. געוויס, דאָס פאָלק פאַרשטייט, אַז ס'איז אין זיינע אינטערעסן צו לעבן אָן כסדרדיקער זאָרג וועגן מאָרגנדיקן טאָג, נישט אונטערוואַרפנדיק זיך די הערשער; — דאָס איז אָבער נישט בענוג: עס איז נייטיק, עס זאָל זיך ענדערן דער קוק אויף אייגנטום און די אַנטשפּרעכנדיקע פּרינציפּן פון זיטלעכקייט. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אַלע פּראָדוקטן, אָפּשפּאָרונגען און פּראָדוקציע־מיטלען זענען די פּרוכט פון דער סאָלידאַרער אַרבעט פון גאַנצן פאָלק און געהערן צו איין אייגנטימער — דער גאַנצער מענטשהייט. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז באַוווסטזיניקע אָדער אומבאַוווסטזיניקע גנבה, פאַראייגענונג פון געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן, און מיט פרייד אָפּגעבן אַלץ אין טאָג פון דער עקספּראָפּריאַציע אין רשות פון כלל. בעת די פאַרגאַנגענע רעוואָלוציעס, ווען מען האָט געדאַרפט פאַרבייטן דעם קעניג פון דער עלטערער משפּחה־ליניע מיט אַ קעניג פון דער ייִנגערער, אָדער פאַרבייטן „אין דער בעסטער פון די רעפּובליקן“ איין אַדוואָקאַטן־גרופּע מיט דער צווייטער, — פלעגט דאָס פּריוואַט־אייגנטום בלייבן אומבאַרירלעך און דער סאָציאַלער רעזשים פלעגט נישט דורכמאַכן קיין שום ענדערונגען, און די מעלדונגען: „אַ טויט די

גנבים !", וועלכע מען פלעגט אויסהענגען באַם אַריינגאַנג אין די פּאַ־לאַצן, פלעגן דעריבער גאַנץ גוט האַרמאָנירן מיט דער הערשנדיקער מאָראַל; און אויב אַ וואַסער־נישט־איז אָרימאַן פלעגט זיך דערוועגן אָפּ־גנבענען אַ רענדל אָדער אַ שטיקל ברויט, פלעגט מען אים דערשיסן אַלס אָנלערנונג פאַרן פאָלק.

אַ פּאַסיקער פאַרשטייער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָט פאַרקערפּערט אין זיך די גאַנצע נידערטרעכטיקייט און פייערלעכ־קייט פון די געזעצן, וועלכע די רויבער האָבן אַרויסגעגעבן, כדי צו פאַרטיידיקן זייער אייגנטום, פלעגט מיט שטאָלץ אָנווייזן אויפן טויטן גוף, וואָס איז אויסגעצויגן אויף די שטיגן פון פּאַלאַץ, און די חברים פלעגן אים באַגריסן אַלס באַשיצער פון רעכט און געזעץ. די מעלדונגען פון 1830 און 1848־סטן יאָר וועלן זיך מער נישט באַווייזן אויף די ווענט פון די מורדישע שטעט. דאָרט, וווּ אַלץ געהערט אַלעמען, — איז נישטאָ קיין גנבה. „נעמט אַלץ, אָבער פאַרשוועדעט נישט אומזיסט־אומנישט, ווייל אַלץ געהערט צו אייך און עס וועט אייך צונוץ קומען". צעשטערט אָבער תּיכף אַלץ, וואָס עס דאַרף צעשטערט ווערן: די באַסטיליעס, תּפיסות, די באַפעסטיקונגען אין די שטעט, די פאַרפעסטעטע קוואַרטאַלן, וווּ איר האָט אַזוי לאַנג געאָטעמט מיט פאַרסמטער לופט. קלויבט זיך אַריבער אין די פּאַלאַצן און האָטעלן, פאַרברענט יענע האַלב־צעפוילטע חורבות, וואָס האָבן אייך געדינט אַלס מקום־מקלט. דער צעשטערונגס־אינסטינקט, וואָס איז פּונקט אַזוי נאַטירלעך און גערעכט, ווי דער באַ־נייונגס־אינסטינקט, וועט געפינען פאַר זיך אַ ברייט טעטיקייטס־פעלד. וויפיל אַלטוואַרג עס וועט אויסקומען צו פאַרניכטן! וויפיל נייס שאַפן! און צי דען וועט מען נישט אַלץ דאַרפן איבערמאַכן? די הייזער, די שטעט, דאָס ערדאַרבעטס־געצייג די פּראָדוקציע־מיטלען... — און די גע־זעלשאַפט אַליין דאַרף אויך איבערגעבויט ווערן!

*

*

יעדע גרויסע היסטאָרישע געשעעניש רופט אַרויס אַן אַנטשפּרעכנ־דיקע ענדערונג אין געביט פון מאָראַל. די זיטלעכע פּרינציפּן פון גלייכע מענטשן פאַלן נישט צונויף מיט די פּרינציפּן פון אַ גביר אַ פילאַנטראָפּ אין אַ דאַנקבאַרן אָרימאַן. דער נייער מענטשהייט איז נייטיק אַ נייער

גלויבן, — און די נייע מענטשהייט האָט שוין אין געבוירן ווערן! ניט אומזיסט חורן איבער אייערע קעגנער מיט שרעק: „די געטער פאַרשוואונדן! די קעניגן פאַרשוואונדן! דער פרעסטיזש פון דער מאַכט זינקט!" ווער-זשע וועט פאַרבייטן די געטער, די מלכים און די גייסטלעכע, אויב נישט די פרייע פערזענלעכקייט פון באַפרייטן מענטש, וואָס גלייבט אין די אייגענע כוחות! דער נאַיווער גלויבן פאַרשווינדט. אַ פרייען וועג דער וויסנשאַפט! הפקרות און פילאַנטראָפיע פאַרשווינדן. — אַ פרייען וועג דער גערעכטיקייט!

# אינהאלט


| | זייט |
|---|---|
| די היינטיקע לאגע | 5 |
| די צעפאלונג פון די מלוכות | 12 |
| די נויטווענדיקייט פון דער רעוואלוציע | 18 |
| די קומענדיקע רעוואלוציע | 25 |
| פאליטישע רעכט | 32 |
| צו די יונגע מענטשן | 39 |
| מלחמה | 66 |
| די רעוואלוציאנערע מינדערהייט | 74 |
| די ארדנונג | 81 |
| די קאמונע | 88 |
| די פאריזער קאמונע | 100 |
| די אגראר־פראגע | 118 |
| א פארלאמענטארישע רעגירונג | 135 |
| געזעץ און מאכט | 172 |
| די רעוואלוציאנערע רעגירונג | 201 |
| אלע זענען סאציאליסטן | 219 |
| דער גייסט פון אויפשטאנד | 225 |
| טעאריע און פראקטיק | 253 |
| די עקספראפריאציע | 260 |

ד״ר יעקב שאצקי

# ספינאזא און זיין סביבה

353 זייטן. פרייז 9.— גילדן

אן אומבאשרייבלעכער צויבער איז פארקניפט מיט דעם נאמען ספינאזא, א מין גלאנץ פון דערהויבנקייט און סודותדיקייט שטראלט ארויס פון זיין אומשטערבלעכער געשטאלט. ער איז א חוץ סאקראטן אפשר דער איינציקער צווישן אלע גרויסע פילאזאפן פאר אים און נאך אים אין דער הינזיכט, וואס זיין פערזענלעכקייט איז נישט קלענער, איז נישט ווייניקער מסוגל צו דערשטוינען דעם באטראכטער און צו דורכדרינגען אים מיט דעם געפיל פון באוואונדערונג און יראת־הכבוד ווי זיין פילאזאפישע שיטה.

ד״ר יעקב שאצקיס בוך וועגן ספינאזא שטעלט זיך דעם ציל אריינצופירן דעם יידישן לעזער אין דער גאנצער סביבה אין וועלכער עס האט געלעבט און געשאפן, מיט וועלכער ס׳איז געווען אויפן אינערלעכסטן אופן פארבונדן דער דאזיקער דענקער.

מיט א ווארימער הארציקייט שילדערט דער מחבר די ערשטע קינדער־יארן פון ספינאזאן אין זיין עלטערן־הויז, שפעטער די לערניארן אין דער דאמאלט־דיקער בארימטער אמסטערדאמער ישיבה „עץ חיים". ער שטעלט זיך אפ באריכות אויף דעם לעבנסשטייגער פון די ספרדישע יידן און אויף דעם גייסט, וואס האט ביי זיי געהערשט. פול מיט ליבע און באוואונדערונג שילדערט דער מחבר זיין אנטוויקלונגס־גאנג, זיין לעבנס־שטייגער פאר און נאך דעם חרם, כאראקטעריזירט אויספירלעך זיינע פריינד, און פלייסט זיך איבערצוגעבן אזוי גענוי ווי מעגלעך דעם היסטארישן קאלאריט פון יענער תקופה.

דאס בוך איז דאס בעסטע, וואס איז געשריבן געווארן וועגן ספינאזאן אויף יידיש און פארדינט די הארציקסטע אנערקענונג מצד אלע פריינט פון דער נאך אזוי יונגער יידישער וויסנשאפט.

**פראפ. װערנער זאמבארט**

# ליבע, לוקסוס און קאפיטאליזם

**יידיש — י. ראפאפארט**

**245 זייטן.** **פרייז 5.25 גילדן**

**ד**ער גרונד געדאנק פון בוך איז, אז דער הויפט-גורם פון לוקסוס איז אין אלע צייטן און אין אלע לענדער געווען די „זי", די פרוי פאר וועלכער דער גאנצער לוקסוס איז געשאפן געווארן. דאן קומט דער געדאנק: דער לוקסוס האט אין גאר א גרויסער, אפשר אין דער גרעסטער מאס צוגע-האלפן דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אויף דער וועלט.

**ד**ער אויטאר שטעלט זיך אפ דער עיקר אויף דער נייער צייט פון 16-טן יארהונדערט און, ווען עס איז אנטשטאנען דאס בירגערלעכע רייכטום. ער באהאנדלט אויך אויספירלעך די געשיכטע פון דער ליבע אין דער נייער צייט, די עפאכע פון די קורטיזאנעס און זייער גוואלדיקע השפעה אויפן לוקסוס.

**ד**ער אויטאר באהאנדלט אויך גרינדלעך דעם שייכות פון לוקסוס צו דער אינדוסטריע און האנדל.

**ב**יסט קאנדיק אויף דעם, וואס דאס בוך האט א ערנסט וויסנשאפטלעכן אינ-האלט איז עס אזוי פאפולער אנגעשריבן, אז אפילו מענטשן וואס האבן נישט קיין געהעריקע וויסנשאפטלעכע צוגרייטונג קענען עס לייענען און וועלן עס פארשטיין —

## אנרי בערגסאָן

נאָבעל-פּרייז-טרעגער
פון יאָר 1923

# דער געלעכטער

פון פראַנצויזיש — י. ראַפּאָפּאָרט

156 זייטן. פּרייז —.4 גילדן

דער וועלט-באַרימטער בעלגישער דיכטער-פילאָזאָף מאָריס מעטערלינק האָט אין אָנהויב 1926 געזאָגט, אַז אויב די שוועדישע אַקאַדעמיע וויל, דאָס איר נאָבעל-פּרייז-פאַרטיילונג פון 1928 זאָל איינשטימיק אַקצעפּטירט ווערן דורך דער גייסטיקער עליטע פון דער גאַנצער וועלט, דאַרף זי דעם פּרייז פאַר ליטעראַטור געבן דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן.

„בערגסאָן" — האָט מעטערלינק געזאָגט, — איז ניט נאָר דער גרעסטער מוח פון היינטיקער צייט, דער גרעסטער דענקער אויף דער וועלט, נאָר איינער פון די גרעסטע שרייבער-קינסטלער.

„דער געלעכטער" איז איינס פון בערגסאָנס שענסטע ווערק, אין וועלכן ער האָט געבראַכט צום פולן אויסדרוק זיינע אַלע מעלות: טיפקייט און קלאָרקייט פון געדאַנק, עכט-יידישע אַנאַליטישע חריפות, שפּרודלדיקע גייסטרייכקייט, וואונדערלעכע שפּראַך-בילדערישקייט.

„דער געלעכטער" לייענט זיך ווי דער שפּאַנענדסטער ראָמאַן.

## לעוו טראָצקי

# דער אמת וועגן ראַטנרוסלאַנד

*ייִדיש — י. ראַפּאַפּאָרט*

300 זייטן — פּרייז 8.— גילדן

אַ מערקווירדיקע ווונקלקייט ליגט נאָך היינט איבער די פֿאַרהעלטענישן אין ראַטנרוסלאַנד. נישט געקוקט אויף די מאַסן ביכער און בראָשורן, וועלכע קומען אָן צום לעזער פֿאַר און קעגן דער קאָמוניסטישער מאַכט, ווייסן מיר נאָך זייער ווייניק, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר.

איצט אָבער רופֿט זיך אָפּ אַ שטימע פֿון דער אונטערערדישער פֿינסטערניש, אַ ליידנשאַפֿטלעכע שטימע, פֿון אַ פֿול אָנגעווייטיקט האַרץ, און צו דעם, וואָס זי האָט אונז צו זאָגן, וועט זיך צוהערן די גאַנצע וועלט.

דאָס זענען נישט קיין ווערטער פֿון קיין קעגנער פֿון דער קאָמוניסטישער אָרדנונג. דאָס איז איר פֿלאַקערנדיקער אָנהענגער, וועלכער האָט זיך אַנטוישט און געבליבן פֿאַרצווייפֿלט. דאָס איז לענינס אינטימער פֿריינט און נאָכפֿאָלגער — ט ר אָ צ ק י, וועלכן זיין אייגענע פּאַרטיי האָט פֿאַרשיקט קיין סיביר.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ צעשמעטערנדיקער דאָקומענט קעגן די איצטיקע קאָמוניסטישע מאַכטהאָבער, און זיין גאַנצע אויפֿלאַגע, וועלכע איז אין געהיים געדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד, איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן דורך דער ג. פּ. או. מיט גרויס מי איז געלונגען אַריבערצושמוגלען קיין דייטשלאַנד דעם איינציקן געראַטעוועטן עקזעמפּלאַר, ווי עס איז איצט דערשינען.

דאָס דאָזיקע טעמפּעראַמענטפֿול בוך, וואָס איז איינס פֿון די בעסטע ווערק פֿון „פּירשט פֿון די זשורנאַליסטן", ווי בערנאַרד שאָו רופֿט אָן טראָצקין, — איז אַ ווערק, וועלכעס מוז געלעזן ווערן פֿון יעדן איינעם, ווער עס וויל זיך שאַפֿן אַ באַגריף וועגן דער אמתער לאַגע אין רוסלאַנד.